STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06047

BREYSHES FUN MEDINES YISROEL

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

בראשית
— פון —
מדינת ישראל

(רעפּאָרטאַזשן)

צווייטער באַנד

שער־בלאַט געצייכנט פון
משה פייגנבלום

התש״ט בוענאָס איירעס 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by
J. Botoshansky

JACABO BOTOSHANSKY

"BERESHIT FUN MEDINAT ISRAEL"

(EL GENESIS DEL ESTADO DE ISRAEL)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
BUENOS AIRES

MANUEL STEIN
BULNES 481 - 4°, A

זוך-צעטל

(צווייטער באַנד)

קאַפּיטל — זייט

14 איז דאָ אַ שפּאַלט אין סטעליע? — 277
15 אַ דור אַרבעט און זינגט — 298
16 טאַקע ווי דוד מיט גליתן און טאַקע ווי אין על הנסים — 326
17 אַ געזאַנג צום עמק — 359
18 די גרויסע רייזע — 376
19 אַ פלי קיין אייראָפּע און צוריק — 410
20 עליה, כיבוש און מלחמה — 439
21 נגב און ירושלים — 468
22 און דאָס הארץ לויפט צוריק — 499
רשימה פון די בילדער — 529
רעגיסטער פון נעמען — 531

קוקט אייך גוט אַרום,
ס'איז אַ שיין מדינהלע
(גאָלדע מאירסאָן)

XIV

איז דאָ אַ שפּאַלט אין דער סטעליע?

קיין נס איז ניט געשען. מתי סוקעניק און דער ייִנגסטער שפּרינצאַק זיינען ניט צוריקגעקומען. געזאָגט האָט מען, אַז עס איז געווען דער איינ־ציקער ייִדישער עראָפּלאַן וואָס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין דער גאַנצער צייט פון קריג. מסתמא וועל איך שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם זונטיק־פאַרנאַכט, ווען איך בין געגאַנגען מנחם אָבל זיין יוסף שפּרינצאַקן. די צוויי צימערן פון זיין שטוב זיינעןביידע פול געווען מיט מענטשן, וואָס זיינען אַרויס און אַריינגעגאַנגען, שווייגנדיקע. אין פאָדערשטן צימער זיינען געזעסן מענער און דער טאַטע, אין צווייטן צימער זיינען געזעסן פרויען און די מאַמע און די יונגע אַלמנה. אין מע־נערישן צימער האָט מען פיינלעך געשוויגן, אַזוי ווי ביי איובן, אין ווייַ־בערישן צימער האָט מען געזיפצט. פון צייט צו צייט האָט מען גערופּט אַבּיסל וואַסער פאַר דער מוטער, וואָס איז געזעסן ניט־געזעסן, געלעגן ניט־געלעגן. עפּעס ווי אַריינגעיאָגט אין דער וואַנט אַריין איז די מוטער געווען. עס האָט זיך גערעדט, אַז זי פילט נאָך איצטער, ווי דער טויט יאָגט איר נאָך און זי וויל זיך פאַר אים באַהאַלטן, לויפט און בלייבט אויף אַ פּלאַץ. קיין נר תמיד האָט ניט געברענט, די שפּיגלען זיינען ניט געווען פאַרהאָנגען און עס האָט זיך טאַקע ניט געפילט דער טויט. עס האָט זיך געפילט דאָס געשריי פון לעבן קעגן טויט.

שפּרינצאַק איז ניט געווען דער איינציקער באַקאַנטער מיינער, וואָס האָט געקראָגן רעדער אונטער די אויגן. מיר האָט זיך גערעדט, אַז איך דערקען יעדן מאַן און יעדע פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן אַ קינד אויף דעם פראָנט. יעדער פון זיי האָט רעדער אונטער די אויגן. אויסערלעך איז תל אביב געלעגן, דאַכט זיך, רואיק, אינווייניק איז ניט געווען רואיק. אַ הויז, אָדער אַ ריי הייזער, וואָס זיינען צעשעדיקט פון די באָמבעס און

מענטשן, וואָס האָבן געהאַט שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, האָבן שטום גערעדט און דערציילט.

עס איז זיך ניט געזעסן אויף אַ פּלאַץ. אין תל אביב איז נאָך כסדר געווען וואָס צו זען. פאַר די אויגן האָט געוואַקסן די מלוכה פון טאָג צו טאָג. די פּאַרלאַמענט זיצונגען, וואָס זיינען פריער פאָרגעקומען אין דער געוועזענער דייטשער קאָלאָניע „שרונה", וואָס מען האָט גענומען רופן „קריה" (גאָרטן־שטאָט) און ווו מען האָט איינגעאָרדנט די גאַנצע רעגירונג מיט אַלע מיניסטעריומס האָבן אָנגעהויבן אָפּגעהאַלטן ווערן אין זעלביקן מוזיי, ווו מען האָט פּראָקלאַמירט די מדינה; און זיי זיינען געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. זיי זיינען געוואָרן דער דופק פון דעם גאַנצן מלוכה־לעבן.. מען האָט דאָרט געהערט קלאַפּן דעם פּולס. יוסף שפּרינצאַק, וואָס איז געוואָרן פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט, האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר טאַקט און שכל הישר, נאָר ער האָט זיך אויך געראַנגלט צוריק צו באַקומען זיין הומאָר. אַ קלוגער באַגלייטער איז אים געווען דוד רמז, דער פּאָסט־ און קאָמוניקאַציע־מיניסטער, מיט דעם דיקלעכן, אָפענעם פּנים. אַ לירישן הומאָר פאַרמאָגט רמז און שאַרפזין. אליעזר קאַפּלאַן, דער פינאַנץ מיניס־טער, זעט אויס צומאָל ווי אַ ספינקס, וואָס גראָבט זיך אַריין מיט אויגן און נעגל און שווייגט. משה שאַפּיראָ, דער מיניסטער פאַר עליה האָט געקוקט און גערעדט מיט דער אויפריכטיקייט מיט וועלכער רעליגיעזע יידן קענען אַמאָל אַ רעד טון און דער מיניסטער פאַר רעליגיע, הרב י. ל. פישמאַן, האָט אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ, אָבער ער האָט פאָרט ניט געקענט לייקענען, אַז די אַלטע יידישע געזעצן זיינען ניט צום אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. שערטאָק איז אַ בריה אַ שוויגן צו טון ליריש און בן גוריון איז מיט יעדן אַרויסטריט געווען אַ שטורעם.

— שכל? שאַרפזין, אויפטו? אַנטפּלעקונג?

— מער פון אַלץ — עקשנות און זיכערקייט. מיר שיינט, אַז מער פון אַלץ נוצט ער דאָס וואָרט „ככה" (אַזוי)...

איך האָב אַ וואַנדער געטון אין דער געגנט. איך האָב קודם כל געזען די אַלטע שטאָט יפו. מען זאָגט, אַז די דאָזיקע שטאָט טראָגט דעם נאָ־מען פון נחס יינגסטן זון יפת און אַז אין איינעם פון די פעלדזן פון יפו־ער פּאָרט האָט מען געזען נחס קבר. ווען יהושע איז געקומען אין לאַנד אַריין, איז יפו געווען אַ שטאַרקע פעסטונג און דער שבט דן האָט זי ניט געקענט איינגעמען, און ער האָט זיך באַזעצט אין דער געגנט פון אַרום. אין אונדזער צייט איז דער אירגון אַריין קיין יפו און האָט די

שטאָט איינגענומען אין איינס און צוויי, כאָטש די ענגלענדער האָבן געשטערט. אין די צייטן פון שלמה המלך איז יפו געווען דער הויפּט־פּאָרט פאַר ירושלים און פון דאַנען האָט מען געבראַכט האָלץ צו בויען דאָס בית המקדש. דאָ ארומער איז יונה הנביא אַנטלאָפן פאַר גאָט און ער איז צוריקגעקומען. די גריכן, וואָס זיינען געשלאָגן געוואָרן פון די מכבים, זיינען אַנטלאָפן אַהער און דאָ האָבן זיי געזונקען שיפן מיט יידן. אביסל אַנדערש ווי „שטרומאַ", אָבער דאָך... שמעון הנשיא האָט פאַרנומען יפו 140 יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג און דער יידישער האַנדל־פלאָט האָט פון דאַנען צעפירט די יידישע סחורות איבער דער וועלט. אין 67טן יאָר פון דער היינטיקער צייטרעכנונג, בעת דעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער, האָבן דאָ די יידן פאַרכאַפּט דעם פּאָרט און צוגענומען אַלע רוימישע שיפן. קיין שום רוימישע שיף האָט זיך ניט דערוועגט צו קומען אַהער. וועספּאַסיאַן האָט געשיקט אַ גאַנצן פלאָט אַהער און עס האָט אים ניט געהאָלפן. אָבער דער „שוואַרצער צפון ווינט" (אַזאַ מין שטורעם) האָט די רוימער געהאָלפן. די יידישע שיפן האָבן ניט געקענט בלייבן אין פּאָרט, ווייל עס האָט זיי צעקלאַפּט אין די פעלדזן־שטיינער און זיי האָבן זיך געמוזט לאָזן אין ים אריין, וו עס האָבן געוואַרט אויף זיי די רוימער...

אַנטקעגן פּאָרט פון יפו זיינען פאַראַן גרויסע פעלדזן און יעדער פעלדז דערציילט אַן אַנדער לעגענדע. גריכן פלעגן דאָ מקריב זיין זייערע שענסטע טעכטער צום שר פון ים. זיי פלעגן מאַכן אַן עפּנטלעכן צערע־מאָניאַל, אויספּוצן די שענסטע טאָכטער און זי אַריינוואַרפן אין ים אריין.

אויף איינעם פון די דאָזיקע שטיינער, דערציילט אַ לעגענדע, פלעגן איין מאָל אין יאָר זיך צונויפקומען אַלע פיש פון דער געגנט. קיין איין פיש איז ניט געבליבן אין דער היים. זיינען די פיש געקומען דאַווענען, זיינען זיי געקומען זוכן חתנים, כלות?

פיש זיינען דאָך שטום...

יידישע שפּורן פעלן ניט אין יפו. פאַראַן אַ הויף, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו יידן און יידן, וואָס זיינען געגאַנגען קיין ירושלים, האָבן דאָ גערוט. אַ ספרדישער ייד האָט דעם דאָזיקן הויף אָפּגעקויפט און געמאַכט דאָרט אַ שול אויף דעם נאָמען פון אליהו הנביא.

פאַראַן אויך אַ יידישער בית עלמין, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צוריק מיט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט. לערך צווישן 1847 און 1927 האָט מען דאָ געבראַכט יידן צו קבורה. פריער פלעגט מען יידישע מתים פירן מיט קעמלען קיין ירושלים.

פאַראַן אַ הויז, וואָס מען פאַרבינדט דאָס מיט דעם אויפקום פון קריסטנטום. דאָ זאָל געווען האָבן געוווינט שמעון דער פעלמאַכער, צו וועלכן עס איז געקומען צו־גאַסט דער דאָזיקער שמעון, אויף וועלכן ישו האָט זיך געקענט סומך זיין ווי אויף אַ פעסטן שטיין און ער האָט דערנאָך דערפאַר געקראָגן דעם נאָמען פעטרוס און ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע אַפּאָסטאָלן. אָט אָ דאָ האָט מען דעם שפעטערדיקן פעטרוס גע־זאָגט, אַז אַלע בהמות און עופות זיינען כשר...

די שטאָט גופא איז גאַנץ ווייניק אינטערעסאַנט. דער חילוק פון אָרעם און רייך גרייכט דאָ צום סאַמע שפיץ. גרויסע, ברייטע גאַסן, פוסטע האָבן דאָ געקוקט אויף מיר. די מערסטע אַראַבער זיינען אַנטלאָפן. פון 75 טויזנט זיינען אפשר געבליבן דריי טויזנט. אין די אויגן אריין האָט זיך געוואָרפן דער מעטשעט, די טורמע, אַ פּאָר קריסטלעכע געבעט־הייזער. איין קינאָ האָב איך געזען אין דער גאַנצער שטאָט. אין יאָר 1898 איז דאָ הערצל געווען און ער איז איינגעשטאַנען אין אַ יידישן האָטעל, וואָס האָט געהייסן „פּאַלעסטינע”, היינט איז דאָרט אַן אַראַבישער האָטעל. אַ שאָד, וואָס הערצל האָט ניט געזען ווי אַזוי יפו איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַראַבער און האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן ווערן אַ יידישע שטאָט. אין איניקע געגנטן האָט מען גענומען באַזעצן יידישע עולים.

דרום זייט פון יפו געפינט זיך בת ים, וואָס מען רופט אויך „בית וגן” (אַ שטוב און אַ גאָרטן). אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך אויף אַ זאַמ־דיקן בערגל, איבער דעם מיטללענדישן ים. ניט ווייט איז דאָרט פאַראַן אַן אינדזל, וואָס מען רופט אויף אַראַביש אָדם הראשונס שטיין. איך האָב געקוקט צו יענעם אינדזל און איך האָב זיך געפרעגט ביי דער דערמאָנונג פון ערשטן מענטשן, וואָס ער טראַכט וועגן דעם גאַנצן מין לעבן. האָט עס זיך געלוינט?

דער באַגלייטער מיינער האָט מיר דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי די זאַמד קומט אַהער. פעלדזן ווערן איינגעשלונגען פון ים און ווערן פאַר־שלעפּט ביז קיין מצרים און אין דער טיפקייט פון ים ווערן זיי צעריבן אין זאַמד און קומען אַהער אַלס אַ „מתנה פון נילוס”. יידן ווינען דאָ זייט 1923 און זיי האָבן דאָ אַ גאַנץ פיינע אינדוסטריע — אַ בוימוויל פאַבריק, אַ טשוועקעס פאַבריק און אַ ליטאָגראַפיע. אַ סך דייטשע יידן האָבן לעצטנס אַנטוויקלט אין ארץ ישראל אַ אינדוסטריע. פּוילישע יידן האָבן איינגעפירט וועבערייען, רוסישע יידן האָבן געמאַכט איניקע צענ־טראַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (צווישן זיי: רוטנבערג —

עלעקטריק און נאָוואָמעיסקי — פּאָטאַש) און די דייטשע יידן האָבן געשאַפן אַלערליי פאַבריקן — וואַליזן, טשוועקעס, קאָסמעטיק, שלעסער א. א. וו. א. אַ. וו. עס פילן זיך אַלערליי השפעות. עס שמעקט אין גאַנץ ארץ ישראל מיט א רוסיש שטעטל פון תחום, מיט אַ פּויליש שטעטל און עס שמעקט שוין אויך מיט דייטשער דיסציפּלין. עס איז קיבוץ גליות און דער קערפּער איז אויף דעם וועג צו דערלייזט ווערן, דער גייסט זוכט נאָך דעם דאָזיקן וועג... אַ סך סטילן שטרעבן צו האַרמאָניע און זיי געפינען ניט־שווער אַ רו פאַר זייערע טריט, אַזוי ווי נחם ערשטע טויב און נשמות בעטן דאַכט זיך: „אַל פּדה" — גאָט, לייז אויס...

איך האָב אין תל אביב געזען אַ יידישע תפיסה. מען האָט מיר ניט אויפגעהערט רעקאָמענדירן צו זען אַ געפאַנגען־לאַגער פון אַראַבער. איך האָב געפאָלגט, אָבער בעצם איז עס ניט געווען שטאַרק אינטערעסאַנט. אַראַבישע מאַסן זיינען נאָכגיביק, האָבן ווייניק ווילן און געפאַנגענערהייט זעען זיי אויס ניט מער טראַציק ווי געפאַנגענע בהמות. יידישע אַרעסטאַנטן באַוואַכטע פון יידישע פּאָליציי־לייט זיינען פאַר מיר געווען אינטערעסאַנטער. אין גערדאַנק האָט דער יידישער אַרעסטאַנט שלום גע־מאַכט מיט דעם פאַקט, אָבער זיין בלוט האָט ניט שלום געמאַכט. דער שומר איז דאָך עפּעס אַן אייגענער, אַ נעכטיקער חבר, אַ „משה", אַ „שלמה", אַ „יאַנקל"... ווייניקער נאָך האָבן קינדער פאַרשטאַנען ווי אַזוי מ'קען עפּעס האַלטן יידן אַרעסטירט. זיי האָבן געזען ווי די ענגלענדער האָבן געהאַלטן יידן אַרעסטירט, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי יידן קענען אויך טון דאָס זעלביקע.

אָט דעם זעלביקן מאָדנעם איינדרוק האָט מיר געמאַכט דאָס יידישע געריכט. אפילו די קליידער פון די ריכטער זיינען געווען מאָדנע, ניט־יידיש און ניט־גוייש. עפּעס איז געווען אַ געוויסער אייגנאַרטיקער אומ־צוטרוי פון אַלע צדדים. די געמשפּטע האָבן עפּעס ווי ניט געגלויבט, אַז מען משפּט זיי און די ריכטער אַליין זיינען ניט געווען זיכער, אַז מען וועט אויספירן זייער שטראָף און זיי האָבן דערפאַר געגעבן צו קליינע שטראָפן...

איך בין אַ סך מאָל געפאָרן קיין שרונה, וואָס ליגט אינגאַנצן אַ פּאָר מינוט פון תל אביב. וואָס פאַר אַ מאָדנע גורל־שפּיל! די רעזידענץ פון דער יידישער מדינה געפינט זיך אין אַ דייטש שטעטל, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1870 דורך די אָנהענגער פון דער רעליגיע־זער סעקטע „טעמפּל־געזעלשאַפט". באַלד ווי די דאָזיקע קאָלאָניע איז גע־

גרינדעט געוואָרן האָט אַ פאָרשטייער פון פתח תקוה געזאָגט, אַז דאָס שיינע אויסזען אירער פאַרשאַפט אַ יידן פרייד און טרויער אינײנעם. פרייד — דאָס אויסזען איז אַזוי שיין. טרויער — ניט יידן זיינען די ערשטע צו באַזעצן זיך אין יידישן לאַנד און יידן שטייען פון דער ווייטנס. אין דער נאָענט פון שרונה איז פאַראַן אַ דייטשער בית־עולם, אויף וועלכן עס ליגן די דייטשן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דאָס לאַנד קעגן די ענגלענדער און עס ליגן דאָרט זיבעצן מוסולמענישע אינדיער, וואָס זיינען געפאַלן אויף דער ענגלישער זייט. קוקנדיק אויף די אַלע קברים, האָט די גאַנצע וועלט אַ טאַנץ געטון אין מיין מוח. און אַ בלוטיקן טאַנץ האָט זי געטאַנצט. אינדיע איז די גאַנצע צייט אין דער „יון" אויף דער זייט פון די אַראַבער. די אינדיער פון פאַקיסטאַן, די מאַכמעדאַנער, האָבן דאָ פאַרגאָסן בלוט פאַר דעם דאָזיקן גאָט, וואָס מחמד איז זיין נביא און זיי ווילן דאָס הייליקע לאַנד פאַר אָט דעם נביא, אָבער די אינדיער פון דאַניסטאַן, די בודיסטן, וואָס ווילן זיי? וועלן זיי אייביק זיין דערפאַר, אַז זייערע שונאים די מחמדאַנער זאָלן באַהערשן פאָדער־אַזיע? דער וועלט שאַך־שפּיל וועט נאָך בייטן די פּאָזיציעס און די פיגורן...

אין ארץ ישראל האָבן די דייטשן שוין, גאָט זיי דאַנק, פאַרשפּילט. עס איז שוין פון זיי דאָרט ניטאָ מער ווי אַ זכר. דאָ און דאָרט אַ דייטשער נאָמען פון אַ פלאַץ. אין ירושלים הייסט נאָך אַ געגנט „שנעלער". דייטשן זיינען שוין דאָרט ניטאָ. אין ערגעץ ניט. די געוועזענע דייטשע קאָלאָניע נעבן יפו, וואָס נ. אַמעריקאַנער האָבן געגרינדעט און ווו עס האָט געוווינט דער רוסישער באַראָן אוסטינאָוו, דער געוועזענער רוסיש־צאַרישער אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט געהאַט אַ זאַמלונג פון וויכטיקע אַנטיקיטעטן, אָט אָ די קאָלאָניע, איז היינט באַוווינט פון יידן. אָבער דער פינאַל פון דייטשטום אין ארץ ישראל איז דער פאַקט, וואָס שרונה איז געוואָרן די „קריה" — דאָס וואַשינגטאָן — פון דער מדינת ישראל.

אַ שיינע קאָלאָניע איז „שרונה". זי איז געבויט פעסט און זיכער און מיט אַ סדר און זי איז ווי צוגעפּאַסט פאַר אָט דעם, וואָס זי איז איצטער. און אפילו די געוועזענע קירכע מיט דעם היפּש־אָפּגעריבענעם אויפשריפט מיט גאָטישע אותיות פון אַ פסוק תהילים, פּאַסט זיך אויך גאַנץ גוט טעכניש פאַר אַ פּאָסט. די גאָטישע אויפשריפט, כאָטש זי איז שוין געווען אָפּגעריבן, האָט מיר געשטאָכן די אויגן. טאַקע תהילים, טאַקע אונדזער תהילים, אָבער גאָטישע אותיות... עס איז ניט נאָר געוועזט

אין פסוק, נאָר אין דעם, וואָס זאָגט אים און אין דעם אופן ווי מען זאָגט אים!

אין זיין „פּאַלעסטינע רייזע״ האָט שלום אַש ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס אויף דער שיף אויף וועלכער ער איז געפאָרן, זיינען געווען „צוויי מענטשן, וואָס יעדער פון זיי האָט אין זיין „ווינקל־שיף (שיף־ווינקל) אויף די ליפּן „די זעלביקע פּסאַלמען, וואָס פון איין האַרפע זיינען זיי געוואָרן געשפּילט״, אַז אָט די צוויי מענטשן זאָלן ווערן איינער. (דער מאָטיוו פון „איין קאַפּיטל פּסאַלם״ האָט ש. אַש מיט מער קראַפט ווידערהאָלט אין „תהילים ייד״). שטייענדיק ביי דער געוועזענער קירכע אין שרונה, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גייסטיקע נאַרעריי שלום אַש באַגייט. יידן האָבן זיך געלאָזט הרגענען מיט דעם קאַפּיטל תהילים אויף די ליפּן... קריסטן האָבן זיי געהרגעט מיט דעם זעלביקן קאַפּיטל... טאַקע פון אָט אַ דעם דייטשן דאָרף איז אַרויס אַ באַרימטער נאַצישער מערדער, וואָס האָט אומגעבראַכט אַ סך יידן אין וואַרשע. און ער איז געטויפט געוואָרן אין אָט אַ דער קירכע און ער האָט געזאָגט „דאָס זעלביקע קאַפּיטל תהילים״ (פּאַרדאָן, פּסאַלם) און ער איז אפילו געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל...

איך האָב געזען אַלע מיניסטעריומס אין דער קיריה. איך האָב געזען ווי אַזוי זיי זיינען פון טאָג צו טאָג געוואַקסן און האָבן זיך פאַרפעסטיקט. די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעצויגן ווי שלעכטע שכנים און זיי האָבן אַלץ קאַליע געמאַכט. און אפשר האָבן זיי באַלד ביים אָנהויב געמאַכט שלעכט. איך האָב געזען ווי אַזוי ס'זיינען אַלץ צוגעקומען נייע און נייע ספּעציאַ־ליסטן אין די פאַרשידענע מיניסטעריומס. די ערשטע צייט האָט מען דאָ געהערט מצד די באַאַמטע כמעט נאָר העברעאיש (אַז מען האָט צו זיי גערעדט אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן, האָבן זיי געענטפערט, אָבער אָנגעהויבן האָבן זיי אין העברעאיש) און דערנאָך האָט מען שוין געהערט אַנדערע שפּראַכן באַלד ביים אָנהויב. אויף די פּרעסע קאָנפערענצן, וואָס די מיניסטאָרן און זייערע הויפּט־אָנגעשטעלטע האָבן געגעבן, זיינען געווען אין פאַרשידענע שפּראַכן און איינענעם מיט אַ האַרטן „דייטשישן״ העברעאיש (מיר שיינט, אַז צום ניט־שענסטן ריידן דייטשע יידן העברע־איש) האָט מען אויף אַ פּרעסע קאָנפערענץ געהערט אַ האָלענדישן, אָדער אַן אַנדער מין דייטש מיט אַ סך הנחות צו יידיש.

און איך בין זיך מודה, אַז מער פון אַלע מיניסטעריומס האָט מיך צוגעצויגן דאָס מיניסטעריום פאַר רעליגיעס. עפּעס האָב איך געפילט, אַז פון דאַנען וועלן אַרויסשווימען נאָך אַ סך שווערע פּראָבלעמען פאַר דער

יידישער מדינה. ווען אפילו מען וועט שוין אָפּטיילן אינגאַנצן די רעליגיע פון שטאַט, וועלן כסדר ארויסשווימען פראַגן פון שבת און פון חתונה און פון געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע קינדער. דער רב פישמאַן, דער מיניסטער פאַר רעליגיעס, האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט אום שבת ניט אָפּשטעלן דאָס לאַנד, אָבער אינגאַנצן זיך באַוועגן אום שבת אַזוי ווי אין אַ וואָכן־טאָג וועט מען אויך ניט דארפן, ווייל עס וועט דאָך הערשן שבת־רו. פאַראַן נאָך לענדער, וואָס באַוועגן זיך ניט אין דעם רו־טאָג אַלציינס ווי אין וואָכנטעג. דער רב פישמאַן האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז די רבנים אין ארץ ישראל וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז יידן זיינען דאָ ביי זיך און וועלן ניט זוכן צו אָנהאַלטן די סיוגים און פאַרצוימונגען, זיי וועלן זוכן דעם עיקר. די אָנגעשטעלטע פון מיניסטעריום פאַר רעליגיעס זיינען אַלע געזעסן אין די היטלען און אין יאַרמעלקעס, דאָך האָבן ניט אַלע אויסגעזען צו זיין פרומע יידן. איך האָב בפירוש באַמערקט ווי אייניקע באַאַמטע טוען אויס די היטלען, ווען זיי פאַרלאָזן די ביוראָען און אויף מיר האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוויסער צביעות. און אַזוי ווי איך האָב באַשלאָסן צו זיין אין ארץ ישראל חוצפּהדיקער ווי ערגעץ אַנדערש, בכדי צו וויסן דעם אמת, אויף אַזוי פיל אויף וויפל מען קען אים וויסן, האָב איך אַזאַ איינעם אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט „היתכן?” און ער האָט מיר געענטפערט גאַנץ מענטשלעך, אַז ער איז ניט קיין רעליגיעזער און מען ווייסט דאָס אין מיניסטעריום און מען האָט אים אָנגעשטעלט אַלס ספּעציאַליסט, אָבער אַזוי ווי אַלע זיצן מיט פאַר־דעקטע קעפּ, זיצט ער אויך אַזוי. דאָס איז אַזאַ געפיל פון טאָלעראַנץ. ער האָט צוגעגעבן, אַז ווען ער פרוווט זיצן אָן דעם היטל, וואָלט מען אים מסתמא געבעטן דאָס ניט צו טון.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין פראַנקרייך זיינען אייגנטלעך פאַראַן צוויי פעלקער: אַ רעליגיעז און אַן אפּיקורסיש. דאָס דאָזיקע האָט ניט געשטערט, אַז די אַפּיקורסישע סאָציאַליסטן זאָלן גיין אינאיינעם מיט די פרומע פראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקער קעגן זייערע „ברידער”, די אַפּי־קורסישע קאָמוניסטן. און איך האָב געקלערט, אַז ווען די רבנים וועלן זיין טאָלעראַנט און די וועלטלעכע וועלן דאָס אויך זיין, וועט אפשר ניט דארפן קומען דערצו, אַז אין ארץ ישראל זאָלן זיין צוויי יידישע פעלקער. אָבער איך, דער וועלטלעכער ייד, קען ניט פאַרלייקענען, אַז בכלל זיינען די וועלטלעכע יידן ניט ווייניקער פאַנאַטיש און אומטאָלעראַנט פאַר זייער וועלטלעכקייט, ווי די פרומע יידן פאַר זייער פרומקייט און מען מעג

נעמען אין באטראכט, אז די פרומע האבן פארט מורא, אז אויף יענער וועלט וועט מען זיי שמייסן!

אויסער דעם מיניסטעריום פאר רעליגיעס האט מיך אינטערעסירט זייער שטארק דאס מיניסטעריום פאר „עליה" (אימיגראציע); צופעליק איז דער מיניסטער פאר עליה אויך א פרומער ייד. ער איז א מנהיג פון „הפועל המזרחי" און ער הייסט משה שאפירא. ער איז אויסערלעך א ליבנסווירדיקער פאלקס־ייד. ער רעדט אויסער א שיינעם העברעאיש — א זאפטיקן גראדנער יידיש. ער האט מיר ניט געזאגט גענוי וויפל יידן עס זיינען אריינגעקומען אין לאנד אריין אין די ערשטע פאר וואכן, אבער ער האט מיר געזאגט, אז עס וועלן ביז ענדע 1948 אריינקומען 125 טויזנט יידן. בכדי זיי צו איינארדנען דארף מען 60 מיליאן דאלאר. וועט מען זיי מוזן האבן. מען באזעצט זיי אין שטאט, אין נייע שטעטלעך, אין די געגנטן פון די אנטלאפענע אראבער. דער עיקר — האט דער מיניסטער געזאגט — איז, וואס די טויערן פון ישראל זיינען אפן פאר אלע יידן. מען רעווידירט מעדיציניש יעדן יידן, וואס וויל פארן קיין ישראל, אבער מען טוט דאס לשם אינפארמאציע. יידן ברענגען, ברוך השם, ניט קיין פעסט אין לאנד אריין און די אנטלאפענע אראבער האבן די מגפות אוועק־געפירט. דרך אגב האט מיר משה שאפירא דערציילט, אז ער איז געווען א יוגנט־פריינט פון יידישן דיכטער לייב ניידוס. „עם חסיד תתחסד". מיט א יידישן שרייבער רעדט מען וועגן יידישע שרייבער...

עס האבן דעמאלט פונקציאנירט זעקס אויפנעם־לאגערן פאר די „עולים", וואס האבן אריינגענומען אריבער פופצן טויזנט פערזאן. דער אופן ווי אזוי די עולים זיינען אויפגענומען געווארן, האט עדות געזאגט, אז די מלוכה ווערט איינגעשטעלט. ווארשיינלעך וואלט קיין שום ישוב פון אזא מאסשטאב ווי דער ארץ ישראלדיקער ניט געקענט אריינגעמען אזא גרויסע אימיגראציע אויף אזא סיסטעמאטישן אופן.

פון פראנט זיינען די ידיעות געווארן אלץ בעסערע פאר יידן. די ווילדע אראבישע אנשטערענגונגען צו דערגרייכן א נצחון, וואס זאל ווירקן ווי אן עפעקט, איז ניט געראטן. מען האט ניט אויפגעהערט ריידן וועגן וואפנשטילשטאנד און עס איז ניט געווען שווער צו דערקענען, אז בערנאדאט טוט אלצדינג צו פארציען.

איך האב זיך א לאז געטון אין די נאענטע סביבות, וואס געהערן צו דער געגנט, וואס מען רופט „שפלה", אדער „שפלת הים". ס'איז א געגנט א ניט קיין הויכע, אבער זי האט א היפשע צאל בערגלעך. די

דייטשן האָבן „שרונה" אַ נאָמען געגעבן אַזוי, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס פּלאַץ געפינט זיך אין שרון. לויט דער היינטיקער איינשטעלונג הייבט זיך אָן שרון ערשט ביים נאַפּאָלעאָן־בערגל און גייט אַוועק צו צפון ביז חיפה. איך האָב זיך אַ לאָז געטון צופוס און „ביט־רעמפּ" און מיט אויטאָס. עס איז ניט געווען גרינג צו פאָרן. מען האָט אַלע מאָל אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויף אַ דערלויבעניש און בכלל אויף דאָקו־מענטן. מיר איז דאָס דווקא געפעלן, איך האָב אין דעם געזען דעם לא ינום ולא ישון שומר ישראל.

אין דער סאַמע נאָענטקייט פון תל אביב איז די אינטערעסאַנטסטע שטאָט רמת גן. פון שרונה איז אַהער דריי קילאָמעטער. אין וועג ליגט מאָנטעפיאָרי, אַ קאָלאָניע, וואָס משה מאָנטעפיאָרע האָט געגרינדעט פאַר יידן פון יפו און די הכנסה האָט געדאַרפט גיין פאַר יידן, וואָס לערנען



אַ ווינקל אין רמת גן

תורה. ביים אָנהויב איז דאָ געווען אַ פּרדס, היינט ווינען דאָ עטלעכע הונדערט אַלערליי יידן. אויך יידן פון טריפּאָלי האָבן דאָ אַן אייגענע שול. ארום רמת גן זיינען פאַראַן אַלערליי פאַבריקן. אַרויסרופנדיק איז דאָ די שאָקאָלאַדן־פאַבריק „עלית" (מיינט: דערהויבן, קלינגט אַביסל אויך ווי „עליטע"). פאַראַן דאָ פאַבריקן פון פּרוכטן־זאַפט, זיידן, געוועב, פאַרבן, שטריק, פאָדעם, זאָקן, בעטאָן, עלעקטרישע דראָטן, מעבל א. אַ. וו.

רמת גן אַליין איז אַ שטעטל פאַר אָפּרו, ניט פאַר אַרבעט, אָדער געשעפט. דאָס גאַנצע שטעטל טינקט זיך איןביימער און אין גרינס. די

הייזער זיינען צעוואָרפן אין אַ מין אָרדנונגלאָזער אָרדנונג, זיי געפינען זיך אויבן, אונטן און אין דער מיט. דאָ זיינען פאַראַן סאַנאַטאָריעס פאַר כראָניש קראַנקע און אַנשטאַלטן פאַר רעקאָנוואַלעסצענץ. דער „גן הנשיאים", דער הויפּט־שפּאַציר, איז אַ פּרעכטיקער בולוואַר און מען זעט פון אים די גאַנצע געגנט, ווייל ער געפינט זיך עטלעכע און זעכציק מעטער איבער דעם ים־ניוואָ. אין רמת גן האָט ביאַליק געוווינט אַ צייט און ער האָט זייער ליב געהאַט דאָ צו שפּאַצירן און עס איז פאַראַן אַ טאָוול, וואָס דערציילט, אַז ער האָט ליב געהאַט דאָ צו שפּאַצירן. רמת גן איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1914 פון לערער און אָנגעשטעלטע. זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ גאָרטן־שטעטל און דער הויפּט־פּרינציפּ זאָל זיין, אַז די אַרבעט זאָל געטון ווערן פון די איינוואוינער אַליין און ניט פון קיין פרעמדע אַרבעטער. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז פון דעם מאָמענט, ווען דער קרן קימת וועט באַשליסן צו נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן פון לאַנד, דאַרפן אים אַלע איינוואוינער פון רמת גן איבערגעבן זייער ערד. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן ניט צו בויען אין שטעטל קיין שום פאַבריקן, וואָס קאָנען קאַליע מאַכן די לופט. ביים אָנהויב האָט רמת גן געהייסן „עיר גן". היינט וווינען אין רמת גן אַ פּאָר הונדערט פאַמיליעס און ניט דווקא לערער און אָנגעשטעלטע. דער בירגער־מייסטער פון שטעטל, קריניצי, איז אַ באַוווסטער באַלעבאַטישער ייד אין לאַנד, אַ ליבעראַל־קאָנסערוואַטיווער אַלגעמיינער ציוני. רמת גן האָט געליטן אויך אַ באָמבאַרדירונג און מען האָט גראָד באָמבאַרדירט קריניצים הויז אין דעם מאָמענט, ווען דער בירגערמייסטער פון תל אביב, רוקח, איז דאָרט געווען אויף אַ באַראַטונג און ער איז טאַקע פאַרוווּנדעט געוואָרן; מען האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל געווען קומען פון אַן אינווייניקסטן שונא, אַ שפּיאָן. וואַרשיינלעך איז דאָס ניט אַזוי געווען. די אַראַבער האָבן געוווּסט, אַז יידן צאַצקען זיך מיט רמת גן, וואָס איז אַ פּערל פאַר זיי, האָבן זיי דאָס באָמבאַרדירט. דער רויך איז אַוועק, די שיינקייט איז געבליבן. עס איז אַ פאַרגעניגן זיך אָפּצורוען אין אָט דעם שטעטל און מ'קען אין דעם אַ פאַרברעג טון אויך אינטים, באַשיידן און אַביסל אויך גרויסשטאָטיש. מען זאָגט, אַז אין רמת גן זיינען פאַראַן אויך האַלב, אָדער גאַנץ טריפהנע הייזער, אָבער איך האָב זיי ניט געפונען. נאָמבערג פלעגט, אָנקומענדיק אין אַ ניי לאַנד, בעטן מען זאָל אים ווייזן די ניט־אָנשטענדיקע ערטער און מענטשן. איך האָב אים נאָכגעטון און מען האָט מיר געענטפערט, אַז פריער פלעגן זיי זיין אין יפו, היינט ווייסט מען ניט

ווו זיי זיינען, כאטש מען שטויסט זיך אָן, אַז זיי זיינען פאַראַן אין רמת גן און אין תל אביב, אָבער די דאָזיקע מיט וועלכע איך בין געקומען אין קאָנטאַקט, האָבן ניט געוווּסט צו אָנווייזן עפּעס ממשותדיקס און זיי האָבן געוווּסט נאָר צו דערציילן וויצן וועגן דעם גאַנצן ענין.

דער הויפּט־וויץ באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פרוי פון דער צווייטער עליה (געפינט זיך געוויינלעך אין לאַנד אַ יאָר צוויי, דריי און פערציק און איז אַלט לכל הפחות אַ יאָר זעכציק) האָט געזאָגט, אַז זי גלייבט ניט, אַז אַזעלכע ערטער זאָלן זיין אין ארץ ישראל. און ווען מען האָט איר געוויזן איינס, האָט זי אויסגעדריקט טרויער און זי איז געווען צופרידן וואָס זי האָט כאָטש דאָרט ניט געטראָפן קיינעם פון דער צווייטער עליה... אַז אין רמת גן זאָל זיין אַזאַ מין פּלאַץ, האָט דערציילט אַן ענגלישער אָפיצער, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז אפילו דאָס מיידל מיט וועלכער ער האָט געוואָלט פאַרברענגען איז אים געווען פיינטלעך, ווייל ער איז אַן ענגלענדער; מיר איז ניט געלונגען צו זען אונטערוועלט אין ארץ ישראל. איך האָב נאָר געזען אַנשטענדיקע קאַבאַרעטלעך. בכלל מעג מען זאָגן, אַז ווען עס וואָלט אין דער גאַנצער וועלט געווען פּראָפּאָרציאָנעל אַזויפיל אונטערוועלט וויפל אין ארץ ישראל, וואָלט דאָס אין ערגעץ אינגאַנצן קיין פּראָבלעם ניט געווען.

אין רמת גן וווינען אַ סך דייטשע און איבערהויפּט איטאַליענישע יידן. איך האָב אין רמת גן געהערט מער איטאַליעניש ווי אין גאַנצן לאַנד. אייניקע רופן עס „ראַמאַטגאַנאַ איטאַליאַנאַ".

אַרום און אַרום וויבלט און גריבלט דאָ מיט יידישע ישובים. דרום זייט פון רמת גן געפינט זיך שכונה בורוכוב (באָראָכאָוו שטעטל), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 אויף דעם באָדן פון קרן קימת מיט דעם געלט פון קרן היסוד. דאָס שטעטל האָט געליטן ביים אָנהויב אין מאַנגל פון וואַסער. מיט דער צייט האָט זיך דאָס אָרט אַנטוויקלט און עס וווינען דאָרט אַריבער דריי טויזנט נפשות און ניט נאָר באָ־ראָכאָווס חסידים. אין דער נאָענט איז אָט דאָ פאַראַן אַ הכשרה פאַר אַרבעטאָרנס, וואָס הייסט „משק הפועלות", און עס איז פאַראַן דאָס שטעטל „קרית יוסף", וואָס דאָס פאָלק רופט עס ביז איצטער „כאָפּ". געגרינדעט דאָס שטעטל האָבן רייכע עגיפּטישע יידן, וועלכע האָבן געקויפט דעם באָדן. אַזוי ווי מען האָט זיך דערוווּסט, אַז די יידן פון מצרים קומען זיך דאָ ניט באַזעצן, האָבן זיך אַ לאָז געטון אָרימע יידן פון תל אביב און

פארכאפט די ערד און אין איין נאכט זיינען אויסגעוואקסן דריי הונדערט פאלאטקעס. אין „כאפ״ וווינען שוין היינט אויך א צוויי טויזנט נפשות.

און עס גייען דא אוועק שטעטלעך אויף די נעמען פון שיינקין, ארלאזאראוו, רמב״ם, חיים חיסין א. א. וו. עס גייט פון דאנען אוועק א וווּנדערלעכער שאסיי ביז פתח תקוה, אבער וועז דו פארסט מיט דעם אלטן, ניט אספאלטירטן שאסיי, שפאנסטו אויף מער געשיכטע. (אויף געשיכטע שפאנסטו אומעטום אין ארץ ישראל, פונקט ווי דו שפאנסט אומעטום אויף פסוקים). דא געפינט זיך דער נאפאלעאן־בארג — עטלעכע און דרייסיק מעטער די הייך. אונטער אים ליגן רעשטן פון אן אלטער שטאט, וואס האט געהערט צום שבט דן, איר נאמען איז ניט באקאנט. נאפאלעאן איז דא געווען אויף דעם וועג קיין עכו און איידער ער איז געקומען אהער, האט ער ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די יידן פון דער גאנצער וועלט, אז זיי זאלן קומען אונטער זיין פאן און ער וועט באנייען די אלטע שטאט ירושלים. דער בארימטער ווילנער ציוניסט י. ל. גאלדבערג האט דעם דאזיקן בארג אפגעקויפט און ער האט פינאנצירט אויסגראבונ־גען, וואס פראפ. א. ל. סוקעניק האט געמאכט. מען האט דא געפונען כלים און קמיעות פון דעם פופצנטן יארהונדערט פאר דער איצטיקער צייטרעכנונג.

מיר פארן ביים טייך ירקון ,וואס האט ארום זיך אלערליי ביימער, וואס זיינען כסדר גרין און אט, אפנים, דערפאר הייסט ער „ירקון״. ביי תל אביב איז דער דאזיקער טייך אביסל פארשלאפן, דא שטראמט ער גיך־גיך און ער האט א קרומען וועג און ער פאלט דערפאר נאך שנע־לער, עס דאכט זיך, אז ער וויל אריבעריאגן די דאזיקע, וואר פארלויפן אים דעם וועג. די אראבער האבן דא איינגעאָרדנט זיבן וואסער־מילן, היינט זיינען די מילן צעבראכן און חרוב און עס טאנצן אין זיי ווינטן און שדים, פונקט ווי זיי טאנצן אין אלץ, וואס איז געווען אראביש אין לאנד און מיר הייבט זיך אן אויסדאכטן, אז שמשון הגבור האט דא בלינדער־הייט געמאלן, כאטש איך ווייס, אז ער האט דאס געטון ווייט אהין אין דרום און דא איז אייגנטלעך די גרעניץ צווישן דרום און צפון. דא ענדיקט זיך דער שפלת הים און עס הייבט זיך אן דער שרון, וואס גייט אוועק קיין צפון זייט. דא איז די גרעניץ צווישן דעם ארב פון דן אין דרום־ און פון אפרים ביז צפון.

מיר בלייבן נאך אין דער דרומדיקער זייט. מיר פארן אריין קיין בני ברק. ערגעץ דא ניט ווייט איז טאקע געווען דאס אמאליקע בני

ברק, ווו מען איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און מען האָט דערציילט וועגן יציאת מצרים, ביז עס איז געקומען די צייט צו זאָגן די פרימאָרגן קריאת שמע. עס איז דאָ אַמאָל געווען אַ גרויסע ישיבה, ווו ר׳ עקיבא האָט געלערנט מיט אַ סך תלמידים און מיט ר׳ מאירן. דאָ האָבן זיך שמעיה און אבטליון, וואָס זאָלן האָבן געשטאַמט פון המנען אַליין, ימ״ש, מגייר געווען. אַמאָל איז דאָ געווען זייער אַ פּרוכטבארער באָדן. איין לעגענדע דערציילט וועגן אַ קראַנץ ווייַנטרויבן אין אַ ווייַנגאָרטן פון אָט דער געגנט, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ קעלבל און אַן אַנדערע דערציילט וועגן אַ קראַנץ ווייַנטרויבן ווי אַן אָקס די גרויס. דאָס הייַנ־טיקע בני ברק איז דאָך נאָך ניט קיין 25 יאָר אַלט. פרומע יידן פון פּוילן האָבן דעם ישוב געגרינדעט און זיי האָבן דאָ געוואָלט פאַרייניקן תורה מיט דרך ארץ. און זיי איז געלונגען אין אַ גרויסער מאָס. פאַראַן דאָ אַ גרויסע ישיבה און פאַראַן פאַבריקן פון פּאַפּיראָסן, לאָקשן, סיראָפּן און פון חרוסת. איין סדר פאַרוועט מען אין ארץ ישראל און פונדעסטוועגן איז די פאַבריק פון חרוסת אפילו נאָך אויך אַן ענין. פאַראַן דאָ אַנ־שטאַלטן פאַר אַלטע לייט. ניט קיין מושב זקנימס פאַר אָרימע לייט, נאָר דווקא פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען בכח צו באַצאָלן. פאַראַן אין דער נאָענטקייט אייניקע סאַנאַטאָריעס און פאַראַן אַן אנשטאַלט פאַר גייס־טיק קראַנקע, וואָס איז — צום גליק — ניט צו־פול. עס קען זיין, אַז איך האָב באַדאַרפט מאַכן ניט איינעם, נאָר עטלעכע באַזוכן אין אָט דעם אנשטאַלט, וואָס האָט אַזעלכע קראַנקע, וועלכע קענען עפּעס באַ־לערנען וועגן דעם גאַנצן לעבן. אָבער ווער האָט צייט? פאַראַן דאָ גייסטיק קראַנקע מיט פאַרפאָלג־ און רעליגיע־מאַניעס — — —

מיר פאָרן קיין פּתח תקוה, אָבער אין וועג פאַרטשעפּען מיר זיך אין פאַרשידענע ישובים, וואָס זיינען אַלע אינטערעסאַנט, סיי מיט דער אויסערלעכקייט, סיי מיט די מענטשן, וואָס לעבן אין זיי. אייניקע גיבן אַ רייץ מיט זייערע נעמען. אָט הייסט אַ ישוב אַז׳ר אויף דעם נאָמען פון האַרציקן העברעאישן שרייבער אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ פּרוכטבאַר און לאַנג לעבן און געשריבן אַזוי פּשוט ווי די אַלטע ספרים און אָט הייסט אַ ישוב „כפר אונו״, אַ נאָמען, וואָס ווערט דערמאָנט אין די ראשונים און אין די אחרונים פון תנך. דאָ האָט אַמאָל געגרונען האָניק פון די טייטלביימער, אַז ער האָט געגרייכט ביז אין די קני און אפנים דער זבת דבש גייט אויף האָניק פון טייטלען. ניט ווייט איז דאָ „ווילהעלמא״. געווען אַ דייטשע קאָלאָניע, וואָס האָט גע־

לעבט פון יידן און צוגענומען משגיחים אויף כשרות, בכדי צו קענען פארקויפן די פראָדוקטן. דערנאָך, ווען די יידן האָבן באַיקאָטירט דייטשע סחורה, איז געקומען אַ ריס, וואָס האָט געפירט צו אַ סוף פון דער גאַנצער קאָלאָניע. כן יאבדו כל אויבך, ה'... און איידער מיר קומען אָן קיין פתח תקוה, פאָרן מיר נאָך דורך קרית אריה, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פרעזידענט פון פאַרבאַנד פון די פאַבריקאַנטן — אריה שענקער. דאָס איז אַ היפשער אינדוסטריעלער צענטר מיט פאַבריקן פון גומי, אייזן, מאָזאַיק א. אַ. דער קופת החולים האָט דאָ אַ גרויסן שפּיטאָל אויף דעם נאָמען פון משה ביילינסאָן.

און מיר זיינען אין פתח תקוה, וואָס געפינט זיך צען קילאָמעטער פון תל אביב און וואָס וועט זיך אַמאָל צונויפגיסן מיט תל אביב. די גאַנצע שפלה וועט ווערן איין ריזיקע שטאָט. פתח תקוה איז די מאַמע פון די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל און זי איז די גרעסטע אין לאַנד. זי האָט שוין היינט אַ דרייסיק טויזנט איינוווינער, אויב ניט נאָך מער. מיט איר אומגעגנט, וואָס אַ טייל פון איר געהער שוין טאַקע צו פתח תקוה האָט זי שוין אַרום 40 טויזנט תושבים. זי האָט שוין די רעכט פון אַ שטאָט און האָט שוין אַן אייגענע מוניציפּאַליטעט. דאָ האָט מען איינגעפירט צום ערשטן מאָל ציטרוס פּלאַנטאַציעס און איצטער וואַקסט דאָ אַ אינדוסטריע פון חודש צו חודש. און פּלאַנמעסיק ווערט דאָס געטון, די מוניציפּאַליטעט און דער אַגראַרער פאַרבאַנד גיבן אַוועק די בעסטע כוחות צו בויען די אינדוסטריע.

איך האָב געשפּאַנט אַרום דער דאָזיקער קאָלאָניע און אין איר און זיבעציק יאָר יידישע געשיכטע האָבן זיך געדרייט אונטער, איבער און אַרום מיר. איך האָב שפּאַצירט אין „גן המיסדים" (גאָרטן פון די גרינדער) און געהערט וועגן די דריי אבות פון דער קאָלאָניע, ר' יואל משה סאָלאָמאָן — דער געלערנטער, ר' דוד מאיר גוטמאַן — דער פינאַנציסט און ר' יהושוע שטעמפּער — דער ענערגישער. מען ווייזט מיר דאָס פּלאַץ וווּ מען האָט געגראָבן דעם ערשטן ברונעם און דאָס פּלאַץ וווּ עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער איבערפאַל פון די אַראַבער. דאָרט זיינען אין יאָר 1921 געפאַלן פיר יידישע יונגעליים. די וואַסער אָפּטיילונג, די סאַניטאַרע אָפּטיילונג, דאָס געריכט, די ביבליאָטעק, פאַרשידענערליי ביוראָען פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער, די צוויי ערשטע גאַסן הייסן „פינסקער" און „חובבי ציון". און אָט איז די ראָטשילד גאַס און די גרויסע פאָלקסשול. ביים סוף פון אָט דער גאַס געפינט זיך אַ בערגל, אריבער

זעכציק מעטער איבער דעם ים־ניוואָ און מען זעט אָן פון דאַנען די בערג יהודה אין מזרח און די בערג אפרים אין צפון; און אַט איז אַ הערצל גאַס און אַ לאָמזשער ישיבה שטייט פעסט. אין גלות האָבן ישיבות געטראָגן נעמען פון ארץ ישראל און דאָ איז פאַראַן אַ לאָמזשער ישיבה. און אַט אַ גאַס, וואָס הייסט שאַפּיראָ, אויף דעם נאָמען פון דעם מנהיג פון די סאַמע ערשטע שומרים אברהם שאַפּיראָ, וועלכן די אַראַבער האָבן גערופן שייך איבראַהים. און אַ וואָלפזאָן גאַס און אַ קינאָ.

פרומע יידן פון ירושלים האָבן געבויט פּתח תקוה און זיי האָבן געוואָלט, אַז יידן זאָלן באַאַרבעטן די ערד, ניט בכדי צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן, נאָר בכדי צו קענען מקיים זיין די מצוות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ערד־אַרבעט... זיי האָבן געוואָלט קויפן ערד נעבן ירושלים אין עמק עכור און ווייל הושע הנביא האָט געזאָגט: „איך וועל איר געבן די וויינגערטנער פון דאָרטן און דעם טאָל עכור פאַר אַ טיר פון האָפנונג" (פּתח תקוה), האָבן זיי זייער אָרגאַניזאַציע אַ נאָמען געגעבן „פּתח תקוה". יענער קויף פון ערד איז ניט צושטאַנד געקומען און געקויפט ערד האָט מען נעבן יפו, אָבער דער נאָמען איז שוין געבליבן. די ערשטע עולים האָבן דאָ מוראַדיק געליטן פון מאַנגל אין וואַסער, מאַלאַריע און פון איבערפאַלן מצד די אַראַבער. זיי האָבן נאָך אין יאָר 1882 איינגעאָרדנט אַ שמירה לויט דער ריי און צוויי שומרים פלעגן יעדע נאַכט זיך אַרומדרייען מיט ביקסן און היטן. זיי האָבן אין דער תקנה וועגן שמירה געשריבן, אַז אויב דער רוב פון דער באַפעלקערונג וועט העלפן אין דעם פּרט, „וועט גאָט אונדז היטן פון יעדער צרה און שטן". מען האָט זיך דאָ קיינמאָל ניט פאַרלאָזט נאָר אויף גאָט אַליין! דאָ האָט מען פאַרפלאַנצט עוקאַליפּטוס־ביימער און מען האָט מיט זיי געררייניקט די לופט.

פּתח תקוה האָט שכנהשאַפטן, וואָס טראָגן אַנדערע נעמען און זיי זיינען אָרגאַנישע טיילן פון איר. די קאָלאָניע „כפר אברהם", וואָס דער הפועל המזרחי האָט געגרינדעט אין יאָר 1933 איז פאַקטיש אַ טייל פון דער מאַמע פון די יידישע קאָלאָניעס. און דאָס זעלביקע איז צו זאָגן וועגן דער מזרחי־קאָלאָניע „ראָדגעס" פון די דייטשן יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט און וואָס איז אַ צענטר פון רעליגיעזער קולטור. אַביסל וויי־טער, קיין מזרח זייט, געפינט זיך עין גנים — דער ערשטער מושב (האַלב אינדיווידועלע ווירטשאַפט) אין לאַנד, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן אין יאָר 1909. אַמאָל איז צווישן פּתח תקוה און עין גנים געווען

אביסל פריי פלאַץ, היינט איז אַלץ פאַרבויט און בײדע קאָלאָניעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן. אַ לאַנגע צייט האָבן די איינוווינער פון „עין גנים" געלעבט פון אַרבעט אין פתח תקוה, היינט האָבן זיי שוין אַן אייגענע ווירטשאַפט. א. ד. גאָרדאָן האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין עין גנים. און די קאָלאָניע פון די תימנער יידן, „מחנה יהודה", געפינט זיך גאָר נאָענט און זי איז שוין אויך אַ פאַרשטעטל פון דער מאַמע פון די יידישע ישובים. אין דער נאָענט געפינט זיך דאָ דער קיבוץ גבעת השלשה, ווו עס פונקציאָנירט היינט אַ שול פאַר דרום אַמעריקאַנער עולים און ווו אַ נאַש בראַט קען אַ שמועס טון שפּאַניש מיט ניט־לאַנג אָנגע־קומענע יוגנט פון לאַטיין אַמעריקע און ווו עס געפינט זיך אַ באַצירק־שול (בית ספר מחוזי) פון דער הסתדרות. און דאָס קליינע שול־שטעטל פאַר אַרבעטאָרנס. וואָס הייסט „תל נטע" און די רייכע קאָלאָניע „כפר גנים" און דער מושב גן רמון און די ישובים הדרגה און היובל זיינען אַלע שוין טיילן פון פתח תקוה. די לעצטע צוויי זיינע געגרינדעט געוואָרן צוליב דעם פופציק יאָריקן יובילײ פון פתח תקוה.

און קיין מזרח זייט ציט זיך אַוועק אַ וועג, וואָס פירט אין שטעטל „בילנסון" און אין דאָרף „נחמן סירקין". אָט דער נאָמען הייבט שוין אָן פאַרגעסן ווערן אין נ. אַמעריקע, אָבער אין ארץ ישראל טראָגט זיין נאָמען אַ דאָרף, וואָס האָט אין דער נאָענט אַ שטיינהאַקעריי און אַ קאַלך־אויוון.

מיר פאָרן אַוועק קיין מערב־צו און מיר מאַכן אַן אָפּנויג דורך ראָש עין, אַ באַן־סטאַנציע, וואָס געפינט זיך ביים הויפּט־קוואַל פון ירקון־טייך; די סטאַנציע האָט איר נאָמען באַקומען פון קוואַל. פון דאַנען שפּאַנט מען איין דעם ירקון צו אָנטרינקען ירושלים. דאָ זיינע פאַראַן אַריבער צוואַנציק קוואַלן און געגראָבענע ברונעמער און רערן ציען זיך פון דאַנען אַוועק אויף קנאַפּע זיבעציק קילאָמעטער ביז דער הייליקסטער שטאָט. און ניט ווייט געפינט זיך די אַלטע פעסטונג אַנטיפּעטרוס, וואָס די צלם־טרעגער האָבן אין דער מיט פון צוועלפטן יאָרהונדערט באַנייט. הורדוס האָט געבויט אַנטיפּעטרוס צוואַנציק יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג צום אָנדענק פון זיינע עלטערן. די דאָזיקע שטאָט האָט זיך געפונען אין דער סאַמע מיט צווישן ירושלים און דעם פּאָרט קיסריה. אַ לעגענדע דערציילט, אַז דאָ האָט זיך געטראָפן ר' שמעון הנשיא מיט אַלעקסאַנדער מוקדון 333 יאָר פאַר קריסטוסן. די באַגעגעניש איז געווען אַ זייער ספּעקטאַקולאַרע. ר' שמעון איז געגאַנגען אָנגעטון אין די פולע קליידער פון כהן גדול און זיינע מענטשן האָבן געטראָגן פאַקלען. באַ־

געגנט האָבן זיי זיך, ווען די זון איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען; און ווען אַלעקסאַנדער מוקדון האָט דערזען ר׳ שמעונען, איז ער אַראָפּ פון דער קאַרעטע און ער איז געפאַלן פאַר אים אויף די קני. אין עפּעס מער ווי פיר הונדערט יאָר אַרום האָט וועספּאַסיאַן געלאַגערט אין אַנטיפּעטרוס, אויף דעם וועג קיין ירושלים און ווען ער איז אַוועק, האָט ער די גאַנצע געגנט אָפּגעלאָזט מיט דעם פייער. קיין מזרח־צו געפינט זיך מגדל צדק — אַן אַראַביש דאָרף, וואָס האָט געהאַט אַריבער פופצן הונדערט איינוווינער און איז געווען וויסט און אויסגעליידיקט, ווען מיר זיינען דאָרט דורכגעפאָרן. מגדל צדק האָט אַמאָל געהייסן אפק, און דאָ זיינען פאָרגעקומען שווערע שלאַכטן צווישן יידן און פּלשתים און יידן האָבן דאָ געליטן מפּלות. דרייסיק טויזנט יידישע פוסגייער זיינען דאָ געפאַלן און דעם אָרון האָט מען צוגענומען. אַנטיפּעטרוס און מגדל צדק זיינען די צוויי טויערן צו יהודה. דאָ הייבן זיך פאַקטיש אָן די בערג פון יהודה, וואָס פירן אַוועק קיין ירושלים. די נאַכט פאַלט דאָ אַראָפּ ווי אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל. די גאַנצע געגנט האָט אַמאָל געהייסן „בעל שלישה“ און איז געווען איינע פון די פרוכטבאַר־סטע אין גאַנץ ארץ ישראל. דאָ איז געווען אלישע הנביא, דאָ אַרומער איז שאול געגאַנגען זוכן די אייזלען פון זיין טאַטן און ער איז געקומען איבער דער קרוין...

מען טרעט דאָ אויף יידישער געשיכטע און אויף וועלט־געשיכטע. יעדער שפּאַן דאָ איז דורכגעווייקט מיט בלוט און איז די אַרענע פון אַ יידישער דראַמע און אַ וועלט־דראַמע. אין מגדל צדק האָט זיך וואַר־שיינלעך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פון יהודה קעגן די רוימער.

דאָס איז אַלץ, פאַקטיש די אומגעגנט פון פתח תקוה. מיר האָבן זיך געדרייט אַרום, אַרום און זיך אומגעקערט צו דער מאַמע פון די יידישע קאָלאָניעס און צו דער געשיכטע פון דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

אין פתח תקוה זיינען פאָרגעקומען די שווערסטע קאַמפן צווישן יידן און יידן איבער יידישער אַרבעט. ווען די איינוווינער האָבן זיך שוין אַביסל אַרויפגעאַרבעט, האָבן זיי ניט געוואָלט קיין יידישע אַר־בעטער. אפשר האָבן זיי ניט געגלויבט אין יידישע אַרבעטער און אפשר האָבן זיי געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן זיך ניט אָפּגעבן מיט קיין אַרבעט, ווייל זיי זיינען געבוירן געוואָרן פאַר עפּעס בעסערס. אין גלות האָט מען אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז „אַרבעטן זאָלן בעלגישע פערד“, דאָ

האָט מען געמיינט, אַז ניט יידן, נאָר אַראַבער זיינען געבוירן געוואָרן פאַר אַרבעט. און די אַראַבישע אַרבעטער זיינען ניט געווען אייפערזיכ־טיק אויף די יידישע באַלעבאַטים, נאָר אויף די יידישע אַרבעטער. די יידישע באַלעבאַטים האָבן זיי געגעבן אַרבעט און די יידישע אַרבעטער, איז אויסגעקומען, האָבן ביי זיי צוגענומען די אַרבעט. אליהו בן טוב דערציילט אין זיינע זכרונות, וואָס זיינען געדרוקט אין בוך „העליה השניה”, אַז ווען ער איז געקומען נאָך אַרבעט צו אַ יידן אין פּתח תקוה, האָט אים יענער געזאָגט: „היי, יונגעלייט, איר מאַכט זיך אַביסל נאַריש. ערשטנס איז דאָס ארץ ישמעאל, ניט ארץ ישראל, און צווייטנס — מהיכי תיתא, אַזעלכע יונגעלייט ווי איר וואָלטן אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און מען מאַכט אַ פאַרמעגן און דעמאָלט איז ניט שלעכט אין ארץ ישראל אויך.”

דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט האָט דערפירט צו אַ באָיקאָט אויף יידישע אַרבעטער. דער קאַמף איז איבערהויפּט געקומען צוליב דעם, וואָס די באַלעבאַטים האָבן געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין רעליגיעז און זיי זאָלן דאַווענען. אייניקע באַלעבאַטים האָבן אפילו אַ שטיקל צייט געצאָלט די יידישע אַרבעטער פאַר דער צייט פון דאַווענען. וועגן דעם דאָזיקן באָיקאָט ווערן דערציילט פאַרשידענע ווערסיעס און אייניקע פּרוּוון אים שוין איינגאַנצן פאַרלייקענען. דער דערמאָנטער אליהו בן טוב דערציילט דעם דאָזיקן טרויעריקן עפּיזאָד אַזוי: אַ זון פון אַ באַלע־באָס האָט געהאַט אַ שמועס מיט דעם אַרבעטער יצחק, וואָס איז ניט־לאַנג געקומען פון אדעס. דער אַרבעטער האָט באַליידיקט די תפילין און ער האָט געזאָגט, אַז אַ פרומער ייד קושט די פעל פון אַ קעלבל. די עלצטע פון דער קאָלאָניע האָבן באַשלאָסן צו אויסוואָרצלען דאָס שלעכטע פון שורש און דער באַשלוס איז געווען קורץ: מען טאָר קיין יידישע אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט, מען טאָר זיי ניט פאַרדינגען קיין דירות, מען טאָר מיט זיי ניט האָבן קיין שום משא ומתן און ווער עס וועט ניט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן. א. ד. גאָרדאָן איז דעמאָלט געווען צווישן די אַרבעטער אין קאָלאָניע און ער האָט געזאָגט: „מיר שטייען פאָר אַ גירוש, וואָס איז ערגער פון גירוש שפּאַניע. מיר ווערן פאַרטריבן פון אייגענעם לאַנד און פון די אייגענע ברידער. וואָס זאָלן מיר טון? מיר וועלן זיך ניט רירן פון דאַנען... מען וועט אונדז ניט פאַרטרייבן פון דאַנען ניט מיט כוח און ניט מיט הונגער.” און דער זעלביקער גאָרדאָן, וואָס האָט אַליין יאָ געדאַוונט און געלייגט תפילין

האָט געלערנט ניט אויפרעגן זיך און דער קאַמף איז אַ דאַנק אים געפירט געוואָרן אַזוי, אַז עס איז כמעט ניט געקומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג. די באַלעבאַטים האָבן צעריסן און פאַרברענט ביכער אין דער ביבליאָטעק און זיי האָבן גערופן אַלע באַלעבאַטים פון די אַנדערע קאָלאָניעס אויך צו איינפירן דעם באָיקאָט. דער טערקישער חכם כאשי חיים נחום איז געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מען איז אים אנטקעגן געפאָרן. די אַרבעטער האָבן געטראָגן די ציוניסטישע פאָן, די באַלע־באַטים האָבן זי צעריסן. דער חכם באשי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק. אַ הויכער אַרבעטער־בחור האָט אויפגעהויבן אַן אָפּגעריסן שטיקל פון דער פאָן אויף אַ שטעקן, די באַלעבאַטים זיינען אים איבערגעפאַלן, אָבער די אַרבעטער האָבן אים אַרומגערינגלט און אים פאַרטיידיקט מיט זייערע גופים. איין פויערים־פּרוי איז ארויפגעקראָכן אויף דעם רוקן פון אַרבעטער און אַראָפּגעריסן דאָס לעצטע שטיקל פאָן, אַן אַרבעטער פּרוי האָט פאַרטיידיקט און ניט געפילט ווי אַ זקן האָט איר צעריסן די בלוזע. אייניקע אינטעלעקטואַלן, צווישן זיי דר. מהרשק, האָבן אוים פּראָטעסט קעגן חכם באשי פאַר זיין פּאַסיוויטעט זיך ניט באַטייליקט אין קבלת פּנים פאַר אים.

די קאָלאָניסטן האָבן געזוכט אַן אויסוועג. זיי האָבן געמאָלדן, אַז יעדער אַרבעטער, וואָס וועט חתמענען אַ פּאַפּיר, אַז ער וועט זיך אויפפירן ווי עס דאַרף צו זיין, וועט קריגן אַרבעט, אָבער קיינער איז ניט געקומען. „דער באָיקאָט — פאַרענדיקט בן טוב — איז ניט בטל געוואָרן, נאָר ער איז מטושטש געוואָרן, ווייל ניט אַלע קאָלאָניסטן האָבן צו אים לכתחילה מסכים געווען.“

און פּתח תקוה איז דווקא געוואָרן אַ גרויסער צענטער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דאָ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1905 דער הפּועל הצעיר און אין אַ יאָר אַרום די אחדות העבודה — די צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט און געשאַפן די מפּא״י.

איך בין געשטאַנען לאַנג אויף דעם בערגל און געקוקט אַרויף און אַראָפּ. אַמאָל זיינען דאָ געווען זומפּן, האָט מען זיי אויסגעטריקנט. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ, וווּ עס איז געווען אַ בלאָטיקער וועג, וועלכן מען האָט גערופן „זיתון“, מסתמא, ווייל דאָרט זיינען געווען איילבירט־ביימער. דאָס וואָרט „זייטאָן“ האָט מיר געקלונגען אין די אויערן. איילבירט הייסט אויף שפּאַניש „אַסעיטונאַ“ — „זיתון“ „אַסעיטונאַ“. וואָס פאַר אַן ענלעכקייט. און ווי מאָדנע איז, וואָס איך

געפין זיך אין ארץ ישראל אַלס פאָרשטייער פון דעם שפּאַניש־ריידנדיקן לאַנד אַרגענטינע... פאַר די אויגן האָבן מיר געשוועבט די קאַמפן פאַר דער יידישער פאָן צווישן יידן און יידן בעת דעם באַזוך פון חכם באשי און איצטער האָב איך געזען אַ פאַרייניקט יידיש פאָלק אַרום דער יידישער מדינה, אַרום דער יידישער מלחמה און אַרום דער יידישער פאָן. מאָרגן וועלן זיך אין תל אביב נאָך באַנייען די קאַמפן צווישן יידן און יידן, וואָס וועלן זיין אַ המשך פון יענעם קאַמף, אָבער ער וועט זיין אַנדערש. מען וועט זיך, אַזוי ווילט זיך האָפן, ניט שלאָגן איבער קיין תפילין, ווייל מען וועט זיך אין פּרט פון איבערצייגונג זיך באַציען מיט קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ און מען וועט אויסמיידן איבעריקע צע־רייצטקייטן.

סוף כל סוף איז ארץ ישראל געפאַלן אין בלוט און פייער ניט נאָר צוליב דער שטאַרקייט פון שונא, נאָר אויך צוליב דער אינווייניקסטער צעריסנקייט. ווען איך בין ווידער אַמאָל געווען אין דער קריה און איך האָב געשפּאַנט פון איין מיניסטעריום צום צווייטן, האָב איך געקוקט, צי זעט מען ניט די ערשטע שפּאַלטן אין די סטעליעס. דער שאָפער מיינער, וואָס האָט מיך צוריקגעבראַכט, איז געווען פון די געטרייע מפּאַיניקעס און ער האָט גערעדט שאַרף קעגן אַ פירער פון דער מפּ״ם־אָפּאָזיציע און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געקומען צו דער מאַכט, וואָלט ער אַלע קעגנער זיינע אַרעסטירט. די שטוב איז נאָך ניט אויסגעבויט און דאָ סטראַשעט מען שוין מיט שפּאַלטן אין דער סטעליע, און פאַרוואָס עפּעס נאָר די מפּ״ם־אָפּאָזיציע? און ווו איז דער אירגון?

ביים אָנקומען אין דער קריה האָב איך פריער געזען שערטאָקן און דערנאָך בן גוריונען — ביידע האָבן אויסגעזען ווי ניט אויסגעשלאָ־פענע. די מלחמה האָט זיך געצויגן און דער וואָפנשטילשטאַנד איז ניט געקומען און זיי האָבן געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך.

XV

אַ דור אַרבעט און זינגט

פון קינדווייז אָן הער איך שרון, כרמל. אַז כרמל איז אַ באַרג, ווייסט יעדער. וואָס איז שרון? אפנים — ניט קיין באַרג. אַ גלייך פּלאַץ. דער רבי פלעגט טאַקע פּאַרטייטשן „שרון״ — אַ גלייך פּלאַץ און ער האָט געזאָגט, אַז עס נעמט זיך פון וואָרט ישר, וואָס מיינט אי רעכט־פאַרטיק, אי גלייך, ווייל רעכטפאַרטיק מיינט דאָך אויך גלייך.

פאָר איך איצטער איבער דעם שרון. באַשערט געווען ניט צו זיין אין אים, ביז וואַנען ער וועט ניט ווידער געהערן צו דער יידישער מדינה. ער ציט זיך, דער אַלטער שרון, דער באַקאַנטער מיינער פון תנך און פון דער גמרא, פון דעם טייך ירקון ביז דעם באַרג כרמל און ביז חיפה אין צפון. אין מזרח זייט האָט ער די בערג שומרון, אָדער אפרים און אין מערב זייט האָט ער דעם מיטללענדישן ים. די בערג, וואָס רינגלען אים אַרום, גיבן אים צו שיינקייט און חן. ישעיה הנביא האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דער שרון וועט זיין אַ מדבר, אָבער ער האָט אויך פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווידער אויפגעבויט ווערן און מען וועט דאָרטן בויען הייזער, פלאַנצן וויינגערטנער, „עסן אָקסן״. גלייך ווי ער וואָלט געווען דערביי, דער גרויסער נביא. דער שרון האָט היינט ווידער הייזער און וויינגערטנער און מען עסט אין אים, אָבער — ניט צופיל אָקסן. עקסלעך עסט מען יאָ, אָבער ניט קיין סך. אַראַבישע עקסלעך עסט מען אין ארץ ישראל, ווייל פאַר עפּעס אַנדערש טויגן די דאָזיקע עקסלעך אַזוי ווייניק ווי די אַראַבער טויגן פאַר דער מלחמה. אַז איר קומט אין אַ קיבוץ, אַ דאָרף, אַ מושב, אַ שטעטל, געפינט איר ביי אַ זייט פון „רפת״ (שטאַל) אַ ביסל אַראַבישע עקסלעך, וואָס ליגן רואיק און טרויעריק, ווי מידע געפאַנגענע אַראַבער. עפּעס ווייזט זיך דיר אויס, אַז ווען מען עסט דאָס פלייש פון אָט די טרויעריקע באַשעפענישן, דאַרף מען אַליין אויך ווערן טרויעריק.

עס ווייזט אויס, אַז אין אַמאָליקע צייטן האָט מען געקענט אַ סך

זאכן אין שרון. מען האָט דאָ געקענט אויספּאַשען גוטע בהמות און אויסקוועטשן גוטן ווײַן און האָבן אַ גאָר גוטן יאַרמאָ פאַר די אָקסן, אָבער בויען גאָר גוט האָט מען נישט געקענט. מען האָט געבויט הײַזער פון ציגל, פון לײם, און ווען דאָס וואַסער האָט אום ווינטער אַ פלײץ געטון פון די בערג, האָט עס צעלאָזט די ציגל און די הײַזער זײַנען געפאַלן ווי שטרוי. עס איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז דער כהן גדול האָט אום יום כּיפּור אַרײַנגעשטעלט אַ ספּעציעלן שטעל אין דער תּפילה אַרײַן וועגן די מענטשן פון שרון, אַז זײַערע הײַזער זאָלן ניט ווערן זײַערע קברים. הײַנט בויט מען שוין אַזעלכע הײַזער אין שרון, אַז מען וועט שוין ניט דאַרפן אַרײַנשטעלן אָט דעם שטעל אין די תּפילות אַרײַן. די דאָזיקע, וואָס רײַצן צו קריג, די פאַרשאָלטענע, זאָלן נאָר ניט ברענגען די קללה פון מלחמה. ציגל מאַכט מען הײַנט בעסערע ווי אַמאָל און מען בויט פעסטער.

איך בין געפאָרן איבער דעם שרון בײַם אָנהויב גלאַט אַזוי. סתּם קוקן אויף דעם גלײַכן פעלד, וואָס בערגלט זיך, אָבער ניט צופיל און וואָס ליגט אַזוי פעסט און זיכער אונטער גאָטס העל־בלויען הימל און וואָס ווערט געצערטלט פון ווינטלעך. און ווען איך בין צוגעקומען צום באַרג כּרמל, וואָס איז מיר געווען אין דער רעכטער זײַט, האָב איך פאַרריסן צו אים דעם קאָפּ און איך האָב אים נישט אויפגעהערט פרעגן, צי ער דערקענט מיך. איך האָב זיך דאָך אַזויפיל מאָל געשפּילט אויף זײַן רוקן קינדווײַז. און דער וועג איז געוואָרן אַ גאָר אַנדערער זײַט דער כּרמל איז געוואָרן אונדזער באַגלײטער. איך האָב זיך געפילט ווי אַ קינד, וואָס אַ גוטער זײדע באַגלײט אים. עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז פאַרלאָזט, דער גוטער זײדע, ער האָט צו ווייניק בײמער און צו פיל שטײנער. און מען קען אויף אים בויען מער הײַזער ווי עס זײַנען דאָ. מ׳קען אויף אים בויען פּתּום מיט רעמסס. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זינגט מיר מיט אַ ווינטל אין די אויערן אַרײַן, אַז — „עוד אבנה״. איך וועל נאָך געבויט ווערן.

אונטן איז נאָך אויך ווייניק באַזעצט און פאַרפּלאַנצט. מען דער־קלערט מיר, אַז דאָס איז אַ וואַדי, אַ טײַך, וואָס איז אום ווינטער פול און אום זומער לײדיק און מיר פעלט אײן, אַז מען וועט אַמאָל אויך טײלן פון די וואַדיס קענען פאַרברויכן פאַר עפּעס אַ פּראָדוקט. דערווײַל איז מיר געווען מאָדנע, וואָס אויבן קוקט אויף מיר דער כּרמל אַ ווײס־

טער און אונטן ווארט דער וואדי, אז דער ווינטער זאָל אים ברענגען רעגן און בכלל וואַסער.

מען לאָזט ניט זיך אָפּגעבן נאָר מיט פּאָעזיע אין ארץ ישראל און מען צווינגט זיך אָפּגעבן מיט פּראָזע. מען דאַרף זען די יידישע התיש־בות אין באַנייטן שרון. עפּעס האָב איך דאָך באַקאַנטע אין דעם באַנייטן שרון... שאַט... לאָזט מיר זיך דערמאָנען. הדרה איז דאָך אין שרון און זי איז מיינע א באקאנטע פון אמאָל און זי איז, דאכט זיך מיר טאקע, די ערשטע התישבות אין אויפגעריכטן שרון. יאָ, מיר וועלן טאַקע, זאָגט מען מיר צו, אויך זיין אין חדרה. דער שרון האָט היינט אַ דרום־זייט, אַ צפון־זייט און א — ניט מיט, נאָר אָן — עמק הפר. פאָרן מיר קיין דרום און קיין צפון און קיין עמק הפר. אומעטום טרעפן מיר גרינע פינטלען יידישע. ניי, בליענדיק יידיש לעבן. יעקב פיכמאן האָט געזונ־גען: „פריי זיך, ערד פון שרון, ברעג, קוואלן, ים, ווידער זינגט אין דיר יעדע הרודע, ווידער בליט אין דיר די האָפענונג פון פאָלק". און מען זעט טאקע בליען די האָפענונג פון פאָלק.

מיר פאָרן אין דער דרום־זייט. מיר פאָרן אריבער די אייזערנע בריק איבער דעם ירקון און מיר זעען אין מזרח זייט די שומרון־בערג. מען האָט זיי דאָ געזען אויך צוריק מיט עטלעכע טויזנט יאָר. פונקט ווי איך מאך פון די הענט אַ דעכל איבער מיינע אויגן און איך קוק, פונקט אזוי האָט דאָ א יידע מיינער געמאכט און געקוקט, ווען ער האָט גע־זוכט די בעסטע פּירות אויף צו פירן ביכורים אין בית המקדש אריין... אָט א דאָ ערגעץ האָבן יידן פון פתח תקוה געפּרווט מאכן אַ יידיש פישער־דאָרף נאָך צוריק מיט קנאַפּע פופציק יאָר און דער פיבער האָט זיי אָנגעאַרבעט צרות און דאָס וואסער האָט זייערע ליימיקע שטיבלעך צעלייגט. דאָ האָט מען געמוזט מאכן די נאַטור ריין און אליין האָט מען געדארפט ווערן שטארק און די הייזער האָט מען געדארפט בויען שטארקע.

מיר פאָרן דורך „ירקונה" — א משק (ווירטשאַפט) פון „הפּועל המזרחי" פאר ארבעטאָרנס. אויסגעבויט איז ער אויף דעם באָדן פון קרן קיימת מיט דעם געלט פון קרן היסוד. די אייביקע צוויי שותפים, וואָס האָבן געגעבן דעם „שנאָל" צו בויען דאָס לאנד. מען דאוונט אין ירקונה אויף דער אייגענער צייט און מען ארבעט ניט ווייניקער ווי דאָרט, ווו מען דאוונט ניט. מיר פאָרן דורך א קייט פון ישובים, וואָס הייסט רמתים (קליינע בערגלעך), ווייל זי געפינט זיך אויף די קליינע

בערגלעך פון גלייכן שרון. רמתים האָט אָנגעהויבן מיט יידן, וואָס האָבן געקראָגן הכשרה אין האָלאַנד און דערנאָך זיינען שוין געקומען אַהער יידן פון אַלע עקן וועלט. אויך רומענישע יידן האָבן זיך דאָ אין דער סאַמע לעצטער צייט געמאַכט אַ שטעטל און זיי רופן דאָס „שמואל", אויף דעם נאָמען פון סאַמועל פינעלעס, איינער פון די פּרעזידענטן פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. איך האָב פינעלעסן גוט געקענט אין גאַלאַץ און איך בין דאָרט געווען באַפריינדעט מיט אים און איך האָב געהערט אַ פּאָר צענדליק רעדעס זיינע, וועלכע האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן מיט „אים יאהרע אכצעהן ניינציק זעקס" און אין וועלכע ער האָט דערציילט וועגן דעם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון הערצלען צו באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס. היינט איז שוין פינעלעס אַ יאָר 28 אויף דער אמתער וועלט און דאָ איז פאַראַן אַ שטעטל אויף זיין נאָמען און אין שטעטל וווינט לינקא קליינער, וואָס הייסט היינט פיין און איר מאַן פיין פון בראַילע און זייערע טייערע צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער, וואָס זיינען ביידע סאָלדאַטן. און ניט ווייט וווינט דאָרט דער יידיש־העברע־אישער דיכטער ראַבינזאָן. און עס קען זיין, אַז אין אַ שאָק מיט יאָרן אַרום, ווען איך וועל שוין האָבן אַ ווייס קײַלעכדיק בערדל, ווי פינעלעס, וועל איך מיינע רעדעס אָנהייבן מיט „אין יאָר 1948", ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו דער הכרזה פון דער יידישער מדינה, און אַמאָל וועט ערגעץ ווייטער זיין אַ שטעטל, וואָס וועט הייסן „יעקב" און עמיצער וועט וויסן, אַז דאָס האָט מען געמיינט יאנקל אברהם שוחטס פון קיליע, וואָס איז אַ האַלב לעבן געווען אַ שרייבער ביי יידן אין אַרגענטינע... דאָס לעבן איז דאָ אַזוי אייביק, אַז מען מוז אָנהייבן מיט אברהם אבינו און ענדיקן מיט יאַנקל אברהם שוחטס.

יעדער ישוב איז דאָ פול מיט שוויים און בלוט און ער בליט און זאָגט צו און ער רוקט דאָס גאַנצע לעבן פאָרויס. מזרח אייראָפּעאישע יידן, דייטשע, האָלענדישע יידן. אָט הייסט דאָ אַ דאָרף מלל (מאַלאַל), די ראשי תיבות פון משה לייב ליליענבלום — דער גרויסער לערער פון פאָלקסטימלעכן און טאַקע סאָציאַליסטישן סאָציאַליזם; דאָס איז דער ערשטער באָדן, וואָס דער קרן קימת האָט באַזעצט אין שרון. ער האָט געהייסן אויך „עין חי". (דער קוואַל פון לעבן, דאָס אויג פון לעבן) מען האָט זיך דאָ שווער געמוטשעט צוליב מאַנגל אין וואַסער. מען האָט דאָס שוין גערופן „כפר אומלל" — פאַרשניטן (אָדער אומגליקלעך) דאָרף — און „אין חי" — אָן לעבן. און עס האָט לעבן. נאָך אַ מין לעבן. און

אַט איז „רמת השבים", אַ שטעטל פון דייטשע יידן פאר הינערצוכט און איידער מיר קומען נאָך צו, הער איך אַ קרייען פון הענער, אַז די געגנט גיט זיך אַ שאָקל. דערציילט מיר דער שאָפער, אַז מען רופט רמת השבים „קוקוריקו". און מען מאַכט יאָקאָס אַ לעבן פון די קוקוריקוס. פאַראַן דאָ אַ פיינער בית העם, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן דיריזשאָר טאָסקאַניני, וואָס איז געווען אַ גאַסט אין לאַנד און דער שיינער פאָלקס-גאָרטן הייסט גן דוד אויף דעם נאָמען פון דעם עקאָנאָמישן פאָרשער און שרייבער דוד טריטש. קוקוריקו, דייטשע יידן, טאָסקאַניני, טריטש און אַ יידישער שרייבער, קוקט און פאַרשרייבט און באַשרייבט.

מיר פאָרן דורך די אמתע פרדסים. מיר זעען ביימער מיט גאָלדענע שטערן און מיר פילן די ריחות פון מאָדערנעם פאַרפום און פון אַלטן גן עדן. און מיר קומען אריין אין אַן אַלטער קאָלאָניע, וואָס הייסט כפר סבאָ. דאָס דאָרף פון זיידן. די הויפט-גאַס הייסט דאָ טאַקע „שרון". אויף אַ זייל וויזט אָן אַ ברעט די נעמען פון די גאַסן און דעם פּלאַן פון שטעטל. טאַקע גאַר באַלעבאַטיש. דאָס עלצטע הויז איז אַמאָל געווען באַוווינט פון חלוצים איינעם מיט זייערע בהמות. היינט געפינט זיך דאָרט נאָך די שול צום דאַווענען. די קינדער-שול, וואָס געפינט זיך אויך דאָ געווען, האָט זיך אַרויסגעצויגן און זי האָט אַן אייגענעם בנין. אַ גרויסער טעאַטער און קינאָ-זאַל, אַן אָפּטיילונג פון דער הסתדרות, אַ קופת החולים מיט אַ וווּנדערלעכן שפּיטאָל, אַן אַרבעט-קלוב. אַ שטעטל מיט אַריבער פינף טויזנט יידן און ס'איז פול מיט לעבן, אימפּעט און גלויבן.

נאָך אין יאָר 1892 האָט מען כפר סבאָ גענומען בויען. און ס'איז עפּעס ניט געגאַנגען. די געזעלשאַפט „לבנות ולנטוע" (צו בויען און פלאַנצן) האָט זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן בויען, ווייל די ספּעציאַליסטן האָבן געזאָגט, אַז די ערד טויג ניט. דעם באַראָן ראָטשילדס מענטשן האָבן דאָ געמאַכט עקספּערימענטן מיט בשמים-געוויקסן. די יידן פון פתח תקוה האָבן דאָ געוואָלט באַזעצן אַ טייל פון זייערע משפחות, האָבן זיי ניט געקראָגן קיין דערלויבעניש ביי די טערקן צו בויען הייזער. ערשט אין 1912 האָט מען געקראָגן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ פּאָר הייזער. מען האָט דאָ געפלאַנצט עוקאַליפּטוס-ביימער און מאַנדל-ביימער. אין צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז כפר סבאָ געווען אַ פראָנט צווישן טערקן און ענגלענדער און עס האָט שטאַרק געליטן. פון תל אביב

זיינען אהער געלאָפן פּליטים און זיי האָבן זיך דאָ געמאַכט געצעלטן פון עקואַליפּט צווייגן.

די ענגלענדער האָבן דאָ טאַקע דורכגעבראָכן דעם פראָנט צום גליל. נאָך דער מלחמה האָט מען דעם ישוב באַנייט און אין דעם טרויעריקן 1921 איז ער ווידער חרוב געוואָרן. מען האָט זיך ווידער אומגעקערט און ווידער גענומען בויען. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז איינס פון די בעסטע פּלעצער פאַר ציטרוס־פּלאַנטאַציעס. און די קאָלאָניע האָט זיך גענומען אַנטוויקלען מיט ריזיקע טריט און עס האָט גענומען וואַקסן אַרום איר אַן אומגעגנט. אין דער נאָענט זיינען פאַראַן „משק האוצר", שכנות אליעזר, צופית, שדה וואַרבורג, קלמניה, רמת הכובש. דאָס שטעטל אליעזר טראָגט דעם נאָמען פון אַ באַרימטן ציוניסט אליעזר לאַנדוי פון ראָדעזיע (דרום אַפריקע). אַז פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג איז געווען אַ דייטשער ייד און פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, ווייסט מען דאָך. די ישובים האָבן דאָ יידן פון אַלע עקן וועלט, פון צפון אַמעריקע אויך. פאַרכאַפּט האָט מיך צופית, וואָס איז אַן אייגנאַרטיקער מושב. ער געפינט זיך אויף אַ בערגל, קנאַפּע ניינציק מעטער איבער דעם ים־ניוואָ און מען זעט פון אים די גאַנצע געגנט. דערפאַר הייסט ער „צופית" (צאָפּיט). מען קוקט פון דאַנען און מען זעט. אין אַ זייט פון צופית בויט די מפאי אַן אַרבעטער אוניווערזיטעט, וואָס הייסט „ברל" (בערל), אויף דעם נאָמען פון בערל קאַצענעלסאָן. צוליב דער מלחמה איז די אַרבעט אַביסל אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער עצם בנין איז שוין אויסגעבויט געוואָרן און ער איז אימפּאָנירט מיט זיינע עטלעכע אָפּטיילונגען. גרויסע זאַלן פאַר קלאַסן, וווינונגס־צימערן, לערן־ און אַרבעטער־צימערן. אינמיטן אַ האַל, קילט מען זיך אין אים אָפּ אין דער גרעסטער היץ. דער אַרכיטעקט האָט מיר דערקלערט, אַז דער דאָזיקער האַל איז געבויט, נעמענדיק אין באַטראַכט די ווינטן, וואָס בלאָזן דאָ און דער גאַנצער בנין איז אייגנטלעך אַזוי געבויט. דער ווינט אַליין איז דאָ דער ווענטילאַטאָר. און ביכער האָט שוין „ברל" — פאַר אַ פּאָר מיליאָן דאָלאַר. אייניקע געלערנטע האָבן אַוועקגעשענקט גאַנצע ביבליאָטעקן דעם אוניווערזיטעט. יידישע ביכער אויך. און זייער אַ סך. יידישע שרייבער, אָט אָ דאָ וועט מען אונדז לייענען אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום אויך. זאָלן מיר אַזוי זיכער זיין מיט ניו־יאָרק און בוענאָס איירעס! בן גוריון איז זייער אייפערדיק קעגן „פּרעמדע" נעמען, ער וויל אַלץ איבערזעצן אויף העברעאיש, אָבער „ברל" מוז ער לאָזן. צו דער אומגעגנט פון כפר

סבאָ דאַרף מען נאָך באַזונדער דערמאָנען „רמת הכובש", אַ ישוב פון אַריבער טויזנט נפשות. אין די יאָרן 1936־39 זיינען דאָ געפאַלן פערצן קרבנות. „כובש" הייסט איינגעמער, האָט מען געמאַכט אַ וואָרט־שפּיל און געזאָגט „כאב ואש" — ווייטיק און פייער.

כפר סבאָ ווערט דערמאָנט אין תלמוד און אין „יוסיפון". פון וואַנען דער נאָמען נעמט זיך, ווייסט מען ניט. ארום כפר סבאָ וווינען שוין היינט קרוב צו צען טויזנט נפשות און דאָס איז דער צענטער פון דרומ־דיקן שרון. אָבער דער דאָזיקער שרון האָט נאָך צוויי וויכטיקע צענטערן — דאָס זיינען רעננה און הרצליה.

קיין רעננה פירט דער וועג דורך די גרויסע אַראַבישע ישובים — קלקיליה און טול כרם. זיי געפינען זיך צופוסנס פון די בערג שומרון און אברהם מאַפּו האָט מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע אַמאָל באַ־שריבן אין זיין „אשמון שומרון" (די שולד פון שומרון) די דאָזיקע געגנט. אין קלקיליה האָט יעקב אבינו גערוט בעת זיין וואַנדערן, דערציילט אַן אַראַבישע לעגענדע. דאָ זאָל זיין דער קבר פון יעקב אָבינוס טעכטער. (דינה, און ווער נאָך?) דער וועג איז דאָ אַן אַלטער און אַמאָל איז דאָ געווען אַ באַרימטער האָטעל, וואָס האָט געהייסן „פונדקאָ רטיבתאָ". י. אַפּאַטאָשו האָט דעם דאָזיקן הארבעריק געגומען פאַר אַ טעמע פאַר אַ זייער פאַרביקער דערציילונג. פון טול כרם גייט אַוועק אַ וועג קיין דזשענין, וואָס איז די גאַנצע צייט פון דער מלחמה 1948 געווען אַ צענטראַלער פונקט. אויף העברעאיש הייסט דזשענין „עין גנים" און עס איז דערמאָנט אין תנך. רעננה ליגט אַ קליין ביסל אין דער זייט פון גרויסן שאָסיי. נ. אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן געגרינדעט אָט די קאָ־לאָניע. אייניקע פון די גרינדער וווינען טאַקע דאָ אַליין און זיי בענקען ניט נאָך אַמעריקע, כאָטש זיי האָבן דאָ שוין איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס. אייניקע אַמעריקאַנער יידן האָבן געהאָלפן זייערע קרובים באַזעצן אין דער געגנט, וואָס איז געווען וויסט און איז פאַר זייערע אויגן געוואָרן פאַרפלאַנצט און בליענדיק (דאָס מיינט אַזיגנטלעך דאָס וואָרט רעננה). רעננה האָט היינט אַ זעקס טויזנט איינוווינער און האָט נעבן זיך אַ דערפעלע א. נ. „גבעת חן" — דאָס בערגל ח'ן (חיים נחמן —ביאַליק). ניט ווייט געפינט זיך דער קיבוץ מצפּת השרון פון השומר הצעיר, וואָס געפינט זיך אויף אַ העכער פּלאַץ פון וואַנען מען זעט דעם גאַנצן שרון. מיר פאָרן דורך אַ פאַרלאָזט אַראַביש דאָרף, וואָס הייסט „הרבת עזון" און מען דערציילט אונדז אַ טשיקאַווע מעשה, אַז די אַראַ־

בער פון דאָרט האָבן אַמאָל פאַרפירט אַ קאַמף מיט דער זון, וואָס איז זיי אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט געווען גלייך אַנטקעגן פּנים און זיי בלינד געמאַכט און פאַרנאַכט האָט זי זיי ווידער געשטאָכן אין די אויגן אַריין. זיי האָבן אַזוי לאַנג געקעמפט ביז וואַנען זיי האָבן אַריבערגערוקט זייערע וווינונגען ביז צום באַרג און די זון איז זיי אַ גאַנצן טאָג און פאַרנאַכט שוין געווען פון הינטן.

הרצליה געפינט זיך אַ פינף קילאָמעטער פון רעננה און זי איז אַלט 23 יאָר — מיט דריי יאָר יינגער ווי רעננה. אויך אָט די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן פון אַמעריקאַנער ציוניסטן. אין אָט דער קאָלאָניע וווינען שוין היינט אַריבער אַכט טויזנט נפשות. פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן אָט די צוויי קאָלאָניעס, אָבער הרצליה האָט אַ באַרג אַרויף, וואָס גיט צו פאַרב און עקזאָטיק דעם גאַנצן ישוב. אויף דעם באַרג אַרויף איז פאַראַן אַ קאַפע און אַ רעסטאָראַן מיט אַ ריזיקער טעראַסע, וואָס ווייזט אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע. איר קריגט זייער ווייניק צום עסן און צום טרינקען ביי די „יעקעס", וואָס האַלטן דעם לאָקאַל, אָבער דאָס אויג זעטיקט זיך דאָ אַזוי, אַז איר דאַרפט מער ווי קוקן. געווען דאָ אַ זומפּ פון וואַסערן, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף דעם באַרג אויף דעם וועג צו דעם זאַמד־פּאַס ביים ים, וואָס איז ניט ווייט פון דאַנען און דער דאַזיקער זומפּ האָט אָנגעאַרבעט צרות און אָנגעפילט מיט קראַנקייטן. היינט איז דאָרט אַ זעלטן געזונטע געגנט. די מוניציפּאַליטעט פון הרצליה האָט געשאָנקען אַ בערגל פאַר די יידישע שרייבער און מען גרייט דאָרט צו בויען אַן אָפּרו פּלאַץ פאַר העברעאישע און יידישע שרייבער. „גבעת הסופר" רופט מען דאָס בערגל. העברעאישע שרייבער האָבן מיך אַרויפגעפירט אויף זייער בערגל. אָשר באַראַש האָט איינגעלייגט וועלטן איך זאָל דאָס זען, אליעזר שטיינמאַן האָט צו מיר גערעדט אויף דעם סאַמע שפּיץ און געהייסן קוקן אין די ווייטסטע ווייטענישן פון גלות און איך האָב דערפילט, אַז מען וועט דאָ מוזן אויסבויען אַ גרויסע היים פאַר דעם יידישן שרייבער אין אַלע שפּראַכן און איבערהויפּט אין העברעאיש און יידיש און אַז מען וועט נאָך דאָ אַמאָל אָנשרייבן גרויסע ווערק.

נעבן הרצליה איז פאַראַן אַ פּרעכטיק דאָרף כפר שמריהו, אויף דעם נאָמען פון דעם קלוגן ציוניסטישן מנהיג שמריהו לעווין, דער מחבר פון אַ מיליאָן וויצן. צום מיינסטן לעבן דאָרט דייטשע יידן, וואָס האָבן איינגעפירט אַן אינטענסיוועווירטשאַפט פון עופות, מילך און פיש. אַ

וויץ, וואָס ניט ש. ל. האָט אים געשאַפן, דערציילט, אַז ווען מען גיט אין כפר שמריהו אַ זאָג אום שבת: „הער דאָקטער", עפענען זיך אַלע פענצ־טער. אָבער זונטיק און מאָנטיק און דינסטיק און אַ גאַנצע וואָך אַרבעטן די אַלע הער דאָקטערס אַלציינס ווי פּראָסטע יידן. און זיי אַרבעטן מיט סיסטעם און מיט אחריות. עס איז ניט ווייט פון ים און עס איז ווי געבוירן פאַר אַ זומער פּלאַץ און עס איז דאָס שוין אין אַ גרויסער מאָס. איך האָב אין כפר שמריהו געטרוימט בשותפות מיט מיין יוגנט פריינט י. ל. טויבמאַן, דער גענעראַל סעקרעטאַר פון קרן קימת אין תל אביב, ביי אַ מיטיק, וועגן אַ באַנייטער טעטיקייט אין אַ באַנייטער יוגנט. דאָ ווערט מען עפּעס יינגער.

מיר פאָרן נאָך דורך אַ מושב, וואָס הייסט רשפון און וואָס האָט אַריבער זעקס הונדערט נפשות און מיר באַקוקן די חורבות פון דער שטאָט רשפון, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנך. דאָ איז פאַראַן אַ קבר, וואָס איז הייליק פאַר אַראַבער, דער קבר פון נביא סידני עלי אבן עולים. (אונדזער האַר עלי בן עולים). איינציקע זאָגן, אַז דאָס איז עלי הכהן. ביים קבר שטייט אַ שוואַרצער שטיין און אַראַבער פּרוּוון אויס די זינד פון יעדן איינעם דורך אָט דעם שטיין. יעדער, וואָס קומט צו אַהער, דאַרף פאַרמאַכן די אויגן און אָנטאַפּן מיט די הענט דעם שטיין. טרעפט ער צום שטיין, איז ער ריין, טרעפט ער ביי דער זייט, איז ער זינדיק. די רוימער האָבן רשפון (ארסוף) גערופן אַפּאָלאָניע. רשפון מיינט פונקען־פייער און אַפּאָלאָ איז דער גאָט פון פייער.

דאָ זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן צווישן די קרייצטרעגער בראש מיט רישאַרד לייבן־האַרץ און די מוסולמענער בראש מיט צלח א־דין. די חורבות האָבן אַלטע קברים און מ׳קען דאָ שטודירן און שטודירן. מיר אָבער פאָרן קיין שפיים. דריי קילאָמעטער פון דאַנען געפינט זיך דער קיבוץ שפיים, וואָס געהער צום קיבוץ המאוחד. איך בין שוין אין אָט דעם קיבוץ געווען איין מאָל און ער איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער קיבוץ, וואָס איך האָב געזען און וועלכער האָט מיר געעפנט די אויגן וועגן דעם גאַנצן ענין קיבוץ. פּאַקטיש איז דאָס אַ קיבוץ אַ מוסטער, וואָס האָט אַלץ, וואָס אַ קיבוץ האָט: אַגראַרע ווירטשאַפט, פיש, אַ שטאַל, אַ מילכעריי, אַ פּאָר פאַבריקלעך, אַ הויז אויף דעם נאָמען פון גע־פאַלענע חברים (בית הארבעה הייסט עס, ווייל פיר חברים זיינען געפאַלן). שפיים הייסט בערגלעך. די געגנט האָט קליינע בערגלעך און אַ סך בערג מיט זאַמד. עס איז גאַנץ שווערלעך צוצוקומען צו דעם קיבוץ און אונ־

דזער קליינער אויטאָ איז בעת מיין ערשטער רייזע אַהער אַ פּאָר מאָל פאַרגריזנעט געוואָרן אין זאַמד און מיר האָבן אים געדאַרפט שלעפּן אין דער היץ אין דרייען.

— אין דרייען?

— איך, דער זשורנאַליסט גערשוני פון פּאַריז און דער שאָפער — אַ יונגע פרוי. דער קרן קימת האָט מיר געשיקט אָנקוקן אָט דעם קיבוץ און איך האָב מיטגענומען גערשונין, וואָס האָט געוווינט מיט מיר אין איין האָטעל. די יונגע פרוי, אַ געבוירענע אין פּוילן, וואָס קען העברעאיש אויף דעם שפּיץ מעסער, האָט קיין יידיש איבערהויפּט ניט געוואָלט ריידן. זי האָט גערעדט דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. זי האָט גערעדט מיט לייכטזין און גרינגשעצונג וועגן די מנהגים פון ישוב. עס האָט מיך שאָקירט, אָבער ניט אויף אַזויפיל, אַז איך זאָל געפינען פאַר נייטיק זיך צו קלאָגן קעגן איר. גערשוני האָט געמאָלדן אין די העכערע אינ־סטאַנצן וועגן דעם. עס האָט אַזש געגרייכט צום געריכט. איך האָב געגעבן אַ גינסטיקע עדות וועגן דער ניט־קלוגער פרוי, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף זי אויסמוסרן און מען דאַרף איר געבן אַ שטיק צייט אַן אַנדער אַרבעט, ווייל אויב צו זיין אַ „מורה דרך”, דאַרף מען האָבן מער ליבע צום גאַנצן לאַנד... קיין שטראָף איז איר, לויט מיין מיינונג, ניט געקומען. אַ מענטש איז פריי צו האָבן אויך נאַרישע גע־דאַנקען. מיר איז דער גאַנצער ענין געוואָרן פיינלעך, ווייל די יונגע, ניט־מיאוסע פרוי האָט פון דער גאַנצער זאַך געוואָלט מאַכן אַ ווייבערישן ענין. זי האָט געזאָגט, אַז גערשוני האָט זיך פאַרליבט אין איר. דאָס איז געווען אַ ניט־טאַקטישער און פיינלעכער אופן פון אַ געריכטלעכער פּראָצעדור. די זאַך האָט זיך פאַרצויגן און אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָוועקפאָרן, האָב איך אונטערגעשריבן אַ גבית־עדות, וואָס אַן אַדוואָקאַט האָט אָנגעשריבן צו ענגליש. איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו אָנשרייבן אַ גבית עדות, ווי איך האָב דאָס געוואָלט מאַכן...

פון וואַסער־טורעם אין שפּיים האָב איך אָנגעזען דעם כרמל אין צפון זייט, דעם חרמון מיט דעם ווייסן שנייקאַפּ און די קייט בערג אפרים מיט דעם הר גריזים — דעם באַרג פון וואַנען מען האָט אַראָפּגערעדט די ברכות. (פון הר עיבל האָט מען אַראָפּגערעדט די קללות).

זעקס קילאָמעטער ווייטער געפינט זיך דער טייך פאַלק, וואָס ווערט אַריינגעגאָסן אין מיטללענדישן ים. אַ געגנט, וואָס האָט ווילדע פייגל און יעגער קומען אַהער. מיר פאָרן דורך אַ גאַנצע ריי ישובים,

יידישע, אַראַבישע. מיר טרעטן אויף געשיכטע. ערגעץ פאָרן מיר דורך א פלאַץ, וואָס אַראַבער האַלטן פאַר דעם קבר פון יעקבס יינגסטן זון בנימין, וואָס זיין צאַרטע מאַמע, די מוטער רחל איז געשטאָרבן פון אים אין קימפעט. מיר קומען קיין תל יצחק (דאָרט האָבן מיר געטראָפן א פאָר ניט־לאַנג אָנגעקומענע חברה פון אַרגענטינע), בית יהושוע. מיר טרעפן בעדואינער, וואָס זיינען באַפריינדעט מיט יידן. רמת השרון איז א שיין שטעטל פון מיטלשטאַנד יידן. עס שמעקט מיט רייכקייט. טייערע לופט און לויטערע וואַסער. אין דער נאָענט קרית שאול, ווו עס וווינען ספרדישע יידן, איבערהויפּט פון סאַלאָניק. דער וועג פירט שוין פון דאַנען קיין רמת גן און תל אביב.

מיר פאָרן צוריק קיין רעננה און דאָרט ווו די וועגן שיידן זיך, פאָרט אונדזער אויטאָ אַריבער אויף דער צפון זייט. ביים אָנהויב האָבן מיר קליינע ישובים. מיר פאָרן דורך „תל מאנד", א ישוב, וואָס אַדאַנק מאָנד, דער שפּעטערדיקער לאָרד מעלטשעט האָט אויסגעבויט. די משפּחה זיוו, איינע פון די רייכסטע יידישע משפּחות אין ענגלאַנד, וואָס קער זיך אָן מחותנשאַפט מיט דער פאַמיליע מעלטשעט, האָט דאָ אויסגעבויט א ווילא. פאַראַן פיינע אַרבעטער דירות. די אַרבעט מאַכן דאָך די אַר־בעטער, ניט די מעלטשעטס און ניט די זיווס... פיר קליינע ישובים האָט דער קרן קימת דאָ אויסגעבויט און צוליב דערציאונג, אָרגאַניזאַציע און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן האָבן זיי זיך פאַראייניקט און זיי הייסן אַלע „בלאָק מאָנד" (גוש מונד). אין דער נאָענט „כפר העם". דאָס איז א דאָרף מיט קנאַפּע אַכט הונדערט נפשות אויף דעם נאָמען פון מחבר פון „רוים און ירושלים" משה העס. ווער נאָך ווי ער האָט געחלומט ועגן בויען אָן אמתדיק נאַציאָנאַל יידיש לעבן אויף דעם באָדן פון די אבות?

מיר פאָרן דורך א גאַנצע ריי קלענערע ישובים, צוויי טראָגן די נעמען פון אליעזר בן יהודה, דער פּיאָנער פון העברעאישריידן אין א"י, קאַרל נעטער, דער גרינדער פון דער אַגראַר שול „מקוה ישראל". אַנ־דערע ישובים הייסן תל צור, באר גנים, קדימה, צור משה, גאולים א. א. וו. מיר קומען אָן קיין כפר יונה, אויף דעם נאָמען פון בעלגישן ציוניסט יונה (דזשאָן) פישער. דאָס דאָרף ליגט אויף א העכער בערגל און מען זעט פון דאַנען כמעט דעם גאַנצן שרון און די בערג אפרים. אין דער נאָענט א שטעטעלע „נחלת השבים" (די ארב פון די אומגעקערטע), וואָס האָט פריער געהייסן „נחלת השוחטים" — די ארב פון די שוחטים. נאָרד אַמעריקאַנער שוחטים האָבן דאָס שטעטל געגרינדעט.

און נתניה געפינט זיך דאך אויך אין שרון. ניט אין צפון און ניט אין דרום, נאר — אין מערב. עס איז א גאנץ גרויסער ישוב מיט קליינע ישובימלעך ארום אים. און ער האט א שיכון עולים — א שטעטל פון אנגעקומענע. נתניה געפינט זיך אין סאמע מיט צווישן תל אביב און חיפה און דארט וווינען שוין היינט מער ווי צען טויזנט נפשות. און די פאלאטקעס האבן עדות געזאגט, אז סאלדאטן זיינען דארט אויך פאראן. און שיסן האט מען דארט אויך זיך געלערנט.

און דאס דאזיקע, וואס אין נתניה וווינט מיין פעטער מאירס זון שורא מיט זיין פאמיליע איז שוין גארניט פאר מיר? מיין טאטנס יינגערער ברודער מאיר, וואס האט געוווינט אין דער פארגוישטער שטאט אקערמאן און וואס איז שוין אליין געווען א סך ווייניקער פרום ווי מיין טאטע און וואס האט געטראגן לעקעך אום שבת, האט צווייי זין מיט משפחות אין ארץ ישראל און אן אייניקל פון עלצטן זון, א טאכטער פון מיין שוועסטערקינד סיאמע, וואס איז געווען עלטער פון מיר מיט עטלעכע יאר און פאר וועלכן איך בין געפארן אנקוקן א כלה אין בעסאראבישן שטעטל ווילקאוו, וואס געפינט זיך פונקט דארט, ווו דער דונאי פאלט אריין אין שווארצן ים. סיאמע איז אומגעקומען אין דער עפאכע פון אונדזער גרעסטן חורבן און זיין טעכטערל האט זיך געראטעוועט און איז אין ארץ ישראל. אפנים געווען א זייער גוטער ייד, דער פעטער מאיר, אויב ער האט זוכה געווען צו האבן צווייי זין מיט קינדער און קינדס־קינדער אין ארץ ישראל און אן אייניקל. מיין טאטע, זיין עלצטער ברודער אלי און זיין ייִנגסטער ברודער נח האבן דאס ניט זוכה געווען.

נתניה איז נאך קיין צוואנציק יאר ניט אלט און זי וואקסט ווי אויף הייוון. זי האט א גאנץ באדייטנדיקע אינדוסטריע פון לעדער, פארב, קאנסערווירטע פרוכטן, בריליאנטן. מען שלייפט דא וואונדערלעכע קליינע איידלשטיינער. און קראמען האט נתניה און ווארשטאטן און רעסטאראנען און קאפעהייזער און א גרויסן קינא. און א פרעכטיקן פאלקסגארטן האט נתניה און טרעפ פירן פון אט דעם גארטן צום ים. דא איז פאראן א גאס דוד המלך און נעבן דעם א זשאבאטינסקי־בולוואר און רעוויזיאניסטן זיינען זייער אנטציקט פון אט דעם צוזאמענטרעף און זיי זאגן, אז זשאבאטינסקי ציט זיין יחוס פון דוד המלך. די פליאזשע איז דא א פרעכטיקע און עס איז פאראן א געזעלשאפט, וואס גיט זיך אפ מיט דער אנטוויקלונג פון ים־ברעג און זיי זאגן, אז דא וועט זיין די

ריוויערא פון ארץ ישראל. אין דער נאָענט פון נתניה געפינט זיך „רמת טיומקין", וואָס רעוויזיאָניסטן האָבן געגרינדעט אויף דעם באָדן פון קרן קימת און ביתרים האָבן זיך דאָרט באַזעצט. היינט וווינען שוין דאָרט אַלערליי יידן. עס ווייזט אויס, אַז אויף דעם פעלד פון אַרבעט האַלטן זיך רעוויזיאָניסטן ניט אַזוי פעסט ווי אויף דעם שלאַכטפעלד.

מיר פאָרן אריין אין מיטלסטן שרון, וואָס מען רופט עמק חפר. ער ציט זיך פון נתניה ביז חדרה אין צפון זייט, אין מערב זייט גייט ער אַוועק ביז אין ים און אין מזרח זייט גרייכט ער ביז טול כרם, וווּ מיר זיינען ניט־לאַנג געווען. אין די ביבלישע צייטן האָט ער געהייסן ארץ חפר. פון שבט מנשה איז אַרויסגעקומען דער דאָזיקער חפר, וואָס די געגנט טראָגט זיין נאָמען ביז היינט. ער איז, אפנים, געווען דער עקס־פּלאָראַטאָר פון אָט דער געגנט. איין העלפט פון שבט מנשה איז פאַרבליבן אין עבר הירדן און ווייל דער סאמע עלצטער האָט געהייסן גלעד, הייסט די גאַנצע געגנט גלעדי און חפר איז אַרויסגעקומען פון זעלביקן גלעד און ער איז אַריבער דעם ירדן. ווען שלמה המלך האָט איינגעשטעלט צוועלף פּאָסטנס (נציבים) אין לאַנד אויף צו איינמאָנען שטייער, איז איינער פון זיי געווען אין לאַנד חפר. ווען יידן זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, איז אָט דער עמק אינגאַנצן געווען פאַרלאָזט און דאָ האָבן זיך געהאַלטן בעדואינער, וואָס האָבן געפּאַשעט שאָף און אַלערליי קנעכט, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע הערן און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער ראָמאַנטישער פרנסה פון איבערפאַלן דורכפאָרער. דאָס ביסל פּויערים (פעלאַכן) האָט דאָ איבערהויפּט זיך אָפּגעגעבן מיט פלוצערן, וואָס האָבן זייער גוט געוואַקסן. ווען דער באַראָן הירש איז דאָ אַרומער דורכגעפאָרן מיט זיין פרוי צוריק מיט אַריבער הונדערט יאָר, האָט זיך די באַראָנעסע אויסגעהונגערט און — אַזוי דערציילט זי אין איר טאָגבוך — זי האָט דאָ געגעסן אוגערקעס, וואָס האָבן געהאַט אַלע טעמים. די באַראָנעסע האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז די געגנט הייסט חפר. געקויפט קנאַפּע פערציק טויזנט דונאַם ערד אין אָט דעם עמק האָט דער קרן קימת אין יאָר 1927. געהאָלפן האָבן דערצו איבערהויפּט די ציוניסטן פון קאַנאַדע.

און ווען יידן זיינען אריינגעקומען אַהער, האָבן זיי געטראָפן דאָס דאָזיקע, וואָס זיי האָבן געטראָפן אין גאַנץ ארץ ישראל: פאַרלאָזטקייט, פאַרוואָרלאָזטקייט, בלאָטעס, זומפּן, נעסטן פון מאַלאַריע און אַנדערע פּעסטן. ערטערווייז זיינען געווען „זומפּן" פון דערנער. דורות לאַנג האָט

מען דאָ ניט אויסגעוואָרצלט די שטעכערס און די ווילדע גראָזן. פונ־דעסטוועגן האָט זיך שוין געפונען ווער עס האָט געריצט די אַראַבער קען דער יידישער עליה. און חלוצים האָבן זיך ניט געשראָקן: זיי האָבן זיך אַ נעם געטון צו זייער שטענדיקער אַרבעט. זיי האָבן גערייניקט, אויסגעוואָרצלט און אָפּגעהיט. זיי האָבן אויסגעטריקנט די בלאָטעס, פאַרפלאַנצט ביימער און זיי האָבן געהאַלטן די ביקסן אין די הענט. עס האָבן זיך אַ לאָז געטון קיבוצניקעס פון אַלע ריכטונגען און „מושביסטן". עס זיינען געקומען חלוצים פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען און פון אַלע לענדער אין איירפּע און אויך פון תימן. דער קרן קימת האָט געגעבן ערד, דער קרן היסוד האָט געגעבן הילף. אַרבעטער האָבן אַריינגעלייגט זייערע אָפּשפּאָרונגען פון שווערער פּראַצע אין פאַרשידענע ישובים, אָפטער זייער לייב און לעבן. מושבים האָט מען דאָ געבויט מער ווי קיבוצים, אָבער אויך קיבוצים פעלן דאָ ניט. היינט זיינען שוין פאַראַן אַ פערציק ישובים אין חפר און קרוב צו צען טויזנט איינוווינער. דער גאַנצער „עמק" האָט אַ צענטראַלע פאַרוואַלטונג, וואָס גיט זיך אָפּ מיט בויען אָרטיקע וועגן, וואַך, פאַרטיידיקונג און רעפּרעזענטאַנץ פאַר דער רעגירונג — פריער דער מאַנדאַטן מאַכט און היינט דער יידישער מדינה.

איך פאָר איבער דעם מיטעלן עמק חפר, וואָס האָט אַ גאַנצע ריי קלענערע און גרעסערע קיבוצים און מושבים. זיי טראָגן אַזעלכע נעמען, ווי כפר ידידיה (אויף דעם נאָמען פון פילון ־ ידידיה ־ אלכסנדרוני, דער עגיפּטיש־יידישער פילאָזאָף, ווייל רייכע יידן פון מצרים האָבן געגעבן דאָס געלט אויף אָט דעם ישוב.) גן חפר, אלישיב, כפר הרואה, חבת ציון. די ישובים משמר חשרון, מעברות און כפר חיים זיינען אויף ערד, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַ קריג און אַ פּראָצעס איבער זיי. די בעדואינער האָבן דאָ געמאָנט זעקס טויזנט דונאַם ערד, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן „אדמת מריבה". די יידן האָבן דעם פּראָצעס געוווּנען און די ישובים האָבן זיך צעוואַקסן.

מיר איז פאַרבליבן מעברות אין זכרון. אַ קיבוץ פון השומר הצעיר, וואָס האָט עפּעס אַ באַזונדער טעם. פאַראַן דאָ דיסציפּלין, אחריות, הארמאָניע. מען שטרענגט זיך אָן און עס שמעקט און מען פילט ניט דעם שוויים. אפילו בלומען פעלן דאָ ניט. אין דער נאָענט זיינען פאַראַן עוקאַליפּט־ביימער און זיי צעטראָגן זיך מיט זייערע אַנגענעמע ריחות. איך געדענק אַ קוואַל צווישן די עוקאַליפּט־ביימער, וואָס דערמאָנען אין ביאַליקס „בריכה". פון אָט דעם קוואַל קומט אַרויס דער טייך אַלעקסאַנ־

דער, וואָס זאָל האָבן דעם נאָמען נאָך פון אלכסנדר ינאי. איבער אָט דעם טייך זיינען פאַראַן צוויי בריקן, וואָס פירן קיין תל אביב. עס האָבן דאָ ניט געפעלט קיין זומפּן, וואָס זיינען געקומען פון די פאַרפלייצונגען. יידן האָבן אויסגערייניקט. עקזאָטיש איז דאָ דער תימנישער ישוב אלישיב, וואָס אַנטוויקלט זיך און אין וועלכן עס וואַקסט אַ מאָדערנע תימנישע יוגנט, וואָס שפּאַנט אַריבער אַכצן הונדערט יאָר געשיכטע. און מיך האָט באַזונדער פאַרכאַפּט דער רעליגיעזער מושב פון הפועל המזרחי — כפר הרואה, די ראשי תיבות פון הרב אברהם הכהן (קוק); פאַראַן דאָ אַן אַגראַרע ישיבה (ישיבה הקלאית), ווו מען לערנט ש׳ס און פּוסקים און מאָדערנע אגריקולטור. עס באַגעגענען זיך דאָ אַלע יאָר־הונדערטער פון דער יידישער געשיכטע מיט דער מאָדערנסטער אַגרי־קולטור. מען היט דאָ אָפּ שטרענג כשר און מען אַרבעט ניט אָן קיין היטל. און למאי זאָל איך פאַרלייקענען. מען איז אין כפר הרואה אברהם אבינוס אייניקלעך אין פולסטן זין פון וואָרט. די הכנסת אורחימדיקייט וואַרעמט אָן, כאָטש ס׳איז היים. מען איז דאָ אומעטום מכנים אורחים־דיק. איך האָב אין ערגעץ ניט געצאָלט פאַר עסן און שלאָפן.

יצחק קאָרין, דער סעקרעטאַר פון „מושב העובדים", מיין בעסאַ־ראַבישער לאַנדסמאַן און מכנים אורח, לאָזט מיך ניט רוען. איך מוז פאָרן זען כפר ויתקין, וואָס איז דער גרעסטער מושב אין גאַנצן לאַנד. ער טראָגט דעם נאָמען פון יוסף ויתקין, וואָס איז דער טאַטע פון דער דריטער עליה (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה) און דער פאָטער פון געדאַנק וועגן דער פאָרם פון מושב, וואָס געפינט זיך אין דער מיט צווישן קיבוץ און קאָלאָניע. מיר פאָרן אַריבער דעם אַלעקסאַנדער טייך און צווישן צוויי רייען ציטרוס־ביימער פון ביידע זייטן, וואָס ווינקען צו אונדז מיט גאָלדענע און גרינע „שטערן", פאָרן מיר אַריין אין דער הויפּטשטאָט פון עמק חפר. שיר־ניט געזאָגט „עמק חפר׳סקאַיאַ סטאָ־ליצאַ". פאַרלאָזט אייך אויף קאָרינען. ער האָט שוין געטון אַלצדינג, אַז עס זאָל זיין פייערלעך. און דער שאָפער אונדזערער, וואָס הייסט אַלציינס ווי אונדזער דיכטער, פיכמאַן, טרייבט דעם דזשיפּ מאַיעסטעטיש און ער טוט אַלצדינג, אַז ער זאָל זיך ניט שאָקלען. ששש... דרך ארץ! מיר פאָרן אין דער עיר חבירה אַריין... עס איז אייגנטלעך טאַקע דער צענטער פון אַ אידייע. דער מושב איז די גאָלדענע מיט אין דער אַגראַרער ווירטשאַפט אין לאַנד. ניט קאָמונע ווי דער קיבוץ און ניט אינגאַנצן אינדיווידועל ווי די מושבה (קאָלאָניע).

דער סיסטעם פון מושב עובדים איז מיר באַקאַנט. פאַר מיין אַוועק־פאָרן פון אַרגענטינע איז צו אונדז געקומען יעקב אורי, וואָס איז איינער פון די גרינדער און באַגרינדער פון אָט דעם ווירטשאַפטס־סיסטעם, וואָס האָט באַדייטנדיקע דערפאָלגן און האָט אַ גרויסע צאָל קלענערע און גרעסערע דערפער, אין וועלכע יעדער אַרבעט טאַקע באַזונדער, אָבער די ערד געהער צום קרן קימת און דינגען קיין אַרבעטער טאָר מען ניט. מען קען אין אָט אַזאַ דאָרף שטיין בעסער און ערגער צוליב געוויסע צופאַלן און ניט־צופאַלן, אָבער אויס אַרבעטער קען מען דאָ ניט ווערן. מען מוז אַליין אַרבעטן. און ווען אַ חבר ווערט קראַנק, מוז מען אים העלפן טון די אַרבעט, יעדנפאַלס מוז מען טון די דרינגנדיקע אַרבעט. דער קראַנקער חבר צאָלט ניט פערזענלעך פאַר אָט דער אַרבעט, אָבער דער דאָזיקער, וואָס טוט די אַרבעט, קריגט דאָך באַצאָלט. מען צאָלט קאָלעקטיוו. די פּראָדוקטן ווערן פאַרקויפט דורך דער קאָאָפּעראַטיווע און איינגעקויפט פאַר אַלע ווערט אויך דורך דער קאָאָפּעראַטיווע. און כאָטש איך ווייס שוין דעם סאַמע עיקר פון דעם סיסטעם, דערקלערט מען מיר און מען דערקלערט מיר. איך האָב אין כפר ויתקין געטראָפן אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס איז אַמאָל געווען אין שליחות פון צעירי ציון (אָדער הפּועל הצעיר) אין אַרגענטינע, חיים חרובי, הייסט ער. דאָרט איז ער געווען אַ ווייסקאָלנערדיקער, אַן אינטעליגענט, אַן אַגיטאַטאָר און דאָ איז ער אַ פּויער גלייך מיט אַלע. ער וויל מיך איבערצייגן, אַז דער מושב־סיסטעם גיט בעסערע רעזולטאַטן ווי דער קיבוץ. די מושבים גיבן מער פּראָדוקטן דעם לאַנד, ווייל אינדיווידועל אַרבעט מען אינטענסיווער. ער וויל מיר געבן ציפערן, אָבער איך נעם זיי ניט. איך שרייב ניט קיין פאָרשונג, נאָר איינדרוקן און די סטאַטיסטיק לאָז איך פאַר ספּעציאַליסטן. דער קיבוץ איז אַ גאָר ניי וואָרט אין דער ווירטשאַפט. עס איז ניט דער וועג צום סאָציאַליזם, נאָר דער סאָציאַליזם אַליין. דער מושב איז אויף דעם וועג צום סאָציאַליזם. מיר פאַלט איין, אַז די קינדער פון די מושב־ניקעס וועלן זיין גוטע קיבוציסטן און זיי וועלן אַמאָל איבערבויען זייער סיסטעם. אַביסל איז דאָס אויך אַזוי, אָבער נאָר אַביסל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין מושב וואַקסן פּאַוואָליע דאָך רייכערע און אָרימערע. פון וואַנען? עס איז אַ מזל זאַך. צוויי משפחות האָבן קי, געבוירט איינע ביקעלעך און איינע טעלעצקעס. ווערן די צווייטע רייכער און די ערשטע אָרימער. עס זיינען פאַראַן נאָך צופאַלן. ביי אייניקע לייגן די הינער זיך בעסער, ביי די אַנדערע — ערגער. אין קיבוץ טיילט מען אויך דעם

גורל גלייך צווישן אַלע, אין מושב איז דער גורל אַן אינדיווידואַליסט. גאָר רייך קאָן מען דאָך ניט ווערן, ווייל די ערד געהער צום קרן קימת און דער קרן היסוד האָט אויך זיין חלק. עס קען אמאָל זיין, אַז די קינדער פון רייכערע זאָלן זיין לינקער, אָבער דאָס איז אין דער פּאָליטיק, ניט אין דער עקאָנאָמיק. די קינדער פון די דאָזיקע מושבניקעס, וואָס עס גייט זיי אַוועק בעסער, ווערן ניט קיין קיבוצניקעס.

איך דערוויס זיך אַ מאָדנע זאַך: דער מושב געהער צום מפא״י. זיינע אָנהענגער זיינען ראַציאָנאַליסטן. יעקב אורי, דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון מושב, איז אַן אולטרא ראַציאָנאַליסט. פון די פּאָר שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, האָט ער זיך מיר אַרויסגעוויזן ווי אַ משכיל פון די גאָר אַלטע צייטן. ער זוכט אפילו אַ נייע פאָרם פון חתונה־פּראָצעדור. (ער איז בייז אויף דער טראַדיציאָנעלער חתונה, ווייל די כתובה איז געשריבן ניט אין העברעאיש, נאָר אין „חצי אשדודות" קוידערוועלש). און דאָך טרעפן זיך מושבניקעס, וואָס גייען אין שול אַריין דאַוונען. אין ראַציאָנאַליסטישן קיבוץ גייען דאַוונען נאָר די טאַטעס פון די מיטגלידער און אין מושב גייען דאַוונען אייניקע מיטגלידער, וואָס זיינען, דאַכט זיך, גאַנץ אַקטיווע סאָציאַליסטן.

מיר ריידן וועגן דער קאָאָפּעראַטיווע און וועגן דעם, צי אַלע קויפן און פאַרקויפן דורך איר. און מען ענטפערט מיר, אַז די ערשטע צייט פלעגט מען באַשטראָפן פאַר קויפן פּריוואַט, היינט פאַרקוקט מען. די קאָאָפּעראַטיווע איז היינט אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז דער מיטגליד דאַרף מער האָבן צו איר, ווי זי צום מיטגליד. און עמיצער דערקלערט עס מיר מיט אַ משל: עס איז אַלציינס ווי ריידן יידיש. אמאָל, אַז מען איז ניט געווען זיכער מיט העברעאיש, האָט מען געקוקט שלעכט אויף דעם ריידן יידיש, היינט איז מען שוין אַזוי זיכער מיט העברעאיש, אַז מען שרעקט זיך ניט.

מען ווייזט מיר דאָס באַזונדערע פון מושב. דאָס פּלאַץ אין מיטן שטעטל, וואָס געהער צום קאָלעקטיוו און וואָס ווערט געריניקט און באַארבעט פון אַלע. פאַראַן סיסטעם, פּלאַן און דורכגעטראַכטקייט אין מושב.

כפר ויתקין האָט אַ שיינעם בית עם. מען פּראַוועט אין אים שיינע יום טובים און בשעת מלחמה האָט ער געמוזט ווערן אַ קריגס־פּאָזיציע. מען פּראַוועט דאָ שיינע יום טובים. באַזונדער פייערט מען דאָ שיין אום שבועות דעם יום־טוב פון די ביכורים. מען ברענגט פון אַלע זייטן

די ערשט־פּאַרטיק געוואָרענע שפּראַצונגען. מען האָט דעם דאָזיקן יום־טוב געוואָלט צענטראַליזירן, האָבן פרומע יידן ניט געלאָזט. אַ צענטראַלן ביכורים יום טוב מעג מען מאַכן נאָר אין בית המקדש. ביים דאַך פון בית עם איז פאַראַן אַ גרויסע חנוכה־מנורה. די מערסטע פאָלקס־הייזער פון ישוב האָבן דאָס. אַז מען צינדט אָן אין כפר ויתקין די חנוכה־מנורה, זעט מען די שיינען אין גאַנצן עמק חפר.

פון דאַך פון פאָלקס־הויז זעט מען אָן אַלע ישובים פון עמק חפר. אַלץ ליגט דאָ ווי אויף דעם טעלער. מען זעט אַ סך פינטלען, וואָס באַוועגן זיך. מען אַרבעט אין זיי ווי אין בינשטאָקן און מוראַשניקעס.

מה טובו אוהלך, עמק חפר!

איך קוק זיך אַרום און איך זע נאָך אַ פּאָר ישובים. אין דער נאָענט „בית ינאי" אויף דעם נאָמען פון קיסר אַלעקסאַנדער יאַנאַי, וואָס האָט איינגענומען דעם שרון פאַר דעם מלכות פון די חשמונאָים. מענטשן גיבן זיך דאָ אָפּ מיט שאַפן באַדפלעצער און דער קרן קימת און דער קרן היסוד האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר דעם. דער שאָ־סיי גייט דאָ אַוועק ביז צום ים און דער ברעג איז טאַקע ניט ווייט. אָט אַ דאָרט אָ וועט אין אַ צייט אַרום פאָרקומען די טראַגעדיע מיט דער שיף אַלטאַלענאַ, וואָס איז דאָרט אַרומער אָנגעקומען. איך האָב ניט געוווּסט דעמאָלט, אַז עס וועט דאָרט פאָרקומען, אָבער איך האָב גע־ווּסט דערנאָך, אַז עס איז דאָרט פאָרגעקומען. אַ שיין פּלאַץ, אַ וווּנ־דערלעכס. עס האָט דאָרט ניט געמוזט פאָרקומען דווקא אַ בלוטיקע און זינלאָזע טראַגעדיע...

גאַנץ אינטערעסאַנט איז פאַר מיר געווען דער מושב אביחייל, אין וועלכן עס וווינען דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן פון לעצטן וועלט־קריג. פאַ־ראַן אַ סך ישובים פון דעמאָביליזירטע. מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט און געבלוטיקט אינאיינעם, בויען דערנאָך אַ בשותפותדיק לעבן. אַלע סענטימענטן ווערן דאָ אויסגענוצט. לאַנדסמאַנשאַפטלעכע, שיפסברי־דערלעכע א. א. וו. און אַלע אינאיינעם צילן צו שאַפן איין פאָלק. און אַלץ אין מיר פרעגט:

— וועט ווערן איין פאָלק, צי וועלן בלייבן סעקטעס, וואָס פירן קאַמפן צווישן זיך?

און אַלץ אין מיר ענטפערט:

— עס וועט דאָך ווערן אַ יידיש פאָלק, ווייל מען מאַכט אויך עקאָ־

נאָמישע עקספּערימענטן, וואָס וועלן אַזוי גיך ניט אָפּשאַפן קיין רייכ־קייט, אָבער אָרימקייט וועלן זיי אינגאַנצן אָפּשאַפן.

פאַרלאָזט אייך אויף קאָרינען. ער האָט מיך שוין געפירט אין כפר

י. קורין, י. באַטאָשאַנסקי און א מיידל מיט אַ הון
אין כפר מונש

מונש אויך. אַ מושב, וואָס האָט אַ גרויסע דרוקעריי און ספּעציעל אַ דרוקעריי פאַר מאַפּעס. בעת דעם קריג איז דאָס באַזונדער וויכטיק. די דרוקעריי פאַרנעמט אין אָט דעם מושב ניט ווייניקער פּלאַץ ווי די אַג־

ראַרעווירטשאַפט. און מען ווייזט מיר די דרוקעריי און מען ווייזט מיר, וואָס עס פעלט און מען ווייזט מיר אויפטו פון פיינע ספּעציאַליסטן און איך דערפיל, אַז די דאָזיקע דרוקעריי וועט פאַר דעם דאָזיקן ישוב מיינען ניט ווייניקער ווי דער בעסטער רפת אינייִנעם מיט דעם בעסטן לול. און אַ מאָדנע זאַך: כפר מונש (מאָנאַש) געפינט זיך אין שמאָלסטן פּאַס פון לאַנד. פון איין זייט אַ זיבן קילאָמעטער פון דער גרעניץ און פון דער אַנדערער זייט אַ פיר קילאָמעטער. געפינען מיר זיך פון דעם פראָנט פון איין זייט אינגאַנצן אַ דריי קילאָמעטער, ווייל איין קילאָמעטער זיינען די אַראַבער אַריינגעקראָכן. הערט מען טאָקע שיסן פון דער נאָענט. און עס איז טאָקע דאָ אַן „עמדה" פון וואַנען מען שיסט. און מען אַרבעט דאָך רואיק אין דער דרוקעריי און אין דער גאַנצער ווירטשאַפט און אַ מיידל פון מושב ברענגט מיר אַרויס אַ ווייסע כפרה צום געדענקען, אַז איך בין געווען אין כפר מונש, כאָטש נעם אָט דער כפרה און פיר זי אַוועק קיין בוענאָס איירעס. פיר איך אַוועק דעם וואַרעמען בליק פון דער חנוודיקער מויד. אַ מאַפּע וואָס איז דאָרט אָפּגעדרוקט האָב איך יאָ אַוועקגעפירט פון דאָרט און אַ בילד פון מיידל מיט דער הון און פון מיר אַליין.

מיר זיינען דורכגעפאָרן „ביתן", אַ מושב, וווּ עס האָבן אַ צייט געוווינט די ערשטע צוואַנציק חלוצים, די „קבוצת העשרים", וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פלאַנצן עוקאַליפּטביימער, וועלכע די אַראַבער האָבן געהאַלטן אין איין אויסרייסן, ניט ווינסדיק, אַז די דאָזיקע ביימער ברענגען אויך פאַר זיי געזונט.

דער עמק חפר האָט אויך אַ מזרחדיקן טייל. מיר איז פאַרבליבן דער נאָמען פון אַ מושב, וואָס האָט מיר געקלונגען מאָדנע: חגלה. וועך איז די חגלה? צלפחדס אַ טאָכטער. אין חומש ווערט דערציילט, אַז צלפחד האָט געהאַט נאָר טעכטער און ניט קיין זין און אַזוי ווי די טעכטער האָבן געהערט, אַז מען טיילט איין נחלות נאָר צווישן זין, זיינען זיי געקומען מיט טענה. אַ מענטשלעכער פּראָבלעם איז דאָס. איינע פון די טעכטער האָט געהייסן חגלה. האָט מען דעם מושב אַ נאָמען געגעבן איר נאָמען, ווייל ערגעץ דאָ האָבן צלפחדס טעכטער באַקומען זייער נחלה. מען בויט דאָס לאַנד פּאַרט מיט דעם תנך אין זכרון און אין דער האַנט. אַ מדרש זאָגט, אַז ווען מען וואָלט ניט געווען געגעבן די טעכטער פון צלפחד זייערע נחלות וואָלט ארץ ישראל ניט ראוי געווען, אַז דאָס בית המקדש זאָל דאָרט געבויט ווערן.

מיר פאָרן אַרויס פון עמק און מיר זיינען צוריק אין שרון. מיר פאָרן קיין זכרון יעקב, איינע פון די עלצטע קאָלאָניעס אין לאַנד. מיר געפינען זיך ביי דער דרומדיקסטער זייט פון כרמל. פּאַקטיש איז עס דאָרט, ווו דער באַרג כרמל הייבט זיך אָן, ווען מען פאָרט קיין חיפה פון תל אביב. מיר פאָרן פאַרביי תל צור, וואָס איז פון די געציילטע ביתרישע קבוצות אין לאַנד. מען רעדט שוין זייט לאַנג וועגן אַריבער־ברענגען די ביינער פון באַראָן ראָטשילד און זיין פרוי אַהער און אויפ־שטעלן זיי אַ הויכע מצבה און אַרומרינגלען זי מיט אַ גרויסן פּאַרק. ביים קבר, זאָל שטענדיק ברענען אַ נר תמיד. באַראָן ראָטשילד, דער נדיב הידוע האָט זייער אַ סך געהאָלפן אויסבויען ארץ ישראל. ווען שלום עליכם וואָלט דערלעבט די רעאַליזירונג פון אָט דעם פּלאַן, וואָלט ער געווים געוועזן עפּעס דערמאָנט וועגן דעם אין זיין „ווען איך בין ראָטשילד”. אייגנטלעך געפינען מיר זיך ביי די ברעגן שומרון (אפרים) און פּאַקטיש הייסט די דאָזיקע געגנט שומרון.

זכרון יעקב איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1882 פון רומענישע ייִדן. זי געפינט זיך אויף אַ גאַנץ הויך בערגל און מען פאָרט אַריין דורך וויינגערטנער און איילבירט־וועלדער. מיר זיינען לערך 180 מע־טער איבער דעם ים ניוואָ און מיר זעען די גאַנצע געגנט ווי אויף דעם טעלער. דאָ האָט מען אָנגעהויבן מאַכן דעם באַרימטן כרמל־וויין און מיט רעכט. דער וויין, וואָס ווערט דאָ געמאַכט, שטאַמט דאָך טאַקע פון באַרג כרמל. ביים אָנהויב איז דאָ געגאַנגען ניט גוט. עס האָט געוואַקסן און ס'איז קאַליע געוואָרן. די וויינשטאָקן האָבן געליטן פון אַ שווע־רער קראַנקייט. די וויינגערטנער (כורמים) האָבן געבראַכט לאָזעס פון נ. אַמעריקע, וואָס זיינען אימון קעגן דער קראַנקייט. דער באַראָן עד־מאַנד ראָטשילד האָט איבערגענומען די קאָלאָניע און ער האָט איר גע־גיבן דעם נאָמען פון זיין טאַטן יעקב. זכרון יעקב האָט אַ באַפעלקע־רונג פון אַריבער דריי טויזנט איינוווינער. אין דער געשיכטע פון ישוב האָט זכרון יעקב געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע. דאָ איז אין יאָר 1902 פאָרגעקומען די ערשטע „כנסיה” (צוזאַמענפאָר) פון גאַנצן ישוב, וואָס איז געוועזן דער ערשטער פּרווו צו פאַרייניקן דאָס נייע ארץ ישראל. דאָ האָט געוווינט דער באַרימטער פאָלקס־דאָקטאָר הלל יפה, וועלכן הערצל האָט געשיקט אויספאָרשן דעם מדבר סיני. ער האָט אַ סך אויפ־געטון אין קאַמף קעגן דער מאַלאַריע. ער איז אויך איינער פון די באַ־דייטנדיקסטע היסטאָריקער פון ישוב. דאָ איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד

שרה אהרנסאָן, די שוועסטער פון אחרון אהרנסאָן, וואָס האָבן ביי־דע געגרינדעט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה די שפּיאָנאַזש אָרגאַ־ניזאַציע „ניל״ (נצח ישראל לא ישקר) לטובת ענגלאַנד. די טערקן האָבן די קאָלאָניע אַרומגערינגלט, זוכנדיק שרה׳ן און בכדי ניט אַריינ־צופאַלן אין זייערע הענט, איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָ איז פאַר־בליבן די ביבליאָטעק און די גרויסע געוויקסן־זאַמלונג פון אהרון אהרנסאָן. דאָ זיינען פאָרגעקומען גאַנץ שווערע קאַמפן פאַר דער רעכט פון יידישער אַרבעט. אויך דאָ האָבן די קאָלאָניסטן געקעמפט קעגן יידי־שער אַרבעט. זיי האָבן געמוזט איינגיין אין יאָר 1908 אויף יידישער שמירה. אליעזר קראַל, אַ ייד מיט אַ גרויע באָרד, וואָס איז ניט־לאַנג געוועזן אין אַרגענטינע אין אַן ארץ ישראל שליחות, איז אין זכרון יעקב געוועזן אַ לאַנגע צייט דער שומר פון שייער און ווייל ער און זיין פרוי חיה האָבן געאַרבעט אינגאַנצן אומזיסט, האָט מען דאָרט געקענט שאַפן אַן אַרבעטער קיך. איך האָב זיך דערמאָנט די באַשרייבונג פון אסתר בוקר אין בוך „העליה השניה״ פון דעם דראַמאַטישן געראַנגל, וואָס קראַל האָט געהאַט מיט אַן אַראַבער, וואָס האָט צוגעגאַנוועט אַ זאָטל. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז וואַנען אליעזרס רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן. דער אַראַבער איז אַנטלאָפן און אליעזערס אָרעם איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און דאָס העמד האָט אויף אים געברענט. אסתר בוקר דערמאָנט דעם הונט „פיניע״, וואָס איז געוועזן זייער געטריי און וואָס האָט אויפגעוועקט אליעזרן אים צו וואָרענען קעגן דער גנבה.

אַז מען גייט אַרויף אויף דעם וואַסער טורעם אין זכרון, זעט מען און מען זעט ווייט און ברייט און ארץ ישראל הערט אויף צו זיין קליין, עס ווערט גרויס. מען זעט אויך די שול „אוהל יעקב״, וואָס געפינט זיך אין דער נאָענט און דעם בית עולם, וווּ עס ליגט שרה אהרנסאָן, די העלדין פון נאָך ניט אָנגעשריבענעם יידישן ראָמאַן. אָך, יאָ... אין זכרון האָב איך געהערט דאָס געשמאַקע, זאַפטיקע און אומגעהובליעוועטע רו־מענישע יידיש, וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט און איך האָב דאָרט געטראָפן אַן אַלטן מאָינעשטער יידן. מאָינעשט איז אַ קליין שטעטל אין דער מאָלדאַווע, וווּ עס זיינען געוועזן אַ סך ציוניסטן און עס האָט זיך געשאַפן אַ ווערטל „דורך מאָינעשט קיין ארץ ישראל״.

די געגנט איז דאָ אַ שיינע און עפּעס דערמאָנט זי אין שיר השי־רים. מען זעט דאָ אַראַבישע פּאַסטוכער מיט שוואַרצע שאָף און מיט גאָר ווייסע. מען זעט דעם שיר השירימדיקן „עולים מן הרחצה״ — די

שאָף גייען אויף פון וואַשן. עס פעלט נאָך, אַז דער פּאַסטוך זאָל אויס־שפּילן אויף אַ פּייפל — אני לדודי ודודי לי... דער וועג גייט דאָ אַוועק קיין מזרח זייט צום עמק יזרעאל און קיין מערב זייט צום ים. אונטן, קיין מזרח צו, איז אַ גרויסער, געבענטשטער טאָל מיט איילבירטניקעס און וויינגערטנער. ביי אַט דעם טאָל געפינט זיך דאָס אַראַבישע דאָרף פּאַראַדיס. דער נאָמען שטאַמט נאָך פון די רוימער. די אַראַבער פון פּאַראַדיס זיינען ניט אַנטלאָפן, זיי לעבן גוט מיט די יידן. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אַביסל רכילות, וואָס איך דערצייל אי־בער צוליב קאָליר. זאָל מען ניט מיינען, אַז איך שרייב וועגן מלאכים. אַראַבערנס פון פּאַראַדיס האָבן געאַרבעט — און אַרבעטן נאָך היינט — אין זכרון יעקב און מען זאָגט, אַז דאָס איז דאָס איינציקע אַראַבי־שע דאָרף אין ארץ ישראל, ווו עס דרייען זיך אַרום בלאָנדע און רויטע קינדער. מען רופט דערפאַר פּאַראַדיס „ממזריה" אָבער מאַלע, וואָס מען זאָגט. עס איז מסתמא אַ ליגן.

פאַראַן דאָ היילן, וואָס זאָלן שטאַמען פון די פּרעהיסטאָרישע צייטן און וואָס זאָלן האָבן געוועזן זיין די היימען פון אדם הראשונס זיידעס. מיר פאָרן דורך די שול־קאָלאָניע מאיר שפיה. אויך אָט די קאָ־לאָניע טראָגט דעם נאָמען פון אַ ראָטשילד, דעם סאַמע גרינדער פון אָט דער דינאַסטיע, וואָס האָט געהייסן מאיר אנשל. דאָ האָט ישראל בעל־קינד געגרינדעט אין יאָר 1904 דעם אַנשטאַלט פאַר די יתומים פון קעשענעווער פּאָגראָם; דאָ עקזיסטירט אויך אַן אַגראַר שול פאַר יינג־לעך און מיידלעך, וואָס „יונג־הדסה" שטיצט. ביאַליק איז אַ שטיק צייט געווען אין מאיר שפיה און אין אַ ליד וועגן אָט דעם פּלאַץ, באַזינגט ער באַזונדערס די מיידלעך, וואָס וואַקסן דאָ צווישן פעלזן און בערג־לעך און „זייערע שוועסטער זיינען די פייגל און זייערע ברידער די שטערן אין הימל". און אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער געפינט זיך די קליי־נע קאָלאָניע בת שלמה אויף דעם נאָמען פון דעם ווינער סאָלאָמאָן ראָטשילד. די גאַנצע געגנט שמעקט מיט ראָטשילד, אָבער קיינער איז דאָרט ניט ראָטשילד. דער איינציקער ראָטשילד וועט אַמאָל, ווי איך האָב אייך דערציילט, ליגן אין תל צור מיט אַ נר תמיד צוקאָפּנס.

דאָ לויפט דער טייך ערוץ און פאַראַן אַרום אַ סך אַראַבישע דער־פער, וואָס נאָר אין אייניקע זיינען געבליבן אַ ביסל אַראַבער. איך האָב געזען אין יענער געגנט ווי פון דאָרף מאַנטאַר האָט מען אַרויסגעפירט אַראַבער צו דער גרעניץ. מען האָט זיי אַנטוואָפנט און זיי האָבן זיך

געבעטן מען זאָל זיי אוועקשיקן. זיי האָבן געגוג כוליגאַנעוועט. איך האָב געזען עלטערע אַראַבער זיצן אויף אייזלען און זייערע יונגע ווייבער — צו דריי און פיר — זיינען נאָכגעגאַנגען צופוס. שלום אַש איז שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם טראַט פון דעם אייזל. ער זאָגט, אַז קיין שום באַשעפעניש שפּאַנט ניט אַזוי עלעגאַנט ווי דאָס אייזל. (דאָס אַראַבישע ווערטל זאָגט דאָס אויך). און מ׳קען ניט לייקענען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע גראַציע אין שפּאַן פון אייזל, אָבער אויך די אַראַבערנס שפּאַנען גאַנץ גראַציעז און ניט ווייניקער געדולדיק ווי די אייזלען.

מיר פאָרן קיין צפון און מיר מיידן איצטער אוים דעם היסטאָרישן פּאָרט קיסריה. מיר פּרוּוון דווקא יאָ אַריינפאָרן אין אים, אָבער דער וועג איז ניט קיין אספּאַלטירטער און אפילו ניט קיין גוט אויסגעשלאָגענער און גראָד פאָרן מיר דאָ ניט מיט קיין דזשיפּ, נאָר מיט אַן אויטאָ און מיר ווערן פאַרזונקען און מיר שלעפּן מיט שווערער מי אַרוים די מאַשין. מיר פאָרן דורך בנימינה, וואָס האָט נאָך אַלץ דעם נאָמען פון אַ ראָטשילד (דער נדיב הידוע האָט געהייסן בנימין און גערופן האָט מען אים עדוארד). דאָס איז אַ פּיק׳א קאָלאָניע, וואָס האָט אַ צוויי טויזנט איינוווינער. מיר פאָרן דורך די קאָלאָניעס ירעוניה, גבעת עדה. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן דאָ יידן געהאַקט וועלדער פאַר דער טערקישער אַרמיי און זיי האָבן זיך דורכדעם באַפרייט פון מיליטער דינסט. אין יאָר 1948 זיינען אַראַבער דאָ איבערגעפאַלן און צוגעכאַפּט דריי יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געאַרבעט און דערנאָך האָט מען געפונען זייערע טויטע קערפּערס. מיר פאָרן דורך דעם קיבוץ משמרות (פון חבר הקבוצות). ער איז געגרינדעט געוואָרן פון סאָוויעטישע חלוצים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט הכשרה אין קרים אויף אַן אומלעגאַלן אופן. צו זיי זיינען צוגעקומען ליטווישע און לאַטווישע חלוצים. דעם באָדן האָט געגיבן דער קרן קימת און אַ טייל אויך די פּיק׳א. עס לעבן היינט שוין אַ פינף הונדערט נפשות אין משמרות און די קבוצה האָט אַ וואונדערלעכן עסצימער און זי האָט עטלעכע „טראָפּייען״ פון קיסריה — זיילן פון גראַניט. און זי האָט וואַרעמען אָטעם. און יידיש האָט מען דאָרט ליב. און מען גיט דאָרט אַ לייען יידיש מיט שיר השירימדיקער ליבע. אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק האָט מיר געזאָגט: „ניין יאָר בין איך אין לאַנד און אַז איך דערהער אַ יידיש וואָרט, ווער איך פאַרציטערט״...

מיר פאָרן דורך פּרדס חנה, אַ פּיק׳א קאָלאָניע פון אַריבער דריי

טויזנט נפשות. די קאָלאָניע געפינט זיך אין אַ פאַרמאַכטן טאָל, אַן אַרומגערינגלטע מיט בערגלעך. חנה האָט געהייסן דעם ענגלישן באַראָן נייטען ראָטשילדס טאָכטער. טשערקעסן האָבן דאָ אַמאָל געפּרווט זיך באַזעצן, אָבער זיי האָבן ניט געקענט איינגעמען די ערד, וואָס האָט זיי ניט געפאָלגט און האָט זיי גאָרניט געגעבן. יידן האָבן יאָ געקענט. שלום אַש באַשרייבט אַ יידן, וואָס האָט אין עמק יזרעאל טאַלאַנט צו ארץ ישראל, עס ווייזט זיך אויס, אַז כמעט אַלע יידן האָבן דאָ געהאַט טאַלאַנט צו ארץ ישראל. אין דער נאָענט אַ פּיק'אַ שטעטל תל צבי מיט אַן אַגראַרער מיטל־שול פאַר אַריבער הונדערט תלמידים. גן השומרון, עין שמר, כפר גליקסאָן, עין עירון, כפר פּינס, כרכור... קיבוצים, מושבים, קאָלאָניעס. אומעטום ווייזט מען דעם שטאָל, די שטייג, דאָס עסצימער, שטיקלעך אַרכיוו און מען דערציילט מעשהס און מעשהס. אומעטום איז עפּעס געשען. אָט איז מען אין שרון און אָט אין שומרון. מען פאָרט אַהין און צוריק. מאָמענטנווייז ווייסט שוין דער שאָפער אַליין ניט, צי מיר זיינען אין שרון, צי אין שומרון. ער ווייסט אויך ניט, וואָס עס מיינט כרכור. עס איז אַן אַראַבישער נאָמען, אָבער דער פּירוש איז פאַר־לוירן געגאַנגען. עס וווינען דאָ אויך עטלעכע ענגלישע יידן.

—טאַקע בפועל ממש ענגלישע יידן?

— זיי שטאַמען „אַביסל” אויך פון רוסלאַנד און פּוילן...

אין דער נאָענט אַ קליין דאָרף, וואָס הייסט „טשערקעס”. אויך דאָ האָבן טשערקעסן געפּרווט זיך איינאָרדענען און זיי האָבן ניט אויס־געהאַלטן. מיר פאָרן פאַרביי גן שמואל, וואָס איז אויך געגרינדעט גע־וואָרן אין יאָר 1893, ווען ר' שמואל מאָהילעווער איז געוואָרן אַ בן שבעים. דער הויפּטציל איז געווען צו מאַכן אַן אתרוגים־גאָרטן און דער ריווח זאָל גיין פאַר דעם בויען דאָס לאַנד. אַ מושב „כפר ברנדים” אויף דעם נאָמען פון באַרימטן נ. אַמעריקאַנער ריכטער און ציוניסטישן מנהיג בראַנדייס חפצי בה, חוף הים, נוה חיים, שכונת יצחק. איך גע־דענק דעם גרויסן וואַלד אין חפצי בה. ער איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אויף אַ פלאַץ פון אַ שרעקלעכן זומפּ, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ פּעסט אַרום. אָט אין דעם שטעקט די שולד פון די יידן אין ארץ ישראל. זיי האָבן געמאַכט וועלדער דאָרט ווו עס זיינען געווען זומפּן. אַ גרויסע זינד.

און מיר זיינען אין חדרה. אין דער עלטסטער קאָלאָניע אין שרון. ז' איז נאָך פּתח תקוה די צווייטע־גרעסטע קאָלאָניע אין לאַנד. אין שטח איז זי די ערשטע. די קאָלאָניע איז געבויט באַרג אַרויף. אייניקע שטי־

בער געפינען זיך גאַנץ הויך. חדרה האָט שוין היינט אַריבער צען טויזנט איינוווינער. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1891 און צוריק מיט זיבן יאָר האָט מען געפייערט איר פופציק־יאָריקן יובל. אן אַלטער ייד, וואָס איז געקומען א ייִנגער בחור אַהער, האָט מיר דערציילט ווי אַזוי עס האָט „דעמאָלט" אויסגעזען. דער זקן האָט פאַרזשמורעט די אויגן און זיי פאַרדעקט מיט די ווייסע ברעמען און ער האָט צוגעשאָקלט די ווייסע באָרד: „איר זעט דאָרט אויבן, נעבן דער שול? דאָס איז דער האַן. איר ווייסט, וואָס א „האַן" מיינט?

— איך בין א רומענישער. איך ווייס. אין בעסאַראַביע און אין רומעניע זיינען אויך פאַראַן דאָרפישע אכסניהס אַזעלכע, וואָס מען רופט האַנען.

— אָט אַ דאָס איז עס. ווען מיר האָבן אָפּגעקויפט אָט דאָס פּלאַץ, האָבן מיר זיך די ערשטע באַזעצט אין אָט דעם האַן. צען פאַמיליעס זיי־נען מיר געווען און יעדע האָט באַקומען א קליין און פינצטער צי־מערל. וואַסער איז געווען אין אַ גרוב און מען האָט געשעפּט מיט בלעכן. און זומפּן מיט פליגלעך, וואָס האָבן פאַרשפּרייט פליגן, האָבן אויך ניט געפעלט. אין איין חדרל איז געווען די שול צום דאַווענען און די תלמוד תורה. אין דריי יאָר אַרום האָבן מיר פאַרפלאַנצט דעם ערשטן פּרדס און אין פיר יאָר האָבן מיר פאַרפלאַנצט עוקאַליפּט־ביימער. מיר האָבן געאַרבעט. עס זיינען געקומען אַרבעטער צו אונדז. מיר האָבן זיך אויך געקריגט מיט יידישע אַרבעטער, אָבער ווייניקער ווי אין פתח תקוה און ראשון לציון. די אַרבעטער די יידישע האָבן דאָ געמאַכט אַ קיך און אַ קאָמונע. היינט האָבן זיי אויך באַזונדערע וווינונגען פאַר די קינדער. און וואָס האָבן מיר דאָ היינט ניט? אַ שול צום דאַווענען און עטלעכע שולן פאַר קינדער. אַ גימנאַזיע אויך. מיר האָבן שוין זייט דרייסיק יאָר אַ אייזנבאַן. איין וועג פירט קיין עפולה אין עמק, אַ צווייטער וועג גייט קיין מערב זייט צום ים. די באַן גייט אַהער פון חיפה און גייט אַוועק קיין לוד און מצרים. צו אונדזער יובל האָט מען געשריבן וועגן אונדז, אַז העלדן האָבן זיך דאָ אָנגעכאַפּט אין דער ערד אויף לעבן און טויט. אַמאָל זיינען דאָ געווען אַ סך בחורים און זייער ווייניק בחורות. מען פלעג דאָ זינגען:

בוקר, בוקר

צעירות ביוקר.

(מאָרגן, מאָרגן — מיידלעך זיינען טייער. אויב איר ווילט דווקא אַ גראַם, זינגט: „שייער, שייער, מיידלעך זיינען טייער).

היינט זיינען דאָ מענער און פרויען און אָרגאַניזאַציעס און קלובן און אַ קינאָ און טעאַטער קומט אַהער. און עס איז אַ לעבן. אָבער דער בית עלמין דערציילט אַ סך. אייניקע זיינען דאָ געשטאָרבן פון פיבער, אַנדערע זיינען געפאָרן זיך היילן אין אַנדערע שטעט און זיינען פון דאָרט שוין ניט צוריקגעקומען.

חדרה האָט נחת פאַר דעם צער. ווען מען האָט געפייערט דעם יובל פון חדרה, האָט מען די לעבן־געבליבענע ראשונים געגעבן דאָקומענטן אַלס „חאַן־בירגער". דער ייד, וואָס האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע, וואָס איז די געשיכטע פון חדרה, האָט מיר געוויזן אַזאַ דאָקומענט. עס זאָגט זיך אין אים: „זאָל דאָס זיין פאַר אַ באַווייז אין דיין האַנט, אַז בעת דער יובל פייערונג פון חדרה, ביזטו מכבד געוואָרן מיט דעם טיטל „חאַן־בירגער", אלס לוין פאר די יסורים, וואָס דו ביזט אויסגעשטאַנען אין „חאַן", אין אָנהויב פון חדרה". די נאָענטסטע גאַס הייסט „רחוב הגבורים".

חדרה האָט אויך אַ פּאָר קלענערע ישובים אין דער נאָענט. פּאַראַן אַ תימניש דאָרף נחליאל און די קאָלאָניע „גבעת בילו", ווייל די „בילו" האָט געגרינדעט חדרה. פּראָפ. א. ל. סוקעניק, וואָס האָט געפאָרשט די דאָזיקע געגנט, האָט געפונען אין דער ערד פאַרשידענע כלים פון דער שטיין און קופּער עפּאָכע. ער האָט געפונען אַ קאַסטן פאַר מתים אין דער פאָרם פון אַ שטוב. דאָס פלייש האָט מען אַוועקגעשניטן און מען האָט נאָר געלאָזט די ביינער. דעם קאַסטן האָט מען אַוועקגעפירט אין רעגירונג מוזיי פון ירושלים.

און אָט ענדיקט זיך מיין רייזע איבער שרון, עמק חפר, שומרון. צוריק מיט אַ פּאָר און פופציק יאָר איז דאָ געווען אַ טראָפּן לעבן און אַ ים טויט, היינט איז פאַרקערט. אַן אַראַבישע מעשה, וואָס אַלע טוריסטן־ביכער ברענגען, דערציילן, אַז אַ קינד האָט געפירט זיין זיידן, וואָס איז בלינד געוואָרן, רייטנדיק אויף אַן אייזל. האָט דאָס קינד געזען ווי דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן אין איין בייגן און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט דער אַלטער געענטפערט, אַז ער געדענקט דאָביימער. דעמאָלט זיינען שוין קיין ביימער ניט געווען. ווער ווייסט ווי לאַנג עס זיינען קיין ביימער ניט געווען. און דער בראשית פון דער יידישער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן ניט היינט, נאָר דעמאָלט

ווען מען האָט גענומען פלאַנצןביימער אין חדרה. היינט זיינען דאָ אַ סך ביימער. אַלערליי פרוכטן, עוקאַליפּט- און אתרוגים-ביימער און אַלערליי אַנדערע ביימער און עס וואַקסט און בליט און עס גייט אויף אַ זינגענדיק לעבן. עס איז טאַקע ווי יעקב פיכמאַן האָט געזונגען אין אַ ליד וועגן שרון:

מקום שם מאות בשנים
שממון מות קנן,
דור מזומן לחיים
קם, ועובד ומרנן.

דאָרט ווו הונדערטער יאָרן האָט די וויסטקייט פון טויט געקלאָגט, איז אַ דור, א גרייטער צום לעבן אויפגעשטאַנען און ער אַרבעט און זינגט.

XVI

טאַקע ווי דוד מיט גליתן און טאַקע ווי אין על הנסים

און די מלחמה האָט זיך געצויגן. מען האָט גערעדט, אַז עס האַנדלט זיך נאָך וועגן טעג, אָדער שעהן, עס זיינען די לעצטע קאָנוואַלסיעס. ענגלענדער פּרוּוון ווייזן די אַראַבער געוויסע טריקן צו קענען דערגרייכן אַ פּאָר עפעקטפולע נצחונות, בכדי זייער מיליטערישער פּרעסטיזש זאָל ניט בלייבן אָפּגעריבן, אָבער עס העלפט זיי ניט. די עפעקטפולע נצחונות האָבן דווקא די יידן.

איינעם אַזאַ יידישן נצחון מוז איך דאָ באַשרייבן. איך ציטער נאָך איצטער מיט אַלע רמח איברים און שס״ה גידין און איך זע די גאַנצע עמאָציאָנירנדיקע שלאַכט מיט מיינע אויגן. עס איז געווען דאָנערשטיק דעם 3טן יוני, ווען איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען אַ לופט־שלאַכט איבער דעם סאַמע צענטער פון תל אביב. פאַרנאַכט איז עס געווען. די אָנגעהיצטע לופט האָט זיך אָנגעהויבן אָפּקילן און מענטשן זיינען געזעסן מיט פאַרגעניגן אויף די באַלקאָנען און אין די קאַפע־הייזער און געשעפּט לופט. פּלוצים האָט דער טרויעריק־באַרימטער שופר געלאָזט הערן די תקיעה גדולה, אַז ס׳איז אַן אַליאַרם און מען דאַרף זיך באַהאַלטן. איך בין דעמאָלט גראַד געזעסן מיט קאָלעגן אין קאַפע „גנתי״, וואָס געפינט זיך אין האַרץ פון תל אביב און איך בין געווען געהאַרכזאַם ווי אַן ענגלענדער און איך האָב זיך באַהאַלטן גלייך מיט אַלע אין ערשטן נאָענטן שעלטער. דער אַליאַרם האָט געדויערט אויסער־געוויינלעך לאַנג און איך בין געוואָרן אומגעדולדיק, גלייך מיט נאָך אַנדערע און איך בין אַרויס אויף דער פרייער לופט, ווו איך האָב גע־טראָפן נאָך הונדערטער אומגעדולדיקע. אַלע האָבן געקוקט צום הימל, האָב איך אויך געקוקט. און איך האָב געזען אַן אויסערגעוויינלעך בילד — איין עראָפּלאַן איז געווען איבער דעם צווייטן און ער האָט געשאָסן אויף אים און דער וואָס איז געווען אויבן, איז געווען — דער יידישער...

עפּעס ווי ר׳ יהודה הנשיא איבער אַ געווּיסן „גאָט" בשעת אַ געוויטער עפּאָכע... דער קאַמף האָט געדויערט לאַנג און ער איז געווען אויסער־געוויינלעך ריזנד. מענטשן זיינען געווען צערודערט.

אין ע ל ף ש פּ ר אַ כ ן האָב איך געהערט געשרייען. איין פאָלק שרייט אויף עלף שפּראַכן. אַלע זיינען זיכער, אַז אויבן זיינען „אונדזע־ר׳ע", „שלנו", „נאַשי", „לע נאַטר", „אור", „נועסטראָס" א. אַ. וו. א. אַ. וו. און ווי מיר האָבן עס אַלע אָפּגעטעמט, ווען מיר האָבן דערזען ווי דער עראָפּלאַן פון פרעהם אייניקלעך פאַלט אַראָפּ איינגעהילט אין רויך. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז דער מצרישער. ער פאַלט ווי אַמאָל פרעהם רייטוואָגן. איך בין געלאָפן צום ים אין אַ טאַקסי און איך האָב שוין דאָרט געטראָפן נאָר אַ לעצטן רויך. כן יאבדו.

און מאָרגן איז אין קיין איין צייטונג ניט געווען דערמאָנט דער נאָמען פון העלד. אַלע זיינען דאָ העלדן...

און איך בין געפאָרן קיין חיפה. אַ פּאָר מאָל דורכגאַנגען אַהין און צוריק. עטלעכע מאָל האָב איך ביים אָנקומען געטראָפן ענגליש מיליטער אונטן אין פּאָרט און אַ סאָלדאַט האָט אַלע מאָל געבעטן אַ דאָקומענט. איך האָב געהאַט אַן ארגענטינער פּאַספּאָרט אין דער בעסטער אָרדענונג, אָבער געוויזן האָב איך די זשורנאַליסטן־קאַרטע, וואָס מען האָט מיר אַרויסגעגעבן אין אויסלענדישן זשורנאַליסטן פאַרבאַנד, איבער וועלכן עס זיינען געווען אָנגעשריבן די ווערטער מדינת ישראל און „סטייט אָוו איזראַעל". דער סאָלדאַט האָט געדרייט, געדרייט די קאַרטע, געקנייטשט די פּלייצעס און זי צוריקגעגעבן.

דער וועג קיין חיפה ביים באַרג כרמל האָט זיינעם אַן אייגענעם רייץ, פּונקט ווי אַלץ, וואָס מען זעט אין לאַנד האָט אַ באַזונדערן רייץ. דער כרמל האָט אַ מאָדנעם כישוף. איך בין ניט מיד געוואָרן צו קוקן אויף אים. דער כרמל זעט אין דער דרומדיקער זייט אויס ווי אַ נאָז. דער טאָל ב ב ר א האָט געבליט. צוריק מיט 27 יאָר האָט אים די פּיקא גע־קראָגן פון דער רעגירונג אין אַרענדע אויף הונדערט יאָר אַלס זומפּ און זי האָט אים אויסגערייניקט און פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקן טאָל. ווי אַנדערש ס׳איז די פּיקא (פּאַלעסטינער ייקאַ) פון דער ייקאַ אין אַר־גענטינע. די פּיקאַ האָט אין ארץ ישראל אויך געוואָלט איינפירן דעם סיסטעם פון היפּער־ביוראָקראַטיע, אָבער דאָ האָט זי געהאַט צו טון מיט אַנדערע יידן. אין אַרגענטינע האָט זי געוואָלט צונעמען ביי די קאָלאָניסטן יעדן געזעלשאַפטלעכן כוח און דאָ האָט זי זיך געמוזט

רעכענען מיט דעם געזעלשאפטלעכן כוח פון דעם אויפקומענדיקן יידישן פאלק. מען מוז אבער מודה זיין, אז אין ארץ ישראל האבן די קאלאניסטן ניט נאר ארויסגעוויזן א גרעסערן אויסדויער, נאר א באדייטנדיקער טייל האט ניט געטראכט נאר וועגן שאפן זיך אן אייגנטום און אפשפארן געלט, נאר ער האט געשטרעבט צו שאפן אן אגרארע באזע פאר דעם ישוב.

פון איין זייט דער ריז, דער כרמל און פון דער אנדערער זייט אהין, נידעריקער, דער טייך ערוץ, וואס לויפט, פלאנטערט זיך, פארטשעפעט זיך און לויפט ווייטער. פאראן דא פארשידענע היילן אויף דעם וועג, היילן אין וועלכע מען האט געמאכט היסטארישע אויסגראבונגען און מען האט געפונען כלים פון צוריק מיט דריי און פיר טויזנט יאר און א באזונדער טיפ פון פרעהיסטארישן מענטשן, וואס מען רופט „פאלקאאנטראפוס פאלעסטינוס". מיר פארן דורך עתלית (אטליט), אן אלטע פיקא קאלאניע, וואס עקזיסטירט זייט 1908 און האט א באפעלקערונג פון א פאר הונדערט נפשות. אין דער נאענט די חורבות פון עתלית, וואס געפינען זיך אויף א האלב אינדזל. דאס איז געווען א פעסטונג פון די צלם-טרעגער, וועלכע איז צעשטערט געווארן פון די מוסולמענער. מען האט דא געמאכט אויסגראבונגען און געפונען אינטערעסאנטע הייזער פון אמאל און קברים. דא האבן יידן געמאכט אנשטרענגונגען צו שאפן א פישער דארף און נאך שווערער מי און נאך עטלעכע אנשטרענגונגען און נאך א היפשע פאר דורכפאלן, עקזיסטירן דא די צוויי פישער דערפלעך — „מעפילים" און „עין הים". מען טרעפט דא אמתע יידישע פישער, וואס שמעקן מיט ים, זאלץ, הערינג און שטורעם, גלייך זיי וואלטן דא געלעבט זייט דורות. און מאטראסן יידישע האבן דא אויך עפעס געלערנט.

אט דא אין דער נאענט איז פאראן די פארלאזטע עקספערימענטאלע סטאנציע פאר אגריקולטור, וואס דער שוין דערמאנטער גרינדער פון דער „נילי" שפיאן ארגאניזאציע, דער אגראנאם אהרון אהרנסאן האט געגרינדעט. דא איז אויך געווען די שפיאנאזש-צענטראלע. א קליין שיפל פלעגט אהער ברענגען „נילי"-מיטגלידער, וואס האבן געזוכט ידיעות און זיי אוועקגעפירט. אין א „שיינעם טאג" האבן זיך די טערקן דערוווסט, א פיינער סך-הכל געווארן פון דעם אלעמען... אהרנסאן אליין איז אומגעקומען אין א פלי פון לאנדאן קיין פאריז. דא האט ער אנטדעקט זיין „מוטער ווייץ" און אנדערע קאמפליצירטע געוויקסן.

אין עתלית האט מען איינגעארדנט א גרויסן לאגער פאר עולים.

ביז צען טויזנט עולים זיינען דאָרט געווען. זיי האָבן געוווינט אין פּאַ־לאַטקעס, אָבער ווי אַנדערש זיי האָבן זיך דאָ געפילט אין פאַרגלייך מיט די לאַגערן, פון וואַנען זיי זיינען געבראַכט געוואָרן. זיי האָבן דאָ געקושט די ערד. זיי האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן באַפרייען פון אַ מיליאָן קאָמפּלעקסן און עס האָט אויפגעהערט די מורא, וואָס האָט זיי אין אייראָפּע אַזוי פאַרפאָלגט. מען האָט דאָ מל געווען דערוואַקסענע קינדער, וועלכע די עלטערן האָבן אין אייראָפּע מורא געהאַט צו מל זיין. די לעצטע יאָרן פלעגן די נאַציס מאַכן אַ ברוטאַלע רעוויזיע ביי פאַרדעכטיקטע אין יידישקייט — דאָס ערשטע האָבן זיי קינד און קייט געהייסן אַראָפּלאָזן די הויזן. דאָ האָבן די קינדער געקענט אַראָפּלאָזן די הייזלעך פוןביידע זייטן פאַר די נאַציס, אויך פון דער זייט, ווו מען הייסט זיך קושן. מען האָט געדאַרפט זען יידישע מאַמעס אין די לאַגערן און פילן זייער מורא, בכדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס איך נוץ דאָ אַזאַ שפּראַך.

מיר קומען אַלץ נענטער צו חיפה און דאָס האַרץ ווערט פונקט אַזוי אומרואיק, ווי דעמאָלט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל צוגעקומען קיין תל אביב. מיר פאָרן פאַרביי אַ מאָדנע לאַגער: טויזנטער צעשטערטע אויטאָס ליגן אין אים. חורבות פון אויטאָס, פאַרזשאַווערטע אויטאָס, רעדער, שטיקער... ווען די ענגלענדער וואָלטן צוגעלאָזט די יידן צו זיי, וואָלטן זיי שוין געמאַכט אַ שטיקל תכלית פון זיי. אין דער נאָענט פון אָט די לאַגערן — ענגלישע מיליטער־ און פּאָליציי־לאַגערן. זיי גרייטן זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, די ענגלענדער. די יידישע עולים האָבן דאָ זייער צוקונפט, די ענגלענדער האָבן, גאָט זיי דאַנק, שוין נאָר די פאַר־גאַנגענהייט. זיי פאַרלאָזן שוין דאָס לאַנד. זיי קוקן נאָך אַרויס אויף אַ נס פון אַן אַראַבישן נצחון, אָבער זיי זעען שוין, אַז דער נס וועט ניט קומען. זיי וועלן שוין באַלד אינגאַנצן דאָ ניט זיין.

און מיר פאָרן שוין אין קרום־קײַלעכדיקן פּאַרט פון חיפה, וואָס זעט אויס ווייס ווי עפּעס אַ מילך־שטראָם, צוליב דעם זאַמד. נאָר דאָ האָט געקענט געשאַפן ווערן דער אויסדרוק „ווי זאַמד ביים ברעג פון ים — כחול על שפת הים". פון טוריסטן־ביכער נעם איך אַרויס, אַז דער חיפה־ברעג און טאַקע די גאַנצע חיפה'ר בוכטע (מפרץ חיפה) האָט מעלות און חסרונות. די מעלות שטעקן איבערהויפּט אין זיין רייכקייט אין פיש. דער נילוס שיקט אויך אַהער גוטע פיש מחנות, כאָטש ניט צו־אָפּט. די צוויי טייכן קישון און נעמין, וואָס שפּאַלטן דעם „עמק זבולון", וואָס געפינט זיך ניט ווייט, ברענגען אויך גוטע פיש אַהער.

פאַראַן דאָ אויך אַלערליי ים־באַשעפענישן, וועלכע מיר רופן ים־שרצים, צווישן זיי גאָר וואַזשנע אויסטערן. אין אייניקע ערטער איז דער קאָנטי־נענטאַלער פּאַס אַרום ים אומגעהויער ברייט, אין אייניקע ערטער איז ער מער ווי שמאָל. דער באַרג ענדיקט זיך ביים סאַמע ים. און דער שמאָ־לער טייל געהער צו די חסרונות. די זאַמדיקייט געהער אויך צו די חסרונות. ארץ ישראל ליידט פון זאַמד אויף דער יבשה און ליידט שוין אוודאי און אוודאי פון זאַמד אין די בוכטעס.

אין די סאָלידע ארבעטן פון יוסף בראַסלאַווסקי (ברסלבסקי), וואָס זיינען געשריבן מיט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט און מיט פּאָעטי־שער געפליגלטקייט, ווערט אָנגעוויזן, אַז אויבנאויף געקוקט, ווייזט אויס, אַז ווען יידן האָבן געוווינט אין זייער לאַנד, האָבן זיי ניט געפילט קיין רעכטן טעם פון ים. ווייל אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש איז דער ים געווען ביי די כנענים און די פלשתים און דערנאָך האָבן זיך ביי די ברעגעס געפונען גריכן, רוימער; די יידן האָבן זיך געפונען אין די בערגיקע געגנטן אינווייניק אין לאַנד. אָבער עס איז ניט געווען אַזוי. נאָך דעם איינעמען פון לאַנד האָבן, ווי עס ווערט דערציילט אין די ראשונים, יידן געוווינט צווישן די יידן, אָבער זיי האָבן אויך געוווינט צווישן די כנענים. זאָגט זיך דאָך פאַרט, „זבולון" לחוף ימים ישכון" (זבולון וווינט ביים ברעג פון די ימים) און האָט דאָך דבורה געפרעגט: „דן למה יגור אניות" — דן פאַרוואָס וווינט ביי די שיפן? (ער איז איר מסתמא ניט געקומען צו הילף אין איר מלחמה מיט ססראן) און עס זאָגט זיך „אשר ישב לחוף ימים ועל מפרציו ישכון" (אשר זיצט ביים ברעג ים און ער רוט אין זיינע בוכטעס). אפילו דאָס געזאַנג פון תהילים „יורדי הים באניות" פון קאַפּיטל ק"ז, זאָגט בראַסלאַווסקי, זאָגט עדות וועגן דער שייכות פון די יידן צום ים. ווען יידן וואָלטן ניט געקענט דעם ים, וואָלט דער יידישער דיכטער ניט געזונגען:

די, וואָס נידערן אין שיפן אויפן ים,
די, וואָס טוען מסחר אויף גרויסע וואַסערן,
זיי האָבן געזען די מעשים פון גאָט
און זיינע וווּנדער אין דער טיפעניש,
וואָרום ער האָט געהייסן און געמאַכט אויפשטיין אַ שטורעם־ווינט,
וואָס האָט אויפגעהויבן זיינע אינדן.
זיי זיינען אַרויף ביז דעם הימל, געגידערט ביז די תהומען,
זייער זעל איז צעגאַנגען פון אנגסט.

זיי האָבן זיך געדרייט און געוואָרפן ווי אַ שיכורער
און זייער חכמה איז צעמישט געוואָרן,
האָבן זיי געשריען צו גאָט אין זייער נויט
און ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון זייער קלעם.

איך האָב אויסער דעם פאַקט אַרויסגענומען נאָך אַ פאַקט, וואָס איז מיר סיי ווי ניט געווען פרעמד. יידן האָבן אין ארץ ישראל קיינמאָל ניט געהאַט דאָס גאַנצע לאַנד אין זייער רשות. אַ קליין לאַנד און גאָט האָט עס צוגעזאָגט און עס האָט אַזויפיל שותפים. און פרעמדע מאַכטן האָבן דאָס אויך געוואָלט פאַרכאַפּן. און דאָך זיינען יידן געוואָרן אַ גרויס פאָלק. אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט גרויסע לענדער, אין גאַנצן אייגענע, און זיינען ניט געוואָרן אַזוי גרויס ווי דאָס יידישע פאָלק. און יידן קערן זיך דווקא אום אין אָט דעם לאַנד אַריין, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט אַזויפיל שכנים און איז אַ שפּיל אין די הענט פון גרויסע אימפּעריעס. פאַר עפּעס ציט עס די יידן נאָכאַמאָל דווקא אין דעם לאַנד אַריין. עפּעס וועלן די יידן ווידער באַשאַפן פאַר דער גאַנצער וועלט אין אָט דעם לאַנד און זיי האָבן דאָס טאַקע שוין געשאַפן אייניקע געזעל־שאַפטלעכע מוסטערן, וואָס וועלן ווערן אַ „נס לגוים". אָבער יידן וועלן איצטער לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט און זיי וועלן פאַרזיכערן זייער מאַכט דורך אַן אינעווייניקסטן שלום און דורך אַ קאַטעגאָרישער פּאָליטיק.

מיט אָט אַ די געדאַנקען בין איך אָנגעקומען קיין חיפה. די שטאָט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן פאַר מיינע אויגן. אונטן חיפה־עיר. די אַלטע געגנט, די אַראַבישע. זי איז סיי ווי געווען פאַרלאָזט און פאַר־וואָרלאָזט, איצטער, אַז די אַראַבער האָבן זי איבערגעלאָזט, איז זי שוין אינגאַנצן געוואָרן וויסט. דאָ און דאָרט זעט מען אַ ביסל מענטשן אין אַ פאַרלאָזטער שטוב. יידישע עולים מאַכן דאָ ערשטע סטאַנציעס. מיר דערמאָנט דער אונטערשטער טייל שטאָט אין געוויסע קליינע פּאָרטן אין דרום אַמעריקע, ביים אַטלאַנטישן און פּאַציפישן ים. די פּאַנאָראַמע ווערט שענער און שענער, ווען די שטאָט שטייגט אַרויף, אַרויף צום הדר און הר הכרמל. (די מיט רופט מען הדר הכרמל און דעם אויבנאָן — הר הכרמל). ווי שטאָלץ די הייזער קוקן דאָ אַראָפּ צום ים און ווי שטאָלץ דער וועג דרייט זיך אַרויף, אַרויף. די ערשטע צייט, ווען די אַריבער דרייסיק טויזנט אַראַבער זיינען נאָך שווערע קאַמפן אַוועק פון דאַנען און האָבן איבערגעלאָזט זייערע לייִדיקע שטיבער, האָבן זייערע פליגן ניט געהאַט וואָס צו עסן און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן צו די יידישע

געגנטן און יידן האָבן געדאַרפט אָנהייבן אַ מלחמה מיט די אַראַבישע פליגן, נאָך דעם, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט די מלחמה מיט זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן יאַקאָס די פליגן אויך באַזיגט.

די שיינקייט פון דער אויסערלעכקייט האָט געוואַקסן פאַר די אויגן אינאיינעם מיט דער היפשער צעוואַקסנקייט פון יידישן לעבן. אין שוין אַזויפיל מאָל דערמאָנטן בוך „העליה השנית", דערציילט נתן שיפרים, אַז ער איז געקומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק אין חיפה אין יאָר 1905, זיינען דאָרט געווען עטלעכע צענדליק אשכנזישע יידישע משפחות. די שנאה פון די אַראַבער צו יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען שווער צו דורכגיין די גאַס פאַר אַ יידן. זיי זיינען געזעסן אַ גרופּע יידן און געזונגען טשערניכאָווסקיס אַ ליד, איז געקומען אַ פּראַוואָסלאַוונע גלח מיט אַ באַנדע אַראַבער און זיי צעשלאָגן און אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז זיי זיינען געווען שיכור. דער באַלעבאָס פון האָטעל האָט באַליידיקט אַן אַנדער יידן. אָבער שוין דעמאָלט האָבן זיך די יידן ניט געלאָזט און דער דערמאָנטער באַלעבאָס האָט זיך געמוזט אַנטשולדיקן, ווייל דער באַליידיקטער האָט געקענט האַלטן אַ רעוואָלווער. מען האָט דאָ באַלד אַנדערש געוואַקסן. אין יאָר 1921 זיינען אין חיפה געווען פיר טויזנט יידן און ווען איך בין אַהער אַריינגעפאָרן, זיינען שוין געווען מער ווי זיבעציק טויזנט און אבאָ חושי, דער מנהיג פון חיפה, האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דאָ וועט בקרוב זיין אַ מיליאָן יידן. דער באַרג־אַרויף שלענגלט זיך אַזוי לאַנג און אַזוי אָן אויפהער און דער טאָל אונטן צעלייגט זיך אַזוי ברייט, אַז דאָס דאָזיקע מאַכט ניט דעם איינדרוק פון קיין אוטאָפּיע.

היינט איז שוין אויך חיפה אַ גרויסע שטאָט, ווען מען ווענדט אָן די מאָס פון נאָענטן מזרח. אַ שטאָט מיט גרויסע פאַבריקן אַרום. דער מפרץ חיפה, די בוכטע אונטן, איז דער אינדוסטריעלער צענטער, דאָרט וווינען נאָך אַ דרייסיק טויזנט יידן אין די פאַרשידענע מושבים, קיבוצים, מושבות און קריות. איבערהויפּט זיינען פאַראַן „קריות" (גאָרטן־שטעט) אַרום חיפה. אַ קרית השמל" פון אַרבעטער ביי עלעקטריציטעט, אַ „קרית חיים" (אַרלאַזאַראָוו), אַ „קרית מוצקין", אַ „קרית ביאַליק" אין די סטאַ־טוטן פון „קרית חיים" איז פאַראַן אַ פּונקט ניט צו אַריינלאָזן קיין מענטשן, וואָס לעבן ניט פון דער אייגענער אַרבעט. האָט מען, אַזוי דערציילט מען, אין „קרית מוצקין" אַריינגעשטעלט אַ פּונקט ניט אַריינ־צולאָזן קיין לוין־אַרבעטער, אָבער דאָס דאָזיקע האָט מען ניט דורכ־געזעצט. פאַראַן אונטן אַ ריזיקע פאַבריק ווי „שמן" פון „ציון צור",

וואָס פּראָדוצירט אַלערליי כעמישע פּראָדוקטן און איבערהויפּט בוימאייל, זייף און מאַרגאַרין. און אַ ריזיקע פאַבריק „נשר" פון צעמענט. דאָס „רויטע" חיפה רופט מען עס, ווייל פּראָפּאָרציאָנעל זיינען דאָ פאַראַן מער אַרבעטער ווי אומעטום. אָבער די מאכט און די מערהייט האָט דאָ די מפאי. פאַר איינוקע בירגערלעך־געשטימטע איז די מפאי — רויט...

חיפה אימפּאָנירט מיט דער ריזיקער איינריכטונג פון דער הסתדרות. אַ מלוכה איז זי די סינדיקאַטן־צענטראַלע דאָ. און זי האָט דעם באַרימטן טעכניקום, וואָס איז ניט נאָר די בעסטע טעכנישע שול אין מיטעלן מזרח, נאָר כמעט די איינציקע. ווען עס וואָלטן געווען אַ סך טעכנישע שולן, וואָלט דער טעכניקום געווען די בעסטע שול. וויפל יאָרן הער איך שוין וועגן אָט דעם טעכניקום? מיר דאַכט, אַז פון זייט איך לעב. אַמאָל האָב איך שוין אָנגעהויבן קלערן, אַז דער טעכניקום איז פונקט אַזאַ לעגענדע און אַ משל, ווי דער כרמל בארג... איצטער זע איך, אַז ביידע זיינען ניט קיין לעגענדע. געשאַפן האָט אים דער „הילפס־פאַריין דער דויטשען יודען" און די לימודים־שפּראַך איז ביים אָנהויב געווען דייטש. היינט האָט דער טעכניקום ביי זיך אויך אַ ים־שול.

און איך דראַפּע זיך מיט אַן אויטאָ אַרויף, אַרויף צום כרמל. פריער צום הדר און דערנאָך צום הר. מיר זיצט זיך ניט איין אין דעם פּרעכטיקן האָטעל „ציון", וואָס זיין באַלעבאָס איז אַ טשערנאָוויצער ציוניסט פון די אַלטע צייטן. דער האָטעל איז פול מיט יידישע מלוכה־מענטשן. מיניסטאָרן און ערב־מיניסטאָרן האָבן דאָ זיצונגען. מען רעדט וועגן עפּע־נען דעם פּאָרט. די ענגלענדער גייען שוין טאַקע אַוועק. ווען עס וועט אַוועק דער לעצטער ענגלענדער, וועט מען דאָ פראַווען אַ גרויסע שמחה.

אוי, גאָט, ליבער גאָט,
ווען וועט מען דאַווענען מנחה?
ווען די ענגלענדער וועלן אַוועק,
וועט זיין אַ גרויסע שמחה.

מען זעט אין „ציון"־האָטעל דעם קלוגן פּאָסט־און קאָמוניקאַציע־מיניסטער דוד רמז, וואָס האָט אַן אָפן זוניק פּנים, וואָס שמייכלט שטענ־דיק און מען זעט דעם האנדל־ און אינדוסטריע־מיניסטער בערנשטיין, וועלכן מען רופט אַליץ מער און מער פּרץ, כאָטש ביז ניט לאַנג האָט ער געהייסן פּריץ... אָט די ביידע מיניסטאָרן זיינען דאָ ניט צוליב עפּעס תהילים זאָגן. און מען זעט יידישע גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס. זיי האָבן ניט קיין שום סימן פון זייער גראַד (דאָס האָט מען ערשט שפּע־

טער איינגעפירט), אָבער מען דערקענט שוין זייער הויכראַנגיקייט לויט זייער האַלטונג. דו זעסט זיך באַגעגענען אַ יידישן מיליטערמאַן מיט אַן ענגלישן, אָדער אַ יענקישן און ביידע באַגריסן זיך ווי מענטשן מיט דעם זעלביקן שטאַנד. און דו חידושט זיך אויף אַ פערטל־יאָרהונדערטיקן יידיש פּאָלקאָווניק (אַלוף), וואָס באַוועגט זך ווי אַ אַלטער מיליטערמאַן. ווען איז דאָס געשען? ווען האָבן זיי דאָס אויסגעלערנט? אויסגעוואַקסן פּלוצים, אַזוי ווי אַ טאָכטער אַ קליין מיידל, ווערט דיר פּלוצים פון היינט אויף מאָרגן אַ גרויסע מויד. און ניט נאָר דאָ קענען זיי די מלאכה אָט די פּלוצים אויסגעוואַקסענע גענעראַלן אונדזערע. נאָר אויך אויף דעם פראָנט באַווייזן זיי וואונדער. פאַראַן אומרואיקייט אין זיי. עס ווייעט פון זיי מיט שטורעם און גלויבן.

און איך פאָר אַרויף, אַרויף. דער וועג שלענגלט זיך צווישן שטיבער און שטיבער געפינען זיך אויף די וועגן. העכער אַרויף, האָבן די גאַסן נאָר איין זייט, די אַנדערע זייט — באַשטייט פון וועג. קוקן די שטיבער אַראָפּ צו די טאָלן און אָפּגרונטן ביים וועג און אַרויף צו די בערג, וואָס זיינען ערגעץ ווייט. און די פּאַנאָראַמע וואַקסט. אַ שטאָט אויף אַ באַרג אַנטקעגן ים. אין ריאָ דע זשאַניירא זיינען פאַראַן אַזעלכע ערטער. דער־מאָנט טאַקע חיפה אין דער הויפּטשטאָט פון בראַזיל, וואָס מען זאָגט, אַז זי איז די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. ווי היים ס׳זאָל דאָ ניט זיין, בלאָזט אַ ווינטל. און ביינאַכט ווערט פריש אַ מחיה. וואָס העכער — פרישער. אַרויף אויבן, אויף דעם הר הכרמל, זיינען פאַראַן האָטעלן פאַר קור־געסט און דאַטשניקעס. וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי אַ שותפות פון באַרג און ים?

איך האָב אַ באַרג מיט גרוסן און בריוו קיין חיפה. זיי ליגן מיר אויף דעם געוויסן נאָך שווערער ווי דער כרמל וואָלט געלעגן אויף מיינע פּלייצעס. און דער גורל פאַלט אויף ניאָמע מירסקי, דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון חיפה. איך האָב צו אים אַ גרוס פון זיין ברודער אייזיק מירסקי, אַ פאָטאָגראַף און ווילער יאַט אין בוענאָס איירעס. ער האָט אַ שוועסטער און נאָך אַ ברודער און איך האָב צו זיי אַלע גרוסן פון זייער ברודער, שוואָגער, שוועגערן און פּלימעניקעס. איך רוף אים אָפּ און איך ווער איבעראַשט פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער ער קומט צו מיר. אַ קליינינקער, אַ רירעוודיקער און איידער איך קוק זיך אום, איז ער שוין דאָ און מיט אַ מיליטערישן אויטאָ. און ער רעדט העברעאיש און יידיש און פּויליש אויך. איך וואָרן אים, אַז אויב ער וועט

ריידן פויליש. וועל איך ריידן שפאניש, אָדער גאָר רומעניש. מיר פאַר־גלייכן זיך אויף העברעאיש, יידיש און אמאָל אביסל רוסיש. איין שפּראַך אַליין רעדט מען ניט אין ארץ. וויצן קען ער אַ מיליאָן און עס גייט אים אין לעבן אַריין זיך אַריינצוקריגן מיט אַ נייעם וויץ צו מיר. זאָג איך שוין אויף צו להכעיס אויף אַ וויץ, וואָס איך האָב ניט געהערט, אַז איך האָב אים יאָ געהערט. איך ווער אָבער ווייכער און איך זאָג צומאָל אויף אַ וויץ, וואָס איך האָב יאָ געהערט, אַז איך האָב ניט געהערט. דעם ברודער האָט ער שוין ניט געזען באַלד אַ יאָר דרייסיק. פון וואַנען דרייסיק, אַז ער זעט אַליין אויס ווי דרייסיק? קליינינקע האַלטן זיך יונג.

און איידער מיר קוקן זיך אום זיינען מיר שוין ביי ניאָמען אין שטוב און מיר ווערן שוין היימיש מיט זיין ווייב און מיט זיינע צוויי טעכטער. עס קומט אָן נאָך אַ ברודער און די שוועסטער. דער ברודער איז אַ פּליער, און די שוועסטער אַ לערערן. עס ווערט אַזאַ געמיש פון העברעאיש מיט יידיש, אַז ביידע שפּראַכן גיסן זיך צונויף און סוף־כל־סוף גייט מען איבער צו יידיש און מען וואַרפט פון צייט צו צייט אַריין אַ העברעאיש וואָרט, אַזוי ווי מען וואַרפט אַריין אין אַרגענטינע שפּאַנישע ווערטער און אין נאָרד אַמעריקע — ענגלישע. אַ גאַנצע משפּחה נעמט אָפּ אַ גרוס פון אַ ברודער אין אַרגענטינע, וואָס מען האָט אים ניט געזען לענגער ווי יעקב אבינו האָט ניט געזען יוספן. דער יינגערער ברודער קען אינגאַנצן ניט דעם ברודער פון אַרגענטינע. ער קען אים יאָ, נאָר ער געדענקט אים ניט. ער איז געווען צו־קליין, ווען ער איז אוועק־געפאָרן. מען האַלט אין איין פרעגן ביי מיר, וואָס ער טוט און וואָס דאָס ווייב און די קינדער טוען און איידער מען שטעלט איין פראַגע, שטעלט מען אַ צווייטע, אַ דריטע ,אַ פערטע. און איך גיב זיך השבון, אַז דער עיקר איז פאַר זיי אין איצטיקן מאָמענט ניט מיין ענטפער, נאָר דאָס פרעגן. דורך אָט דעם פרעגן רעדט מען זיך אַראָפּ פון הארצן.

איך דערפיל אַזאַ געמיט, וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געפילט. איז דאָס דערפאַר, ווייל פאַר מיינע אויגן האָט זיך צונויפגעגאָסן אַ פאַמיליע מיט אַ „פאַרשוווּנדענעם" ברודער, וואָס איז ווי אויפגעשטאַנען תחית המתים פאַר די אויגן? יאָ, עס איז דערפאַר, אָבער עס איז אויך דערפאַר, ווייל עס איז אָוונט און עס איז ליכטיק אין צימער און די פענצטער און די טירן זיינען אָפן. זייט איך בין אין ארץ ישראל קומט מיר אויס צו זיצן אין די אָוונטן, אָדער אין דער פינצטער, אָדער אין דערשטיקעניש און דאָ זיצט מען אין דער ליכטיק און אויף דער פרייער

לופט. אין זכות פון די ענגלענדער, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרלאָזט חיפה, האָבן די אַראַבער ניט באָמבאַרדירט די שטאָט און מען מאַכט ניט קיין „אפלה”. און איך לעב פּאַוואָליע אויף פּאַר מיינע נייע באַקאַנטע דאָס לעבן פון זייער ברודער אין אַרגענטינע. ער איז אין גרויסן, ווייטן דרום אַמעריקאַנער לאַנד אויסגעוואַן ווו די וועלט האָט אַן עק.

— איר האָט געהערט אַ נאָמען קאָרריענטעס?

— אַ גאַס אין בוענאָס איירעס?

— יאָ, עס איז דאָ אַזאַ גאַס אין בוענאָס איירעס. איינע פון די גרעסטע אין שטאָט און די גרעסטע יידישע גאַס. אָבער די גאַס טראָגט דעם נאָמען פון אַ פּראָווינץ (שטאַט) אין צפון־אַרגענטינע. און די הויפּט־שטאָט פון יענער פּראָווינץ הייסט אַזוי ווי די פּראָווינץ און אַזוי ווי „אונדזער” גאַס־קאָרריענטעס. אין אָט יענער שטאָט זיינען אַמאָל פאַר־וואָרפן געוואָרן יידן און זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט טויזנטער פּרעמדר־קייטן פון אַרום. מיר אַליין — האָב איך זיי דערציילט — איז באַקאַנט ווי אַ פאַמיליע פון אַ פרוי און אַ זיבן קינדער —יינגלעך און מיידלעך— איז געקומען קיין קאָרריענטעס פון פּוילן צום מאַן און צום טאַטן, וואָס איז געפאָרן זוכן אַ מקום מנוחה און זיי האָבן אים געפונען מיט אַ ניי ווייב — אַ ניט־יידישע — און נייע קינדער, וואָס זיינען געווען האַלב־יידיש און ניין־און־ניינציק פּראָצענט גוייש. דאָס נייע ווייב מיט די נייע קינדער זיינען אַוועק אָן דער קלענסטער טראַגעדיע. עס איז דאָרט אַ געוויינלעכע זאַך. דאָרט, אז דער מאַן זאָגט, אַז ער וויל שוין ניט מער, פאָלגט דאָס ווייב און זי גייט אַוועק. און טאַקע דערפאַר האָט דער אַלטער אַזוי געבענקט דערנאָך נאָך יענעם ווייב און יענע קינדער...

— איז דאָרט האָט געוווינט אונדזער אייזיק? — פרעגן אַלע.

— דאָרט. מער ניט, מען האָט אים דאָרט גערופן ניט אייזיק, נאָר איסאאַק.

און עס וויקלט זיך אויס אַ לעבן פון אַן איינזאַמען בחור אין אַ ווייטן לאַנד. היינט וווינט אייזיק־איסאאַק אין בוענאָס איירעס און האָט אַ האַרציקע פרוי, אַ געבוירענע אין אַרגענטינע, וואָס רעדט יידיש ווי אַ וואַסער און צוויי יידישע קינדערלעך, וואָס איינער גייט שוין אין דער יידישער שול און די צווייטע וועט גיין און עס ציט אַלע צום שורש. דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט גירסאַ דינקותא און ער שיט מיט פסוקים און ער איז היינט פּראָ־רעוויזיאָניסטיש און מאָרגן געפעלט אים די מפא”י און עס הייבט אים אָן געפעלן אַלץ, וואָס איז ארץ ישראלדיק.

דער אָוונט וואַקסט. עס ווערט קילער און מיר כאַפּן וואָס אמאָל אַלץ מער און מער צו ביסלעך משקה; דער קאָניאַק „ראשון״ האָט אַלע טעמים, ווען ער האָט דעם ריכטיקן צוביים און עס איז נאָך דערצו לופּ־טיק און ליכטיק אין צימער. און מיר ציען זיך פּאַוואָליע אַרויס פון צימער אויף דער טעראַסע. מער האָט מען ניט באַדאַרפט! די ריכטיקע אַנטפּלעקונג איז ערשט איצטער געקומען. מירסקי ווײַנט, על פּי חשבון, אויף דעם פּערטן שטאָק. די שטוב ליגט אויף דעם הדר הכרמל, וווּ עס איז שוין ניט ווײַט דער הר הכרמל. דאַרף מען זען אַ פּאַנאָראַמע, ווען מען כאַפּט אַ קוק פון יענער טעראַסע אויף אַראָפּ, אַרויף און אַרום.



אַלגעמיינער בליק פון חיפה און דעם פּאָרט

קודם כל דערזעט מען דעם ים, וואָס שיינט מיט הונדערטער שײַנען. מיט שטערן איז ער פאַרזייט, דער ים. שטערן פון שיפן און אַנדערע זאַכעניש, וואָס האָבן לאָמפּן. שטערן פון מאַיאַקלעך און אַלערליי סטאַנ־ציעס. דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ ווייטער פּאַס, וואָס וויל איבער־שײַנען אַלע שײַנען. דאָס זוכן נאָך עפּעס די ענגלענדער. און אַ ריזיקער מין שטערן דרייט זיך אַרום הין און צוריק. אַ גרינער שטערן מיט אַן עק. אַ קאָמעטע? אַן עראָפּלאַנדל אַ יידישס, וואָס דרייט זיך אַרום און כאַפּט אַ קוק; עס זעט אויס ווי אַ האַלבער שמעטערלינג און אַ האַלבער שפּין; און מיינט ניט, אַז די שטערן פון אויבן, די אמתע שטערן פון הימל, שווייגן. זיי קוקן אויך אין ים אַריין און זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין אים און זיי וואַרפן אין אים זייער זילבער און גאָלד. זיי זײַנען אי פון זילבער

אי פון גאָלד. און אז דו כאַפּסט אַ קוק אויף אַ שטערן, קוקט ער צוריק אויף דיר. ער קוקט דיר גלייך אין די אויגן אריין. שניידט מיר מיין פלייש, אין ארץ זעען ניט אוים די שטערן, אזוי ווי דאָ. אנדערע שטערן אין ארץ ישראל. אויגן פון קדושים, נביאים, מלאכים, אויגן פון גאָט אליין! וואָס נישטערן זיי אזוי אין דיינע אויגן די שטערן? קוקסט צו זיי, קוקן זיי דיר צוריק טיף אריין אין די אויגן.

און אז דו קוקסט אראָפּ פון יענער טעראַסע, זעסטו האלב ארץ ישראל. אונטן איז די אלטע שטאָט און דער ים. ארום אלערליי שטעטלעך פון אַרום, ערגעץ אַהין איז דער גרויסער קיבוץ יגור, דער גרעסטער אין לאַנד, וואָס ליגט צופוסנס פון אַ באַרג. און דאָ ליגט דער טאָל זבולון. דער באַרימטער עמק זבולון, דאָרט וווּ עס האָט געוווינט דער שבט זבולון, וואָס האָט גערוט ביים ברעג פון ים. און ווייטער אַהין פון יענער זייט באַרג, איז דער גרעסטער טאָל אין לאַנד, דער עמק יזרעאל. אויף דער גרענעץ פוןביידע ליגט דער קיבוץ שער העמקים. דער טויער פון די טאָלן. און אַהין ווייטער, הויך דאָרט, זעט מען אַ באַרג, איז עס דער תבור. דער אַלטער און באַרימטער באַרג תבור, וואָס איז א „סטאַר" אין דער ביבל. אין אַן אַלטער לעגענדע ווערט דערציילט, אז דער תבור איז געקו־מען איינייגעם מיט דעם כרמל צו גאָט, אז ער זאָל אויף זיי געבן די תורה און ביידע זיינען אַוועק פאַרשעמט, אָבער גאָט האָט זיי באַצאָלט פאַר יענער בושה דערמיט, וואָס דבורה האָט זיי באַזונגען אין איר באַרימט ליד. אָט־אָ־דאָ ערגעץ האָט דאָך דבורה דורכגעפירט איר זיגרייכע מלחמה. ער געפינט זיך אין עמק זבולון, דער אלטער באַרג. און ער איז קיילעכ־דיק. אייניקע מיינען, אז ער הייסט דערפאַר אַזוי, ווייל ער איז קיילעכדיק: „טבור" הייסט א מיט און פּופּיק. אַנדערע זאָגן, אַז „תבור" מיינט דאָס זעלביקע, וואָס „שבור" — צעבראָכן. ער איז אַן איינזאַמער באַרג נעבעך. ער שטייט איינער אליין; ער האָט נעבעך ניט קיין טאַטן, קיין מאַמען, קיין ווייב, קיין קינד, קיין רינד...

וואָס מען זעט ניט פון יענער טעראַסע און פון יענע אַלע טעראַ־סעס אויף דעם הר הכרמל. האלב ארץ ישראל זעט מען דאָרט. עס איז מיר אויסגעקומען כּמעט צו נעמען זוכן מיין געבוירן־שטעטל קיליע. עפּעס גלייבט זיך מיר ניט, אז ס׳איז ניט אין ארץ ישראל, אָט דאָס בעסאַראַבישע שטעטעלע, כּמעט עס איז דאָרט ניט געבליבן קיין איין ייד. אפילו אַ באַרג סיני איז דאָך געווען נעבן יענעם שטעטל. יידן האָבן

אוועקגעפירט ארץ ישראל אין דער וועלט און איצטער ברענגען זיי צוריק די וועלט קיין ארץ ישראל.

איך האָב זיך אין איין אָוונט פאַרליבט אין צוויי זאַכן מיטאמאָל: אין דער טעראַסע פון וואַנען מען זעט האַלב ארץ ישראל און אין מירסקים יינגסטער טאָכטער — אַ מויד פון קנאַפּע צוויי יאָר, וואָס האָט געהאַט אַלע חנען פון דער וועלט און באַזונדערס פון ארץ ישראל. אויף זי צו פאַרשטיין האָט מען געדאַרפט קענען ניט נאָר העברעאיש, נאָר אויך איר אייגענעם העברעאיש. אָבער דער טאַטע האָט זי גערופן „מיידעלע”. וואָרום — גיי געפין אין העברעאיש אַזאַ צערטלדיק וואָרט ווי „מיידעלע” די שפּראַך פון צאַרטסטן שיר השירים געזאַנג און אַ וואָרט אויף מיידעלע



די הערצל־גאַס אין חיפה

האָט עס ניט. ווען העברעאיש וועט שוין האָבן אַזאַ וואָרט ווי „מיידעלע”, וועט דאָס שוין זיין אינגאַנצן לעבעדיק...

איך בין דערנאָך אַהער געקומען זייער אָפט זען צוויי זאַכן: דאָס מיידעלע און די פּאַנאָראַמע; אַ „צוגאָב” איז געווען די גאַנצע האַרציקע פאַמיליע, ביי וועלכער מען געפינט אַזאַ אַל־דאָס גוטס במקום אחד ווי פריינטלעכקייט, אַ פיינע ביבליאָטעק, דאָס אמתדיקע ביסל בראָנפן מיט אַ שטיקל הערינג און ניאָמעס אַ גוטן וויץ. ערשט אַ־דאָ האָב איך זיך רעכט פאַרליבט אין דער שיינקייט פון ארץישראל און ערשט אָט־אַ־דאָ האָב איך איינגעם מיט דעם פּאָעט סוצקעווער באַ־וואונדערט די גייסטיקע שיינקייט פון אונדזער לאַנד.

דער פּאָרט אין חיפה איז באמת אַ פּערל. אַ פּאָרט קעגן אַ ים. אומענדלעכקייט בלייבט שטיין פאַר אַ הויכן פּונקט. קומסט אָן פון רחוב המלכים, דער גרעסטער גאס פון דער אַלטער שטאָט. גייסט דורך דעם טויער, גייסט פאַרביי דעם בנין פון דער יידישער אגענץ און אַלע עליה־אנשטאַלטן און דו קוקסט אויף דעם ברעג, אויף דעם ים, אויף דעם זאמד־ברעג, ווו מען באָדט זיך. צוויי לאַנגע אָרעמס האָט דאָ דער פּאָרט, כוואַליע־ברעכער. איינער האָט אַריבער צוויי קילאָמעטער, דער צווייטער אַ דריי־פערטל קילאָמעטער. אַרום געביידעס, אַ באַן־ליניע. דאָ לאָדט מען אויס עולים און מענטשן. די דאָקן האָט מען דאָ אויסגעבויט מיט שטיינער פון דער באַרימטער מ ח צ ב ה (שטיינהאקעריי) אין עתלית. אַריבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן קוביק־מעטער שטיין האָט מען אהער געבראַכט. כ מ ע ט נ אָ ר יי ד ן ה אָ ב ן ד י אַ ר ב ע ט ג ע מ אַ כ ט. אַרום זיינען פאַראַן אַ סך קיבוצים. מען האָט זיי געבויט אומישנע נאָענט, בכדי מען זאָל די פּראָדוקטן זייערע קענען לייכט עקספּאָרטירן. די מיטגלידער פון די נאָענטע קיבוצים האָבן כסדר ארבעט אין פּאָרט. און ווען אַראַבער האָבן געשטרייקט, בכדי צו פּאַראַליזירן די אַרבעט און ניט אַראָפּלאָזן קיין עולים און פּראָדוקטן פאַר יידן, האָבן יידן זיך אויסגעלערנט צו ווערן טרעגער און בכלל ים־אַרבעטער. מען האָט געלאַכט פון ניט־דערפאַרענעם יידן און ער האָט זיך אויסגעלערנט און געלאַכט פון די אָפּשפּעטער. און מען האָט מיט דער צייט געבראַכט יידישע האַפן־אַרבעטער פון סאַלאָניק. אויך יידן, כאָטש אַנדערע ווי מיר. מען ווערט זיך אויסגלייכן.

חיפה איז דער גרעסטער פּאָרט אין נאָענטן מזרח. די ענגלענדער האָבן אַרויסגעוויזן זייערע רשעותן אין דער עפּאָכע פון די „מעפּילים״. דאָ האָט מען געזונקען אין 1940 די „פּאַטריאַ״ און וויפל זיינען אומגעקומען? דער ים ווייסט... פון דאַנען האָט מען אַ סך שיפן מיט עולים פאַרטריבן קיין ציפּערן. דאָ זיינען אַ סך יידישע טרערן געפאַלן אין ים אַריין. דאָ־אַרומער זיינען אַריינגעקומען אַ סך יידן און נאָך מערער וועלן נאָך אַריינקומען. מען וואַרפט זיך דאָ אין ים אַריין צו אַרויסנעמען די עולים פון די שיפן. מען דערציילט, אַז אַ בחור, וואָס האָט דאָ אַראָפּגעטראָגן פרויען פון די שיפן, האָט נעמענדיק אַ פרוי אויף די פּלייצעס, אַ געשריי געטון: „מאַמע״. ס׳איז געוואָרן אַ געלויף... ס׳איז טאַקע געווען דעם בחורס מאַמע. מען האָט דעם בחור מיט דער מוטער אַרומגערינגלט, געוויינט און ווען ס׳איז ניט אין ים, וואָלט מען געטאַנצט אַ הורא...

פאַראַן דאָ שוין אַן אייגנאַרטיקער מאַניאַק אויף עליה, אַזאַ, וואָס לאָזט איבער אַלץ מיט אַן אַנדער, קומט אין פּאָרט אַריין, קושט זיך מיט אַלע אַנגעקומענע, העלפט זיי און ער קרעכצט, וואָס עס קומען אַזוי ווייניק. אַ פּאָר הונדערט אינגאַנצן. ער טרייסט זיך, אַז אינגיכן וועלן קומען צענער און הונדערטער טויזנטער.

חיפה האָט גרויסע נאַפט־ראַפינעריעס. דער אויל שטראָמט אַהער רוי פון איראַק און דאָ ראַפינירט מען אים. דער נאַפט געהער צו „איראַק פּעטראָולערי קאָמפּאַניע". ווען די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט חיפה, זיי־נען זיי געווען רואיק פאַר דעם נאַפט. יידן וועלן אים ניט קענען אַרויסנע־מען. מען דאַרף דערצו האָבן ענגלישע טעכניקער און אַראַבישע שוואַרץ־אַרבעטער. נאָך דעם צווייטן וואָפנשטילשטאַנד האָט פּרץ בערנשטיין, מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע, איינגעלאַדן זשורנאַליסטן אַהער און זיי געוויזן, ווי מען האָט אין אַ קורצער צייט אַרויסגענומען 40 טויזנט טאָן נאַפט. מיט יידישע ספּעציאַליסטן און יידישע שוואַרץ־אַרבעטער. „דאָס איז — האָט דער דערמאָנטער מיניסטער דערקלערט — אונדזער נצחון אויף דעם נאַפט־פראָנט". די ענגלענדער פון ציפּערן האָבן דערזען רויך אין די צוויי גרויסע קוימענס פון די ראַפינעריעס און זיי זיינען געקומען צו פליען. זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן. מען האָט צוליב זיי גע־מאַכט אַן אַליאַרם. אָבער מען האָט זיי אויך אַרעסטירט. און מיט נאַפט וועט זיין אַזוי: אַז די איראַקער וועלן לאָזן פריי נאַפט — ווייל ביזנעס איז ביזנעס — וועט מען געבן די ענגלענדער אויך. אויב אָבער זיי וועלן ניט געבן, וועט מען ברענגען פון ערגעץ אַנדערש רויען נאַפט און דאָ ראַפינירן נאָר פאַר זיך. איך האָב ערשט דעמאָלט דערפילט די גרויסקייט פון חיפהס צוקונפט. די צוקונפט איז דאָ פאַר יידן גרעסער ווי די ווייטע פאַרגאַנגענהייט.

מיר האָט זיך ניט צופיל דערמאָנט וועגן חיפה אין דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אַ פּאָר תנאים און אמוראים האָבן געשטאַמט פון חיפה. קיין סך לומדים האָבן, ווייזט אויס, דאָרט ניט געלעבט. זיי האָבן געהאַט, ווי די גלילער, אַ ניט ריכטיקן אַקצענט און זיי האָבן פאַרביטן אַ „ה" אויף אַ „ח" און אַן „א" אויף אַן „ע". זייער אַקצענט איז אויף אַזויפיל ניט געווען ריכטיק, אַז זיי האָט מען ניט צוגעלאָזט צום דוכענען און בכלל צום דאַווענען פאַר דעם עמוד. אין די גאָר אַלטע צייטן זיינען די לומדים בכלל געווען מער אין יהודה ווי אין גליל. דער גאַנצער גליל איז באַשטאַ־נען פון פּראָסטערע מענטשן, האָרעפּאַשניקעס, וואָס פלעגן זיך האַלטן מן

הצד און שעמעוודיק, ווען זיי זיינען געקומען עולה רגל זיין קיין ירושלים. אָבער אין חיפה זיינען זיי, אפנים, געווען נאָך פראָסטער, ווייל זיי זיינען געווען ווייטער פון אינעווייניקסטן ישוב. יידן האָבן געוווינט ביים ים, אָבער זייער ישוב איז געווען אין די טאָלן צווישן די בערג. שלמה המלך איז, ווארשיינלעך, געווען דער גרעסטער אָנהענגער פון ים צווישן די יידישע מלכים און ער האָט געוואָלט דאָ ארומער שאַפן אינטערנאַציאָ־נאַלן קאָנטאַקט דורך דעם ים, אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער יידישער צענטער זיך ווידער געפונען צווישן די בערג, ווייטער פון ברעג ים.

אין ים אַריין (פישער אין משמר הים)

י. ברסלבסקי ציטירט אָט־די ווערטער פון פלאוויוסן: „ניט דער ברעג ים איז אונדזער וואוינאָרט און ניט דער מסחר ברענגט פרייד אין אונדזער הארצן און דערפאר קומען מיר ניט אין קהל פון פרעמדע פעלקער, ווייל אונדזערע שטעט ווערן געבויט ווייט פון ים און אונדזער ארב און גוט און פרוכטבאר לאנד און אונדזער ערד ארבעטן מיר".

פונדעסטוועגן האָבן יידן דאָך געלעבט אין עמק זבולון און זיי האָבן זיך דאָרט באשעפטיקט מיט פישעריי און מיט דעם „חלזון" (דעם ווע־רעמל, וואָס פארבט בלוי און מיט וועלכן מען מאכט „תכלת" צו די

ציצית) און זיי האָבן געפּלאָכטן קוישן פון דעם טשערעט, וואָס וואַקסט אין געמויזעכץ און אין זומפּ. און דער דערמאָנטער יידישער געאָגראַף איז זייער גערעכט, ווען ער זאָגט, אז די אַלע פּרווון צו שאַפן פישער־דערפער אַרום חיפה און בכלל פּרנסות, וואָס האָבן א שייכות צום ים, זיינען טאַקע אַ נייער אָנהייב, אָבער זיי ציען זייער קייט פון וויטן אַמאָל. אין אַמאָליקע יאָרן האָט מען אין מפרץ חיפה און אין עמק זבולון אויך געמאַכט גלאָז און צוקער. אין אונדזער צייט מאַכט מען דאָרט אויך גלאָז און מען מאַכט צעמענט. די שטיינער און דאָס זאַמד נוצט מען אויס.

עס וויבלט און גריבלט אין דער בוכטע פון חיפה און אין זבולון־טאָל מיט אַן אויפגייענדיק לעבן. זומפּן ווערן אויסגעטרוקנט, דיונעס (בערג מיט זאַמד) ווערן אַוועקגעשאַרט און עס וואַקסט א אינדוסטריע, אַ אַגריקולטור און אַ פישעריי. און עס וואַקסט אויך א — פּלאַט. אַ האַנדלס־פּלאַט און אַ קריגס־פּלאַט. יאָ אויך אַ קריגס־פּלאַט. איך האָב געקראָגן געלעגנהייטן ניט נאָר צו זען גרויסע יידישע פאַבריקן אין און אַרום חיפה, נאָר אויך צו זיין אויף צוויי קריגס־שיפן. אמתע קריגס־שיפן מיט מאַטראָסן, ווי ים־וועלף. אָנגעשטרענגטע, פאַרהאַרטעוועטע, שווייגנדיקע. עס האָבן פון אָט די שיפן טאַקע אַראָפּגעקוקט „טשוהונענע קאַנאָנען", ווי עס זינגט זיך אין א באַרימט רוסיש ליד. און מיר האָט פּאַסירט צו טרעפן אַ מאַטראָס, וואָס אז ער האָט זיך שוין יאָ צערעדט, האָט ער אַריינגעוואָרפן פּסוקים און גמראַס. איך האָב געטראָפן אַ מאַטראָס, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון טרעבלינקע און ער האָט מיר אַ זאָג געטון אין אַ פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אַזוי רויט געבאָדן אין ים, אז ער וואָלט אַליין געוואָלט ווערן אַ פּלאַט און אויפרייסן כאָטש אַ האַלבע וועלט און ניט אויפהערן זאָגן:

„פאַר טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אוישוויץ, פּאָנאַר, טראַנסניסטריע..."

איך בין געווען אויף דער קריגס־שיף און איך האָב זיך דערמאָנט אין די קאַמפן, וואָס יידן האָבן דאָ געפירט אין דער צייט פון די צלם־טרעגער. יידן האָבן דעמאָלט געלעבט אין אָט דער שטאָט מיטן חסד פון מצריים און זיי האָבן איר געצאָלט שטייער און ווען די צלם־טרעגער זיינען צוגעקומען צו דער דאָזיקער שטאָט, זיינען זיי אַרויף אויף דעם מויער און „מיט גרויס צאָרן" — אַזוי דערציילן די צלם־טרעגער — האָבן זיי געקעמפט מיט זייער געווער קעגן די קריסטן און נאָך פערצן טעג פון קאַמף, נאָך דעם. וואָס א סך פון די צלם־טרעגער זיינען פאַר־וווּנדעט געוואָרן, זיינען די קריסטן געפאַלן ביי זיך און זיי האָבן אויפגע־

הערט צו אטאקירן די מויער און זיי זיינען געוואָרן פארצווייפלט. די יידישע גבורה האָט דעמאָלט ניט געהאָלפן און די צלם־טרעגער האָבן ענדלעך פארנומען חיפה און דאָס יידישע לעבן איז דאָרט צעשטערט געוואָרן און דאָס גאנצע לעבן איז דאָרט צעשטערט געוואָרן. און אביסל אויפגעבויט ווערן האָט דאָס אָנגעהויבן ערשט אין דער מיט פון נייצנטן יאָרהונדערט. און דעמאָלט האָבן זיך דאָרט באוויזן אויך יידן. און א דאנק די יידן וואקסט די שטאָט ווי אויף הייוון. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, זיינען אין חיפה געווען זיבעציק טויזנט יידן, וואָס



ענגלענדער פארלאָזן חיפה

זיינען נאָך קאָנטראָלירט געוואָרן פון ענגלענדער, ווען איך בין אוועקגע־פאָרן פון דאָרט, האָבן שוין דאָרט געלעבט פיר און אכציק טויזנט יידן און זיי זיינען שוין קאָנטראָלירט געוואָרן פון דער יידישער מלוכה.

דאָס איבערנעמען דעם פאָרט מצד די יידן איז געווען א גרויס געשעעניש. עס איז געווען אַ גרויסער יום טוב צו וועלכן בן גוריון איז געקומען און נאָך אַ סך מלוכה־לייט. דער פאָרט האָט געהערט די טריט פון מארש פון יידישע מאטראָסן און יידישע סאָלדאַטן און זייערע גע־זאנגען. און אין ים, אין די בערג און אין די טאָלן האָט דאָס אָפּגעקלונגען ווייט. ווער זאָגט, אז ארץ ישראל איז קליין? דער פאָרט האָט דעמאָלט אויסגעזען אזוי גרויס און ברייט און דער גאנצער ארום האָט אויסגעזען

אַזוי גרויס און דער קליינער יידישער פֿלאָט האָט אויסגעזען אַזוי גרויס.
אַז דאָס יידישע לאַנד, דאָס יידישע פֿאָלק און די יידישע צוקונפט האָבן
אויך אויסגעזען גרויס. — — —

מען האָט איין איין ריידן וועגן אינטערנאַציאָנאַליזירן דעם פּאָרט
פון חיפה. אויס יידיש וועט שוין חיפה קיינמאָל ניט ווערן. יידן וועלן
דאָרט שוין אויף שטענדיק בלייבן די גרויסע מערהייט און זיי וועלן
וויסן ווי אויסצונוצן די פאַרטיידיקונג פון ים און פון די בערג און זייער



יידיש מיליטער נעמט איבער דעם פּאָרט אין חיפה

אינדוסטריע אין שייכות מיטן ים וועט וואַקסן און חיפה וועט אין דער
נאָענטער צוקונפט ווערן א שטאָט אַ רייז. מיר איז אויסגעקומען צו זיין
אין דער נאָענט פון חיפה, אין א גרויסן מיליטערישן לאַגער אויף אַ
מין שטודיום־טאָג, וואָס זיי האָבן גערופן „יום העיון", האָט דאָרט גערעדט
דער ענערגישער אַרבעטער־פירער פון חיפה, אבא חושי, וואָס האָט גע־

ליטן אַ שווערן אַקצידענט און ער איז געקומען אַ געבויגענער, אַן אָנגע־שפּאַרטער אויף אַ שטעקן. גערעדט האָט ער זיצנדיק, אָבער עס האָט גע־שפּרודלט פון אים מיט ענערגיע און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען. און ער האָט דאָרטן געוואָרפן דעם דערמאָנטן לאָזונג, אַז חיפה וועט בקרוב ווערן אַ שטאָט פון אַ מיליאָן יידן און עס האָט גאָרניט אויסגעזען ווי קיין חלום. די הויפּטשטאָט פון אורוגוויי (אַגב אַ לאַנד און אַ מלוכה, וואָס זיינען זייער פריינטלעך צו יידן און צו דער יידישער מדינה) האָט אַ מיליאָן איינוווינער און חיפה געפינט זיך געווים ניט אין קיין ווייניקער גינסטיקער עקאָנאָמישער און סטראַטעגישער פּאָזיציע.

און אין שיינקייט קאָנקורירט חיפה מיט סאַן פראַנציסקאָ און ריאָ דע זשאַנעיראָ און אַ קלימאַט האָט דאָס אַ טייערן און אַ געזונטן. אום זומער איז בייטאָג הייס, אָבער טרוקן און ביינאַכט בלאָזן ווינטלעך, וואָס זיינען ממש מחיה און וואָס העכער אויף דעם באַרג, זיינען קילער די ווינטלעך. און די נעכט אין חיפה... שיין און האַרציק זיינען זיי. און זיי פילן דיך אָן מיט שעפערישע אומרו און בענקשאַפט.

איך האָב אַמאָל שוין דערמאָנט האָטעל „ציון" אין חיפה, פאַר־בראַכט אַ גאַנצע נאַכט מיט דעם פּאָסט און קאָמוניקאַציע־מיניסטער פון ישראל, דעם קלוגן און האַרציקן דוד רמז, האָט זיך ניט געגלוסט אויפ־הייבן פון דער טעראַסע פון האָטעל, ניט נאָר ווייל עס איז געווען אָנגע־גאָסן צו הערן האַרציקע און אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון דעם אַלטן ארץ ישראל תושב, דעם אַרבעטער־פירער, וואָס האָט זיך דערדינט צו ווערן מיניסטער, נאָר אויך ווייל די לופט איז געווען אַ וואונדערלעכע. מען האָט געדאַרפט וויסן ווי אַזוי אַוועקשטעלן די שטולן, בכדי צו שעפּן די לופט מיט פולע שעפל.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דוד רמז האָט זיך צוגעזעצט ביי מיין טישל מיט מיר. ער איז געזעסן אָן אַ רעקל, ער האָט געטראָגן אַ ספּאָרט־העמד, און ער האָט אויך גערעדט ניט אָפיציעל, נאָר אינטים. ער האָט גערעדט מיט מיר, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, כאָטש מיר האָבן זיך ערשט באַקענט. ער האָט גערעדט זעלטן האַרציק און עס האָט פון דעם ניט־הויכן, דיקלעכן מאַן מיטן איידעלען און גייסטיק אַריסטאָקראַטישן אויסזען געווייעט מיט אַ זעלטענער געמיטלעכקייט.

דוד רמז האָט מיר דעמאָלט איבערהויפּט דערציילט עפּיזאָדן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אָנערקענונג פון יידישן לעבן אין ארץ ישראל, פון אָט דעם לעבן, וואָס האָט זיך דערפירט צו דער יידישער מלוכהשאַפט.

ער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי די הסתדרות האָט באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַן ארבעטער־קאָנגרעס אין מאָסקווע און ער איז געפאָרן און דאָרט איז פאָרגעקומען אַ גאַנצער גערודל אַרום דער שפּראַך, אין וועלכער ער זאָל האַלטן זיין באַגריסונג. ער האָט געזאָגט, אַז די שפּראַך פון דער הסתדרות איז העברעאיש, דאַרף ער באַגריסן אין אָט דער שפּראַך. מען האָט זיך גענומען דינגען מיט אים. מען האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ריידן רוסיש, אָדער יידיש. מען האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין איבערזעצער פון העברעאיש. פון אשכנזיש איז נאָך דאָ אַן איבער־זעצער, אָבער פון ספרדיש ניט. גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין באַ־זונדערע שפּראַכן און ניט אין דיאַלעקטן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צושטעלן אַ געשריבענעם טעקסט פון דער באַגריסונג און געשריבענער־הייט איז ספרדיש און אשכנזיש אַלציינס. ווי ווייט עס איז פון יענער באַציאונג ביז דער היינטיקער באַציאונג צום יידישן ארץ ישראל און צו דער יידישער מדינה מצד ראַטנפאַרבאַנד.

איך פרעג דעם יידישן „שר לתחבורה" (אַזוי הייסט אויף העברע־איש אַ קאָמוניקאַציע־מיניסטער), צי זיין לעבן־באַרוף האָט אַ שייכות מיט זיין נייעם אַמט.

ער ענטפערט מיר ענערגיש, אַז יאָ. ער האָט זייט שטענדיק אַן אַ שייכות צו שיפן, אַוויאַציע, אייזנבאַנען, ער האָט אַ אינטערעס דערפאַר. ער קאָן דאָס; ער פילט זיך בכוח צו טון דאָס בעסטע אויף אָט דעם געביט אין דער יידישער מדינה.

— מיט פאָסט — זאָגט מיר דוד רמז — האָב איך געהאַט ווייניקער שייכות ווי מיט באַן, שיף און אַוויאַציע, אָבער פאָסט איז דאָך אַזאַ יידישע זאַך. ווען ניט יידן, וואָלט פאָסט געווען אַ סך אַ קלענערער ענין אין דער גאַנצער וועלט, ווי זי איז. פּראָפּאָרציאָנעל שיקן יידן מסתמא הונדערט מאָל אַזוי פיל בריוו וויפל אַנדערע פעלקער.

איך דערצייל אים אַ וויץ, וואָס גייט אום וועגן אים, אַז ער איז געוואָרן פאָסט־מיניסטער, ווייל ער איז אַ פילאַטעליסט. ער לאַכט און דער־ציילט, אַז צוליב די יידישע פאָסט־מאַרקן האָט ער געגוג צרות, יעדער יידישער מאָלער איז איבערצייגט, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס איז באַרופן צו שאַפן די בעסטע מאַרקעס...

און דוד רמז דערציילט מיר, אַז דאָס אָפּשניידן די פאָסט־פאַרבינ־דונג מיט דער גאַנצער וועלט ביים אַוועקגיין פון דאַנען, איז געווען אַ רשעות מצד ענגלאַנד. ניט די איינציקע רשעות. מען האָט געקענט

אויספירן ניט איבערצוורייסן אפילו אויף איין טאג. אוודאי איז צוריק פארבינדן שוין שווערער ווי עס איז געווען ניט צו איבעררייסן, אבער עס וועט אינגיכן זיין א פאסט. מיליאנען יידן שרייבן בריוו קיין ארץ ישראל און הונדערטער טויזנטער יידן שיקן בריוו פון ארץ ישראל און זייער געלט איז געלט און מ׳וועט זיך פון דעם ניט אפזאגן. ער רעדט מיט אזא זיכערקייט!

איך האב געפילט אין זיין יעדער באוועגונג א זיכערקייט און א גלויבן אין דער זאך, וואס ער רעפרעזענטירט. א גאנץ אנדער מענטאליטעט ווי מיר האבן. דאכט זיך פון זעלביקן מזרח־אייראפעאישן אפשטאם און דאך א גאנץ אנדער אופן דענקען. א מענטש מיט גייסט, א מענטש וואס קען ליטעראטור בכלל, העברעאישע און יידישע בפרט און ער רעדט דאך ניט נאר וועגן קולטור, ווי מיר ריידן, נאר וועגן א גאנץ אנדער מין לעבן. לאמיר אנרופן דאס קינד ביים נאמען — ניט קיין גלות ייד.

אין חיפה איז מיר אויסגעקומען צו דערקענען נעענטער א גאנץ אנדער מין יידישן מיניסטער. בכר שיטריט הייסט ער, א ספרדי, א געבוירענער אין טבריה. ער האט געלערנט אין א ספרדישער תלמוד תורה און אין א שול פון „אליאנס״ און ער האט זיך געחברט מיט טערקן און מיט אראבער און ער איז געווארן א גרויסער קענער פון דער אראבישער שפראך און פון אראבישע מנהגים. ער איז נאך ביי די טערקן געווען א פאליציי־שעף און געהערנדיק צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האבן דעמאלט אויך די ענגלענדער, באלד נאך זייער באזעצן דאס לאנד, געהאט צו אים צוטרוי און זיי האבן אים געמאכט פאר פאליציי־שעף. ער האט דערנאך געלערנט אויף אדוואקאט און ער איז געווארן א ריכטער און א העכערער פאליציי־שעף. ער איז ווי געבוירן געווארן צו זיין מיניסטער פאר מינדערהייטן, ס׳הייסט, פאר אראבער. מען דערציילט, אז ווען בן גוריון האט אים געפרעגט וואס פאר א מיניסטעריום ער קלייבט זיך אויס, האט ער געפרעגט צוריק, ווער עס קען אזוי גוט אראביש ווי ער. מען האט אנגעוויזן אויף שערטאקן, האט ער געזאגט: „אויב אזוי לאמיר זיך פארוועטן ווער עס קען בעסער דעם אראבישן לעבנסשטייגער״. אויב עס איז אפילו אויסגעטראכט, איז עס אויך פיין. שערטאק האט סיי ווי געמאלדן, אז ער קען ניט און וויל ניט ווערן מיניסטער פאר אראבער, און אזוי ווי יצחק גרינבוים, דער אינערן מיניסטער, האט ניט געוואלט זיין אויך פאליציי־מיניסטער, איז שיטריט געווארן אויך פאליציי־מיניסטער. ווארשיינלעך האט שיטריט די צוויי קאמפליצירטסטע מיניס־

טעריומס און ער פירט זיי מיט אַ ווילדן כוח. ער האָט מיר דערקלערט, אַז מיט אַראַבער איז זייער שווער צו ריידן. מ'קען מיט זיי ניט ריידן סתם, מ'מוז מיט זיי שמועסן אויף זייער שטייגער. אַז אַראַבישע פֿאָר־שטייער קומען עפּעס בעטן ביים מיניסטער, קען ער ניט ענטפערן יאָ אָדער ניין, נאָר ער מוז עפּעס דערציילן אַ משל, אָדער אַ מעשה פון חיות, בהמות, אָדער פּרינצן און זיי דאַרפן טרעפן דעם נמשל. מען קומט ביי אים בעטן אויף אַ שול, אָדער אַ מעטשעט, דערציילט ער אַ מעשה און ווען זיי פֿאַרשטייען אַרויס דעם נמשל, אַז ער באַשטייט, דריקן זיי אים די הענט און זיי זיינען באַגייסטערט. איך האָב געקוקט אויף דעם רירעוודיקן ספרדי און עפּעס האָט מיר דערמאָנט אין געוויסע ספרדים, וואָס איך קען און אפילו אין גריכן, אָבער ער איז דאָך אַנדערש. ער האָט אי מזרח־שלויקייט, אי יידישע פֿאַרחלומטקייט. ווי ווייט ער איז פון א רמזן און דאָך געהער ער צום זעלביקן פֿאָלק, אָדער צום זעלביקן מין מענטשן, וואָס ווילן ווערן איין פֿאָלק און ווערט דאָס. צווישן רמזן און שיטריטן איז טאַקע זייער ווייט, אָבער משה שערטאָק איז אי אַ שטיק רמז, אי אַ שטיק שיטריט. ער שטייט אין דער מיט צווישןביידע און ער פֿאַרייניקט זיי. און עס קען זיין, אַז אין דעם טיפּ שערטאָק איז דאָ אָנזאָג אויף דעם טיפּ אינטעליגענט, וואָס דאָ וועט מיט דער צייט אויסגעפורעמט ווערן.

נעכט אין חיפה. כישופדיקע נעכט. נעכט פון גרויסע חלומות. נעכט פון אויפשטייג פון אַ פֿאָלק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ האָט זיך ווידער באַוויזן גאָט אַליין און ער האָט אָנגעוויזן צום ברעג און צום הימל און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיך מאַכן ווי די שטערן אין הימל און ווי זאַמד ביים ברעג פון ים.

נעכט אין חיפה — אין מועדון החיילים. דער קלוב פון די סאָלדאַטן. אוודאי איז דער טעכניקום פון חיפה אַ וווּנדערלעכע אינזשינירן־שול פֿאַר דער גאַנצער געגנט, וואָס איז ביז ניט לאַנג געווען אַזוי פֿאַרלאָזט פון גאָט און לייט. אָבער ווי ווייניק דער טעכניקום האָט מיך פֿאַרכאַפּט אין פֿאַרגלייך מיט דעם קלוב פון די סאָלדאַטן, ווו עס איז געווען אַזוי פיל יוגנטלעכער אומרו און אַזוי פיל זיכערקייט און אַזוי פיל גלויבן. אַ יוגנט, וואָס האָט געוווסט, אַז איצטער איז זי דאָ און אין אַ שעה אַרום וועט זי זיין אויף דעם פֿראָנט און אין אַ האַלבן טאָג אַרום קען זי אינגאַנצן ניט זיין. קיינער האָט מיט קיין אויג ניט געציטערט. אַ פֿרייד האָט געשטראָמט. אַ גלויבן און אַ זיכערקייט. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט

פארלוירן ברידער, שוועסטער און — שא. פארביסן און פארקריצט די ציין און קיין טרער ניט, ווען מען זעט.

חיפה האט מער ווי אלץ מזרח־אייראפעאישע יידן און מען פילט דארט א שטארקע פארבינדונג מיט דעם יידישן לעבן פון דער גאנצער וועלט. איך האב דארט געהאלטן א רעפעראט וועגן יידישן לעבן אין ארגענטינע, האבן נאך דעם רעפעראט מיך באלאגערט צענדליקער און צענדליקער יידן, וואס האבן קרובים אין ארגענטינע. ווען מען האט גע־מאלדן פון דער טריבונע, אז איך וועל ריידן יידיש, האט מען אפלאדירט, ניט לשם א דעמאנסטראציע, נאר ווייל א סך פארשטייען טאקע ניט קיין העברעאיש, און ווייל אנדערע דערפילן אן אינטימיטעט, ווען זיי הערן מאמע־לשון און זיי דערפילן דעם הארציקן ציטער פון בענקשאפט. איך האב אויך גערעדט אין חיפה וועגן דיכטער א. סוצקעווער, צום דערשיינען פון זיין „געהיימשטאט" און מיר האבן געהאט אן עולם אויך פון יוגנט — אויף ניו־יארק געזאגט געווארן.

אין סאלדאטן קלוב האב איך געטראפן א קיבוץ גליות. א וועלט מיט „ראסן". ביי איין טישל א בלאנדער, א בלווי־אויגיקער, א שלאנקער, מיט א קויל־שווארצן, געקרייזלט האריקן, קליינינקן און דיקלעכן. ניט נאר צוויי ראסן, נאר צוויי וועלטן.. און איין פאלק! און זיי ריידן דאס זעל־ביקע העברעאיש. אדער — כמעט דאס זעלביקע. דער בלאנדער גארגלט ווייניקער און ס'איז אים גרינגער צו פארשטיין. און גיט מען א זינג „אדמה", דערפילט מען, אז דאס איז עס... אין יידיש „אדאמע", אדער גאר „אדומע" איז עפעס אנדערש... מען ליגט אין דער „אדאמע"... אויף ספרדיש „אדאמא" מיט דעם אקצענט אויף דעם לעצטן טראף קלינגט אנדערש. אין גוויישע מיליטערישע קלובן שמעקט מיט אלקאהאל, דא שמעקט מיט זאפט פון פרוכטן. א גליק איז פאר אט די סאלדאטן און סאלדאטקעס, ווען עס קומט צו זיי א זינגער און גיט זיי א קאנצערט.

און עס איז געווען די גרעסטע פרייד, ווען א יונגער זינגער האט געזונגען אפערע־און ארץ ישראל־לידער און אן אלטער זינגער האט געזונגען פאלקסטימלעכע יידישע לידער. דער ערשטער א טיפיש־גע־שולטער אפערן־זינגער, א הויכער, א ברייטער, מיט איטאליענישער שול, אבער מיט א פאר ארץ ישראל טענער, א זינגער און א סאלדאט. דער צווייטער א יידישער פאלקס־זינגער, וואס ברענגט אריין יידישע פאלקסטימלעכקייט אין העברעאיש.

איך באקוק די גאנצע אומגעגנט פון חיפה. באוואונדער דעם שיינעם

שבונת הכרמל, ווו הייזער שטייען אין וועלדער און ווו יעדער ווינקעלע זעט אויס ווי די אמתע דאטשע. גאַט אַליין האָט דאָס דאָזיקע ווינקל באַשאַפן פאַר אַפרו. דאָס יוגנט־הויז מיט די רחבותדיקע חדרים, טעראַסן און מיט דער פּרעכטיקער ביבליאָטעק מאַכט אַן איינדרוק. דאָס הויז האָט געשענקט פּנחס רוטנבערג, דער געוועזענער רוסישער סאָציאַל רע־וואָלוציאָנער, וואָס האָט דערמאָרדעט דעם פּראָוואָקאַטאָרישן גלח גאַפּאָן און וואָס האָט עלעקטריפיצירט גרויסע טיילן פון ארץ ישראל, אין תל אביב, חיפה און נהריה. דאָ איז איינגעפירט געוואָרן אַ סעמינאַר פאַר יוגנטלעכע פון דער הסתדרות, אָבער די ענגלענדער האָבן זיך אריינ־געריסן אַהער און ניט איין מאָל פאַרכאַפּט און געשטערט דאָס לערנען.

איך האָב באַקוקט דעם גאַנצן חיפהר מפרץ, דעם עמק זבולון. ער ציט זיך אַוועק קיין צפון, ביז עכו. דאָרט טרעפט ער זיך צונויף מיט דעם טייל, וואָס מען רופט „גליל מערבי", וועלכן בערנאַדאָט האָט געוואָלט געבן אַנשטאָט דעם נגב, און וועלכער איז איצטער ביי יידן און וועט סיי ווי בלייבן יידיש. אין מפרץ זיינען פאַראַן אויסער די שוין דערמאָנטע „קריות" אויך אייניקע קיבוצים. דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט „כפר עטה". דאָרט איז פאַראַן די פּאָפּולערסטע טעקסטיל פאַ־בריק אין לאַנד, וואָס הייסט „אתא" (אטא). ווו דו גייסט און ווו דו שטייסט אין לאַנד, זעסטו פּראָדוקטן פון אָט דער פאַבריק, וועלכע האָט פעסט־קאָנטראָלירטע פּרייזן און סוגערירט צוטרוי אויך אין קוואַליטעט. אריבער צוועלף הונדערט אַרבעטער באַשעפטיקט „אתא". די איינוווינער שטאַמען דאָ אַלע פון פּוילן. ביזט אין לאָדזש, פּעטריקאָוו... דריי קיבוצים, הייסט איינער, אושא. האַ? יאָ, דאָס זעלביקע אושא, ווו די סנהדרין זיינען געזעסן נאָכן חורבן. טאַקע דאָ איז עס געווען. היינט איז דאָרט אַ קבוצה פון „חבר הקבוצות" און דער גלאָק רופט פאַרטאָג צו דער אַרבעט אַלע מענטשן און דאַכט זיך, אַלע אַנדערע באַשעפענישן און — די זון אַליין... דער קיבוץ רמת יוחנן פון דאַנען האָט אַ געשיכטע פון טראַגעדיעס צוליב פּאָליטישע רייסערייען. השומר הצעירניקעס און מפּאַיניקעס האָבן זיך צוזאַמען געגומען און זיך ניט געקענט צונויפלעבן. דער קיבוץ איז שיר ניט צעשטערט געוואָרן. מען האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז די קינדער זאָלן בלייבן נייטראַל און ניט געהערן צו קיין שום ריכטונג. האָט מען ניט רעספּעקטירט... עטלעכע האָבן זיך געקריגט מיט די קינדער. אַזוי ווי אין בית אלפא, ווייט אין מזרח פון עמק יזראעל, איז פאָרגעקומען אַן ענלעכער קאָנפליקט. האָט מען געטוישט מיטגלידער:

רמת יוחנן איז געבליבן מפאי, איז בית אלפא געוואָרן אינגאנצן השומר הצעירדיק. ווייטער אַביסל, כפר מאסאריק, אַ קיבוץ פון השומר הצעיר פון טשעכישע און ליטווישע יידן; ביי דער זייט די גרויסע ציגל פאַבריק „נעמן". די לייט נעמט מען טאקע ביים ברעג פון טייכל נעמן. ניט ווייט פון דאנען — דער קיבוץ „משמר הים", וואָס גיט זיך איבערהויפּט אָפּ מיט פישערייי און מיט איינגעמען דעם ים. די געגנט האָט אין צפון זייט געהאט זומפּן. יידן האָבן זיי אויסגעטריקנט פאר דעם פרייז פון שוויים און בלוט. קיינער האָט דאָ גאָרניט געשענקט די יידן. זיי האָבן אַ טאָל פון טויט פאַרוואַנדלט אין אַ טאָל פון לעבן.

איך האָב באַזוכט דעם מערבדיקן גליל. עכו און די דייטשע קאָלאָניע נהריה האָב איך אייך שוין באַשריבן. מיין שאָפער איז געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן דאָ געראַטעוועט די מעפּילים פון דער שיף „חנה סענעש". די שיף איז אַרויף אויף אַ זאַמד־באַרג. די פּאַסאַזשירן האָט מען אַראָפּגענומען מיט אַ שטריק, וואָס מען האָט געצויגן פון ברעג ים, אַ שניידיקע קעלט געווען. דער ברען פון ווינטער. און אַלע זיינען געבליבן געזונט. די געראַטעוועטע און די ראַטער. און די ענגלישע ברעג־היטער האָבן גאָרניט געזען. ניט ווייט פון נהריה געפינט זיך דאָס אַראַבישע דאָרף זיב, וווּ עס זיינען אין יוני 1946 געפאַלן פערצן הגנה־מיטגלידער, וואָס האָבן אויפגעריסן די בריק, וואָס פאַרייניקט ארץ ישראל מיט סיריע. אָנגעפירט מיט יענער עקספּעדיציע האָט יחיעם ווייץ, דער זון פון קרן קימת מנהיג און שרייבער ייסף ווייץ און אויף זיין נאָמען איז פאַראַן אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. דער קיבוץ געפינט זיך 500 מעטער איבער דעם ים־ניוואָ. אַ שיינע געגנט און אַ געפערלעכע. מען האָט אַהער געדאַרפט קומען מיט אַ סך מענטשן און מיט מאשינען. אייביקע פעלזן האָט מען דאָ אויפגעריסן. דאָס אויסבויען אָט דעם קיבוץ איז געווען אַזוי געוואַגט, ווי געוואַגט עס איז געווען די עקספּעדיציע צו אויפרייסן די דערמאָנטע בריק.

ווו נעמט מען אַ שפּראַך פון בראַנז צו באַזינגען חניתאָ? אין דער צייט פון ווייסן בוך האָט זיך געגרינדעט אַ באַוועגונג „חומה ומגדל" (מויער און פעסטונג), וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן מויערן און פעסטונגען פאַר דעם ישוב און קעגן דעם שונא. דער סאַמע ערשטער קיבוץ פון „חומה ומגדל" איז געשאַפן געוואָרן פון גאַליציאַנער יידן אין „עין מפרץ", נעבן דערמאָנטן משמר הים. דער געוואגסטער קיבוץ פון „חומה ומגדל" איז חניתא, וואָס האָט צוויי טיילן — אַן אונטערשטן

און אַן אויבערשטן. דער נאָמען חניתא איז פאַראַן אין תלמוד. אין דער נאָענט איז דאָ געווען די שטאָט צור. אַ ריזיקע קאַראַוואַנע האָט זיך אהער געלאָזט און איז געגאַנגען דורך דעם אויסגעהאַקטן וועג פאַר דעם מיליטערישן שאָסיי. חניתא האָט געהאַט דעם ציל צו פאַרכאַפּן דעם צפון טייל און ניט לאָזן אָפּשניידן דעם אויבערשטן גליל פון דעם טייל, וואָס געהער צו יידן. הונדערטער חברים פון פאַרשידענע ווירטשאַפטן זיינען אהער געקומען. אין דער פינצטער איז מען אָנגעקומען. צוויי קי־לאָמעטער האָבן דאָ קיין שטיקל וועג ניט געהאַט. די אויטאָס האָבן ניט געקענט פאָרן. אייזלען האָבן קוים געשלעפּט. אויף די פּלייצעס האָט מען געדאַרפט טראָגן דעם מערסטן מאַטעריאַל. געדולדיקער ווי דאָס אייזל איז דאָ דער פּיאָנער, בויער און קעמפער געווען. צוריק מיט צען יאָר איז דאָס געווען. שוין אין דער ערשטער נאַכט האָבן אַראַ־בער געפּרוווט איבערפאַלן, אָבער זיי האָבן געכאַפּט דעם ריכטיקן אָפּשניט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט מען פאַרנומען אויך אויבער חניתא אוןביידע פאַרייניקט. און יאָרן לאַנג איז דאָס אַרבעטן דאָ געווען אַזאַ העלדישקייט ווי דאָס היטן. מיט געפּאַנצערטע אויטאָס איז מען געפאָרן קיין און פון חניתא (לייען: כאַניטאַ). מיט ביקסן האָט מען געמוזט פאַרהיטן די שאָסיי־אַרבעטער. דער ענגלישער אָפיצער ווינגייט, דער אמתער יידישער פריינט האָט דאָ פאַרבראַכט און געלערנט מיט דער חברה ווי זיך צו פאַרטיידיקן. דער עפּל־סאָד הייסט דאָ „דער גאָרטן פון די קדושים פון חניתא". פאַראַן בינשטאָקן, פעלדער מיט תבואה און גרינס. פאַראַן וועלדער אַרויף. ים, באַרג, און ווינט. ווען די מלחמות וועלן זיך ענדיקן, וועט חניתא ווערן דאָס אמתע זומער־פּלאַץ פאַר ספּאָרט־לייט און אַלפּיניסטן.

דער וועג גייט אַוועק ווייטער, דורך אַביסל יידישער התישבות און מערער אַראַבישע און קומט צו ביז צום אייגנאַרטיקן באַרג, וואָס טיילט אָפּ ארץ ישראל פון סיריע און איז באַקאַנט איבערהויפּט מיט זיין אַראַ־בישן נאָמען ראַס אַל נאַקורא. אויף עברית הייסט ער ראש הנקרה. דאָס איז אַ ווייסער באַרג ווי שניי, וואָס רייסט זיך אַריין אין ים אַריין און וועלכער האָט אין זיין „לייב" סמנים פון שווערן קאַמף מיטן ים. ער איז אַריין אין ים און דער ים איז אַריין אין אים און אים געמאַכט טיפע היילן. אין אָט דעם באַרג איז פאַראַן אַ טונעל מיט אַ וועג פאַר אויטאָס. אין נאָרמאַלע צייטן איז דאָ אַ גרעניץ־פּאָסטן. היינט איז דאָרט פראָנט, אויך אין צייט פון וואַפנשטילשטאַנד.

אין עמק זבולון, אויף דעם וועג צום עמק יזרעאל געפינט זיך דער גרעסטער קיבוץ אין לאַנד — יגור. מיר פאָרן דורך און באַזוכן די איינ־ציקע צעמענט פאַבריק פון לאַנד. אַ ריזיקע פאַבריק איז זי. „נשר" איז איר נאָמען. זי וואָלט געמעגט הייסן נשר הגדול. פון די אַרומיקע בערג ברענגט מען די שטיינער און דאָ צערייבט מען זיי און מען צעקאָכט זיי אין צעמענט. אַמאָל האָט די פאַבריק געהערט נאָר צו פּריוואַטע אונ־טערנעמער און מען האָט קיין יידישע אַרבעטער נישט צוגעלאָזט און אַראַבישע שטרייקער האָבן דאָ געקראָגן שטיצע און הילף פון יידישע אַרבעטער. היינט איז דער „סולל ובונה" אַ שותּף צו דער פאַבריק און די באַלעבאַטים זיינען אַנדערע מענטשן — יידיש־באַוווסטזיניקע, סאָציאַל־ליבעראַלע. די פאַבריק פּראָדוצירט אַריבער טויזנט טאָן צעמענט אַ טאָג.

אַ פאַרפראָשעטער פון „נשר"־צעמענט קום איך אָן קיין יגור. מיר פאָרן אַריין דורך אַן אייזערנעם טויער און אונדז באַגעגנט אַ רויש און אַ טומל. מען ווייסט ניט וווהין פריער צו קוקן און וואָס פריער צו הערן. און גראָד איז מען הונגעריק. גייט מען אַריין אין עס־צימער. דאָס גרעס־טע עס־צימער פון אַלע קיבוצים. מען זאָגט מיר, אַז עס זיינען דאָ 500 זיצפּלעצער, אָבער מיר דאַכט, אַז עס זיינען פאַראַן מער ווי טויזנט. מיר זעצן זיך אַנידער ביי אַ טיש, מען פרעגט אונדז גאָרניט און מען דערלאַנגט אונדז פריש און געשמאַק עסן. און אַ שמייכל פון יונגע מיידלעך באַקומען מיר אויך. אַ שכן זאָגט מיר:

— אין אָט דעם חדר האוכל האָט געשפּילט בראָניסלאַוו הובערמאַן. שוין איינמאָל אַ קאָנצערט געווען. און די „הבימה" און דער „אוהל" שפּילן דאָ טעאַטער. און אונדזערע קאָנצערטן קומען דאָ אויך פאָר. יהודה ש. איז דאָך אונדזער מיטגליד.

יהודה ש. איז אַ באַוווסטער מוזיקער אין לאַנד. ער איז, מאָלט אייך, משה שערטאָקס אַ ברודער. אָבער ער האָט יחוס עצמו. ווען מען וועט שוין ניט זען משהן און ניט יהודהן, וועט מען דעם לעצטן הערן... ער שטאַמט פון אַ בילו־משפּחה. ער איז אַן אָנגעזעענער קאָמפּאָזיטאָר. אין דער וועלט איז ער באַרימט מיט זיין מוזיק צו רחלס „ואולי", וואָס איז ווייט ניט זיין בעסטע קאָמפּאָזיציע. די מעלאָדיע איז רוסיש. ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון אָט דער קאָמפּאָזיציע, ער בעט מען זאָל דאָס מער ניט זינגען, אָבער ווער פאָלגט אים? ער האָט אַ בליק און אַ שמייכל פון אַן עכטן קינסטלער. יהודה ש. האָט דאָ איינגעאָרדנט די אמתע כאָרן און די אמתע קאָנצערטן.

מיר קומען ארויס פון דעם עס־צימער, ווו עס קומען פאָר גאַנץ אינטערעסאַנטע שמועסן און שיר־ניט מיטינגען. אין סאַמע צענטער איז אַ כבר (סקווער) מיט בלומען. אַלץ איז געבויט סימעטריש, אָבער עס איז היפּש פאַרלאָזט צוליב דעם קריג. אַ הויכער נאַקעטער באַרג קוקט אַראָפּ אויף יגור. דאָס איז דער כרמל. פון דאַנען זיינען אַראַבער ניט



אלגעמיינער בליק פון יגור

איין מאָל איבערגעפאַלן דעם גרויסן קיבוץ אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. יגור שטאַמט פון דעם גאָר אַלטן „קיבוץ אחוה", וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן בעת דער צווייטער עליה און האָט געוואַנדערט איבער דעם לאַנד. אין יגור האָט זיך אחוה באַזעצט אין 1922. פאַראַן דאָ מענטשן פון אַלע עליות. אַ צוויי טויזנט נפשות האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין קיבוץ, שוין אינאיינעם מיט די פּליטים און עולים און מיט דעם גרעין, וואָס האָט זיך דאָרט געלערנט, בכדי צו קענען זיך באַזעצן אויף נייער ערד. די מיטגלידער פון קיבוץ האָבן געאַרבעט אין דער

אַרומיקער געגנט אַלס טרעגער, שטיינהאַקער א. א. וו. פאַראַן אַ סך תבואה־ און גרינצייג־פעלדער און ביימער פון פירות. און קליינע פאַבריקלעך פון וואָל־שערעריי, וועשעריי, סטאָליעריי, בלעכעריי. מען מאַכט דאָ טעפּיכער און דעקעס.

יגור איז אַ מוסטער פאַר ווירטשאַפט און אויך פאַר יום־טובים. דער סדר אין יגור האָט אַ שם אין גאַנצן לאַנד. עס שאַפט זיך דאָ אַ גייער לעבנס־שטייגער. וועגן איינעם אַ קאָנצערט דערציילט מען דאָ נסים. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען הגנה־מיטגלידער האָבן באַפרייט 200 מיטגלידער, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַרשפּאַרט אין לאַגער פון עתלית. די 200 מעפּילים האָט מען געבראַכט קיין יגור. די ענגלענדער האָבן דעם קיבוץ אַרומגערינגלט. יהודה ש. האָט דעמאָלט דיריזשירט אַ כאָר־קאָנצערט. דער קיבוץ איז אויפגעשטורעמט געוואָרן און די ענגלענדער האָבן די מעפּילים ניט געפּאַקט. יהודה ש. האָט דעמאָלט זיין לעבן איינגעשטעלט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך יגורניקעס און די באַפרייטע זיינען געבליבן פריי. דאָ האָט צביה לובעטקין דערציילט פאַר טויזנטער וועגן אומקום פון פוילישן יידנטום. דאָ זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענפאָרן פון הקיבוץ המאוחד. דאָ האָט זיך אויספאָרמירט אַ סעמינאַר פאַר לערער און פּרעבליסטן אין די קיבוצים, וואָס איז טיילווייז אַריבערגעפירט געוואָרן ווייטער צו, אין שער העמקים.

די געשעענישן פון 29טן יוני 1946 אין יגור זיינען יעדן באַקאַנט. ענגלענדער האָבן דאָ געזוכט געווער און זיי האָבן טאַקע אַנטדעקט אַ כלי־זין לאַגער פון דער הגנה. זיי האָבן אַרעסטירט הונדערטער מענטשן, אויפגעריסן פּאָדלאָגעס, צעריסן הייזער און אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן. חיים גראַדע האָט יענע געשעעניש פאַרייביקט אין אַ פּרעכטיקער באַלאַדע „אַריאל פון יגור". און מען האָט אַלץ אויפגעבויט און דער אימפּעט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס לעבן וואַקסט דאָ העכער און גרעסער און אַלץ זינגט.

ניט ווייט פון דאַנען זיינען פאַראַן צוויי רעליגיעזע קיבוצים — כפר חסידים און כפר הנוער הדתי. די חסידישע רביים, דער יאַבלאָנער און דער קאָזשעניצער האָבן אַהער געבראַכט חסידישע יוגנט, וואָס האָט פאַרייניקט חסידישן ברען מיט חלוציות. אויף דעם גרעניץ פון עמק זבולון און עמק יזרעאל געפינט זיך דער שער העמקים, אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר", וווּ עס קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער און מער דער דערמאָנטער סעמינאַר פאַר פּרעבליסטן און לערער. דאָ באַגעגנט זיך דער

כרמל מיט די בערג פון גליל און קיין מזרח־זייט גייט אַוועק דער וועג צום גרעסטן טאָל אין לאַנד — צום עמק יזרעאל.

און די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אַ פּרייטיק. ווידער אין אַ פּרייטיק. די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אום פּרייטיק. די אַלטע שטאָט איז געפאַלן אין פּרייטיק. עגיפּטישע שיפן האָבן באָמבאַרדירט תל אביב אום פּרייטיק. און אָט איז דער פינפטער פּרייטיק און עס איז וואָפנשטילשטאַנד. אַראַבער נאַרן אָפּ. זיי פאַלן אָן ערטערווייז. שוין נאָכן וואָפנשטילשטאַנד. מען איז אויף דער וואַך. אָבער עס איז דאָך פאָרט וואָפנשטילשטאַנד. די וואַכזאַמקייט בלייבט, דער אומרו פאַרשווינדט.

פיר וואָכן האָב איך דאָ געלעבט זייט איך בין אָנגעקומען. פיר וואָכן מיט אַ טאָג? ווער זאָגט דאָס? אַ מיליאָן יאָרן... אין די 55 יאָר, וואָס איך האָב ביז איצטער געלעבט אויף גאָטס וועלט, האָב איך ניט איבערגעלעבט קיין טויזנטל טייל פון דעם, וואָס איך האָב דאָ איבער־געלעבט אין אָט די 29 טעג. איך בין אַ מיליאָן מאָל געווען אויף דער גרעניץ פון טויט און איך בין געבליבן לעבעדיק. וויפל מאָל זיינען מענטשן געפאַלן בפועל ממש אַ שפּאַן פון מיר? אָבער עס גייט דען אין מיר פּערזענלעך? איך פאַר זיך אַליין קען זיין אַלץ, אָבער אין ארץ ישראל האָב איך ערשט רעכט אויסגעלערנט, אַז דער יחיד איז עפּעס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַ טייל פון כלל.

די מלחמה איז דערווייל געענדיקט. אַ יונגער גענעראַל איז גע־שטאַנען אין קלוב פון די אויסלענדישע זשורנאַליסטן און ער האָט אָנגעוויזן: די אַראַבער האָבן פאַרנומען ביי די יידן צוויי הונדערט עטלע־כע און אַכציק קוואַדראַט קילאָמעטער, די יידן האָבן פאַרנומען ביי די אַראַבער דריי הונדערט עטלעכע און דרייסיק קוואַדראַט קילאָמעטער. אַ קליין מדינהלע, וואָס מען האָט ערשט אויפגעשטעלט. האָט צוגענומען ביי זעקס אַלטע מדינות, וואָס האָבן פערציק מאָל אַזויפיל מענטשן, מיט פופציק קוואַדראַט קילאָמעטער מער. און די זעקס מדינות האָבן געהאַט בערג מיט געווער און שטאַרקע פעסטונגען. און יידן האָבן גאָרניט געהאַט. ניט קיין געווער און ניט קיין פעסטונגען. און ניט נאָר אין די פופציק קילאָמעטער גייט דאָס; יידן האָבן באַקומען באַלוארטן. די אַלטע שטאָט ירושלים האָבן טאַקע די אַראַבער פאַרנומען, אָבער די נייע שטאָט איז ריין פון אַראַבער און פאַרפעסטיקט. און דער נגב איז בלאָקירט נאָר אין דריי ערטער. פריער איז ער געווען כמעט אומעטום בלאָקירט. ניט נאָר די דרייסיק מיליאָן אַראַבער האָבן פאַרשפּילט די מלחמה, נאָר

ענגלאַנד האָט זי פאַרשפּילט. דער טייוולאָנישער המן־פּלאַן פון אויסראָטן אַלע ארץ ישראל יידן איז ניט געראָטן. ענגלאַנד האָט איבערגעשאַצט די אַראַבישע כוחות און ניט דערשאַצט די יידישע כוחות. מיט עטלעכע טעג פריער האָט בן גוריון דערציילט אין פּאַרלאַמענט וועגן אַן אַנטדעקטן ענגליש־אַראַבישן פּלאַן פון אַ אינוואַזיע. דעם 20טן מאַי האָט מען „גערעכנט" פאַרנעמען חיפה און דעם 25טן — תל אביב. און אַט איז דער 11טער יוני און מען האָט פאַרנומען דאָס, וואָס מ'האָט געגעבן פריער. אין מוח האָבן מיר געטאַנצט צוויי געדאַנקען. איך האָב אַמאָל געצווייפלט אין דער אמתדיקייט פון דער געשיכטע וועגן דוד און גלית און ווען איך האָב אָנגעהויבן ווערן אַן אפּיקורס, האָב איך ניט געגלייבט אין דעם זאָג פון „על הנסים": „האָסט איבערגעגעבן אַ סך אין די הענט פון ווייניק" (רבים בידי מעטים). אַט איז עס דאָך געשען אין אונדזער צייט פאַר מיינע אויגן. וואָס פאַר אַ נאַרישער אפּיקורס איך בין עס געווען. איך האָב דאָס דאָך איצטער אַליין געזען.

מען האָט ניט געטאַנצט און ניט געזונגען און מען האָט זיך ניט פאַרשיכורט מיט דעם נצחון. נאָר מען האָט זיך ערשט איצטער ווידער געשטעלט אויף דער וואַך. אַז מען פאַרהוליעט זיך נאָך אַ נצחון, קען געשען דאָס ערגסטע. אָבער מיר ווייסן דאָך דעם "הנה לא ינום ולא ישן".

XVII

אַ געזאַנג צום עמק

ביינאַכט געצעלטן לייכטן אויף — לאַמטערנעם גרויסע,
און ס'אָטעמען גלבוע־בערג צעוואַכט;
ווער לויערט דאָרט אין טונקל, ווי אַ גרויסע חיה
וואָלט אויפגעמאַכט איר שלינגער אין דער נאַכט?

לאַנגהאָריק און די אויגן שאַרף, ווי בלעם,
רייט נאַכט אויף שוואַרצן אייזל שטילערהייט;
עס האָבן די גלבוע־בערג צעלייגט זיך —
דערפילט דאָס שאָרכן פון גאָטס האַנט וואָס זייט.

מיט אַ באַהאָרטער האַנט — פול הויפנס שטערן —
וואַרפט גאָט דעם זאָט פון טרוימען אַזוי העל.
און שוואַרצע ליפּן שעפּטשען מיט אַ ציטער:
— ווי גוט די נייע געצעלטן זיינען, יזרעאל!

א. שלאָנסקי

מיר פאָרן אין גרעסטן טאָל פון לאַנד. אין עמק יזרעאל. צוריק מיט צוויי צענדליק יאָר האָט מען אים גערופן נאָר עמק. ער איז געווען דער איינציקער באַזעצטער טאָל. היינט מוז מען אים שוין רופן ביים נאָמען. ער איז מער ניט קיין בן יחיד. ער איז אָבער דער גרעסטער און באַליבט־סטער טאָל אין לאַנד. געווען אַ צייט, ווען מען פלעגט ניט אויפהערן זינגען אַ ליד פון איין וואָרט „עמק”. אין ארץ ישראל נעמט מען אַ נייע געגנט איין מיט קרבנות און מיט אַ לידל. ווען מען האָט גענומען בויען דעם גליל, האָט מען געזונגען „מי יבנה הגליל?”

דער עמק יזרעאל געפינט זיך נעבן עמק זבולון און האָט אַמאָל געהערט צום שבט יששכר. מיר געדענקען דאָך פון חומש, אַז יששכר און זבולון האָבן געלעבט אין שכנות. זבולון האָט געלעבט ביים ברעג

ים, יששכר אין בליענדיקן טאָל. „שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך". זבולון האָט געהאַט די פרייד אינדרויסן, יששכר אין געצעלט. דער עמק יזרעאל איז אַמאָל געווען דאָס געבענטשטע ווינקל אין לאַנד. „יזרעאל" מיינט: גאָט זייעט. מענטשן האָבן ניט געדאַרפט זייען. עס האָט גע־וואַקסן פון דעם, וואָס גאָט האָט געזייעט. די אַראַבער האָבן אים אַזוי פאַרוואָרלאָזט, אַז ניט גאָט און ניט מענטשן האָבן געזייעט. די אַראַבער האָבן מורא געהאַט זיך צו באַזעצן אין טאָל, ווייל ער איז געווען פאַר־פעסטעט. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די ברעגעס פון די בערג. אין דער צייט פון דער דריטער עליה, באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג (ערשטע עליה: בילו אין די אכציקער יאָרן פון פ. י., צווייטע עליה פון 1904 — ביזן ערשטן וועלט־קריג, דריטע עליה — נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, פערטע עליה — אָנהויב פון דער היטלער עפּאָכע ביז דעם צווייטן וועלט־קריג, פינפטע עליה — בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, זעקסטע — די מעפּילים־עליה אונטער דער ענגלישער בלאָקאַדע און זיבעטע — גייט איצטער אונטער דער מדינה) האָט מען אָנגעהויבן איינגעמען דעם עמק. מען האָט גענומען בויען שאָסייען. דערנאָך איז געקומען יוסף טרומפּלדאָרס „גדוד העבודה" און גענומען טריקענען די זומפּן. דער טאָל איז אויסגערייניקט געוואָרן פון מאַלאַריע. ער איז אויך באַפרייט געוואָרן פון אַ סך אַנשיקענישן, ווי עקדישן (סקאָרפּיאָן — עקרב אין העברעאיש) און קליינע קאָמאַרעס. שלום אַש האָט אין „געזאַנג פון טאָל" דאָס זייער שיין באַזונגען. דערנאָך האָט דער קרן קימת אָפּגעקויפט ערד. כמעט ניטאָ קיין פּריוואַטע ערד דאָרט, אַלץ געהער צום קרן קימת. אַריבער אַ פערטל מיליאָן דונאַם. די איינריכטונג האָט געהאָלפן גיבן דער קרן היסוד אויף דעם ערשטן פּלאַן. און דעם סאַמע עיקר — דעם שוויים און דאָס בלוט האָבן געגעבן זייער מאַיעסטעט די חלוצים.

דער גרעסטער טאָל ציט זיך פון כרמל אפרים און גלבוע בערג אין דרום ביז צו די גליל בערג און דעם ירדן אין צפון. דאָ איז אַמאָל געווען די שטאָט יזרעאל, ווו עס האָט געקעניגט שאולס זון איש בושת און ווו אחאב און איזבל האָבן געווילדעוועט מיט געצנדינעריי, ביז יהוא בן נמשי האָט די גאַנצע משפחה אויסגעקוילעט. דאָ האָט אליהו הנביא געפירט זיינע שווערע קאַמפן מיט די פאַלשע בעל־נביאים. וועגן דער געגנט ווערט דערציילט אין שמואל א׳: „און אַ קוואַל איז אַרויסגעגאַנגען פון צווישן די גלבוע בערג און ער איז געקומען ביז יזרעאל". די צלם־

טרעגער האָבן די געגנט גערופן „איזדראעלאָן". אין אייניקע לאַטיין־שפּראַכנדיקע לענדער רופט מען עד היום יידן „איזדראעליטן".

דער טאָל קריכט דאָ און דאָרט אַריין מיט פינגער אין די בערג, אָבער צום מיינסטן ליגט ער צעשפּרייט ווי אויף אַ טעלער. און אַ גלייכן וועג האָט ער. אַ שאָסיי שניידט אים דורך. ער גייט פון סיריע ביז מצרים. מען רופט דעם צוג, וואָס גייט דאָ אַרומער דורך „עקספּרעס נהלל— קאַיראָ". מען האָט שוין געוויזן פילמען פון אַלע עקספּרעסן און אָט אַ דעם — ניט. כאָטש ער וואָלט אפשר געווען דער אינטערעסאַנטסטער עקספּרעס! אַראַבישער ישוב איז דאָ פאַראַן ווייניק און אונטן כמעט

רעגן־וואַרפער

גאָרניט. איצטער וואָלט די אַראַבער געפעלן דער עמק, וועלכן די יידן האָבן פאַרוואַנדלט פון אַ טאָל פון טויט אין אַ טאָל פון לעבן...

ער איז שיין דער עמק יזרעאל בייטאָג און ער איז שוין ביינאַכט. בייטאָג שטראַלט ער און ביינאַכט שיינט ער. די באַוואַסערונג זיינע געהער צו די שענסטע, וואָס מ'קען זען. פאַראַן דאָ אַ סך וואַסער און עס פלעגט שטראָמען און אָפּרייבן די בעסטע שיכטן פון דער ערד. היינט האָט מען דאָס וואַסער איינגעשפּאַנט אין רערן פון בעטאָן און עס שטראָמט סיסטעמאַטיש פון די טיפענישן און פון די הויכן. ווי שיין

איז צו קוקן אויף די רעגן־וואַרפער אין די פעלדער און גערטנער פון גרויסן טאָל, וואַסער פון ברכה, טראָפּן פון שיין. די זון דרינגט דורך דאָס זילבערנע וואַסער און באַגילדעט דאָס. און עס פאַלט שפּריצנדיק און זינגענדיק. עס גלוסט זיך עס בענטשן, אָבער אַזוי גוט ווי אָט דאָס וואַסער בענטשט די ערד, ווער נאָך קען אַזוי בענטשן? און דיווירטשאַפט איז דאָ אַ סיסטעמאַטישע, אַ קאָנטראָלירטע, אַן אינטענסיווע. זי ליידט פון ווייניק קאַפּריזן. די קי גיבן דאָ אַ סך מילך. און עס איז פאַראַן אַ שטענדיקע סעלעקציע. הייבט אָן אַ קו גיבן ווייניקער מילך און קיין רפואה באַווייזט זיך ניט, פירט מען זי, אַלציינס ווי אַ הון, וואָס קרייעט, צו דער שחיטה און אויף איר אָרט שטייט אַ מילדערע פון איר. די קיבוצים און מושבים האָבן מילך און די תנובה האָט אויך אַ סך מילך פון דאַנען. „ארץ זבת חלב" איז דער עמק געוואָרן. און האָניק רינט ער אויך. פון פּרעכטיקע בינשטאָקן האָניק און פון טייטל־ביימער. און ווייסע עופות זיינען דאָ פאַראַן. ווו האָט מען אין דער אַלטער היים געקראָגן אַזעלכע ווייסע הינער און הענער אויף כפּרות? און די הענער קרייען דאָ אַזוי מוזיקאַליש, אַז אין די בערג קלינגט עס אָפּ. די צוויי הויפּט סיסטעמען פון באַזעצונג, דער „קיבוץ" און דער „מושב" האָבן דאָ זייערע אַלמא מאַטערס. אין מזרח עין חרוד און אין מערב נהלל.

מיר קומען אָן קיין נהלל דורך קרית עמל — אַן אַרבעטער שטעטל אויף דעם באָדן פון קרן קימת און דעם קיבוץ „גבעות זייד", אויף דעם נאָמען פון אַלעקסאַנדער זייד, אַ גרויסער שומר־העלד פון ישוב, וואָס האָט געוווינט ניט ווייט אין שיך אבריק. ער איז דאָ געשטאַנען אויף דער וואַך מיט זיין משפּחה איינער אַליין אין די געפערלעכסטע מאָמענטן. ער האָט געוואָלט אויסאַרבעטן אַ באַזונדערן שיכט יידישע פּאַסטוכער, אָבער די קיבוצים האָבן אַריינגענומען אין זייער ווירטשאַפט דאָס פּאַשען שאָף. ניט ווייט געפינט זיך דער מושב „בית שערים", וואָס איז אַמאָל געווען אַ היסטאָרישער צענטער. נאָך דעם חורבן האָט דאָ געלעבט אַ שטיק צייט דער סנהדרין. מען האָט דאָ געמאַכט אויסגראָבונגען פון וויכטיקער היסטאָרישער ווערט. מען האָט אויסגעגראָבן אַ גרויסע שול, אַ זאַל, קאַטאַקאָמבן, הונדערטער טרומנע־לעכער מיט העברעאישע און גריכישע אויפשריפטן. דאָ איז פאַראַן „אלונים", אַ קבוצה, וואָס איז געבויט געוואָרן בעת די געשעענישן פון 1938. מען האָט זיך דאָ באַזעצט אין אַ מויער צוליב שמירה. און עס האָבן ניט געפעלט קיין קרבנות. אַראַבער פלעגן זיך באַהאַלטן הינטער אַלערליי באַהעלטענישן און וואַרפן באָמ־

בעם און שטיינער. און דערנעבן „עלית הנוער", די ערשטע קבוצה פון דער יוגנט, געבוירענע אין לאַנד און געבראַכטע.

דער קיבוץ עין חרוד, דער קרן קימת און הענריעטע סאָלד האָבן אַלע געהאָלפן אויסבויען אָט די קבוצה. דאָס איז געוואָרן אַן עקספּערי־מענט פאַר אַ ריזיקער יוגנטלעכער עליה.

פאַראַן אין אָט דער געגנט אַ גרויסער מושב, וואָס הייסט „כפר יהושוע" אויף דעם נאָמען פון יהושוע כאַנקין, וואָס מען האַלט אים פאַר דעם אויסלייזער פון דער עמק יזרעאל־ערד. צוריק מיט קנאַפּע זעכציק יאָר האָט ער זיין אַרבעט אָנגעהויבן אין לאַנד. ער האָט אויס־געקויפט ערד נאָך איידער עס איז געווען דער קרן קימת. יהושוע און זיין פרוי אָלגאַ געהערן צו די באַרימטסטע העלדן פון ישוב. זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ראשון, ווייל זיי האָבן ניט צו־שטאַרק געפאָלגט די משרתים פון באַראָן. אין כפר יהושוע האָט מען אין די ראַמען פון מושב־סיסטעם געמאַכט נייע עקספּערימענטן. צוואַנציק משפחות האָבן געמאַכט שותפות. פאַראַן דאָ אַ פועלי בזרחי־מושב „שדה יעקב" אויף דעם נאָמען פון ר' יעקב ריינעס, דעם ראש ישיבה פון דער באַרימטער לידער ישיבה. אַהין־צו, ווייטער איז פאַראַן רמת דוד (אויף דעם נאָמען פון דוד לויד דזשאָרדזש), וואָס באַשטייט פון צוויי קבוצות „שרון" און „עינות". און דאָ טאַקע געפינט זיך אַ פּלי־פּלאַץ פון קרן קימת. דאָ האָבן חברה געלערנט פּאַראַשוטיזם און פון דאַנען זיינען זיי אַוועק העלפן ראַטעווען יידן פון מערדערס הענט. חנה סענעש און ענציא סערעני האָבן דאָ געלערנט זיין פּאַראַשוטיסטן און זיינען אַוועק ראַ־טעווען יידן.

מיר קומען אָן קיין גבת. דאָס איז אַ קיבוץ אויף דעם נאָמען פון די פּינסקער קדושים. חלוצים פון פּאָלעסיע האָבן דעם דאָזיקן קיבוץ געגרינדעט. ביים אריינקום טרעפן מיר אַ גרויס הויז אויף דעם נאָמען פון הערשל פּינסקער, וואָס איז דאָ אין אַ רעגנטאָג פאַרשלעפּט געוואָרן פון אַ וואַסערשטראָם אין אַ וואַדי אריין. אַ וווּנדערלעכער קיבוץ, אַ פיין געבויטער, מיט אַ פּרעכטיקער ווירטשאַפט פון הינערצוכט, תבואה, פּלאַנטאַציעס. דער קרן היסוד האָט דאָ אַריינגעלייגט ביי די צוואַנציק טויזנט פונט. מען מאַכט דאָ גרויסע טעכנישע אויפטוען. מען קאָנס־טרואירט דאָ וויכטיקע מאַשינען. פאַראַן דאָ אַ גרויסער וואַסער־רעזער־וואַר פאַר דער אַרומיקער געגנט. דאָ איז פאַראַן אַ גרויסער אַרגענטינער גרעין פון „דרור". דער דאָזיקער גרעין איז אָנגעפירט פון באַרקאָן

(פאַרוואונדעט געוואָרן און שטייט אויף דער וואַך) און מנחם. יינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער איבערזעטיקטער אַרגענטינע אין אַלדאָס גוטס און אין ווייניק אַרבעט, האָבן זיך דאָ איבערגעבראָכן בפועל ממש און געוואָרן אַנדערע. באַוווסטזיניקע דער־לייזער פון יידישן פאָלק — נאַציאָנאַל און סאָציאַל. קוקנדיק אויף די אַרגענטינער יאַטן און יאַטעכעס (אייניקע האָבן שוין דאָרט געבוירן קינדער), האָב איך דערפילט, אַז דער ציוניזם איז אין זיינע אַ סך פאָרמען אַ משיחישע באַוועגונג.

נהלל אַליין איז די רעזידענץ פון די מושבים און די מוטער פון די ישובים אין מערבדיקן עמק. נהלל איז שיין און בליענדיק. דער מושב



אלגעמיינער בליק פון נהלל

האָט אַ קרייז, אין וועלכן עס געפינען זיך אַלע כלל־אינסטיטוציעס, די די שול פאַר קינדער, אַ פאָלקס־הויז, אַ מעלקעריי. דאָס גאַנצע דאָרף איז געבויט געוואָרן קיילעכדיק און איין קרייז נעמט אַרום דעם צווייטן. גערטנער רינגלען אַרום דאָס דאָרף, אַ ציפּרוס אַלייע רינגלט אַרום די גערטנער, דער שאָסיי רינגלט אַרום די דערמאָנטע אַלייע... די תנועת המושבים והארגונים נעמט אַרום אַ זעכציק מושבים און אַריבער צוואַנ־

ציק טויזנט נפשות. פאַראַן באַפרייטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין די ראַמען פון אָט דער אָרגאַניזאַציע זייערע „מושבים שותפיים".

יעקב אורים פרוי, די שטילע און באַהאַלטן קלוגע, די עקספּרעסיווע פרוי נאַדיאַ, צוויי וואָרט־זאָגערנס פון נהלל, האָבן מיך געפירט איבערן מושב און מיטגענומען די יונגע פנינה מיט די אויגן ווי שוואַרצע פּערל און מיט אַ קערפּער פון אַ גאַזעל; זיי האָבן מיך אַלע געפירט באַרג־אַרויף (אין די נפתלי בערג?) זען דעם חנוכת הבית פון אַ נייעם מושב. עס איז געווען אַ חנוכת הבית אַ שלאַכט, וואָס מען פאַרמעסט זיך צו איר. נאַדיאַ האָט געזאָגט: „איצטער זיינען זיי געבליבן אַליין דאָרט די חברה, אַזוי ווי חתן־כלה נאָך דער חתונה... וואָס קען זיין שווערער ווי דאָס און וואָס קען זיין אַ מער גליקלעכער מאָמענט? פנינה האָט געשוויגן...

אין דרום זייט פון עמק געפינט זיך דער „חבל מנשה", וואָס האָט געהערט צו שבט מנשה. דאָס איז דער פאַרבינדונג־פּונקט צווישן עמק און שרון און שומרון. דער טייך קישון פליסט זיי אַנטקעגן. אַן אַלטער באַקאַנטער טייך. אליהו הנביא האָט נעבן אים פאַרענדיקט זיין חשבון מיט די פאַלשע נביאים, ביי וועלכע ער האָט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן ניט הינקען אויף צוויי שוועלן און אויסזאָגן, צי זיי זיינען צו גאָט, אָדער צום בעל. מען האָט די פאַלשע נביאים אַריינגעקוילעט אין אָט דעם טייך אַריין. אַ טייך... עס רעדט זיך אַזוי. אַ קליין טייכעלע. דאָס בלוט פון די פאַלשע נביאים האָט שוין לאַנג אויסגעטריקנט און וואַסער טריקנט דאָ אויך אויס אום זומער. מיר פאָרן דאָ דורך קיבוצים פון דייטשע יידן — יקנעם און הזורע. אַסימילירטע יידישע יוגנט פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך דערשלאָגן ביז אַהער און געקראָגן תיקון. צופוסנס פון די שומרון בערג ליגט דאָ דער משמר העמק, איינער פון די עלצטע השומר הצעיר קיבוצים, וואָס איז דאָ אַזוי לאַנג געווען איינזאַם, ביז וואַנען ער האָט געקראָגן שכנים. די „יעקישע" קיבוצים געהערן אויך צו השומר הצעיר. דאָ איז יאָרן־לאַנג געווען דער הויפּט־צענטער פון קיבוץ ארצי. מיר פאָרן באַרג־אַרויף, מיר קומען צום דאָרף קדם, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן און ווערט עד היום באַוווינט פון קורדיסטאַנער יידן. מאָדנע, פרעמדלעכע מענטשן און דאָך יידן. זיי האָבן אויסגערייניקט די פאַרוואָרלאָזטע געגנט און אָפּגערוימט די פעלדער פון די שטיינער. אין שכנותדיקן רמת השנים („דאָס בערגל פון צוויי" — אויף דעם נאָמען פון צוויי געפאַלענע חברים) אַן אָבסערוואַציע־טורעם. מען זעט פּרעכטיקע פּרדסים...

א געפערלעכע געגנט דאָ אויף דעם בארג געווען; זיינען, ווי שטענדיק, געקומען השומר הצעירניקעס. זיי האָבן דאָ אויסגעבויט דעם קיבוץ עין השופט. פּוילישע און נ. אַמעריקאַנער חלוצים האָבן דאָ שותפות געמאַכט און אויסגעבויט אַ פּרוכטבאַרע קאָלאָניע אויף דעם גאַנץ הויכן בארג און זיי האָבן געלערנט דרך ארץ מיט די אַראַבישע איבערפאַלער. נאָך אַ קיבוץ פון השומר הצעיר, וואָס הייסט „דליה". מיט דער הילף פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל האָט מען דאָ אויסגעבויט אַ וואַרשטאַט פון פּרעציזער מעכאַניק. צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע עלטערן האָבן די חברה געגרינדעט דעם „גאָרטן פון די עלטערן", וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע. דליה האָט זיך געמאַכט דעם גרויסן נאָמען מיט דעם, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט דאָרט גרויסע טענץ. פון אַלע עקן ארץ איז מען געקומען אַהער זען די טענץ. פינף הונדערט טענצער האָט שוין דער אייגנאַרטיקער באַלעט געהאַט. ליידער האָב איך דעם דאָזיקן באַלעט ניט געקענט זען. ס'איז געווען מלחמה.

— חברה, טאַנצט פאַר מיר, איך קום אזש פון אַרגענטינע.

— וועסט קומען נאָך אַמאָל...

און אָט אַ קיבוץ רמת השופט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם באַוווסטן נ. אמעריקאַנער ציוניסט דעם ריכטער דזשוליאַן מאַק, וועלכן מען פלעגט רופן „דזשאַדזש (שופט) מעק" און וועגן וועלכן מען האָט דערציילט אַז אַ שיעור וויצן; ווען ער האָט גערעדט מיט ביאַליקן, האָבן זיי זיך ביידע אזוי גוט — ניט פאַרשטאַנען... און נאָך גאָר אַ יונגיטשקער קיבוץ, קוים דריי יאָר אַלט „גל עד". טאַקע דאָ האָט יעקב געשלאָסן דעם אָפּמאַך און געזאָגט „גל עד" און יגר סהדותאָ? (דער באַרג איז אַן עדות).

מיר וואָלטן פון דאַנען געדאַרפט פאָרן קיין נצרת, אָבער דעמאָלט האָט מען ניט געקענט. ס'איז געווען פאַרקנעכט ביי קאַוקאַדזשים „באַפרייאונג־אַרמיי". מיר זיינען מיט אַן אַנדער וועג געפאָרן קיין עפולה, מיר פאָרן דורך דעם באַלפור־וואַלד, איינעם פון די גרעסטע אין ישוב. פופצן הונדערט דונאַם ביימער. דער וואַלד שמעקט דאָ און זינגט. אין דער אַראַבישער געגנט, זאָגט מען מיר, איז אין ערגעץ ניטאָ אזא מין וואַלד. אזוי וועט אַמאָל אויסזען דאָס גאַנצע לאַנד. אזוי זעט היינט אויס די שווייץ, ווי אָט דער וואַלד ביי דער קבוצה גניגר. דער דאָזיקער קיבוץ האָט אַריינגענומען אַ גרופּע רוסישע חלוצים, וואָס האָבן זיך גערופן

„משמר הוולגה" (די וואך ביי דער וואָלגע). אַ שאָד, וואָס דער נאָמען איז ניט געבליבן.

עפולה האָט אַ גרויסן נאָמען און איז ניט קיין גרויסע שטאָט, פון אַ זעקס טויזנט נפשות. מען האָט דאָ געוואָלט אויסבויען אַ גרויסע שטאָט, טאַקע מיט דעם נאָמען יזרעאל, כאָטש די ביבלישע שטאָט מיט דעם זעלביקן נאָמען, געפינט זיך ערגעץ אנדערש. די געגנט איז אַ צענטער, וווּ עס באַגעגענען זיך אַ סך וועגן און עפולה איז אין אַ געוויסער מאָס אַ צענטער פאַר די אַרומיקע ישובים, אָבער זי זעט אויס, גלייך ווי זי וואָלט געדרימלט. אפילו דער משק הפועלות (ווירטשאַפט פון אַרבעטאָרערנס) וועקט זי ניט אויף. דער עמק יזרעאל וועט נאָך האָבן אַ גרויסע שטאָט.

אין דעם עפולה־בלאָק זיינען פאַראַן נאָך אַ סך וויכטיקע ישובים. דער צענטראַלער שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך דאָ ניט ווייט, געהער צום קופּת החולים און ער איז אויסערלעך און אינערלעך אַ פּערל. ער איז צוריק מיט 25 יאָר געווען אַ באַראַק אין עין חרוד און היינט געפינט ער זיך אין די בעסטע בנינים, וואָס זיינען איינגעהילט אין בלומען. אַהער ברענגט מען קראַנקע פון גאַנצן עמק און אַהער ברענגט מען די קימפּעטאָרנס. אַלע געבוירענע אין עמק האָבן דאָ דערזען די שיין פון דער וועלט. עס ציטערט דאָ מיט ריינקייט און פּאָרזיכטיקייט. עס שטראָמט מיט רואיקייט, עס פאַרוויגט. עס איז אַ גן עדן־ווינקל.

מאָטאָרן זשומען, הייבן אויף זאַמד, פליען אוועק. מיר זיינען אין כפר ילדים. דאָ האָט מען דערצויגן יתומים פון אוקראַינע. די קינדער זיינען געוואָרן אַ טייל פון ישוב. דער אנשטאַלט האָט אָפּגעטון זיינס און אין כפר ילדים איז היינט אַ פלי־שול. דער איינזאַמער באַרג „תבור" (טאַבאָר), וואָס זעט אויס ווי אַ קיילעך פון אַ טעמפּל געפינט זיך דאָ ניט ווייט.

דאָ געפינט זיך אויך די יונגע קבוצה דברת, וואָס פאַרבינדט פון דרום־זייט דעם אונטערשטן גליל מיט דעם עמק. דער העכסטער פּונקט איז דאָ מרחביה — אַ קיבוץ, אַ צענטער פון אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס שטאַמט אין אַ געוויסער מאָס נאָך פון דער צווייטער עליה. יעדנספאַלס איז ער דער עלטסטער ישוב אין עמק. געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1911. טאַקע דער דערמאָנטער יהושע כאַנקין האָט געקויפט די ערד. עס איז נאָך געווען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. אַראַבער זיינען איבערגעפאַלן, ווייל מען האָט זיי ניט געשטעלט פאַר קיין וועכטער.

ווי עס פלעגט זיך דעמאָלט פירן — מען האָט געשטעלט דעם גנב פאַר דער טיר — און די יידן האָבן זיך ניט געלאָזט; איינער פון די אַראַבישע אָנגרייפער איז געפאַלן. אַ גאַנצע ריי אַראַבישע דערפער זיינען געקומען נקמה נעמען און די טערקישע רעגירונג האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַראַבער. אסתר בוקר דערציילט אין בוך „עליה השניה" וועגן די דאָזיקע איבערלעבונגען אין יענער צייט. די טערקישע רעגירונג האָט ארעסטירט איר מאַן צבי און אים אוועקגעפירט קיין עכו, ווען זי איז געווען שוואַנגער. דער קיבוץ האָט געהאַט געוווער מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן אַ דאַנק דעם טערקישן געזעץ, וואָס האָט ניט דערלויבט צו פאָרן קיין פרויען אין איין באַן־וואַגאָן מיט מענער און האָט ניט דערלויבט קיין קאָנטראָליאָרן צו אַריינגיין אין די וואַגאָנען, ווו עס זיינע געזעסן פרויען. אַ דאַנק דעם האָבן די יידישע פרויען גע־קענט ברענגען געוווער קיין מרחביה און זיך געראַטעוועט. פראַנץ אָפּענ־היימער איז דאַן געקומען איינפירן זיין אייגענעם קאָאָפּעראַציע־סיסטעם, וואָס איז געווען ווייניקער קאָמוניסטיש ווי דער קיבוץ און מער סאָ־ציאַליסטיש ווי דער מושב. די אַרבעטער האָבן אים אויסגעפּרוווט און ניט אַקצעפּטירט. אסתר בוקר דערציילט, אַז אין מרחביה איז געווען פאַרקערט: דאָרט האָט מען געזייעט מיט פרייד און געשניטן מיט טרערן, כאָטש געוואַקסן האָט דאָרט זייער גוט. מען האָט געשניטן מיט טרערן צוליב די איבערפאַלן.

מרחביה איז די מעקא פון השומר הצעיר. דאָרט געפינט זיך די צענטראַלע פון קיבוץ הארצי. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און אַלע גדולים פון השומר הצעיר וווינען דאָרט און פון דאָרט ווערן ארויסגעגעבן די דירעקטיוון פאַר דער קינדער־דערציאונג און פאַר דער פאַרשידנאַרטיקער קולטור־טעטיקייט. אויך עקאָנאָמישע אויפטוען ווערן דאָ באַוויזן — שותפותן מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל ווערן דאָ געשלאָסן פאַר פאַרשידענע אונטערנעמונגען. אין מרחביה געפינט זיך דער פאַרלאַג פון השומר הצעיר „ספרית הפועלים" (וואָס האָט ארויסגעגעבן אויך אַ יידיש בוך — פון פּאָעט אריה שמרי) און דער אַרכיוו פון דער גאַנצער באַוועגונג. עס איז פון איין זייט אַ קיבוץ און אַ גאַנץ אינטענסיווער און פון דער אַנדערער זייט אַ פּאָליטישער און קולטורעלער צענטער. עפּעס מאַכט דעם איינדרוק, אַז קיין שום ישוב איז ניט אַזוי פאַרטיפט אין זיך אין עמק יזרעאל, ווי עס איז מרחביה. אַ קיבוץ און אַן אַקאַדעמיע.

און מיר פאָרן צום מזרח־טייל, צום סאַמע לעגענדאַרישסטן ישוב

פון עמק — קיין עין חרוד. מיר פאָרן אין אַ שמאָלן שטעג. צוויי בערג האָט ער. פון איין זייט די גלבוע בערג, אויף וועלכע שאול און יהונתן זיינען געפאלן. שאול האָט דאָ געהייסן זיין נושא כלים ער זאָל אים דערשטעכן. דוד האָט געשאָלטן אָט די בערג, אז עס זאָל ניט פאלן קיין טוי און קיין רעגן אויף זיי. צי עס איז פריער יאָ געפאלן טוי און רעגן אויף זיי — ווייס איך ניט. היינט זיינען זיי נאקעט און וויסט. אין דער צווייטער זייט פון שמאָלן וועג זיינען פאראן קליינע בערגלעך פון וועלכע עס בילדעט זיך אויס דער בארג מורה. מיר פאָרן איבער דער אלטער און נייער יידישער געשיכטע. מיר קומען צו צו דער הייל פון וואנען עס ציטערט ארויס דער קוואל עין חרוד, אהער איז דאָך אמאָל געקומען גדעון מיט זיינע מענטשן און גאָט האָט זיי אויסגעפּרוווט און געהייסן טרינקען פון קוואל. די דאָזיקע, וואָס האָבן געלעקט דאָס וואַסער מיט די צונגען, האָט גאָט געהייסן אוועקשיקן און די דאָזיקע, וואָס האָבן געשעפּט דאָס וואסער מיט די הענט, האָט ער געהייסן לאָזן. דריי הונדערט זיינען זיי געווען און מיט זיי איז ער אוועק אין קריג און ער האָט געזיגט.

צוריק מיט קנאפּע 28 יאָר האָט מען דעם דאָזיקן גרויסן קיבוץ געגרינדעט. עס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט דער לעגיאָן פאר ארבעט און פארטיידיקונג (גדוד לעבודה והגנה) אין אָנדענק פון יוסף טרומפּלדאָר, וואָס איז פריער מיט אַ צייט געפאלן. דער דאָזיקער לעגיאָן האָט געהאט מיטגלידער פון דער צווייטער און דריטער עליה — עלטערע און יינגערע חברים. עס איז געקומען באלד ביים אָנהייב צו אַ חלוקי דעות צווישן זיי. די עלטערע האָבן געוואָלט שאפן נאָר אַ קיבוץ פאר אגריקולטור. דער ציל פון קיבוץ זאָל זיין די לאנדווירטשאפט. פאר די יינגערע איז דער ציל און דער אידעאַל געווען די קאָמונע אליין. ארבעטן האָט מען געמעגט ביי אלצדינג. די דיסקוסיעס זיינען אריבער אין קריגערייען און אין אַ שפּאלטונג. מען האָט געגרינדעט בויען אַ צווייטן קיבוץ דערביי. תל יוסף האָט מען אים גערופן, אויף דעם נאָמען פון טרומפּלדאָרן. אין עין חרוד זייען געבליבן מער חברים פון דער צווייטער עליה, אין תל יוסף — מער פון דער דריטער עליה. דער גדוד איז געבליבן מיט זיין השפּעה אויף תל יוסף. און כאָטש זייט דעמאָלט זיינען אוועק אַזויפיל יאָרן און כאָטש ביידע קיבוצים זיינען היינט פאַריי־ניקט אין דעם זעלביקן הקיבוץ המאוחד און אין ביידע האָט די סיעה כ׳, דער לינקער צד, אַ באַדייטנדיקע מערהייט, איז עפּעס געבליבן אַ

טינאַ בלב פון יעדן תל יוספניק צו יעדן עין חרודניק און פאַרקערט. עס האָט ניט געפירט צו אַזעלכע קאָנפליקטן ווי אַ שטייגער אין „ראָמעאָ און יוליעטא" צווישן די מאָנטעסקיאָס און קאַפּולעטס, אָבער עס האָט געפירט צו אַ שווערן, לאַנגזאַמען טעמפּאָ אין דער אַרבעט און במילא איז פאַרבליבן אַ פאַרביטערונג.

— וואָס האָט געוואָלט דער גדוד און וואָס האָבן געוואָלט די עין חרודער?

— דאכט זיך ביידע דאָס זעלביקע. ביידע האָבן געוואָלט שאַפן קאָמונעס פאַר יידישע אַרבעטער, וואָס זאָלן קומען אהער אין די טויזנ־טער. אָבער דער גדוד האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט שאַפן קיין באַזונדערע געשלאָסענע אגראַרע ווירטשאַפטן, נאָר אָפענע קאָמונעס דאַרפן עקזיסטירן און מען דאַרף האַלטן אויג, אויער, האַרץ און טיר אָפן צו דער שטענדיקער עליה. די עין חרודניקעס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף שאַפן נאָך אַ קיבוץ און נאָך איינעם און נאָך. און דאָס לאַנד זאָל פאַרזייעט ווערן מיט אַ לאַנגער קייט פון קיבוצים, וואָס וועלן שאַפן באַזונדערע קאָלעקטיווע טיילן. דער גדוד האָט געוואָלט אַ גאַנצע קאָ־לעקטיווע טעריטאָריע.

און אַזוי זיינען זיי געזעסן אָפּגעזונדערט איינס פון אַנדערן יאָרן לאַנג. עין חרוד אונטן, תל יוסף — אויבן. שיין איז דער קוואַל חרוד, וואָס שטראָמט אַרויס פון דער הייל צופוסנס פון בערג גלבוע. פריער פלעגט ער זיך צעגיסן אין די זייטן אַריין און ער האָט געבילדעט מיט דער צייט זומפּן. אַז מען האָט די זומפּן אויסגעטרוקנט, האָט מען דאָס טייכל חרוד אריינגעפירט צוריק אין זיין „בעט" און אים אָנגעצייכנט זיין וועג, פּונקט ווי מען האָט דאָס געטון מיט דעם טייך קישון און מיט אַנדערע טייכן. די יידישע אַרבעטער האָבן געגעבן אַ ריכטונג די וואַ־סערן און זיי ניט געלאָזט לויפן אין די זייטן אריין און בלייבן שטיין אין קאַלוזשעס, וואָס ווערן דורך יאָרן פאַרגרינט און בילדן אַ פּעסט. מען האָט דאָ אויסגעבויט אַ באַסיין צום באָדן זיך און מען קומט אהער זיך באָדן פון פאַרשידענע טיילן. דער קיבוץ עין חרוד האָט זיך אוועק־געררוקט ווייטער, אָבער אהער קומט מען זיך באָדן, אָנזאַפּן מיט עוקאַ־ליפּט־ריח, כאַפּן שאָטן און — זיך דערמאָנען. אויף דעם באַרג דאָ איז דער קבר פון יהושוע און אָלגאַ כאַנקין, די ערשטע אויסלייזער פון עמק. דאָרט איז עד היום פאַראַן די שטיינהאַקעריי פון „סולל ובונה" און עלטערע חברים דערציילן ווי אַזוי מען האָט אויף די בערג זיך צוזאַמענ־

גענומען, געפּראַוועט יום טובים. טויזנטער מענטשן האָבן זיך דאָ גע־קענט צוזאַמענעמען און דעם וואדי האָט מען באַלויכטן מיט פאַקלען. מען מאַכט עד היום אין ארץ ישראל יום טובים ביי פייערן. „מדורות״ רופט מען זיי. שייטערס. כאָטש דאָס וואָרט שייטערהויפן דערמאָנט אין יידיש גאָר עפּעס אַנדערש... דאָס איז אַ פעלד־פייער, וואָס מען רופט אין רוסיש „קאָסטיאָר״ און אין נ. אמעריקע רופט מען עס „קעמפּ־פייער״. ביי אַזאַ פייער זינגט זיך גאָר אַנדערש דאָס באַוווּסטע לידל „אַרום דעם פייער״.

צוליב דעם, וואָס עין חרוד איז געווען איזאָלירט פון אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, האָט עס זיך שווער געראַנגלט און צייטנווייז געשפּילט מיטן לעבן. עס איז געקומען נאָך צו אַ שפּאַלטונג. אייניקע חברים זיי־נען געוואָרן קעגנער פון דער קיבוץ־אידייע און זיי זיינען אַוועק צום מושב און זיי האָבן דערנאָך גענומען בויען כפר ויתקין אין עמק חפר. ניין שווערע יאָרן האָט דער קיבוץ געהאַט. ניין יאָר געגאַנגען שווער צו קינד. היינט איז עין חרוד דער גרעסטער קיבוץ נאָך יגור. דאָ זיינען פאַראַן אַ פופצן הונדערט נפשות און באַלד צוויי הונדערט דאָ געבוי־רענע. עין חרוד האָט פעלדער, פּלאַנטאַציעס. זי האָט מאַראַנצן און גרייפּ פרוט. זי האָט וואַרשטאַטן פאַר סטאָלעריי און סטעלמאַכעריי. עין חרוד האָט געגעבן אַ סטימול פאַר אַ צוקער־פאַבריק פאַר דער גאַנצער געגנט, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרווירקלעכט ווערן.

עין חרוד איז דער קיבוץ, וואָס זוכט נייע וועגן. ער באַנוצט זיך מיט דעם לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. ער האָט ניט אַזעלכע לוקסוס עסצימערן ווי אַנדערע קיבוצים, דערפאַר האָט ער די מאָדערנסטע איינ־ריכטונג פאַר כלים־וואַשעריי. אין עסצימער שטייט אַ מאַשינקע צו שניידן ברויט, וואָס נעמט אַריין אַ גאַנץ ברויט און צעשניידט עס אויף דינע רעפטלעך און מאַכט אַ ברעקל ניט פאַרלירן. און דער הויף אין עין חרוד איז אַזאַ רחבותדיקער, אַז ביינאַכט קען ער פאַרוואַנדלט ווערן אין טעאַטער־און קאָנצערט־זאַל. די יום טובים ל״ג בעומר, חמשה עשר בשבט, די ביכורים־פייערונגען זיינען דאָ, דערציילט מען, אויסערגע־וויינלעך אימפּאָזאַנט. אפילו אַ קליינער קאָנצערט, אָדער אַ רעפּעראַט, אָדער אַ מיטינג, מאַכט דאָ אַן איינדרוק. מען זעצט זיך אַנידער אויף דעם גרינעם גראָז, וואָס זעט אויס ווי אַ טעפּיך און עס שאַפט זיך שטי־מונג. פאַראַן דאָ ליידנשאַפטלעכע קאַמפן. דער קיבוץ המאוחד, צו וועלכן

עין חרוד געהער, באשטייט דאָך פון צוויי צדדים, פון רעכטס און לינקס, פעלן קיינמאָל ניט קיין מחלוקתן.

דער קיבוץ המאוחד, וואָס האָט עטלעכע און זיבעציק קיבוצים מיט קרוב צו דרייסיק טויזנט נפשות (צווישן זיי איבער צען טויזנט קינ־דער און יוגנטלעכע) האָט דאָ דעם סעקרעטאריאט און די דרוקעריי. די דאָזיקע צענטראַלע האָט א זייער פיינעם זשורנאַל „מבפנים" — פון אינעווייניק —, וואָס העלפט טאַקע אַריינדרינגען אין דעם בפני און בפנים פון די קיבוצים. ער איז ווי א טייך, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון א סך קוואַלן. ער האָט חברים פון ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן, אַמעריקע און אַפילו אַרגענטינע. ער האָט שוין א סך געבוירענע אין ארץ ישראל. ער האָט פאַרגרעסערט דעם פאַרנעם און דעם טעמפּאָ פון קיבוץ. ער האָט פאַרייניקט אַגריקולטור מיט מלאכה און אינדוסטריע. זיינע מיטגלידער האָבן געפירט קאַמפן פאַר אַרבעט־פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן און ער איז געווען דער פּיאָנער צו באַאַרבעטן דעם ברעג פון ים המלח אין סדום. אַלע קיבוצים ציען זיך פון ווייטסטן צפון ביז דעם ווייטסטן דרום, דער קיבוץ המאוחד טוט דאָס מער פון אַלע. ער האָט א גרויסן פאָנד, וואָס קומט פון שטייער אויף די מיטגלידער און ער גיט אַרויס וויכטיקע אָריגינעלע און איבערזעצטע ביכער.

תל יוסף האָט אויך געליטן פון אינערלעכע קאַמפן און קריזיסן. עס איז דאָרט פאָרגעקומען א שפּאַלטונג צווישן רעכטס און לינקס. די לינקע האָבן זיך דערווייטערט פון ציוניזם, די רעכטע האָבן פאַרנומען דעם גדוד. די לינקע האָבן געשאַפן א גדוד, וואָס איז זיך צעפאַלן. א קליינע גרופּע איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער ריס האָט געלאָזט שפּורן, דערנאָך איז געקומען דער אָנשלוס אין קיבוץ המאוחד און די באַרואיקונג. תל יוסף איז א קלענערער קיבוץ, ווי עין חרוד, אָבער א געגנוג גרויסער. ער האָט שוין א סך מער ווי טויזנט נפשות. ער איז דורכוים אגראַר, האָט ניט קיין אינדוסטריע, דערפאַר האָט ער גע־קינצטלטע טייכלעך מיט פיש, מעדיצינישע גראָזן און ער האָט שיינע אויפטוען אויף דעם געביט פון באַוואַסערונג.

אין עין חרוד וווינט און איז דאָרט א מיטגליד, דער הויכער, ברייט־פּלייציקער אהרן ציזלינג, דער יונגער און טעמפּעראַמענטפולער פירער פון דער לינקער אַרבעטערשאַפט מיט דעם נאַקעטן קאָפּ און ווייסן זוים אַרום אים, וואָס איז אַגראַר־מיניסטער אין דער מדינה און איז א גרינט־לעכער קענער פון דער ארץ ישראל ווירטשאַפט. ווען ער קומט אין קיבוץ,

איז ער אַ גלייכער מיטגליד און ער קען צופירן עסן צו די טישן און אַוועקפּירן כלים. זיין פרוי ארבעט גלייך מיט אַלע מיטגלידער. דאָ וווינט אויך דער באַוווסטער העברעאישער שרייבער דוד מאַליץ, דער מחבר פון אַ ראָמאַן „מעגלות" (קרייזן), וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם, ווייל ער זאָגט אוים צופיל ביטערע אמתן וועגן דער יוגנט, אָדער ווייל ער האָט אַ צו־קאָנסערוואַטיוון צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער יוגנט. דאָ איז אַ מיטגליד דער באַוווסטער העברעאישער זשורנאַליסט ש. לביא, (לעווקאָוויטש), וואָס האָט פארלוירן צוויי זין אין דער איצטיקער מלחמה. ער האָט געוויינט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, און געזאָגט: „מען דאַרף ניט וויינען. מיין זון ווייסט פאַרוואָס ער איז געפאַלן"...

אין דעם בלאָק פון עין חרוד זיינען פאַראַן אַ סך ישובים. פאַראַן דאָ ניט ווייט דער מושב כפר יחזקאל, וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער כיבוש פון עמק. פאַראַן דאָ מיטגלידער פון דער צווייטער עליה. פאַראַן דאָ גע־וועזענע שומרים. אייניקע האָבן פאַסטנס פון לערערס, דאָקטוירים, שול־אינספּעקטאָרן און זיי האַלטן אָן די אַרבעט אין דאָרף. אַ קיבוץ גבע. אַ קליינער ישוב אָן אַ נאָמען, אַ בליענדיקער, מיט אַ באָטאַנישן גאָרטן, וואָס קאָנקורירט מיט מקוה ישראל. ווייטער אַהין, נאָך עין חרוד און תל יוסף איז פאַראַן דער קיבוץ „בית השטה", וואָס איז געבויט געוואָרן פון שטודירנדיקער ארץ ישראל יוגנט, קינדער פון רייכע עלטערן, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער חלוצישער באַוועגונג. מיר קומען־צו כמעט צו דער גרענעץ פון טאַל בית שאַן. מיר טרעפן צוויי פּרעכטיקע השומר הצעיר קיבוצים — בית אלפא און חפצי בה. בית אלפא איז דער ערשטער קיבוץ פון השומר הצעיר. ער איז אַלט אַריבער 26 יאָר. ער איז יאָרן לאַנג געווען דער ווייטסטער מזרחדיקער קיבוץ אין לאַנד, איידער מען האָט באַזעצט בית שאַן. זייענדיק איזאָלירט האָט ער געליטן פון איבערפאַלן. ער האָט, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, געליטן אַ ריס און אַ סך פון זיינע גרינדער, ניט קיין השומר הצעירניקעס זיינען אַוועק קיין רמת יוחנן ביי חיפה. בית אלפא מאַכט ערטערווייז דעם איינדרוק פון עקזאָטישע גערטנער און פאַרמס. פאַראַן דאָ ציפּרעסן אַלייען און וואַלדיקע בערג, וואָס געהערן צו די שענסטע אין לאַנד. חפצי בה האָט אַ ווונדערבאַרע איריגאַציע. מען זעט דאָ טשערעדעס שאָף ווי אין די אַלטע צייטן פון תנך. איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די שוואַרצע שאָף צווישן בית אלפא און חפצי בה.

חפצי בה איז אַ קיבוץ, וואָס איז געבויט געוואָרן אין איין צייט

מיט בית אלפא. קבוצים האָבן זיך אָפט געבויט פּאַרנוויז, אזוי ווי די באשעפעניש, וואָס זיינען געקומען צו נחן אין תיבה. חפצי בה איז באַשטאַנען ביים אָנהויב פון סטודענטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דייטשלאַנד. זיי האָבן ניט גערעדט ניט קיין העברעאיש און ניט קיין יידיש. זיי האָבן זיך געפילט פרעמד און זיי זיינען געווען איזאָלירט פון גאַנצן אַרטיקן לעבן. מיט דער צייט זיינען אריינגענומען געוואָרן גרעינים פון מזרח־אייראָפּע און עס האָט זיך א סך געביטן. חפצי בה האָט אן אייגענע שול, און אייגן לעבן און דער השומר הצעיר האָט דאָרט ניט קיין שום השפעה. חפצי בה האָט א מוסטערהאפטעווירטשאַפט אין א סך פרטים און זעלטענע בלומען־בייטן. עס שמעקט דאָ אלצדינג. דאָס דייטש, וואָס מען הערט נאָך דאָ, דערמאָנט אין געשיכטע... חפצי בה איז א סענסאציאָנעל פּלאַץ פאר טוריסטן צוליב א שול, פון זעקסטן יאָרהונדערט, וואָס מען האָט דאָרט געפונען, ווען מען האָט דאָרט געגראָבן קאַנאַליזאציע. מען האָט אייגנטלעך געפונען א פּאָדלאָגע — א מאָזאיק מיט עקדת יצחק און די צוועלף מזלות. מען זאָגט, אז די אויפשריפטן מאכן בית אלפא. די שול, אָדער דער ישוב זאָל דאָ אויך דעמאָלט געווען הייסן בית אלפאָ און מען האָט צוגעטראָפן אינסטינקטיוו, ווען מען האָט דעם שכנותדיקן ישוב א נאָמען געגעבן בית אלפאָ, ווייל ער איז דער ערשטער אין וויטן מזרח. מען האָט די פּאָדלאָגע אַרומגעבויט מיט א בנין און מען פירט דעם גאסט, וואָס קומט אריין אַהער, פּאַרזיכטיק. מיך האָט געפירט א ייד מיט א יאַרמעלקע, וואָס האָט מיר אויך געהייסן זיך צודעקן דעם קאָפּ. פון דאַנען פירט שוין דער וועג אוועק קיין בית שאָן.

אין צפון זייט פון עמק איז נאָך פאַראַן רמת יששכר, וואָס גרעניצט מיט דעם אונטערשטן גליל. פאַראַן דאָ עטלעכע ניט־גרויסע קיבוצים און מושבים. יעדער פון זיי האָט זיין געשיכטע פון ליידן, קאַמף און — צום מיינסטן — נצחון. ניטאָ שוין כמעט קיין איזאָלירטע ישובים אין עמק יזרעאל, אלע האָבן שכנים. דער גאַנצער עמק איז יידיש, ער רוישט און זינגט יידיש. מען הערט דאָ בייטאָג און ביינאַכט דעם רויש פון אַרבעט, דאָס קלאַפּן פון קאָפּיטעס פון פערד, אייזלען, דאָס רוישן פון מאָטאָרן, דאָס זשומען פון אויטאָס. אין מלחמה צייט האָט מען דאָ געאַרבעט שיר ניט 24 שעה אין מעת־לעת און זיבן טעג אין דער וואָך. א מענטש האָט געהאט א רו־טאָג איין מאָל אין צוויי און דריי וואָכן.

העל איז דער הימל אין עמק, גרויס די שטערן, די בערג פון ארום דערציילן מעשהס פון פארגאנגענעם אמאל, די שטיבער, ווירטשאפטן, פאבריקן, קינדערהיימען, שולן זינגען וועגן דעם קומענדיקן אמאל.

דאס גאנצע יידישע לעבן קריגט דא א תיקון. דא פארבינדט זיך דער אמאל פון ארץ ישראל מיטן מארגן פון זעלביקן לאנד מיט דער הילף פון אויסגעפורעמטן יידישן לעבן אין גלות. דא באגעגנט זיך יהושוע בן נון מיט הערצלען און די נביאים מיטן בעל שם און מיטן ווילנער גאון. דאס יידישע לעבן איז דא פול מיט אינהאלט, זאפט, חלומות און געזאנג. דא שטייט יעקבס לייטער און דער הימל נעמט זיך פארייניקן מיט דער ערד און קארל מארקס האט דא אויך וואס צו זען. דא הערט מען דבורהס געזאנג און דעם באַרדיטשעווער רבס ניגונים — — —

ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, עמק יזרעאל!

XVIII

די גרויסע רייזע

ניאָמע מירסקים טעראַסע אויף דעם הדר כּרמל, פון וואַנען איך האָב געזען האַלב ארץ ישראל און זיין צוויי־יאָריקע טאָכטער, וואָס טשעבעטשעט העברעאיש ווי אַ פייגעלע און זעט אויס ווי א מלאכל אויף די אַלטע קלאַסישע בילדער און וועלכע איז פאַר מיר געווען דער סימבאָל פון אַלע ארץ ישראל קינדער, זיינען געוואָרן מיין צוציונג און מיין „פאַסיע” אין חיפה. איך פלעג ניאָמען אזש מקנא זיין! מאַלע איז א מענטש אָנגעשטעלט אין קולטור דעפּאַרטאַמענט פון חיפה׳ר הסתדרות, קומט אים שוין דערפאַר האַלב און גאַנץ ארץ ישראל? ווען ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ אַליאַרם אין חיפה צוליב דעם ענגלישן עראָפּלאַן, וואָס איז געקומען פון ציפּערן פרעגן חשבון וועגן דער ארבעט אין די ראַפינע־ריעס, האָב איך קודם כל אַ קלער געטון וועגן איר, וועגן דעם מיידעלע פון הדר הכרמל. און דער חיפהר פּאָרט איז גלאַט געוואָרן מיינער אַ חלום. דאָרטן ארומער דאַרפן דאָך קומען די הונדערטער טויזנטער יידן אהער, וואָס וועלן דאָ ווערן מיליאָנען. דאָרטן אַרומער וועט געשען דער „ושבו בניה לגבולם” און דאָס יידישע פאָלק וועט ווערן אַ מיליאָנער.

בין איך אַזוי לאַנג געפאָרן קיין חיפה, ביז וואַנען איך האָב אין אַ טאָג געדונגען אַן אויטאָ, גענומען ניאָמען און געפאָרן. און מיין באַ־גלייטער האָט שוין מקיים געווען דעם מאמר „אורח מכנים אורח” און ער האָט גענומען זיין פריינט, דעם רעציטאַטאָר באָגאַטיר, וועלכן איך האָב אַ נאָמען געגעבן עוג מלך הבשן, כאָטש ער איז א קליינינקער; וואָרום ווי אזוי דען וועט איר איבערזעצן „באָגאַטיר” אויף יידיש. און איך האָב אגב זיך דערוווסט, אַז אויף העברעאיש רופט מען אַ רעצי־טאַטאָר „קריין”. איך וואָלט געזאָגט „בעל קורא”... אַ שיין וואָרט „קריין”, אָבער צו רעציטאַטאָר קומט דאָס ניט, ווייל מען קען ניט דערציילן אָט דעם דיאַלאָג פון הערץ גראָסבאַרט:

— איר זענט דער באַרימטער רעציטאַטאָר?

— ניין, איך בין דער רעציטאַמאַר...

און מיר האָבן געמאַכט די אמתע רייזע. מיר זיינען געווען דריי און דער שאָפער דער פערטער, אָבער מיר האָבן אָפט געהאַט אַ פיפטן און אַ זעקסטן. די „ביטרעמפּיסטן" האָבן אונדז ניט אָפּגעלאָזט און געהאַלטן אויף אונדז שבת זיי פלעגן זיך פשוט אַנידערשטעלן אין מיטן וועג און גיי און פאָר אַרויף אויף זיי. און אַ סך פון זיי, ניט דווקא די מיידלעך, אויך די בחורים, האָבן געהאַט חן, אַז דער גוטער יאָר זאָל זיי נעמען. און אייניקע פון זיי זיינען געלאָפן אַ קוק טון אויף דער מאַמען, וועלכע זיי וועלן אפשר שוין ניט זען... איז גיי זיי אַ גזלן. און אַז דו ווילסט קיין מסלות און ער, אָדער זי, דאַרף קיין שדה נחום, ווערסטו זיך גיין דינגען? דו פאָרסט זען ארץ ישראל. וואָס איז דאָ אור־מעטום און זיי דאַרפן זען די מאַמע, וואָס געפינט זיך פונקט דאָרט, אויף יענעם פלאַץ... כאָטש איך פערזענלעך זע מיין מאַמען אומעטום.

אַריבערגעיאָגט דעם גאַנצן עמק און אַריין קיין בית שאָן. פונקט דאָרט, ווו איך האָב אָפּגעשטעלט די רייזע. בית שאן איז אַ טאָל, אונ־טער דעם ים־ניוואָ, ווו עס איז אין ערגעץ ניט קאַלט און ערטערווייז איז זייער היים. קיין צפון־צו איז דער טאָל אַריבער 250 מעטער אונטער דעם ים־ניוואָ. דער טאָל האָט אַמאָל געהערט צו א האלבן שבט מנשה. איין האַלבער איז געבליבן פון יענער זייט ירדן. איז, פאַרשטייט זיך, ניט ווייט פון דאַנען צום ירדן. עס איז אויף דעם וועג פון חיפה קיין דמשק. די שטאָט בית שאָן געדענק איך פון קינדערווייז אָן. זי האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ סך טרויער. די בני יוסף האָבן אין יהושועס צייטן ניט געקענט איינגעמען אָט די שטאָט מיט „אירע טעכטער". דוד האָט די שטאָט יאָ איינגענומען, אָבער קיין סך צייט איז זי ניט געבליבן יידיש. און אַז די חשמונאים האָבן זי יאָ איינגענומען, האָבן די אומגעקערטע פון בבל זי בשום אופן ניט געקענט איינגעמען. דאָס טרויעריקסטע איז געווען דאָס, וואָס מען האָט דאָרט אויפגעהאָנגען פאַר די אויגן פון דער זון דעם קערפּער פון שאולן. עס איז אין דעם געווען אַזאַ באַליידיקונג, אַז מיין ווייניקייט, וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס קליינע יענקעלע פון קיליע האָט געוויינט מיט הייסע טרערן און האָט זיך ניט געקענט טרייסטן דערמיט, וואָס די קעמפער פון גלעד האָבן דעם באַליידיקטן קערפּער פון אומגליקלעכן מלך אַרויסגעגנבעט. אין אונדזער צייט האָבן די יידן יאָ אָנגעהויבן איינגעמען אָט דעם טאָל, וואָס איז געווען מוראדיק פאַרפעסטעט. ער האָט דווקא אַ סך וואַסער, האָט דאָס

אראבערטום געמאכט א מין פרימיטיווע איריגאציע, וואס האט פאר־פלייצט און געמאכט אן א שיעור זומפן. א גמרא זאגט, אז די פירות פון בית שאן זיינען געווען אזוי זיס, אז מען האט געמיינט, אז דא איז דער טויער פון גן עדן. ר׳ מאיר האט געזאגט, אז דא וואקסט פון יעדן פארזייעטן קערן — זיבעציק. היינט וואקסט אביסל ווייניקער, אבער עס וואקסט. און יידן האבן אהער אריינגעדרונגען, כאטש די מאנדאטן־מאכט האט די ערד ניט געוואלט פארקויפן און ניט געבן די יידן אויף צו באארבעטן, נאר האט זי אוועקגעגעבן די אראבער, אז זי זאל דרימלען.

ניט אלט איז דער ישוב אין בית שאן. א צוועלף יאר איז דא זייט „מויער און טורעם" איז געקומען, גענומען טרינקעקענען זומפן, אויס־שלאגן וועגן און צו בויען, באוואכן, פאראקערן און פארפלאנצן. עס רעגנט ניט געגנוג אין בית שאן. די כמארעס לאזן זיך ניט צו־אפט אראפ אזוי נידעריק. דערפאר אבער איז דא וואסער אונטער דער ערד און אבי זי איז נאר דא, באהערשט מען זי שוין און מען שפאנט זי שוין אין איך רערן און מען הייסט איר גיין אין דעם ריכטיקן ארט און קומען צו דער ריכטיקער צייט. איך פלעג זיך פארקוקן ווי א פארליבטער אויף די רעגן־וואַרפער און מיר פלעגט זיך גלוסטן אליין דא ווערן א גרעזל און איך פלעג דערביי אונטערזינגען:

גאט, גאט, גיב א רעגן
פאר די קליינע קינדער וועגן.

ניר דוד אויף וואלפסאנס נאמען, שדה נחום אויף סאקאלאווס נאמען, זיינען געמאכט געווארן ווי א קריג־אטאקע. געקומען א גרופע מענטשן, באגלייט פון דער הגנה, אנידערגעשטעלט געצעלטן, אויסגע־בויט א טורעם, ארומגערינגלט מיט א מויער און אז די אראבער האבן געוואלט אנפאלן, האבן זיי שוין געהאט צו טון מיט אן ארגאניזירטער מאכט. וואסער האט ניט געפעלט. דער קיבוץ איז אין צפון און דאס וואסער אין דרום. אבער מען האט געבראכט וואסער און ס׳האט באלד גענומען וואקסן און בליען און פיש האט מען אויך געהאט אין די קינסטלעכע טייכלעך, וואס מען האט געמאכט מיט דער הילף פון פרי־וואטן קאפיטאל. אין קיבוץ שדה נחום האב איך זיך פאר א נאווינע פארליבט. ער איז אזוי בליענדיק, אז עס פארנעמט דאס אויג. און בלו־מען מיט ריחות און — רויזן. און אן אייגענעם טייך צום באדן. אליין געמאכט א טייך מיט א פליאזשע. מיר זיינען אנגעקומען אהין פונקט ווען א האלבער קיבוץ האט זיך געבאדן און עס איז געווען א רויש און

א טומל, ווי אין קוני איילאנד, נעפריטשקעס. און באַגאַטיר האָט דאָרט באַלד געכאַפּט אַ שיין מיידל גלייך פון וואַסער אַרויס. אַ מיידל אַ ברען, האָסט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זי האָט ניט פאַרשרפהט דאָס וואַסער. קיבוצים און קבוצות. נוה איתן, מעוז חיים, כפר רופין. אַרטור רופין איז געווען אַ דייטשער ייד, אַ געלערנטער עקאָנאָם, וואָס האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אָפּגעלעבט אין לאַנד און אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע פאַרשטענדעניש פאַר דעם ענין קיבוץ. אַלע דערמאָנען זיין נאָמען מיט באַגייסטערונג. אַ יעקע און אַ פאָלקסטימלעכער ייד. מצפה השלושה... מסתמא אויף דעם נאָמען פון דריי חלוצים, וואָס זיינען געפאַלן פאַרוים און אומגעבראַכט געוואָרן. יאָ; אַזוי איז עס. מצפה השלושה איז אַן אָבסערוואַציע טורעם. אַ יונגער ישוב און בלוט, טרערן און — פרייד... ברויזנדיקע פרייד איז דאָ פאַראַן פון אַן אויפגייענדיק לעבן. עס איז היים, אָבער טרוקן, עס אָטעמט זיך לייכט. די ברויזנדיקע פרייד האָב איך געפילט אין שוין דערמאָנטן שדה נחום, אין מסלות, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ נאַכט און בין בייגעווען אַ רעפעראַט פון אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ירושלים. גאַרניט קיין רעדנער, דאַכט זיך. ביים אָנהויב האָט ער אַזוי שווער געוווּנען די אויפמערקזאַמקייט פון זיין גרויסער אוידיטאָריע, אָבער פּאַוואָליע האָט מען זיך גענומען צוהערן צו זיין יעדן וואָרט. ער האָט דערציילט פאַקטן און ער האָט אַליין אויסגעזען ווי אַזאַ זעלטענע אויפריכטיקע רעאַליטעט, אַז מען האָט געמוזט קוקן אויף אים און אים הערן. ארץ ישראל נעמט מען ניט מיט קיין שיין ריידן, נאָר מיט ריידן עכט און אויפריכטיק און עפּעס זאָגן. שטיינבאַרג זאָגט:

„ניט מיט שטאָל און אייזן נעמט מען כעלם,
נאָר מיט שפּינוועבס פון אַ מדרש נעלם."
ווען ער איז אין ארץ ישראל, וואָלט ער צוגעגעבצן,
„ארץ ישראל
נעמט מען דווקא נאָר מיט אייזן און שטאָל."

אויב אין די וועלכטלעכע קיבוצים זוכט מען לעבנס פאָרמען און מען בענקט נאָך עפּעס, גייט מען אין די רעליגיעזע קיבוצים טירת צבי און שדה אליהו אויף דער אייזערנער בריק פון דער אַלטער טראַדיציע. דאָ דאַרף מען ניט בענקען נאָך דעם אייביקן לעבן, מען האָט עס. דאָס פּראָבלעם איז דאָ ווי אַזוי רוט מען שבת. אינגאַנצן אָפּשטעלן דאָס לעבן קען מען דאָך ניט. האָט מען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם געלייזט עכט

קיבוציש: אַלע אַרבעטן אום שבת צו איין, אָדער אַנדערטהאַלבן שעה. גלייך אָן אונטערשיד. איז מען ניט אָנגעשטרענגט און מען רוט. די אַלטע ימים טובים, וואָס זיינען אין גלות געווען פּאַפּירענע, קריגן דאָ פלייש און בלוט. טירת צבי האָט געליטן פון אַ סך אַראַבישע איבער־פאַלן. דאָס לעצטע מאָל איז דאָס באַפאַלן געוואָרן נאָך דעם 29טן נאָוועמבער. און כאָטש עס איז אַביסל איזאָלירט, האָט דאָס אָפּגעשלאָגן די געפערלעכע אַטאַקע מיט זעלטענעם העראָאיזם. אין טירת צבי זעט מען, אַז די יינגסטע און קלענסטע קיבוצים־צענטראַלע, דער קיבוץ דתי — האָט עטלעכע און צוואַנציק קיבוצים און אַ פיר טויזנט נפשות — ווערט אַלץ מער און מער אַ כוח אין לאַנד און אַז מען לערנט אויך אין נייעם ארץ ישראל תורה.

מיר פאָרן ווייטער קיין צפון, אויף דעם וועג צום עמק הירדן. מיר פאָרן פאַרביי חרמונים, בית יוסף (אויף דעם נאָמען פון גרויסן אַרבע־טער פירער און רעדאַקטאָר פון „הפּועל הצעיר" יוסף אַראָנאָוויטש) און מיר זעען די סמנים און די רעזולטאַטן פון די גרויסע אָנשטרענגונגען. אָט איז געוואָרן ווייניק וואַסער אין די ברונימער און מען האָט געמוזט לאַנג טראַכטן ביז וואַנען מען האָט זיך דערטראַכט צו פּאָמפּען וואַסער פון ירדן. די אַלע קיבוצים זיינען געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע פאָר יאָר. פון אייער ווערן הינער און פון גרעינס — קיבוצים. מיר האָבן געזען נעבן מסלות דעם חנוכת הבית פון צוויי קיבוצים, איינער אַ פרו־מער. עס איז גראָד געווען שבת און מען האָט געדאַווענט שחרית און מוסף און עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז איך זאָל אויך קריגן אַן עליה. און טאַקע אַ מפטיר.

אין כפר גלעדי האָב איך אַ פריינט. ער איז ניט לאַנג געווען אין אַרגענטינע אין אַ שליחות. אַ ייד מיט אַ באָרד און מיט אַ נשמה. אַ ייד. וואָס האָט מיט אַריבער פערציק יאָר געגעבן די אַראַבער צו שמעקן פולווער און ער האָט אַליין אויך געשמעקט פולווער. אַז איך וועל ניט זיין ביי אים, וועט ער מיך דערהרגענען. אליעזר קראָל הייסט ער. מיר מוזן פאָרן צו אים.

פאָרן מיר קיין חולה בכלל און מיר וועלן זיין אין מטולה און תל חי און אין דן, דפנה, בית הלל, כפר בלום...

— שאַט, אויב אַזוי, איז דאָך דאָרטן ערגעץ „נאות מרדכי", דער קיבוץ אויף דעם נאָמען פון אַרגענטינער ציוניסטישן מנהיג מרדכי ראָזאָווסקי. מיר פאָרן.

חולה איז אויך אַ טאָל. אַ צוויי הונדערט פופציק קוואַדראַט קי־לאָמעטער האָט ער. אַריבער פערציק קילאָמעטער פון זיי זיינען זומפּן. אין סאמע צפונדיקן ווינקל פון לאַנד געפינט ער זיך. ער ווערט אין מזרח זייט פארשלאָסן פון די גולן בערג (בשן), אין צפון האָט ער דעם העכסטן באַרג פון לאַנד, דעם חרמון און אין מערב האָט ער די בערג פון אויבערשטן גליל. דער טאָל האָט דעם קליינעם ים חולה, וועמענס נאָ־מען ער טראָגט. דער ירדן גייט אַרויס פון ים־חולה און גייט אַוועק קיין



די עקספּעדיציע צו נאות מרדכי (אויף דעם נאָמען פון מרדכי ראָזאָווסקי)

דרום און קיין מערב. דער גאַנצער טאָל געפינט זיך פון זיבעציק ביז צוויי הונדערט מעטער איבער דעם ים־ניוואָ. דאָ איז ניט הייס, פריש און טרוקן. וואַסער איז דאָ פאַראַן מער ווי אין גאַנצן לאַנד. עס איז ניט הייס, ווערט ניט אויסגעטריקנט. און עס זיינען דאָ אַ סך וואַסער־פאַלן און דער חרמון האָט שניי, וואָס צעלאָזט זיך. די זומפּן האָבן טאָרף, וואָס קען פאַרווענדט ווערן אויף פּאַפּיר און זיי האָבן „אָטשע־רעט", וואָס ווערט גענוצט פאַר ראָגאָזשינעס. די זומפּן אַליין קענען אויך זיין אַ מקור פּרנסה. טיילן מוז מען אויסרייניקן און אויסטריקענען. טיילן מוזן בלייבן. די געגנט האָט געהערט צום שבט דן. אין „שופטים" ווערט דערציילט, אַז די דאָזיקע, וואָס זיינען געגאַנגען אַהער אויסקוקן דאָס לאַנד, האָבן באַריכטעט: „מיר האָבן געזען די ערד און זי איז זייער

גוט און איר שווייגט? איר זאָלט זיך ניט פוילן צו גיין און קומען אַרבן דאָס לאַנד. ווען איר וועט קומען, וועט איר קומען צו אַ זיכער פּאָלק און דאָס לאַנד איז ברייט אָן אַ שיעור (רחבת ידים), אַ פּלאַץ וווּ עס פעלט קיין שום זאַך, וואָס איז דאָ אין לאַנד." דער יידישער ישוב אין חולה האָט אָנגעהויבן ניט לאַנג. אַ סירישע געזעלשאַפט האָט געהאַט די קאָנצעסיע איבער די זומפּן פון חולה און זי האָט גאָרניט געטון. די יידן האָבן די קאָנצעסיע געקראָגן ערשט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר. דער יידישער ישוב אין שטעטל מטולה שטאַמט נאָך פון פאַר דער צווייטער עליה און די קיבוצים כפר גלעדי און תל חי זיינען שוין אַלט אַ פּאָר און דרייסיק יאָר.

די גליל בערג און דער חרמון

אין שיינקייט קאָנקורירט דער עמק חולה מיט... איך ווייס ניט מיט וועמען ער קאָנקורירט, אָבער עפּעס איז דאָ פאַראַן, וואָס דערמאָנט אין פינלאַנד. איבערהויפּט דערמאָנען אין דעם די בערג, די וואַסערפאַלן און דער שפּיל פון ליכט... די בערג מאַכן אַ זעלטענעם שאָטן און ליכט־שפּיל. ביי טאָג און ביי נאַכט זעט דאָ דער לבנה־שיין אויס כישופדיק.

מטולה ליגט אין סאַמע צפון, גאַנץ הויך. ביי די פינף הונדערט מעטער איבער דעם ים־ניוואָ. דרום־מזרח זייט פון מטולה איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי וואַסערפאַלן. דער גרעסטער און שענסטער הייסט אויוון („תנור"), ווייל ער האָט די פאָרמען פון אַן אויוון. ער איז פאַרמאַכט פון אַלע זייטן פון גלייכע און נאַקעטע פעלדזן און דאָס וואַסער פאַלט

אין אים פון קנאפע צוואנציק מעטער די הויך און עס מינעט זיך מיט אלע קאלירן און זינגט. א ניאגארא, אדער אימאטרא אין מיניאטור. מטולה געפינט זיך פאקטיש אין וווייטסטן צפון פינטל פון לאנד און ניט אומזיסט זאגט מען „פון מטולה ביז רוחמה" און די פלמחניקעס זינגען „ממטולה עד הנגב".

ניט ווייט פון מטולה געפינט זיך כפר גלעדי, וואס ישראל גלעדי האט געגרינדעט. אן איינזאמער פונקט איז דאס געווען. מען האט גע־מאכט א הילצערנעם באראק און זיך באזעצט. די אראבער האבן דאס פלאץ באלד אנגערופן „טאכשיבא" — הילצערנער באראק און אליעזר



דער וואסערפאל „התנור" (דער אויוון)

שמאלי, היינט באקאנט אלס עבר הדני, האט אנגעשריבן א דערציילונג א. נ. „צריף העץ", וואס שילדערט יענעם בראשית. סיריע האט געהאט פרעטענזיעס אויף דער געגנט און זי איז אריין אין מאנדאט ערשט מיט א פאר יאר נאך דער באלפור־דעקלאראציע. נעבן כפר גלעדי האט זיך אין דער זעלביקער צייט געבויט תל חי. ביידע קיבוצים האבן געהאט ארום א פיינטלעכע שכנהשאפט און האט פון איר א סך געליטן. יוסף טרומפעלדאר, דער מוטיקער און העלדישער, האט זיך דווקא דא באזעצט און אנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג און ער

איז געפאַלן י״א אָדר התר״פ (1920). ווען די באַנדע פון דעם אָנפירער פון דער געגנט, קאַמיל עפענדי איז קלוימערשט געקומען זוכן פראַנצויזן. אין „יזכור״ נאָך די געפאַלענע העלדן זאָגט זיך, אז „ניט פאַרגיין זאָל דער טרויער ביז וואַנען ער וועט קומען דער טאָג, ווען ישראל וועט זיך אומקערן און אויסלייזן די צוגערויבטע ערד״.

איך האָב געטראָפן אליעזר קראַל א קראַנקן און איך האָב אים געדאַרפט צוהאַלטן מיט אַלע כוחות, אז ער זאָל ניט אַראָפּשפּרינגען קראַנקערהייט צו ווייזן זיין קיבוץ דעם „פּאַסקודנעם יידישיסט״ (אַזוי רופט ער מיך), אָבער ער האָט גענומען דעם ריכטיקן מורה דרך פון דער קאָלאָניע, וואָס טראָגט גראָד א רוסישן נאָמען און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל מיר ווייזן דאָס בעסטע און ער זאָל מיך „ניט מוטשען אויף העברעאיש״. כפר גלעדי האָט א פּרעכטיק אָפּרו־פּלאַץ פאַר זומער, וווהין מען קומט פון אַלע עקן לאַנד. די לופט איז דאָ מילד און טרוקן. דאָס אָפּרו־פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיטביימער, בלומען־קוסטעס און האָט פיינע סטאַטועטקעס ארום. און עס איז היפש צעשאָסן אויך. איך האָב אין כפר גלעדי געזען — דאַכט מיר צום ערשטן מאָל אין ארץ ישראל — עפּל און פלוימען. פאַראַן א גרויסע ביבליאָטעק מיט א סך ביכער, יידישע אויך צווישן זיי. די שול אין כפר גלעדי איז עפּאָכע־מאַכנדיק: די ערשטע שול אין לאַנד פון א קאָלעקטיוון כאַראַקטער, וואָס האָט געזוכט א וועג צו א נייעם סיסטעם. עס לעבן נאָך אַלטע שומרים אין כפר גלעדי, אליעזר קראַל איז איינער פון זיי. מען דערציילט מיר מיט שטאָלץ, אַז מען פלעגט דאָ גיבן א בר מצוה מתנה א רעוואָלווער און א תנך. אויב איר ווילט, איז דאָס דער סימבאָל פון נייעם ארץ ישראל: תנך און א רעוואָלווער. דאָס זיינען נייע הר גריזים און הר עיבל...

תל חי איז ניט באַוווינט. די מיטגלידער פון דאָרט לעבן אין כפר גלעדי. אין תל חי ארבעט מען נאָר. אָבער מיר פאָרן אָנקוקן דאָס הויז און דעם הויף, ווו טרומפּעלדאָר איז געפאַלן. די פאַררעטערישע אַראַבער האָבן געבעטן עפענען, זיי ווילן נאָר זען, צי עס זיינען ניטאָ קיין פראַנצויזן. מען האָט זיי געעפנט און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן שיסן. טרומפּעלדאָר איז אַראָפּגעגאַנגען פון אַן אויבערשטן שטיבל צו פאַרמאַכן דעם טויער און מען האָט אים געשאָסן אין רוקן. עס שטייט דער שטיין אין מיטן הויף, אויף וועלכן ער איז געפאַלן. אין דער מיט צווישןביידע קיבוצים איז פאַראַן דער מאָנומענט טרומפּעלדאָרן. א לייב שטייט אויס־

געשטרעקט צום טאָל און ער זעט אוים ווי ער שרייט... און עס דאַכט זיך, אַז טרומפּעלדאָר שרייט ארוים פון אים. כפר גלעדי האָט באַגעגנט מיט אַ סך פריינטשאַפט דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס האָט דאָ אַרומער אינוואַדירט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה סיריע און דאָס זעלביקע מיליטער האָט דערפאַר אינוואַדירט ברוטאַל כפר גלעדי און דאָרט



דער מחבר און זיינע באַגלייטער
ג. מירסקי און באַגאַטיר ביים קבר
פון י. טרומפּעלדאָר

געזוכט מעפּילים, וועלכע מען האָט אהער טאַקע ניט איין מאָל געבראַכט פון דער גרעניץ...

דער נייער ישוב אין חולה איז אַלט אינגאַנצן ניין יאָר. דן און דפנה זיינען די סאַמע ערשטע קיבוצים דאָ. דן געפינט זיך טאַקע ביים קוואַל דן, פון וועלכן עס הייבט זיך אָן דער ירדן. די אַנדערע צוויי קוואַלן זיינען ניט אין ארץ ישראל. די גאַנצע געגנט דאָ רופט זיך מצודת אוסישקין. עס געהער צו אָט דער מצודה אויך „בית הלל“, אויף דעם נאָמען פון ארץ ישראלדיקן פאָלקס־דאָקטאָר הלל יפה.

פאַראַן הײַנט שוין אַ סך קיבוצים און מושבים אין חולה. די ערד איז דאָ פרוכטבאַר, דער קלימאַט אַ געזונטער. אין כפר בלום (אויף דעם נאָמען פון לעאָן בלום) איז פאַראַן אַ סאַנאַטאָריע. ניט אומעטום האָבן מיר געקענט פאָרן אין אָט דער געגנט. די מערסטע בריקן זײַנען געווען אויפגעריסן. קאַוקאַזישים העלדן האָבן דאָ געבושעװעט און געכאַפּט פּאַטאַלע קלעפּ. צום קיבוץ אויף דעם נאָמען פון מײַן אַוועקגעגאַנגענעם פרײַנט מרדכי ראָזאַװסקי, צו „נאות מרדכי" האָב איך ניט געקענט צו־קומען. נאות מרדכי הייסט די וווינונג פון מרדכי. אָפּגעלעבט ר' מרדכי



דן — דער קוואַל פון ירדן

אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט אין אַרגענטינע און זײַן וווינונג איז דאָרט, ווו זײַן נשמה איז געווען — אין ארץ ישראל. און דווקא אין עמק חולה. דאָס גרינדן נאות מרדכי איז פאָרגעקומען אין אַ געפערלעכער צײַט און האָט געקאָסט באַלד ביים אָנהויב צוויי קרבנות. ניט ווייט ערגעץ איז דאָרט מנרה (מאַנאַראַ), אַ באַרג פון די הרי אפרים. אויף אָט דעם באַרג איז פאַראַן אַ קבוצה. זי הייסט טאַקע מנרה. די לבנון און אנטי־לבנון בערג זײַנען ניט ווייט פון דאַנען. אויף אָט דעם באַרג איז פאַראַן נאָך אַ קבוצה — משגב עם. אָט אָ דעם באַרג האָט פּאַזי קאַוקאַדזשי פאַר־

כאפט שוין אין דער צייט פון וואפנשטילשטאנד און די הגנה האט אים צום דריטן און לעצטן מאל ליקווידירט לעולם ועד. פון דאנען ארויס האט מען אים פארטריבן ביז קיין לבנון און דער גאנצער גליל איז אויף שטענדיק באפרייט געווארן פון אים. חולה איז נאך ניט אינגאנצן אויסגעלייזט. דער טאל איז נאך מער וויסט ווי בליענדיק, די קאנצעסיע איז אזא, אז א פערטל פון שטח מוז מען אוועקגעבן די ארטיקע דרוזן,

דער מחבר, מירסקי און באגאטיר אויף דער אויפגעריסענער בריק ביי דן און דפנה

וואס זעען אוים כמעט ווי נעגער, אבער חולה וועט מיט דער צייט אינגאנצן ווערן אזוי בליענדיק ווי כפר גלעדי, דפנה, דן, בית הלל, מנרה. חולה (כולא) שרייבט זיך אלציינס ווי חולה (כוילע). חולה איז ניט חולה... שיין גייט אויף די זון אין חולה.

מי יבנה הגליל? ווער וועט בויען דעם גליל?

מיר פארן אין גליל אריין, זינגט מיר מירסקי דאס דאזיקע ליד און ער זאגט מיר. דער גליל איז נאך ווייניק אויסגעבויט. מען דארף אים ערשט בויען. און עס קומט א שמועס מיט א לעקציע וועגן גליל. אמאל

איז געווען יהודה און גליל. די גאַנצע דרומדיקע זייט פון ארץ ישראל האָט געהייסן יהודה און די צפונדיקע — גליל. לויט דער אַמאָליקער געאָגראַפיע האָט עמק יזרעאל, בית שאָן און עמק חולה אויך געהערט צום גליל. און מען האָט טאַקע אין די אַלע געגנטן גערעדט דאָס זעלביקע לשון, אין וועלכן מען האָט פאַרביטן אַ „ה" אויף אַ „ח" און אַן „ע" אויף אַן „א". עס איז אלציינס, ווי אַ שטייגער אין יידיש די דיפערענ־צירונג פון די דיאַלעקטן לויט די געגנטן.

דער גליל איז ניט אויסגעבויט, כאָטש אין אַלטן ארץ ישראל איז ער געווען זייער באַזעצט און זייער באַבויט. פלאַוויוס זאָגט, אַז כאָטש דער גליל איז קלענער ווי דער עבר הירדן (מיט וועלכן ער גרעניצט), איז ער רייכער אין באַפעלקערונג, ווייל זיין ערד איז פרוכטבאַר און זי ציט צו. דער גליל איז אַרומגערינגלט מיט פרעמדע בערג און דאָך האָבן די אָרטיקע פויערים אים איינגעהאלטן בעת די שווערסטע מלחמות. נאָך דעם חורבן פון בית המקדש האָט זיך דער סנהדרין איבערגעצויגן אַהער. דער וועג צום גליל איז ביז ניט לאַנג געווען זייער שווער און געפערלעך. מען האָט גערארפט פאָרן מיט אייזלען, קעמלען, אָדער גאָר גיין צופוס. דאָך האָט געגרייכט אַהער דער פוס פון נייעם יידן. די פיקאַ האָט גע־קויפט ערד איןביידע טיילן גליל אין סאַמע אָנהויב פון היינטיקן, אָדער נאָך ביים סוף פון פריערדיקן י. ה.

ווו הייבט זיך אָן אונטערשטער גליל און ווו אויבערשטער? שוין אין דער גמרא איז פאַראַן אַ סימן, אַז פון כפר חנניה און אַרויף, ווו עס וואַקסט ניט קיין סיקאַמאָרן (שקמה) איז אויבערשטער גליל און פון זעלביקן אָרט אויף אַראָפ, ווו עס וואַקסן יאָ סיקאמארן, איז דער אונ־טערשטער גליל. יוסף ברסלבסקי גיט אַ סימן: אַז מען קוקט פון הר הכרמל אויף עמק זבולון און עכו, וואָס ווערן געשלאָסן פון די גליל בערג, זעט מען ווי די קייט בערג ווערט איבערגעריסן ביי כפר חסידים נעבן יגור (מיר האָבן זיי באַשריבן אין קאַפּיטל „טאַקע ווי דוד און גלית") און עס הייבט זיך אויף אַ מויער מיט העכערע בערג — אָט דאָרט הייבן זיך אָן די בערג פון אויבערשטן גליל. אַז מען פאָרט פון עכו קיין צפון דורך דעם טאָל בית כרם, איז רעכטס דער אונטערשטער גליל און לינקס דער אויבערשטער. אַלע בערג און טאָלן זיינען דאָ געווען פעסטונגען קעגן די רוימער. לויט דעם זעלבן ברסלבסקי איז די גרעניץ פון גליל אין צפון זייט טייך ליטאַי. ער טיילט אָפּ דעם גליל פון לבנון. אָבער דער טייך ליטאַי געפינט זיך ניט אין גרעניץ פון ארץ ישראל און דער

גאנצער צפונדיקער טייל גליל איז ניט ביי יידן אין די הענט. די ערשטע זעקס יאָר פון פראַנצויזישן מאַנדאַט אויף סיריע האָט דאָך אַ העלפט פון חולה, כפר גלעדי און תל חי אַריינגערעכנט געהערט צו סיריע. אויך היינט געהער דער גרעסטער טייל פון גליל צו סיריע און לבנון.

פאָרן מיר מיט דער רעכטער זייט אין אונטערשטן גליל. אַ סך באָדן געהער דאָ צו דער פּיקאַ און זי האָט אים אַרענדירט צו אַראַבער, אַלציינס ווי די ייקאַ האָט אין אַרגענטינע איר באָדן אַרענדירט צו קריסטן. נאָך די געשעענישן פון 1936-37 האָט זיך די פּיקאַ געביטן און זי האָט אויפגעהערט אַרענדירן איר באָדן צו אַראַבער. אין אַרגענטינע האָט די ייקאַ דאָס נאָך עד היום ניט אויפגעהערט און אין קאָלאָניע באַראָן הירש ליידן היינט די יידישע קאָלאָניסטן פון דייטשן, וואָס האָבן געקראָגן די אַרענדע ניט דירעקט פון דער ייקאַ, נאָר פון אַ קריסט, וועמען די מאַמע פון אַרגענטינער ישוב האָט פאַרדונגען, האַלטנדיק זיך אין איר טרויעריקן „פּרינציפּ". עס איז אין ארץ ישראל פאָרט ניט די זעלביקע וועלט, וואָס אין אַרגענטינע.

אין אונטערשטן גליל טרעפן מיר אַ סך אַלטע פּיקאַ קאָלאָניעס, וואָס זיינען געבליבן שטיין אויף אַ פּלאַץ און זיי זיינען געבליבן פאַר־גליווערט. מיר פאָרן צופוסנס פון באַרג תבור, ביי דער זייט אַן אויס־געליידיקט אַראַביש דאָרף „דאָר", וואָס זאָל זיין עין דור, וואוהין שאָול איז געקומען צו אַ מכשפה, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם חן ביי שמואל הנביא. דאָ האָט דבורה געפירט די מלחמה מיט ססראַן, דעם קאָ־מענדאַנט פון קעניג פון כנען, וואָס האָט דעמאָלט שטאַרק געפּלאָגט די יידן. מיט ניין הונדערט אייזערנע רייטוואָגענער איז ססרא אנטקעגן געגאַנגען ברק בן אבינועם, וועלכן דבורה האָט באַוויזן צו גיין אין קריג אַריין און מיט וועלכן זי האָט געמוזט מיטגיין, כאָטש זי האָט געשפּאָסט פון אים און האָט געזאָגט, אז מען וועט זאָגן, אז אַ פרוי האָט געוווּנען. ססרא האָט געטראָפן צו אַן אַנדער יידישער פרוי, ווען ער איז באַזיגט געוואָרן און זי האָט אים געגיבן וואַסער אָנשטאָט מילך און זי האָט אים איינגעשלעפּט און דערהרגעט. ערגעץ אָט אַ דאָ איז פאָרגעקומען יענער קאַמף וועגן וועלכן מיליאָנען לייענען און לערנען ביז היינט; פון וועלדל חרושת הגוים איז ססראָ אנטקעגן גע־קומען. און אָט אַהין פליסט דער טייך קישון. אין איר געזאַנג האָט דבורה זיך אליין אָנגערופן „אם בישראל". מיר פאָרן און איך הער דבורהס געזאַנג און דעם מלמדס קול.

מיר פאָרן דורך כפר תבור, אָדער מעסכא — אַן אַלטע, אָפּגע־לעבט פּיקא קאָלאָניע, וואָס דרימלט. זי עקזיסטירט שוין זייט 1902 און זי ליידט פון אַלטקייט. זי קען ניט ווערן גרייש, ווי דאָס ווערן די ייקא־קאָלאָניעס אין ארגענטינע, אָבער זי האָט ניט קיין לעבן. אין דער זייט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול אויף דעם נאָמען פון רייכן כינעזישן יידן קאַדורי, וואָס האָט געלאָזט אַ גרויסע סומע געלט פאַר ארץ ישראל און ענגלאַנד האָט געמאַכט איין יידישע און איין אַראַבישע שול. בית קשת און כפר החורש זיינען אַנדערש ווי מעסכא. זיי שטאַמען פון דער באַוועגונג „המחנות העולים" און זיי זיינען יונג און שטורמיש. בית קשת איז אויף דעם פּיקא באָדן און האָט קאָנ־פליקטן. זי לעבט שוין דאָרט פיר יאָר און איז נאָך ניט אָנערקענט ווי אַ קערפּערשאַפט. די ייקא האַלט בעסער פון פּריוואַטע קאָלאָניעס ווי פון קיבוצים.

און מיר קומען אָן קיין מעדזשערא — די עפּאָכע מאַכנדיקסטע קאָלאָניע אין ישוב. דאָ האָט זיך פאָרמירט דער „השומר", דער קיבוץ געדאַנק, דער גאַנצער יידישער ארבעטער אַפּאַראַט. דאָ האָט צוריק מיט 41 יאָר ד. בן גוריון געאַקערט מיט צוויי פּאָר אָקסן און ער האָט דאָ געטרוימט און געפּורעמט עקשנותדיק מענטשן, לויט זיינע געדאַנקען. אַהער איז געקומען גרינדן אַ קאָלעקטיוו מאַניע ווילבושעוויטש, וואָס איז דערנאָך געוואָרן מאַניע שוחט. זי האָט אויפגערודערט רוסלאַנד אַלס יידישע סאָציאַליסטקע, וועלכע זובאַטאָוו האָט געוואָלט באַקערן צו אַ צאַריסטישן סאָציאַליזם. זי האָט געטון די שוואַרצסטע ארבעט און זי איז מיט דער צייט געוואָרן אַ לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייט אויך ביי די אַראַבער. זי קען האַלטן רעדעס אויף אַראַביש און זי האָט אַמאָל מיט אַ רעדע פּאַראַליזירט אַן אַראַבישן איבערפאַל. אירע אַראַ־בישע פריינט האָבן איר אין די אומרו יאָרן פון 1936־37 געמאָלדן פון פריער וועגן איבערפאַלן, וואָס גרייטן זיך. אַראַבער האָבן זי אַמאָל אַרעסטירט און זיי האָבן געהאַט באַוויזן קעגן איר און אויס רעספּעקט האָבן זיי זי באַפרייט. אין סעדזשערא האָבן זיך אויסגעבילדעט די אָנהויבן פון כנרת, דגניה און עס איז דאָ געמאַכט געוואָרן געשיכטע. אָבער סעדזשערא אַליין איז צו־רוויט ניט אַוועקגעגאַנגען. דער סאָציאַ־ליזם האָט דאָך געלאָזט דאָ זיינע וואָרצלען. קאָלאָניסטן האָבן דאָ אַליין געטון די ארבעט. קיין אַרבעטער האָבן זיי ניט געדונגען. אפילו

דער נאָמען פון אָט דער מאַמע פון יידישער אַרבעט איז געבליבן אַ פּרעמדער. סעדזשערא...

די מערסטע ישובים אין אונטערשטן גליל זיינען אַלטמאָדישע, אָפּגעלעבטע, אינדיווידואַליסטישע, וואָס פּראָגרעסירן ווייניק. דאָ און דאָרט אַ יונגער און לעבעדיקער ישוב, ווי דער מושב כפר חיטון און די קבוצה אלומות. ערגעץ אין אָט דער געגנט איז געפאַלן דער באַוווּס־טער קאַווקאַזער שומר דוד ניסאַנאָוו. נאָך אין די צייטן פון דער צווייטער עליה, און זיין מוטער האָט געשיקט זיין ברודער צבי ער זאָל אים פאַרטרעטן.

יבנאל געהער צו די עלטסטע ייקא־קאָלאָניעס. זי עקזיסטירט זינט 1902 און זי פּראָגרעסירט מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ. קאָלאָניסטן האָבן דאָ מער רעספּעקטירט יידישע אַרבעט ווי אומעטום. מיר פאָרן פון יבנאל אַריבער צו עמק הירדן. צווישן גליל און דעם ירדן טאָל איז פאַראַן אַ באַרג, אויף וועלכן עס געפינט זיך פּוריה. אַ פאַרם פון דער צווייטער עליה, וואָס איז צעשטערט און איבערגעלאָזט געוואָרן און וואָס וועט מיט דער צייט האָבן גאָר אַ גרויסן תיקון.

דער גרויסער ארץ ישראל קאָנצערן „ציון צור”, וואָס איז איינער פון די בויער פון ישוב, ער האָט בשותפות מיט הסתדרות אַ סך גרויסע פאַבריקן אין לאַנד, גרייט זיך אויסבויען אויף דעם באַרג פּוריה אַ גרויס מאָדערן זומער־פּלאַץ. מיין פריינט דר. יוסף לערנער איז צוליב פּוריה געקומען אין שליחות קיין אַרגענטינע און ער האָט פאַרקויפט יידן נחלות. אַרגענטינער יידן וועלן העלפן אויסבויען פּוריה אינאיינעם מיט די ברידער טייבער, די באַלעבאַטים פון „ציון צור” און זייער שותף קוצענאָק. אַ סך אַרגענטינער יידן האָבן שוין נחלות אין פּוריה. איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף דער אַרומיקער שיינקייט און געוואָלט זינגען: „ארגנטינה תבנה פוריה”...

דער ירדן... עס גיט אַ קלאַפּ אין האַרצן, הערנדיק דעם דאָזיקן נאָמען. פון קינדווייז אָן הער איך אים. צוויי יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן טייך געהערט. און ווען איך בין עלטער געוואָרן, בין איך אַריבערגעגאַנגען אינאיינעם מיט יעקבן דעם ירדן, ווען ער איז געגאַנגען קיין חרן און מיט די בני ישראל בין איך אים אַריבערגעגאַנגען ביי יריחה, ווען זיי זיינען זיך געקומען באַזעצן אין לאַנד כנען; אינאיינעם מיט גדעונען און יפתחן האָב איך ביים ירדן געפירט מלחמות; אינאיינעם מיט די נביאים אלישע און אליהו בין איך

דעם טייך אַריבערגעגאַנגען אויף טרוקן; איניינעם מיט אלישען האָב איך דעם פרעמדן נעמן אויסגעהיילט אין ירדן פון זיינע קרעץ; איך בין טרויעריק געוואָרן, ווען איך האָב געהערט, אז די קינדער פון ראובן, גד און האַלב שבט מנשה האָבן געשטעלט אַ מזבח ביים ירדן און איך האָב געמיינט, אַז זיי גייען דינען אַ פאַלשן גאָט און איך האָב זיך געפרייט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן אים געשטעלט פאַר אַ צייכן פון אחדות מיט אַלע אַנדערע שבטים. איך האָב זיך דאָ געשלאָגן איניי־נעם מיט יהודה און יהונתן המכבי מיט די גריכן... און ווען איך בין ניט לאַנג געווען אין רוים און איך האָב געזען אַ מאָנומענט די גרעסטע טייכן אין דער וועלט און צווישן זיי איז געווען דער דונײַ, ביי וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן און דער פּלאַטאַ ביי וועלכן מיין זון איז גע־בוירן געוואָרן, בין איך געווען שטאָלץ און איך בין טרויריק געוואָרן, וואָס דער ירדן, דער טייך פון מיינע חלומות איז ניטאָ. און כאָטש איך האָבן געוווּסט, אַז דער ירדן איז ניט אַזוי אימפּאַזאַנט, אַז ער איז אַ שמאָל טייכל, וואָס האָט אין אַ סך פּלעצער אין גאַנצן קיין אָנזען ניט, בין איך צום ירדן טאָל דאָך צוגעקומען מיט ציטער. די פעלקער רופן זייערע גרויסע טייכן מאַמע. די וואָלגע רופט מען מאַמעלע (מאַטושקאַ), און דער ירדן איז, לויט זיין פאַרנעם דאָך אַ טייך אַ מאַמע פון ארץ ישראל. ער העלפט זייער אַ סך צו באַשפּייזן דאָס לאַנד, וואָס ער שניידט היפּש דורך. ער גייט אַרויס פון קוואַלן, וואָס געפינען זיך אין צפון, ביי די העכסטע בערג, ביים לבנון און חרמון, פון וועמענס שנייען ער ווערט געשפּייזט. און ער גייט באַרג אַראָפּ, אַראָפּ און ער גרייכט דעם חולה ים, שוין נאָר צו זיבעציק מעטער איבער דעם ים ניוואָ און ער האַלט ביים כנרת ביי צוויי הונדערט מעטער אונטער דעם ים ניוואָ און ער קומט צו צום ים המלח, וואָס איז די נידריקסטע דעפּרעסיע אין דער וועלט — קנאַפּע פיר הונדערט מעטער אונטער דעם ים. אום ווינטער איז דאָרט זומער און אום זומער איז דאָרט דער גהינום. גלייך גערעכנט האָט ער אַ צוויי הונדערט זעכציק קילאָמעטער אין דער לענג, אָבער צוליב דעם, וואָס ער שלענגלט זיך, ציט ער זיך אויף מער ווי פיר הונדערט קילאָמעטער. טויזנטער יאָרן פליסט ער. קיינמאָל האָט ער ניט פאַרשאַפט קיין פאַרפלייצונג און קיין אומגליקן. ער גיסט זיך אַריין אין ים המלח און יענער ווערט קיינמאָל ניט פול און גיסט זיך ניט אַריבער, ווייל פון דער גרויסער היץ, ווערט דאָס איבעריקע וואַסער פאַרוואַנדלט אין דאַמף. די אויסגעדאַמפטע וואַסערן ווערן מינעראַלן

און זיי וועלן נאָך ברענגען אוצרות. און אין משך פון דעם גאַנצן וועג ברענגט — אָדער ער קען ברענגען — דער ירדן ברכה און הצלחה. ער גייט דורך אַ גאַנצע גאַמע מיט קלימאַטן. פון וואונדערלעכער בערג־לופט ביז צום סאַמע סדום־גהינום־לופט. אַ ניט גרויסער טייך שטראָמט איבער אַ טאָל וואָס האָט די מערסטע קלימאַטן פון דער וועלט.

אין עמק הירדן טרעפט זיך דער גרעסטער ארץ ישראל־טייך מיט דעם קאַפּריזנעם ים כנרת, וואָס איז ניט גרויס און פול מיט חן. אַ פּאָר און צוואַנציק קילאָמעטער אין דער לענג און צען קילאָמעטער אין דער ברייט ציט זיך אָט דער ים, וואָס נעמט אריין דעם ירדן און לאָזט אים אַרויס. און אויב דער ירדן איז ניט אימפּאָזאַנט, ער איז שמאָל און



דער ירדן גייט אַרויס פון כנרת

שעמעוודיק, איז דערפאַר שיין דער כנרת. כנור הייסט אַ פידל און מען זאָגט, אַז דער כנרת לאָזט אַרויס פידל־קלאַנגען. אייניקע זאָגן, אַז ער האָט די פאָרמען פון אַ פידל. ער זעט אויס ווי די שענסטע פרויען אויגן און ווי די שענסטע הימלען אין די טיפסטע נעכט. ווען די זון ברענט ווי אַ געל אויג, קוקט דער כנרת שטיל־בלוי און ער רופט: אַהער, מענטש! נעבן מיר איז שאָטן. מיינע וואַסערן זיינען קיל. אַ גמרא דערציילט, אַז ווען מען גייט אַרויף אויף די בערג פון טבריה און מען קוקט אַריין אין כנרת, זעט מען אין דער מיט ווי אַ רעשעטע, דאָס איז דער ברונעם, וואָס איז נאָכגעגאַנגען מרים הנביאה. ווען יהושע האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד און נפתלי האָט באַקומען אָט די געגנט, האָט דער פאַרטיילער אויסגענומען, אַז דער ים זאָל געהערן צו אַלע. דער

כנרת־טאָל האָט אַמאָל געהייסן אויך עמק גינוסר און „דער גאָרטן פון גאָט" און גן עדן, ווייל דאָרט זיינען געוועזן די זיסטע פירות אין דער וועלט. מיט ווערבעס און אַנדערע הויכעביימער זיינען דער ירדן און דער כנרת אַרומגערינגלט און מען רופט די דאָזיקע ביימער דער שטאָלץ פון ירדן (גאון הירדן). דו ווערסט פאַרבלענדט באַלד ווי דו קומסט אַראָפּ פון בארג פּוריה אין אָט דעם טאָל אַריין. איז עס אַ רעאַלע וועלט, צי איז זי פון אַ פאַנטאַזיע אַרויסגענומען? פון צפון די גולן־בערג, פון מזרח די טבריה־בערג. זיי האָבן אַלערליי קאָלירן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין ים. דער כנרת שטראָמט די גאַנצע צייט אין פאַרמאַכטן טאָל פון ביידע זייטן. ער איז אָפּן נאָר דאָרט ווו דער ירדן גייט אין אים אַריין און ער גייט פון אים אַרויס. און אפשר איז פאַרקערט. אפשר פאַלט דער כנרת אַריין אין ירדן אַריין. וואָס פאַר אַ קאַפּריזנע ליבע צווישן אָט די צוויי פאַרשידענע וואַסערן.

דאָס נייע ארץ ישראל איז מער ווי אומעטום אויסגעחלומט געוואָרן אין אָט דעם טאָל. דער עלטסטער ישוב פון דער דאָזיקער געגנט איז כנרת. דאָס איז אַ קבוצה אין צפונדיקסטן טייל פון עמק הירדן. דאָ האָט מען געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם גאַנצן קיבוץ לעבן, דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט אַלע פּלענער פון דעם גאַנצן ארץ ישראל־געבוי. דאָ האָבן געלעבט יאָרן לאַנג א. ד. גאָרדאָן און בערל קאַצענעלסאָן. די דיכטערן רחל האָט דאָ געפּאַשעט גענדז. דער שריפטשטעלער שאַץ האָט געשעפּט זיין שטאָף איבערהויפּט פון דאַנען. אַרטור רופּין, דער אָנפירער פון ארץ ישראל אַמט האָט געזאָגט: „אין אָנהויב איז געווען די טאַט און די טאַט איז געווען כנרת". מען האָט געחקירהט, צי מען זאָל איינגעמען די ערד, אָדער די אַרבעט און אין כנרת האָט מען באַשלאָסן — ביידע. עס גייט אום אַ ווערטל, אַז אין פּתח תקוה און ראשון לציון האָט מען גע־האַנדלט מיט מאַראַנצן און אין כנרת האָט מען געבויט דאָס לאַנד. אַרטור רופּין האָט איבערגעגעבן די פאַרם כנרת צו דער אָרגאַניזאַציע „דער יונגער פּויער" מיט אַן אָפּמאַך, אַז סיי דאָס פאַרדינסט און סיי דער שאָדן זאָל געהערן צו אים; און ביז דעמאָלט איז דאָרט געווען נאָר שאָדן. כנרת קוקט אַראָפּ שטאָלץ אין טאָל אַריין און האָט שטענדיק ליבע ווינטלעך און שטורמישערע ווינטן און ווו מען גיט ניט אַ שפּאַן, טרעט מען דאָ אויף געשיכטע.

און קברים האָט כנרת! קברים פון יוגנט, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף, ביי דער אַרבעט, פון קראַנקייטן און איז אַמאָל אויך באַגאַנגען

זעלבסטמאָרד אוים פאַרצווייפלונג. בערל קאַצענעלסאָן האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים דאָ ברענגען צו קבורה, דאָ האָט ער ביי זיין אָנקומען אויסגעוואָרצלט ווילדע גראָזן, אויסגערייניקט פון זאַמד, געאַקערט, געזייעט און געפלאַנצט. דעם בית עולם רופט מען דאָ אויך „כרך״. ניט ווייט געפינט זיך אַ בערגל פון שטיינער, ווי אַ מין פּיראַמידע, וואָס הייסט „גל הערצל״. די גאַנצע געגנט איז אַ שטיינערדיקע און אַ קבר האַקט מען דאָ אויס, גראָבן קען מען ניט. דאָ איז דער צאַרטער און קרעפּטיקער קבר פון דער דיכטערין רחל. זי האָט געבעטן, אַז אויב אַפילו זי וועט לעבן ווייט פון כנרת, זאָל דאָ רוען איר טויטער גוף, ווייל דאָ וויגט דער אומעט קיינמאָל ניט איין. דאָ קלינגט שטענדיק אַן אַרבעט ליד אַריין. דער „הויף״ פון כנרת איז באַרימט. ער איז דער הויף פון דער נייער יידישער געשיכטע אין ארץ ישראל.

פון דאַנען איז אַ שפּאַן צו די צוויי דגניהס, די לעגענדאַריש־שיינע און העלדישע צוויי קיבוצים פון עמק הירדן. איצטער גייט דער וועג אויף אַ בריקל איבער דעם ירדן. אַמאָל פלעגט מען דאָ אום זומער פאַרקאַטשען די הויזן און גיין צופוס און ווינטער איז מען אַריבערגעפאָרן מיט אַ שיפל. ביי דגניה באַגעגנט זיך דער ירדן מיט דעם כנרת. דער ירדן קומט ווי אַ שעמעוודיקער בחור, דער כנרת קוקט ווי אַ פאַרליבטע, האַרציקע מויד. די בערג גולן קוקן אַראָפּ אין טאָל אַריין און זיי ווייסן ניט, צי לויפט דער ירדן צום כנרת, צי ער אַנטלויפט פאַר אים. ווען דו ביזט אויבן אין דגניה, לויפסטו אַראָפּ, ווען דו ביזט אונטן, לויפסטו אַרויף. דו ווייסט ניט ווו איז דאָ שענער צו קוקן. און פלאַנצונגען זיינען פאַראַן אין דגניה! איילבירט וועלדער און טייטל וועלדער. דער האָניק רינט דאָ פון די טייטל־ביימער. און עוקאַליפּטוס ביימער שפּרייטן דאָ שאָטנס און ריחות. אַפילו דער בית עולם איז דאָ פאַרוויגט פון די דאָזיקע פרעכטיקע ביימער. ווי פאַרליבט חברה איז דאָ אין זייער דגניה. וואָס פאַר אַ בלומען־בייטן זיינען דאָ פאַראַן! אָבער היינט זיינען צע־שאָסן די איילבירט־און טייטל־וועלדער. דער פרעכטיקער רפת איז צע־שאָסן. בהמות זיינען געבליבן אַזוי ווייניק. אָבער עס רינט נאָך איצטער אויך האָניק און מילך. די אַרבעט שטעלט זיך דאָ קיינמאָל ניט אָפּ. און דאָס געזאַנג שטעלט זיך דאָ קיינמאָל ניט אָפּ, כאָטש מען זאָגט דאָ קדיש נאָך אַזוי פיל געפאַלענע. אויב מען זאָגט ניט דעם קדיש אין שול, זאָגט מען אים שטיל אין האַרצן באַ זיך. אויך נאָך ביימער זאָגט מען דאָ קדיש... אין 1911 איז דגניה געגרינדעט געוואָרן און איז געווען אַן

איזאלירטער פונקט, וואס האט געהייסן אום דזשאני. אראבישע ליימענע הייזלעך האט עס געהאט. היינט זעען די בונקערס אוים שענער, ווי אמאל די הייזער. פאלאצן זיינען דא פאראן. אויך די צעשאסענע הייזער האבן נאך דעם רעשט פון שטאלץ. א קאמונע פון ארבעטער איז דגניה, א קייט שלעסער פון א חלום ארויסגענומען. אויף דעם בית עולם ליגט דא יוסף בוסל — דער פאקטישער גרינדער פון דגניה און איר פאר־ווירקלעכער. דא איז אין עלטער פון 67 יאר געשטארבן אין יאר 1922 א. ד. גארדאן — דער נביא פון ארבעט אין נייעם ארץ ישראל. אויף זיין נאמען איז דא פאראן א הויז פאר נאטור און לאנדווירטשאפט. דאס הויז האט א ריזן־ביבליאטעק און א קאלעקציע פון אלדאס גוטס. פלאנצן, באשעפענישן, מינעראלן. און אן עקספערימענטאלער גארטן פאר אקלי־מאטיזאציע פון געוויקסן.



טבריה, דער ים כנרת און רעשטן פון מויער

וויפל וויזיע האט מען געדארפט האבן צו אויסבויען דגניה. עס זיינען געקומען מענטשן פון פארשידענע וועלט־טיילן, מענטשן, וואס א סאך פון זיי זיינען געווען צוגעגרייט צו קאריערעס און צו א גרינג לעבן און זיי האבן דא געארבעט ווי אייזלען און געלעבט אין דער גרעסטער נויט און אומבאקוועמלעכקייט און זיי האבן זיך ניט געקלאגט, נאר זיי האבן געזונגען. דאס אויסבויען א שטיקל מענטשלעכע שטוב איז דא געווען א גרויסער און גוט־פארדינטער יום טוב. און די ערשטע חתונה —פון מרים און יוסף באראץ— איז געווען א יום טוב און דאס ערשטע קינד איז אוודאי געווען א יום טוב. און עס האט אויסגעוואקסן א פאנ־

טאַסטיש לעבן. ז. רובאַשאָוו זאָגט, אַז ווען דער צווייפלער הייבט דיר אָן צו פרעסן דאָס הארץ, שיק אים אָפּ קיין דגניה און זיינע שוועסטער... נעבן דגניה א׳ איז פאַראַן דגניה ב׳, יינגער, אָבער די זעלביקע פראַכט און ליידער אויך די זעלביקע צעשאָסנקייט פון דער מלחמה. אפשר נאָך מער צעשאָסן ווי דגניה א׳. דער עבר הירדן איז דאָך אַזוי נאָענט. און



דגניה א׳ — 48 — 4/VI

טייערע לאַפּי!

דיין בריוו מיטן קערטל ווי אויך דעם קאָנווערט האָב איך ערהאַלטן. איך דאַנק דיר זייער. איך בין נאָר געווען געקומען אין דגניה צוריק, און דאָס אַלץ געפונען. אונדזער קבוצה געפינט זיך ביים גרענעץ פון עבר־הירדן און דאָרטן איז אַזוי געווען דער אונדזער קאַמף, אַזוי אַרום אַז פֿרויען און קינדער האָבן זיך עוואַקויִרט. איצטער איז שוין רואיקער, מען שיסט נאָך אָבער מען לעבט. עס איז אַ ריכטיקע קריג אין לאַנד

אַ שטיקל פון אַ בריוו וואָס דער מחבר האָט געפונען אין דגניה

אנטקעגן איז געווען דאָס גרויסע און מערדערישע אַראַבישע צמח. דאָס דאָרף איז נאָך דאָ, אָבער קיין אַראַבער זיינען דאָרט ניטאָ מער. דגניה געהער צו חבר הקבוצות און איז געטריי דעם מפא״י. די דאָזיקע צענטראַלע האָט אַריבער פערציק קבוצות מיט אַ צען טויזנט נפשות. זי איז מעסיק פּאָליטיש, אָבער עקאָנאָמיש סאָציאַליסטיש דורך און דורך און זוכט נייעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

איך וועל ניט באַשרייבן אַלע ישובים פון דאַנען. בית זרע, אפיקים, אשדות יעקב, גשר, מגדל, גנוסר, שער הגולן, מסדה. די צוויי לעצטע קיבוצים האָבן געליטן מער פון אַלע אין עמק הירדן. שער הגולן איז אַ פּאָר מאָל געווען אין שונאס הענט. באַשרייבן זיי אַלע, וועט דאָס בוך ניט קלעקן. עין גב וויל איך דערמאָנען. ער ליגט אין מזרח פון ים כנרת. כמעט אין עבר הירדן. דורך יבשה קען מען צו אים ניט צוקומען. דער קיבוץ האָט אַן אייגן שיפל, וואָס ברענגט און פירט אָפּ. געווען צייטן בעת דעם קריג, ווען מען האָט זיך פון דאַנען געקענט דורכריידן נאָר מיט דער שפּראַך פון סיגנאַלן. עין גב לעבט פון אַגריקולטור, פישעריי און טוריזם־שיפלעך, וואָס פירן אַרום אין דער גאַנצער געגנט. עס איז דאָ פאַראַן וואָס צו זען. די מלחמה האָט דאָס אָפּגעשטעלט. עין גב האָט איינגעפירט מוזיקאַלישע פרילינג־יום טובים, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען איבער דעם לאַנד. ניט ווייט פון דאַנען איז די היסטאָרישע פעסטונג סוסיתאָ, וואו די יידן האָבן געקעמפט מיט די רוימער. אַך, וואָס פאַר אַ טייערע יאָטן עין גב האָט! זיי האָבן מיר ניט געקענט ווייזן די פּראַכט פון דער געגנט, ווייל עס האָט „געדעגנט" מיט קוילן אפילו אין צייטן פון וואָפנשטילשטאַנד.

עין גב איז מיר אַזוי אַריין אין האַרצן, אַז זייער אָפּט פּאַסירט, אַז איך כאַפּ זיך אויף ביינאַכט און איך פרעג זיך מיט שרעק: און וואָס איז מיט עין גב? עס איז אַזוי איזאָלירט. כאָטש דער קיבוץ האָט די בעסטע בונקערס אין לאַנד. מען האָט זיי אַזוי פעסט און שיין געבויט, ווייל מען ווייסט, אַז מען וועט זיי נאָך לאַנג דאַרפן.

מיר דערמאָנען דאָך דעם קיבוץ אשדות יעקב, וואָס איז ערשט אַלט אַ יאָר פערצן און איז פאַנטאַסטיש אין זיינע דערגרייכונגען. אַ חברה „אחדות", וואָס האָט געאַרבעט ביי די באַנען, האָט פאַרכאַפּט פּיקאַ־באָדן און די אַלטע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַזוי לאַנג געבייזערט, ביז זי האָט נאָכגעגעבן. פאַראַן דאָ אַ ריזן אקוואדוקט פון נאָענטן טייך ירמוק, וואָס איז אַ קאָלאָסאַלע אירינאַציע. די קאָנסערוון פאַבריק „אשר", איינע פון די גרעסטע אין לאַנד, גיט שוווּנג דער גאַנצער געגנט. „גשר" איז אַ קיבוץ, וואָס געפינט זיך ביים „גשר הנחלים". (בריק פון די טייכן, וואָס גייט איבער דעם ירדן און ירמוק), עס איז דער גרעניץ מיט עבר הירדן. פון דאַנען קומט אַ כסדרדיקע אומלעגאַלע אַראַבישע „עליה" אין לאַנד אַריין. די ענגלענדער האָבן דאָ ניט געשטערט, אָבער דעם ים האָבן זיי בלאָקירט. נהרים איז די צענטראַלע סטאַנציע פון

רוטנבערגס פארמעסט צו עלעקטריפיצירן דאס לאנד. מען האט ביים ירמוק אויסגעבויט א ריזיקן באסיין און א בעטאנירטער קאנאל פירט דאס וואסער פון ירדן צום באסיין. אויך דאס וואסער פון ירמוק פאלט צוריק צום ירדן דורך א וואסערפאל, וואס איז אריבער 25 מעטער די הויך. דאס פאלן אליין גיט פערמאנענט נייטהאלבן טויזנט פערדי־קראפט. מען האט דעם דאזיקן „ירדנאסטראי" אויסגעבויט צווישן די יארן 1928-32 מיט סאמע יידישע ארבעטער. צווישן 500 און טויזנט ארבעטער האבן דאס ווערק געשאפן. און אין מדבר האט זיך באוויזן עלעקטריש ליכט...

איך וועל נאך דערמאנען די אלטע שטאט טבריה, וואס געפינט זיך דאך אויך אין עמק הירדן. דער וועג קיין טבריה ציט זיך די גאנצע צייט ביים כנרת, האבנדיק אין מזרח די טבריה־בערג און אין צפון די בשן (גולן) בערג. ערגעץ דא האט מען אין יאר 1921, א האלב יאר נאך טרומפלדארס טראגישן טויט נעגרינדעט, ביים שיין פון פאקלען, דעם לעגיאן פאר ארבעט און פארטיידיקונג. דעם שאסיי האבן געמאכט יידישע ארבעטער באלד נאך דעם ערשטן וועלט־קריג. איידער מיר פארן נאך אריין אין שטאט, קומען מיר צו צו די בארימטע חמי טבריה — א קוואל פון הייסע שוועבל־וואסער, וואס שלאגט ארויס פון בארג און איז משנים קדמוניות גוט פאר רעוומאטיזם און אנדערע קראנקייטן. מען האט דאס וואסער קאנאליזירט און איינגעפירט א גאנץ מאדערנעם סיסטעם און די בעדער זיינען א הויפט מקור פון פרנסה. דאס וואסער ווערט ארויסגענומען פון קוואל זייער הייס, עס ווערט געקילט אין די רערן און ווידער אנגעווארעמט. גייט אום א וויץ, אז איין מאל איז דאס וואסער געווען ניט גענוג הייס ביים באדן זיך און די פאציענטן האבן פראטעסטירט. האט דער משגיח, א פרומער ייד מיט א יארמעלקע, געזאגט: וואס שרייט איר? דא מוז מען סיי ווי האבן אמונה אויף צו אויסהיילן זיך! מיט אמונה מעג דאס וואסער זיין קאלט און אן אמונה וועט די הייסטע וואסער ניט העלפן... אבער דאס איז נאר א וויץ. דאס וואסער היילט דא בפירוש. די וואסערן פון טבריה זיינען אזוי הייס, אז עמיצן איז איינגעפאלן ניט אנדערש, אז זיי גייען דורך די טויערן פון גהינום... זיי זיינען ביטער, זיי האבן שוועבל און מאגנעזיע און בהמות טרינקען זי ניט און עס האט לאנג געדויערט, ביז וואנען מען האט זיך געגעבן חשבון, אז זיי היילן פון רעוומאטיזם. דער רמבם האט, דאכט מיר, געהאלטן, אז זיי קענען ווירקן ווי אן אפפיר־מיטל.

ניט ווייט פון וואָרעמען קוואַל, זיינען פאַראַן צוויי שולן אויף דעם דעם נאָמען פון ר׳ מאיר בעל הנס. איינע אַן אשכנזישע און איינע אַ ספרדישע און יעדע פון די דאָזיקע שולן זאָגט, אַז זי האָט דעם קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס. איך האָב אין דער ספרדישער שול געגעבן ח״י גרוש און אָנגעצונדן אַ ליכט און דער שמש האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל געראַטעוועט ווערן פון יעדער סכנה. ווער אייגנטלעך עס איז געווען ר׳ מאיר בעל הנס? מען האָט געוואָלט מיינען, אַז ער איז געווען

אָט אַזוי האָט דער מחבר געוואַנדערט אין אַ דזשיפּ

דער זעלביקער, וואָס דער תנא ר׳ מאיר, אָבער היינט ווייסט שוין יע־דער איינער, אַז ער איז אַן אַנדערער. פאַראַן געשיכטעס וועגן דעם ווי אַזוי ר׳ מאיר בעל הנס האָט געגלויבט אין גאָט און זיך געראַטעוועט פון די רוימער, פאַר וועלכע דאָס דאָזיקע גלויבן איז געווען אַ פאַרברעכן, און געראַטעוועט האָט ער זיך, ווייל אים איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן אין אַ נעסט פון זונות... די רוימער איז ניט איינגעפאַלן צו זוכן גראָד דאָרט דעם הייליקן מאַן, און מען דאַרף שטענדיק זיין אַביסל קליגער פון שונא, אויפן נאָמען פון ר׳ מאיר בעל הנס האָט זיך גערופן דער גאַנצער

פאַנד פון דער חלוקה פאַר דעם אַלטן ישוב אין ארץ ישראל. געווע׳ א צייט, ווען כמעט אין יעדער שטוב האָט געהאָנגען א מאיר בעל הנס־פושקע. איך האָב אין אַ רעווי אַמאָל אין בוקארעשט געמאַכט אַ מין געריכט מיט דער באַטייליקונג פון אַ רב און אַ רומענישן ריכטער, האָב איך געשטעלט באַ דער טיר אַ פּאָליציאַנט מאָנען אויף דעם „רויט; קרייץ״ און אַ שמש מאָנען אף מאיר בעל הנס, האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט: „מאירן קען איך, אָבער בעל הנס קען איך ניט״.

דער אַריינגאַנג צו ביידע שולן און קברים איז געווען דורך זעק מיט זאַמד. יעדער שפּאַן איז דאָ פול מיט מלחמה און אויך מיט דער־מאָנונגען. דאָ האָט מען געשאַפן דעם „ניקוד״, די פּינטלען, וואָס פאַר־בייטן וואָקאַלן אין העברעאיש.



די רעשטן פון דער מצודה אין טבריה

טבריה איז, ווייזט אויס, צום צווייטן מאָל, געגרינדעט געוואָרן פון הורדוסן, 26 יאָר פאַר אונדזער צייטרעכענונג. איידער די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן, איז דאָרט געווען אַ הייל צווישן חורבות, וואו ר׳ שמעון בר יוחאי האָט זיך באַהאַלטן. די שטאָט האָט געקראָגן דעם נאָמען פון טיבעריוסן. שטייט ביים ירדן און האָט דעם נאָמען פון טיבער.. בעלי התלמוד האָבן זיך געפּשטלט אַז טבריה שטאַמט פון „טבור״ — פּופּיק. ווייל די שטאָט איז דער צענטער פון לאַנד. דאָ האָט יאָזעפוס פלאַוויוס געפירט אַ קאַמף אַלס יידישער קאָמענדאַנט מיט די רוימער און ער האָט די שטאָט איבערגעגעבן וועספּיאַנען און מען האָט אים

באַשולדיקט אַלס פאַררעטער. ער שטרענגט זיך אָן צו דערווייזן, אַז ער האָט ריכטיק געהאַנדלט. ער איז, יעדנפאַל, זייט דעמאָלט געוואָרן אַ חשוב אין רוים... די שטאָט איז אַ סאַך מאָל חרוב געוואָרן און אויפ־געבויט געוואָרן. דער פּאָרטוגעזישער מאַראַן דון יוסף נשיא האָט די שטאָט מיט נאָך זיבן דערפער באַקומען אַ מתנה פון סולטאַן אין דער מיט פון זעכצנטן יאָהונדערט, אָבער ער האָט ניט באַוויזן דאָרט צו אויסבויען קיין ישוב. ר׳ חיים אבולפיה איז גערופן געוואָרן אין אכצנטן י. ה. פון שייך דהיר צו קומען ירשענען דאָס לאַנד פון זיינע אבות און ער איז געווען דער טאַטע פון באַנייטן ישוב. אין אכצנטן י. ה. האָבן זיך דאָ באַזעצט חסידישע רביים פון וויטעבסק און שעפּעטאָווקע. די אַלטע שטאָט האָט אַ מויער אַרום זיך און אינעווייניק האָט זי אַלטע הייזער. די נייע שטאָט געפינט זיך אויף די בערג. דער נייער ישוב האָט זיך אַביסל אַריינגערוקט קיין טבריה און די שטאָט איז עד היום מער פרום ווי וועלטלעך. די יידן זיינען דאָ געווען אין דער מערהייט. אכט טויזנט יידן קעגן אַריבער פיר טויזנט מוסולמענער און אַריבער פינף הונדערט קריסטן. דער בירגערמייסטער איז דאָ אַלעמאָל געווען אַ ייד. ווען איך בין געקומען קיין טבריה, איז די שטאָט געווען אויסגעליידיקט פון די אַראַבער און זי איז אינגאַנצן געווען אין יידישע הענט. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ הייסע נאַכט אין טבריה. זומער איז דאָ זייער הייס. עס איז אַ ווינטער־פּלאַץ. מען קומט אַהער רוען און זיך אָנוואַרעמען אום ווינטער, אַזוי ווי אין אַמעריקע קיין פלאָרידאַ. מיר זיינען געזעסן אַנטקעגן דעם ים כנרת, אין מיליטערישן קלוב מיט אַ טעראַסע און באַטראַכט יידישע סאָלדאַטן. דער בירגערמייסטער האָט אַ ברודער אין אַרגענטינע. ניט מאָדנע? בירגערמייסטער פון טבריה, אַ רוסישער ייד, וואָס האָט אַ ברודער אין אַרגענטינע. פון הורדוס ביז אַ ייד, וואָס האָט געהייסן ווייס און ער רופט זיך לבני... ביז האַלבע נאַכט האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל פון איין זייט. נאָך האַלבער נאַכט האָט געבלאָזן אַן אַנדער ווינטל פון דער צווייטער זייט. און ווייל איז געווען דעם, וואָס איז גע־שלאָפן פון דער צווייטער זייט.

און מיר מאַכן אונדזער לעצטן עטאַפּ. די רייזע דערמונטערט אונדז אַלע. וואָס לענגער מיר פאָרן, אַלץ פרישער און מוטיקער ווערן מיר. קיין זכר ניט פון קיין מידקייט, כאָטש מיר זיינען שוין דריי מעת לעת אין וועג. מיר פאָרן אַריין אין אויבערשטן גליל. אַ גרויסע און ליכטיקע וועלט קומט אונדז אַנטקעגן. דאָס איז דאָך דער גליל, וואָס איז שוין

דערמאָנט אין תנך, אין מלאכים א׳. אין ישעיהו הייסט ער גליל הגוים. ער האָט געהערט צו אשר און נפתלי. די גרויסע שטאָט האָט געהייסן קדש נפתלי. א זכר פון איר איז פאַראַן עד היום. אַ שטאָט, וואָס שטאַמט נאָך פון דער בראָנז עפּאָכע. ניט געגנוג אויסגעפאָרשט, ווייל זי איז שטענדיק געווען אין אַראַבישע הענט. נאָך י. ל. פינסקער האָט זי געוואָלט אויסלייזן. ניט ווייט א געגנט, וואָס אַראַבער רופן „נבא יושע”, דער נביא יהושע. דאָס איז געווען יהושוע בן נון. פון יידן איז דאָס פּלאַץ אויך פאַרהייליקט, ניט נאָר פון אַראַבער, כאָטש יהושוע ליגט אין תמנם חרס, אין שומרון. אין „נבא יושע” האָט די הגנה געהאַט אַ שטאַרקן באַלואַרט און פון דאַנען אַרויס האָט זי, אין צווייטאָגיקן קריג, באַפרייט דעם גליל. פון דאַנען ביז מאַנאַרא אין חולה איז דער קאַמף געגאַנגען מיט קאַוקאַדזשים באַנדעס. נאָך ניט דער גאַנצער גליל איז באַפרייט. געגנוג נאָך פאַראַן ביי סיריע און לבנון...

ליכטיק און פּרוכטבאַר איז דאָ דער גליל. הויך איז ער און ער האָט אַ סאַך טוי און רעגן און עס וואַקסט. ניט סתם ביימער זיינען דאָ פאַראַן אויף בערג, נאָר אויך איילבירט־ביימער. ווייניקער נאַקעט ווי אומעטום זיינען דאָ די בערג.

מיר פאָרן פון טבריה אַלץ העכער און העכער. דער שאָסיי שלענגלט זיך און וואָס העכער מען פאָרט, אַלץ העכער ווערן די בערג און טיפער די טאָלן און די וואַדים. מיר זיינען אונטן געווען 200 מעטער אונטער דעם ים־ניוואָ און מיר שטייגן אַרויף, אַרויף. ווינטלעך קומען אַנטקעגן מיט פרייד. שטעקסט זיי אַנטקעגן דאָס פּנים: נאַט, גלעט... דער חרמון שטראַלט מיט זיין ווייסן קאָפּ. ער איז די קרוין פון די אַנטי (אַנטקעגן) לבנון־בערג און ער האָט וווּנדערלעכע ווערלדער פון ציפּרוסן. אין אַ זייט אַביסל, לינקס, שוין טאַקע אויף דעם חרמון, ליגט ע מ י ע ד , אָדער דזשעב יוסף, וואו עס געפינט זיך די קבוצה „החושלים”. טייערע יאַטן זיינען זיי, די חברה, וואָס גרייטן אַ שיינעם ישוב. און דערווייל דערוויים איז זיך, אַז דזשעב יוסף איז יוספס גרוב. די אַראַבער זאָגן, אַז אַהער האָט מען אַריינגעוואָרפן יוספן און פון דאַנען האָט מען אים אוועקגעפירט קיין דרום, ביז קיין מצריים. טאָמאַס מאַן, דער מחבר פון דער עפּאָפּייע „יוסף און זיינע ברידער”, האָט די דאָזיקע געגנט ניט געזען. מיר פאָרן פאַרביי ראש פּנה, איינע פון די גאָר עלצטע קאָלאָניעס אין לאַנד. שטאַמט נאָך פון דער בילו־עפּאָכע. איז שוין אַלט 66 יאָר. רומעניש און בעסאַראַבישע יידן האָבן זי געגרינדעט. מען הערט נאָך

דאָ דעם דיאַלעקט פון „מיינע" מקומות און מען זאָגט נאָך דאָ אמאָל „פארעם" אנשטאט געלט. די קאָלאָניסטן האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן און דער באראָן האָט די ערד אויסגעלייזט און זיינע משרתים האָבן דעם ישוב פארשקלאַפט. געגוי די זעלביקע קאָנפליקטן, וואָס אין ארגענטינע מיט דער ייקא זיינען דאָ פאָרגעקומען. די קאָלאָניע שטייט אויף א שיין פלאַץ און וואקסט ניט. זי איז אויך באשטראָפט געוואָרן דערפאר, ווייל זי האָט ניט גענוצט קיין יידישע ארבעטער. פאראַן דאָ א צאָל־אמט און כאָטש די געגנט איז דאמאָלט געווען אין יידישע הענט, זיינען אין צאָל־

א פאפירוס־וועלדל

אמט געזעסן א סאך אראַבער און קיינער האָט זיי ניט געטשעפעט. די גרעניץ־ליניע זעט אויס ווי א טונקעלער אָריענטאַלישער גרעניץ פונקט. עס שמעקט מיט שמוגל אפילו פון אָפּיום. גאָט זיי דאַנק, ניט קיין יידן גיבן זיך דערמיט אָפּ.

דער שאָסיי שלענגלט זיך און שלענגלט זיך ארויף, ביז אכט הונ־דערט פופציק מעטער איבער דעם ים־ניוואָ און מיר זיינען אין — צפת. פונקט ווי טבריה איז א ווינטער־פלאַץ, איז צפת א זומער־פלאַץ. דאָ איז אום זומער קיל א מחיה. צוליב דער מלחמה ליידן ביידע אין מאנגל פון טוריסטן און פרנסה.

צפת... ווי בלוי דאָ איז אַלץ! וויפל בערג עס זיינען דאָ פאַראַן אַרום. איינער העכער פון צווייטן. און אַ סאַך שטיבער זיינען אויף די בערג. ביי די פיס פון די בערג, אין דער מיט. ווי אַזוי פאַלן זיי ניט אַראָפּ. דאָס איז דאָך צפת פון אר״י, פון אַ סאַך אַנדערע מקובלים און פון ר׳ שמעון בן יוחאי אַליין. ביים אַרים שול איז פאַראַן אונטן דער בית עולם און אויבן גבעת חנה. דאָס בערגל וווּ חנה מיט איר זיבן זין זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון אַנטיוכוסן, ווי די לעגענדע דערציילט. דורך דעם פענצטער פון קלויז זעט מען דעם גאַנצן בית עולם. מען זאָגט, אַז דאָ ליגט דער נביא פון תרי עשר, הושע בן בארי. היסטאָריקער ווייזן אויף, אַז דאָס איז אַ טעות. דאָס איז דער קבר פון תנא ר׳ יהושוע.



צפת און דער באַרג כנען

אָבער ווי בלוי איז דאָ אַלץ. פון וואַנען האָבן די הייזער אַזאַ בלויקייט? ניט אַנדערש, אַז דער הימל אַליין האָט זיי אַזוי געפאַרבט. איז דאָס די פאַרב פון חלומות? פאַרוואָס זשע שמעקט מיט שימל?

און די שטאָט ווערט דאָך ניט דערמאָנט אין די גאָר־אַלטע ספרים. ניט פאַראַן אין תנך און ניט אין תלמוד. אייניקע מיינען אַזש, אַז צפת האָט אַמאָל געהייסן קדש נפתלי. אָבער קדש נפתלי איז דאָך אַהין, דרומדיקער. די שטאָט ווערט דערמאָנט פון פלאַוויוסן, אין מדרש און דערנאָך ווערט זי שוין ניט דערמאָנט ביז אָנהויב מיטלאַלטער. און אַנטקעגן איז דאָך פאַראַן מירון. די שטאָט, וואו יעדן ל״ג בעומר קומען פאָר די באַרימטע פייערונגען, וואָס הייסן הלולא דרבי שמעון בן יוחאי.

הילולאַ הייסט דאָך די פרייד. א פרייד צו אַ יאָרצייט. ל״ג בעומר איז דאָך דער יאָרצייט פון ר׳ שמעונען. יינגלוויז האָב איך די גאַנצע געשיכטע באַנומען זייער פשוט: ר׳ עקיבא האָט געהאַט פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטאַרבן אָנהויב ספירה. דער־פאַר איז ספירה טרויריק. ל״ג בעומר איז געשטאָרבן ר׳ שמעון בן יוחאי און עס איז געשען אַ נס און א טייל תלמידים האָבן זיך געראַטעוועט און די תורה איז געראַטעוועט. מען פרייט זיך אום ל״ג בעומר, ווייל די תורה האָט זיך געראַטעוועט. רבנים האָבן דאָס אויפגענומען מער קאָמ־פליצירט. אייניקע האָבן אַפילו געוואָלט פאַרבאָטן די פייערונגען. אַנדע־רע האָבן דערקלערט, אַז אום ל״ג בעומר איז ניט דער יאָרצייט פון בן יוחאין, בכדי ס׳זאָל ניט הייסן, אַז מען פרייט זיך אין אַ טאָג פון טויט.

רבי שמעון בן יוחאי איז געווען איינער פון די צוויי גרעסטע תלמידים פון ר׳ עקיבאן — ר׳ מאיר איז געווען דער ערשטער און ער דער צווייטער — און ער האָט דערנאָך איבערגענומען דעם קאַמף פון ר׳ עקיבאן קעגן די רוימער. ער האָט זיך פאַר זיי געמוזט באַהאַלטן אין א הייל דרייצן יאָר, וווהין גאָט האָט אים באַשערט אַ באָקסערן־בוים און א קוואַל. ער האָט גערעדט קעגן די רוימער, וועלכע אַן אַנדערער האָט געגלויבט, אַז זיי בויען גאַסן, הייזער און ער האָט געזאָגט, אַז זיי בויען אַלץ פאַר זיך. הייזער בויען זיי אויף צו מאַכן בתי זונות אין זיי. אַ זון פון אַ גר האָט אים געמסרט (דערפאַר האָט מען געזאָגט, אַז גרים זיינען א מכה פאַר יידן). ער האָט עס געזאָגט „דעם בעסטן פון די רוימער הרגע, די בעסטע שלאַנג, צעשמעטער איר מוח״. עס הייסט, אַז ער האָט פאַרפאַסט דעם זוהר, טאָקע בעת ער איז געווען אין הייל. די מערסטע היסטאָריקער זיינען איבערצייגט, אַז דער זוהר שטאַמט פון אַ שפּע־טערדיקער צייט. נעבן דעם קבר פון רבי שמעון, זאָלן ערגעץ אונטן זיין די קברים פון הלל און שמאי, וועגן וועלכע עס זיינען פאַראַן לעגענדן און פאַקטן. איך האָב ניט געהאַט די זכיה צו זיין אום ל״ג בעומר אין מירון און מען האָט היינטיקס יאָר דאָ ניט געמאַכט קיין „דליקה״. מען האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט און קיין קליידער און קיין שמאַטעס. מען צינדט אָן קליידער אויף דעם קבר ניט נאָר אום ל״ג בעומר. אַראַבער פייערן אויך דעם דאָזיקן יום טוב. און עס קומען קיין מירון שטענדיק אויף ל״ג בעומר א סאַך אַראַבער. צפורה זייד איז געווען די ערשטע פרוי וואָס האָט זיך דערוועגט צו קומען צו אָט די פייערונגען און עס איז צוליב דעם געקומען צו אַ געשלעג און אירע באַגלייטער האָבן געהאַט אַ

שווער שטיקל אַרבעט זי צו באַשיצן. מען פלעג אַהער ממש עולה רגל זיין. אַפילו פון בוכארא איז מען געקומען אַהער. מען האָט דאָ געזונגען שירים אין העברעיש, אראמיש און אויך אין אַראַביש, אָבער אין די אראבישע שירים זיינען אריינגעפלאָכטן העברעישע ווערטער. פארוואָס גראָד ר׳ שמעון בן יוחאי האָט זוכה געווען צו אַזאַ פייערונג? ווארשיינלעך, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַריינקט אין זיך אי אַ קעמפער, אי אַ מיסטיקער.

צפת אליין שמעקט מיט מיטלאַלטער. דאָס יידישע צפת איז ענג און ניט געניג ריין און פונדעסטוועגן זיינען די הייזער בלוי. עפּעס אַ מיסטישער הויך נעמט זיי אַרום. די אראבישע געגנטן זיינען ניט אַלע



די שול און דאָס פּלאַץ פון דער ליכט-אָנצינדונג אין מירון

גלייך. פאַראַן נאָך אָרימערע ווי די יידישע און פאַראַן רייכערע און גרוימערע. אראבער זיינען דאָ געווען אַ סאַך מער, אָבער מען האָט זיי באַזיגט און אַזוי אַרום געהאט דעם שליסל צום אויבערשטן גליל. איך האָב געזען די פאַרלאָזטע אראבישע געגנטן. זיי האָבן אויסגעזען ניט אנדערש ווי יידיש-פאַרלאָזטע געגנטן אין צייט פון פּאָגראָמען, אָבער זיי זיינען ניט געווען צערויבט. מען האָט געשטעלט אַ וואַך אַרום זיי. יידן האָבן געקעמפט, אָבער ניט געמאַכט קיין פּאָגראָמען. אין צפת זיינען פאַראַן ניט נאָר סמנים פון די פּוסקים און מקובלים, נאָר אויך אַן אָנהויב פון אַ ניי לעבן. דער גרויסער הדסה-שפּיטאָל און די סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנגע פון קופּת החולים זיינען געזונט-מאַכנדיקע אינסטיטוציעס. אַ סאַך מאָל האָבן עלטערן און קינדער זיך פאַריינקט, ווען

ענגלענדער האָבן צעשטערט און די יוגנט האָט אויף צו להכעיס געבויעט. אין דערגעבנדיקן ישוב ביריה זיינען פרומע צפתער יידן אַמאָל געלאָפן העלפן בויען אום שבת.

ביריה איז געווען אַ ישוב אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש און איז געבויט געוואָרן באַנייעס אין ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט. דאָ זיינען געווען קאָנפליקטן מיטן באַראָן ראָטשילדס אַדמיניסטראַציע און דער קרן קיימת האָט דעם באָדן טיילווייז אויסגעלייזט און דאָ האָט זיך באַזעצט די קבוצה „בני עקיבא”. די ענגלענדער האָבן אָנהויב 1946 געפונען געווער און אַלץ צעשטערט. צו טרומפּלדאָרס יאָרצייט, ווען אַ יוגנט איז געגאַנגען קיין תל חי, וואָס איז ניט ווייט פון דאַנען, איז זי צוריק אַריין קיין ביריה. און די ענגלענדער האָבן ווידער צעשטערט און מען האָט ווידער געבויט. נאָך דעם דריטן מאָל צעשטערן זיינען פרומע יידן געלאָפן בויען אום שבת. די מלחמה האָט ביריה ניט געשוינט און ווען מיר זיינען דאָרט געווען, האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן בויען. ניטאָ קיין וואַסער דאָ און מען נוצט זיך מיט דעם אַלטן סיסטעם פון באַהאַלטן מי הגשמים אין גריבער.

די אַלטע פּיקא קאָלאָניע אין אָט דער געגנט, יסוד המעלה, ווייזט ניט אַרויס קיין צופיל פּראָגרעס. זי איז אין 1929 צעשטערט געוואָרן, דערנאָך ווידער אויפגעבויט געוואָרן, אָבער דאָס שטורמישע לעבן פון זיין מאַיעסטעט דער חלוץ פעלט. דער קיבוץ איילת השחר, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין קאַלטס און וואָרעמס און האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי פיל וואַסער ווי יסוד המעלה און וואָס האָט צוליב מאַנגל אין וואַסער שיר־ניט געהאַלטן ביי אויפלייזן זיך, איז היינט אין אַ צושטאַנד פון אַקטיווויטעט און באַוועגונג. ער האָט אין דער נאָענט שכנים אין חולה און ער איז ניט איינער אליין אין פעלד. אויך די אַלטע קאָלאָניע עין זיתים, וואָס איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען פאַרלאָזט אין פאַראַלמנט, איז אויפגעלעבט געוואָרן פון דער יוגנט. דער קיבוץ חולתא (חולאטא), וואָס שטייט אין דער מיט צווישן אויבערשטן גליל און חולה, איז דער לעבעדיקסטער פּונקט אין דער גאַנצער געגנט. דאָס איז איבערהויפּט אַ פישער קיבוץ און חברה קען דעם ים, אַזוי ווי אַ ייד אשרי. זיי ווייסן ווען די פיש האַלטן זיך ווייט פון ברעג און ווען נאָענט און אין וואָס פאַר אַ צייט זיי לייגן די אייער און ווו. און זיי האָבן געשאַפן אייגענע נעץ־סיסטעמען אויף צו כאַפּן פיש. זיי האָבן אַ נעץ מיט אַ מין פאַרפירעריש אויג, וואָס פאַרנאַרט די פיש. חברה האָט מיר געגעבן אַ גאַנצע לעקציע

ווענן דער פסיכאָלאָגיע פון די פיש. חולתא האָט זומפּן און פּאַפּירוס־וועלדלעך און די יאָטן האָבן מיך געפירט ווייזן ווו דער ירדן פאַלט אַריין אין זומפּ און ווערט אין אים פאַרפאַלן. ער איז אַ טייך ניט קיין איבער־קלייבער, דער ירדן, ער טוט שידוכים מיט וועמען עס לאָזט זיך. אויף פּאַפּירוס־וועלדער לוינט זיך אַ קוק טון. מען מאַכט פון פּאַפּירוס פּאַפּיר און הלואי זאָל דאָס, וואָס מען שרייבט אויף דעם פּאַפּיר זיין אַזוי שיין, ווי דער פּאַפּירוס אַליין איז... חולתא האָט שוין אַ יונג ברודערל — איל. אַ קיבוץ מיט יידן פון בולגאַריע און פון אַלע עקן פון וועלט. מען קומט צו

מען לאָזט אַריין אַ נעץ אין וואַסער אַריין אין חולתא

צוט אָט דעם קיבוץ נאָר דורך דעם ים — חולה. חברה האָט שוין אויס־געבויט אַ טורעם, דאַמבע און נעמט זיך ווייזן די חולתאר, ווי אַזוי מען כאַפּט פיש, כאָטש זי לערנט נאָך ביי זיי...

דער גליל וואַרט נאָך אויף יידן. דער רוף „הגלילה", וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן נאָך צוריק מיט אַריבער פערציק יאָר, וועט ערשט איצטער קריגן דעם ריכטיקן אָפּקלאַנג. ער איז שוין ניט אַזוי וויסט ווי דער נגב, דער גליל, אָבער נאָך ניט אַזוי באַזעצט ווי דער עמק יזרעאל.

— מיד שוין?

— ארץ ישראל מאַכט ניט מיד! אָבער אַ רייזע איז עס אַ גרויסע.

XIX

אַ פלי קיין אייראָפּע און צוריק

אין מאָנטרע — שווייץ, האָט געדאַרפט פאָרקומען די צווייטע סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. צו אָט דעם קאָנגרעס האָט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אַ באַזונדער באַציאונג. ער איז אין אים אָנגעשלאָסן ניט גאָר טעכניש, נאָר בלב ונפש. אַרגענטינער יידן ווילן זיין איינייגעם מיט אַלע יידן. אַמאָל איז דאָס פּונקט אַזוי ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט מורא צו בלייבן אַליין, אָן די עלטערן און אָן די גרעסערע ברידער און שוועסטער, אַמאָל איז עס צוליב עפּעס אַנדערש. אַלע אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים האָבן דאָס זעלביקע געפיל צום יידישן וועלט־קאָנגרעס. עס איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ צופיל צו ריידן וועגן דעם.

און איך בין געפלויגן קיין מאָנטרע. ווידער איבער די צווי היס־טאָרישסטע שטעט נאָך ירושלים: אַ ט ע ן און ר ו י ם. ווידער דערציילט מיר אַטען, אַז מען קען בלייבן אין דער היים און ווערן אַ קליין פאָלק (היסטאָריקער וועלן זאָגן, אַז דאָס אַמאָליקע גריכישע פאָלק איז אויך ניט געבליבן אין דער היים, אָבער איך שרייב ניט קיין עקזאַקטע געשיכטע. איך שרייב פלי־איינדרוקן און רעפּאָרטאַזשן, באַגלייט פון אַ קליין ביסל מעדיטאַציעס), און רוים דערציילט מיר, אַז עס האָט אַמאָל חרוב געמאַכט יהודה, אָבער ניט דאָס יידישע פאָלק. און יהודה אויך ניט אויף אייביק! און אַליין איז רוים אַ סך מאָל חרוב געוואָרן און היינט איז עס... שווייגט, ליפּן!

איך בין אין דער גרויסער וועלט. איך קען האָבן קאָנטאַקט מיט דער גאַנצער וועלט. פון ישראל האָב איך געקענט שיקן אַ בריוו דורך אַ ספּעציעלער טובה, וואָס עמיצער האָט מיר געטון און אַ סך בריוו זיינען פאַרפאַלן געוואָרן. איך בין אין לאַנד געוועזן אַביסל ווי אַ געפאַנגענער. און דאָך האָב איך זיך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געפילט אַזוי ניט־געפאַנגען ווי איך בין געוועזן אין משך פון מיינע זעקס וואָכן אין דער

יידישער מדינה. איך האָב דאָרט קיין איין מאָל ניט געפילט די ביטול־בליקן, טאַקע ווי צו אַ געפּאַנגענעם, וואָס איך האָב געפילט מיין גאַנץ לעבן... איר וועט זאָגן אַ „קאָמפּלעקס", זאָגט. וואָדען? דער קעשענעווער פּאָגראָם איז אוודאי ניט מער ווי אַ קאָמפּלעקס? און די שנאה פון די רומענישע מאכטהאָבער איז אוודאי ניט מער ווי אַ קאָמפּלעקס. און די פּאַראַכטונג און שנאה פון לאַטיין אַמעריקאַנער צו יידן איז — ניט מער ווי קאָמפּלעקס און אימאַגינאַציע. חלילה ניט קיין פּאַקט.

ווידער איבער היסטאָרישע שטעט. לײדער צוריק פון ארץ ישראל. מאָמענטנווייז האָט זיך מיר געגלוסט בעטן דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל אויסדרייען צוריק דעם עראָפּלאַן, אַזוי ווי גויים פון אונדזער שטעטל פלעגן בעטן מען זאָל אויסדרייען די שיף, ווען אויף דעם שוואַרצן ים האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַטשקע. איך האָב זיך פאַרליבט אין אונדזער קליין לענדל און עס ציט מיך צו דעם צוריק, אַזוי ווי מיט צוואַנגען. וואָס פאַר אַ כישוף האָט דאָס מיר געטון? און איך האָב דאָך ניט געזען ירושלים, חברון. פאַר מיין מאַמען הייסט עס, אַז איך בין ניט געווען אין ארץ ישראל, ווייל פאַר איר איז ארץ ישראל ירושלים, חברון און איבערהויפּט בית לחם. דער מוטער רחלס קבר.

און מיר איז באַשערט געווען צו זיין אין „ארץ" אויך ווען יידן האָבן געשאָסן אויף יידן... ווי האָט ער געזונגען דער פּאָעט האַלקין ביים אָנהויב פון דער סאָוויעטישער רעוואָלוציע:

א ייד מיט אַ יידן
און עפּעס געשען איז, עפּעס — פאַרשידן...

די ברענענדיקע שיף ברענט מיר די געהירן. און זי וועט דאָרט נאָך לאַנג, לאַנג ברענען.

ווען איך שרייב אָט די שורות, ברענט נאָך די שיף „אַלטאַלענאַ" אין פּאָרט פון תל אביב... איך האָב געוואָלט זאָגן: אין שיינעם פּאָרט פון תל אביב, אָבער עפּעס האָט זיך עס ניט געזאָגט... דער שיינער פּאָרט פון תל אביב איז צוליב דער ברענענדיקער שיף געוואָרן ניט אַזוי שיין. זוי וויסט, טרויעריק... דער פּאָרט אין תל אביב איז פּונקט אַזאַ וווּנדער ווי תל אביב אַליין און ווי דאָס גאַנצע נייע ארץ ישראל! דאָס איז דער ערשטער און דער איינציקער פּאָרט אין דער וועלט, וואָס איז דורכויס געבויט נאָר פון יידן און ער האָט דעם דאָזיקן חן, וואָס אַלץ, וועלכעס איז געבויט געוואָרן אין ארץ ישראל פון יידן האָט! אַ קליינער פּאָרט און ווי אַ קליין געשליפענער דימענט! און ביז נעכטן האָט ער געמורמלט

און געווימלט מיט פרייד. און פּלוצים ברענט א שיף אין סאמע מיט פון אָט דעם פּאָרט און די שיף הילט זיך אין שלאַנגען פון געדיכטן רויך, וואָס פאַרפינצטערן זיינע פלאַמען.

און דער רויך קריכט דיר אין האַרצן אַריין.

און די פלאַמען ברענען דיר דאָס האַרץ...

עס איז אַ רויך און עס זיינען פלאַמען, וואָס ברענגען אום זאַכן, וועלכע וואָלטן מאָרגן אפשר געדאַרפט און געקענט ראַטעווען הונדער־טער אידישע לעבנס, און עס איז אַ רויך און עס זיינען פלאַמען, וואָס דערציילן וועגן אן אינווייניקסטער שרפה אין יידישן פאָלק — אַ שרפה אין סאַמע האַרץ פון אונדזער פאָלק...

די ברענענדיקע שיף „אַלטאַלענאַ" ברענט מיר נאָך איצטער אין די געהירן, כאָטש עס איז שוין אַוועק אַזויפיל צייט, זייט איך האָב זי געזען אַ ברענענדיקע אין דעם שיינעם פּאָרט אין תל אביב.

אַ קליינער, אַ שיינער און אַ האַרציקער איז ער דער פּאָרט אין תל אביב; ער איז קליין און שיין און האַרציק ווי אַלץ אין ארץ ישראל.

איר הערט?

אין ארץ ישראל זיינען די לאַנדשאַפטן האַרציק.

דאָ האָבן די בערג און די טאָלן האַרץ...

דאָ שטייסטו אַמאָל בײַ טבריה און קוקסט אין דעם גרינעם ים כנרת וואָס זעט אויס ווי אַ פידל און וואָס שפּילט, דאַכט זיך; דאָ שטייסטו אַמאָל אין צפת און דו קוקסט אויף אַ באַרג, וואָס זעט אויס ווי אַ קעמל, אויף אַ קבר, וואָס איז פול, אָדער ליידיק, אויף אַ בערגל, אין וועלכן עס ליגן אַלטע און נייע קדושים און דו הייבסט אָן פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָ זיינען געבוירן געוואָרן נביאים און פאַרוואָס דאָ איז גע־שאַפן געוואָרן די קבלה. און דיר פאַלט איין, אַז די נבואה איז דאָ געשאַפן געוואָרן בייטאָג און די קבלה — ביינאַכט.

בייטאָג, ווען ארץ ישראל איז נאָך געווען אונדזער לאַנד;

ביינאַכט — ווען ארץ ישראל איז געווען וויסט...

דער פּאָרט פון תל אביב איז גאָר מאָדערן, ער דערמאָנט מיט גאָר ניט אין אַמאָל, פּונקט ווי גאַנץ תל אביב. דאָך האָט ער עפּעס אַביסל אַן אַנדער אויסזען, ווי אַלע מאָדערנע פּאָרטן אין דער וועלט. ער איז האַלב פּאָרט און האַלב פּליאַזשע. ער איז פאָלקסטימלעך און עלעגאַנט. זיין האַרציקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז קליין און מען קען אים זען דורך און דורך ווי אַ קינד און מען קוקט אויף אים מיט בענק־

שאפט און מען לייגט אויף אים האפענונג. מען האפט, אז עס וועלן קומען צו אים שיפן און זיי וועלן ברענגען אלץ, וואס מען דארף. און דארפן דארף מען נאך געווער און סאלדאטן...

— מער ניט?

— מסתמא יא, אבער מער פון אלץ דאס דערמאנטע. הלוואי זאל מען דאס ניט דארפן...

און אין אט דעם פארט האב איך געזען און איך זע נאך איצטער ווי די שיף „אלטאלענא" ברענט. זי איז איינגעהילט אין שווערן, געדיכטן רויך און זי ברענט. אין צוויי ערטער זעט מען די פייערן. איין פייער איז א גרעסערס און א שטארקערס און געפינט זיך אין דער סאמע מיט און דאס צווייטע געפינט זיך אין א ווינקל און איז קלענער און שוואכער. דאס גרויסע פייער האלט אין שפאלטן די שיף אויף צווייען, דאס קליינע פייער שפאלט אפ פון איר א שטיקל. און אין ים פאלט אריין געווער און אנדערע נויטיקע זאכן. און עס קען דאך זיין, אז אין צוויי וואכן ארום וואלט מען מיט דעם אלעמען געקענט ראטעווען א סך יידישע לעבנס.

און די שיף ברענט און ווערט ניט פארלאשן אזוי ווי דער דארן אויף דעם בארג סיני.

— וואס איז געשען?

יעדער שטעלט זיך אט די פראגע און יעדער איז פון איר טרויעריק און צערודערט און יעדן פעלט אי ווארט, אי אטעם...

לאמיר דאס אייך אביסל דערציילן ווי א מעשה: מאנטיק דעם 21טן יוני איז מיר אויסגעקומען צו פארן אין אייניקע מושבים אין שיינעם עמק. אוי, ווי שיין דער עמק יזרעאל איז. ער ליגט אין טאל און דראפעט זיך אויף בערגלעך און ער האט דריי גרויסע בערג פון דריי זייטן — אט דעם כרמל, אט דעם תבור און אט די חרמון־בערג...

איך שעם זיך אייך ניט צו דערציילן, אז אפילו איצט, ווען איך בין געפארן זען די דאזיקע פונקטן, וואס זיינען ביז נעכטן געווען אין שטענדיקן פייער און צו זען ווי גרוים עס זיינען די צעשטערונגען און שאדנס, וואס דער שונא האט פארשאפט, אז אויך איצט האב איך א רגע ניט געקענט ניט באמערקן די שיינקייט פון ארץ ישראל. ווי שיין איך האב זיך ניט פארגעשטעלט ארץ ישראל, איז עס נאך שענער. קיין איין מאנאטאנע לאנדשאפט איז דא ניט פאראן. קיין גלייכע סטעפעס (פאמפאס) זעט איר דא קיינמאל ניט. בערגלעך, בערג און בארימטע

בערג — כרמל, חרמון, תבור, המורה, הרי אפרים, הרי נפתלי... קלענע־רע בערגלעך, באַרימטע טאָלן — עמק חפר, עמק זבולון, עמק יזרעאל, עמק הירדן... אַט זעסטו ניט מער ווי אַ קליינעם שטח אין דער נאָענט, ווייל פון אונטן ארויף זעט מען דאָך ניט און אַט קומט דיין אויטאָ אַ־רויף אויבן און דו דערזעסט פלוצים אַ האַלב ארץ ישראל — דו דערזעסט דעם ים, איבער דעם ים דעם אַלטן באַרג לבנון מיט שטיקער ווייסקייט פון שניי אויף דעם שפּיץ און דו זעסט דעם עמק זבולון זיך באַגעגענען פון איין זייט מיט דעם עמק חפר פון דער וווייטנס און פון דער צווייטער זייט מיטן עמק יזרעאל פון דער נאָענט.

און גרין זיינען די יידישע ישובים אין ארץ ישראל. זיי זיינען באַהאַלטן איןביימער און אין גרינס. זעסט פון דער וווייטנס אויף אַ בערגל, צי אין אַ טאָל אַ בינטל ביימער, ווייסטו שוין, אַז דאָס איז אַ יידישער ישוב — אַ קיבוץ, אַ מושב, אָדער עפּעס אַ קאָלאָניע, וואָס ווערט אַ שטעטל. זעסט נאַקעטע הייזער, אַ נאַקעט בערגל, ווייסטו, אַז עס איז אַן אראַבישער ישוב. עס איז וואָפנשטילשטאַנד און מען כאַפּט אַריין און מען בויט אַ ישוב נאָך אַ ישוב. די יוגנט קעמפט מיט דער ערד ניט גרינגער, ווי מיט די אַראַבער. און די ערד פאָלגט דער יוגנט און זי ווערט יונג און בליענדיק.

...און ווען מיר זיינען צוריקגעפאָרן, זיינען די וועגן געווען שטאַרק באַוואַכט און דער קאָנטראָל איז געווען אַ מער געשטאַרקטער און אַ שווערער. די שוועריקייטן פון וועג איז דער קרעפּטיקער און ענערגישער שאָפער בייגעקומען לייכט מיט דער הילף פון זיין אייזערנעם „דזשיפּ", אָבער די קאָנטראָלן האָבן זיך ניט געענדיקט!

מה קרה — וואָס איז געשען?

מען שווייגט...

זיכער איז, אַז די אַראַבער האָבן נאָך ניט געשטערט דעם וואָפנ־שטילשטאַנד, ווייל פון דעם וואָלט מען קיין סוד ניט געמאַכט. אָזאַ זאַך באַהאַלט מען ניט קיין איין רגע, נאָר מען זאָגט עס בפירוש אויס. מען מוז זיך דאָך היטן. פאַלט מיר איין, אַז ס'איז עפּעס אַן אינערלעכע זאַכעניש — אַ פּוטש אַ שטייגער. איך זאָג דאָס מיין שאָפער און ער קוקט אויף מיר דערשטוינט און ער בלייבט סאָלדאַטסקע פאַרשלאָסן אין זיך. ער איז אַ סאָלדאַט ניט ביי יענעם, נאָר ביי זיך און ער פירט איניי־נעם מיט אַלע דעם קאַמף אויף טויט און לעבן און ער — שווייגט.

און מיר זיינען צוריק אין תל אביב און מיר טרעפן די שטאָט ווי זי גייט כאַראַדאָם.

אַלע מאָל האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער טראָק מיט סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס. אייזערנע חברה זיינען דאָס געווען מיט מענטשלעכע אויסדרוקן. און די ביקסן און מאַשין־ביקסן זיינען געווען אַנגעשטעלט אין אַלע זייטן אַריין. אויף אייניקע טאַנקס איז געווען אָנגעשריבן דער לאָזונג פון „אצל" — „רק כך" און אויף אַנדערע איז געווען אָנגעשריבן „פלמח". אין אויסזען איז ניט געווען קיין שום חילוק צווישן ביידע און דאָך האָבן זיי זיך געיאָגט איינס נאָך דעם צווייטן. ביידע זיינען געלאָפן צום פּאָרט און עס איז ניט געווען שווער צו דערקענען, אַז דער „פלמח" פון דער הגנה וויל פאַרלויפן דעם וועג פון אירגון... עס האָבן זיך געהערט שיסערייען פון נאָענט און פון ווייט. די שטאָט האָט געציטערט... און די הערצער האָבן דאָס מאָל געקלאַפּט אַנדערש. איך האָב איבערגעלעבט 27 טעג אַליאַרמען און לופט־באָמבאַרדירונג פון שונא און איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ אויפרעגונג, כאָטש שאָדן און קרבנות האָבן די באָמבאַרדירונגען אָנגעאַרבעט אַ סך. דער עולם האָט נאָך ניט געוווסט, וואָס עס קומט פאָר, אָבער ער האָט גע־פילט, אַז עס שמעקט מיט אומגליק.

און עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מען האָט געוווסט. דער ראַ־דיאָ פון „אירגון" איז געווען דער ערשטער צו דערציילן, אַז עס איז אָנגעקומען אַ שיף מיט עולים און מיט געווער און אַז די עולים האָט מען אַראָפּגעלאָזט און צוליב דעם געווער קומט פאָר אַ קאָנפליקט, וואָס האָט שוין געקאָסט קרבנות... קלאַנגען איבער קלאַנגען און אַ פּאַניק! אין די צייטן פון רעוואָלוציעס האָבן שטעט אין רוסלאַנד אַזוי אויסגע־זען ווי איצט האָט אויסגעזען תל אביב...

און איידער וואָס וועון איז שוין געווען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר אויסלענדישע און אינלענדישע זשורנאַליסטן. דער אויסערן־מיניסטער, משה שערטאָק, האָט פאַרלוירן זיין שטענדיקן שמייכל. גערעדט האָט ער וועגן דער זיכערקייט פון דער מדינה און פון דער מלוכה. ער האָט געזאָגט, אַז די געשעעניש איז אַ געפערלעכע. אָבער די זיכערקייט איז דאָך — געזיכערט. „אצל" האָט אונטערגעשריבן אַ הסכם, אַז ער גייט אַרגאַניש אַריין אין דער יידישער אַרמיי און ער רעספּעקטירט ניט דעם אָפּמאַך. ער האָט געבראַכט געווער אין דער צייט ווען לויטן וואָפן־שטילשטאַנד טאָר מען דאָס ניט און ער האָט געוואָלט דאָס געווער

נעמען פאַר זיך. אירגוניסטן האָבן די ערשטע געשאָסן ביי כפר ויתקין. די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט ניט באַרואיקט. דער געוועזענער אויבער־קאָמענדאַנט פון דער הגנה, גלילי, וואָס איז היינט אויבער־קאָמענדאַנט פון דער יידישער אַרמיי, (ער איז עס געווען בעת איך האָב געשריבן אָט די שורות, היינט איז ער עס ניט מער), האָט מיט זיינע ווערטער אויך ניט באַרואיקט, כאָטש ער האָט גערעדט אַזוי ווי אַ מיליטער־מאַן דאַרף אין אַזאַ פאַל ריידן.

און די נאַכט האָט זיך צוגערוקט. די נאַכט אין תל אביב איז נאָך אַלץ אַ פאַרפינצטערטע. די „אפלה" (פאַרפינצטערונג) האַלט אָן. מען האָט נאָך מורא פאַר דעם שונאס לופט־באָמבאַרדירונגען. איז תל אביב געזעסן אין דער פינצטער, אָדער אין ליכטיקע און ביז צו שטיקעניש הערמעטיש־פאַרמאַכטע צימערן און געהערט דעם ראַדיאָ. מנחם בייגין, דער קאָמענדאַנט פון אירגון, האָט געהאַלטן אַ שטורמישע ראַדיאָ־רעדע. איך האָב די רעדע געהערט ביי פאַרשידענע קאַפע־הייזער און אין פאַר־שידענע געגנטן אין שטאָט. איך האָב געוואָלט ניט נאָר הערן די רעדע, נאָר אויך זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זי מאַכט אויף פאַרשידענע מענטשן. די רעדע אַליין איז געווען געהאַלטן מיט אַ סך ברען, טאַקע מיט צופיל ברען, און מיט היסטעריע. עטלעכע מאָל האָט בייגין געוויינט און מ'האָט דערקענט, אַז דאָס איז ניט געמאַכט. עס האָט בייגינען זיי־בער ווי געטון די גאַנצע געשיכטע. ער האָט מודה געווען, אַז ער האָט די רעגירונג אָפּגענאַרט און ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז געווען אַ „הייליקער ליגן"... פאַרשטייט זיך, אַז בעת בייגין האָט גערעדט, זיינען אַ סך פון זיינע חסידים געווען אין די גאַסן און אכטונג געגעבן, אַז אין עפנטלעכע פּלעצער זאָל מען ניט פאַרדרייען די ראַדיאָס. בייגין האָט גערעדט און מ'האָט אים געהערט און דיסקוטירט. אויסער זיינע די־רעקטע חסידים זיינען געווען גרייט באַלד צו לויפן אין פייער אַריין די תימנים. די פּרימיטיווע אָריענטאַלישע יידן זיינען געווען גרייט איינ־צושלינגען דעם רעדנער.

איך בין אומישנע געגאַנגען אין דער תימנישער געגנט, וואָס הייסט אין תל אביב „כרם התימנים". און איך האָב זיך דאָ געקענט איבער־צייגן, אַז די תימנים זיינען „בייגיניסטיש".

צוויי שעה האָט בייגין גערעדט אין ראַדיאָ. גערעדט שאַרף, קלאָר, ניט מיט קיין אָריענטאַלישן אַקצענט, נאָר מיט אַן אייראָפּעאישן. די כללים פון דקדוק היט ער אָפּ בעת אַנדערע פּלאָנטערן און זאָגן אויף

אַ ציירע אַמאָל „ע" און אַמאָל „עי", זאָגט ער שטענדיק „ע". דאָרט ווו מען דאַרף פאַרטאָפּלען אַ קאָנסאָנאַנס, פאַרפּירפּאַכט ער אים. אַנדערע זאָגן דאָס וואָרט „ימה" (אין ים אַריין) נאָר „יאַמאַ", בייגין זאָגט: „יאַמממאַ"... ער האָט גערעדט שטורמיש, טעמפּעראַמענטפול און היסטעריש. ער האָט אַ סך מאָל געוויינט. עכט געוויינט. עס איז גאָר ניטאָ אין דער וועלט קיין אַקטיאָר, וואָס זאָל קענען אַזוי אָ שפּילן אַ וויינען... קיין תירוץ אויף זיין האַנדלונג האָט ער ניט געגעבן. מען האָט געהערט בייגינען ריידן און מען האָט דיסקוטירט. קעגנער האָבן זיך געהאַלטן אין די „ראַמען": צו קיין געשלעגן איז ניט געקומען. אין אַרגענטינע וואָלטן די דיסקוסיעס אין אַזאַ פאַל געקאָסט קרבנות.

די נאַכט איז דורך אָן געשעענישן, אָבער זייער אומרואיק. די אויפרייסן און די שרעק האָבן ניט געלאָזט שלאָפן. און פאַרטאָג זיינען פון די קלאַנגען אַרויסגעקומען קלאָרע פאַקטן: 13 טויטע, צוויי פון פּלמח און עלף פון אירגון, עטלעכע און פערציק פאַרוואונדעטע. די רעגירונג האָט דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז די אירגוניסטן האָבן געעפנט דאָס פייער.

די פיינלעכקייט איז ניט איבערגעגאַנגען: זי איז נאָך געוואָרן שטאַרקער צוליב דעם, וואָס צווישן די דערשאָסענע ביים קאַמף אַרום דער שיף איז אויך געווען אברהם סטאַווסקי, וועלכן מען האָט אַמאָל באַשולדיקט אין דערשיסן אַרלאָזאָראָוון. ביידע צדדים האָבן דערמאָנט אַלטע זאַכענישן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טייוול אַליין האָט איצטער געהרגעט סטאַווסקין און פון זיין בלוט געמאַכט בוימייל און דאָס גענומען גיסן אויפן פייער.

דער עולם בכלל האָט דאָס אויפגענומען ווי אַן אומגליק. אייניקע האָבן פּשוט געוואָלט וויינען. און די דעזאָריענטאַציע איז געוואָרן שטאַרקער אַדאַנק דעם, וואָס מען האָט געמוזט עוואַקוירן אַ היפּשן טייל פון תל אביב, וואָס ליגט ביים ים, ווייל מ'האָט מורא געהאַט פאַר די אויפרייסן פון דער ברענענדיקער שיף. דאָס האָט נאָך געפעלט צום רומל. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק:

ארץ ישראל אין בירגער־קריג...

38 טעג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה — אַ בירגער־קריג. אייניקע האָבן געשריען:

מיר זיינען אַ פאָלק פון משוגעים...

פאַרנאַכט איז פאָרגעקומען אַ רעגירונגס־זיצונג. מיר איז באַשערט

געווען בייצוזיין די גרינדונג פון דער יידישער מדינה און מיר איז באַ־שערט געווען צו בייזיין די ערשטע רעגירונג־זיצונג. בן גוריון האָט גערעדט אויף זיין שטייגער, מיט טעמפּעראַמענט און עקשנות. מיר דאכט, אז איבערהויפּט איז בן גוריון גרויס אין זיין עקשנות, ביים בויען ארץ ישראל איז די גרויסע עקשנות געווען גאָר נוצלעך, איצטער אָבער... איך האָב זיך דערמאָנט בן גוריונען ביי חיים גרינבערג אין שטוב אין ניו יאָרק צווישן יידישע שרייבער. ער איז דעמאָלט געווען אַזוי עקשנותדיק אַלס דער גאַסט ווי איצטער אַלס פּרעמיער מיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. עס האָט זיך גערעדט, אַז בן גוריון איז אַליין צוויי קרעמעניעס (פייערשטיינער), וואָס שלאָגן זיך אָן. ער האָט געזעצט מיט פונקען. ער איז געווען גערעכט, אָבער עפּעס האָט געשריען, אַז זייענדיק גערעכט קען מען אַמאָל דאָך ניט זיין גערעכט. און דער פירער פון מזרחי, הרב מאיר בערלין, האָט טאַקע וועגן דעם גערעדט. מען איז דאָך אויסגעוואַקסן איניינעם מיט זיי... און מ'קען דאָך ניט שוין פאַרגעסן אין דעם. זיי זיינען טאַקע מורדים, אָבער מען דאַרף האַנדלען אַנדערש. און דערפאַר האָבן די צוויי מזרחי־מיניסטאָרן, הרב פּישמאַן און משה שאַפּיראָ, רעזיגנירט פון זייערע אַמטן.

דער ערשטער רעגירונגס־קריזיס.

און די שיף אין פּאָרט ברענט...

מען איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ טרויער און אַ פּיין אין האַרצן, דאָך האָט מען געפילט, אַז אפילו דער קריזיס וועט אויסגעמיטן ווערן. מען וועט פאַרגלעטן די זאַך. עס וועט געשאַפן ווערן אַ אינסטיטוציע, וואָס וועט ווירקן, אַז בן גוריון זאָל ניט קענען האַנדלען אַליין, אַ טריבונאַל וועט געשאַפן ווערן... אייניקע האָבן טאַקע געשריען „בירגער־קריג", אויך די דערקלערונג פון „אירגון", אַז ער אַנערקענט ניט די מלוכה, שמעקט מיט בירגער־קריג, אָבער עס וועט דאָך ניט זיין אַזוי... מער וועלן יידן ניט שיסן קיין יידן...

און שפּעט באַנאַכט איז געווען אַ מאָדנע פּרעסע־קאָנפערענץ פון מנחם בייגין. פאַר אַ געוויסער צאָל זשורנאַליסטן איז זי געווען. געזאָגט האָט מען, אַז די רעגירונג האָט געגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן דעם קאָמענדאַנט פון אירגון און ער איז אַריינגעקומען איינער אַליין (אפשר איז ערגעץ אין דער נאָענט געווען באַהאַלטן אַ סוויטע זיינע) און געזאָגט:

— אני מנחם בייגין.

אַט אַזוי אַ פּשוט.

(ער האָט אויסגעזען מיד, ניט אויסגעשלאָפן, היסטעריש. „אַ פאַר־וואָרפענער בער"? (דוב שבול) ניין. אַ מידער, ניט קיין געיאָגטער.

מען האָט ביי אים זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס ער וועט טון. מען האָט געוואָלט וויסן, צי עס וועט זיין אַ בירגער־קריג. ער האָט מער זיך צוגעהערט צו די רייד פון אַנדערע, ווי גערעדט. ער האָט געזאָגט:

— איך בין מיד. איך האָב נאָך אַזויפיל צו טראַכטן.

אַלטע זשורנאַליסטן האָבן אים געזאָגט:

— טו אַלצדינג, אַז קיין יידיש בלוט זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן.

ער האָט געשוויגן ווי צוזאָגנדיק. ער האָט עפּעס ווי באַרואיקט. דער עולם האָט דאָס ניט געוווסט און ער איז געבליבן אומרואיק.

תל אביב האָט אויסגעזען, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן, ווי באַלאַגערט פון צוויי כוחות. איך בין געגאַנגען זען דעם פּאָרט. מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע האָט מיר געעפנט דעם וועג. איך בין פּונקט פאַרביי־געגאַנגען בן גוריונס הויז, וואָס איז געווען זייער שטאַרק באַוואַכט. אַ געדאַנק האָט געברענט אין מוח: אַט ערשט געוואָרן פּרעמיער און אַזוי באַוואַכט... ווי גיך מיר זיינען אַזוי שטאַרק געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער גליייך! שוין צו־גליייך...

איך גיב דאָ איבער די לעצטע שורות פון דעם אַרטיקל, וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אין ניו יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל" פון פרייטיק דעם 2טן יולי, כאָטש דעם דירעקטן ווערט האָבן זיי פאַרלוירן. זיי דאַרפן דאָ בלייבן ווי אַ דאָקומענט:

„איך קען זאָגן מיטן פולן מויל און מיט דער פולער זיכערקייט, אַז די ארץ ישראל יידן זיינען איבערצייגט אַז כאָטש עס שמעקט מיט בירגער־קריג, וועט דער בירגער־קריג אויסגעמיטן ווערן און אַז דער דאָזיקער אומגליק וועט העלפן אויסמיידן אַ גרעסערן אומגליק. אוודאי דאַרף דער „אצ"ל" צו דעם צוהעלפן, אָבער אויך בן גוריון וועט דאַרפן העלפן — ער וועט דאַרפן מוותר זיין אויף זיין צו שטאַרקער עקשנות. די מדינה איז צו־יונג און עס וועט אפשר דאַרפן געשאַפן ווערן אַ טריבונאַל וואָס זאָל געפינען דעם ריכטיקן וועג. די מדינה שטייט דאָך פאַר דער גרויסער סכנה פון מוזן בייקומען דאָס פייער. ביים פּאָרט פון תל אביב ברענט איין שיף און ביי אַלע גרעניצן פון מדינת ישראל גליען היינט פייערן, וואָס קענען מאָרגן ברענען. און אַט די פייערן מוזן לעשן דאָס אינווייניקסטע פייער.

און אויב, חלילה, מ׳וועט ניט קענען לעשן דאָס אינווייניקסטע פייער, וועט מען מוזן אָנקומען צו די יידן פון אמעריקע און צו זייע־רע מנהיגים.

יאָ, שווער ווערט משיח געבוירן!

וואָכנלאַנג בין איך געווען אויסער ארץ ישראל. דער קריג האָט ווידער אויסגעבראָכן פונקט צו די פיר וואָכן. איך בין געזעסן ביי די זיצונגען פון דער צווייטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און דאָס האַרץ איז געווען אין ארץ ישראל. איך האָב געקענט כמעט יעדע פּאָזי־ציע, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין די קאָמוניקאַטן און זי איז מיר געווען איינגעבאַקן און איך האָב איבער איר געציטערט. באַזונדער האָב איך געציטערט איבער דעם קיבוץ עין גב, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט כנרת, כמעט אין עבר הירדן. אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון אַראַבער, מיטן יידישן ישוב פאַרבונדן נאָר איבערן וואַסער. דורך דער יבשה — ניט. די טראַנשייען זיינען דאָרט בפועל ממש דירות. מען וועט אויסהאַלטן אין עין גב — פלעג איך זיך טרייסטן און — ניט קענען שלאָפן.

די זיצונגען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס פלעגן ווערן אינטערעסאַנט נאָר בעת אַ שאַרפע פּאָלעמיק צווישן רעכטס און לינקס. אַ פּאָלעמיק, וואָס האָט געקענט פאָרקומען אויך אויף סתם אַ מיטינג. איך האָב זיך געטראָפן אין מאָנטרע נאָך אַ לאַנגן איבעררייס מיט די צוויי „יונג ווילנער" חיים גראַדע און ש. קאַטשערגינסקי. חיים גראַדע איז איינער פון די צוויי באַדייטנדיקסטע פּאָעטן פון די „יונג ווילנער". דעם אַנדערן, סוצקעווערן, האָב איך דאָך שוין געטראָפן אין ארץ ישראל, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש צו טרעפן גראַדען. אַזעלכע צוויי קאָנטראַסטן זיינען אָט די צוויי. סוצקעווער אַ הויכער, אַן עלעגאַנטער, אַ לייכטערער; גראַדע אַ מיטלוויקסיקער, אַ דיקער, אַ שווערער. סוצקעווער שוועבט, גראַדע וואַקסט אַרויס פון תהום.. סוצקע־ווער אַ רעאַליסט, אָבער די רעאַליטעט, וואָס ער דערציילט, איז משוגעת. גראַדע שרייבט משוגעתן וועגן משוגעתן און ער באַלויכט, דאַכט זיך, מיט דער הילף פון זיינע משוגעתן די רעאַלע משוגעתן און זיי ווערן קלאָר. ש. קאַטשערגינסקי, אַן אומרואיקער, אַ קליינינקער מיט קליינינקע און שאַרפע אייגלעך, ווי פון אַ נאַכט חיהלע. דאָס לעבן האָט אים גע־מאַכט אַזוי. אַרבעטסזאַם ווי אַ מוראַשקע, מיט אַ בין צוזאַמען. אַביסל

פּאָעט און אַ סך היסטאָריקער. ער קען טויזנט זאַכן, אַפילו טעאַטער שפּילן קען ער אויף צו ראַטעווען זיך.

מיר זיינען אין מאָנטרע געזעסן נעכט און טעג און געהערט, אויך ווען עס איז ניט געווען צו הערן און מיר האָבן גערעדט און שטענדיק געהאַט וואָס צו ריידן. עס זיינען געווען נאָך אייניקע יידישע שרייבער פון דער שארית הפליטה. אייניקע פון זיי האָבן נאָך געוווינט אין די לאַגערן, אַנדערע האָבן געוווינט אין פּאַריז. געווען צווישן אונדז דער סעקרעטאַר פון פּאַריזער זשורנאַל „קיום", יהודה עלבערג, דער מאָדער־נער שרייבער י. וואָלף, אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד, אַ דערצויגענער אין מזרח־אייראָפּעאישע ישיבות, וואָס האָט אין קראָקעווער געטאָ אָנגעשריבן אַן אייגנאַרטיק ווערק וועגן פּרצן, דער קאָוונער זשורנאַליסט ראובן רובינשטיין. חיים גראַדע האָט געזאָגט אַ שאַרף וואָרט וועגן יידישן וועלט־קאָנגרעס:

אַ פּיעסע, וואָס עס פעלט איר אינהאַלט.

מיר האָבן דעם זאַג אַרומגעאַרבעט: דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אַ שעקספּירישע פּיעסע מיט אַ קרעפטיקן אינהאַלט, דער וועלט־קאָנגרעס איז אַ בערנאַרד שאָו פּיעסע מיט אַ סך פילאָזאָפישע דיאַלאָגן, אָבער אָן דראַמאַטישן אינהאַלט און שאָום שאַרפזין האָבן ניט אַלע.

געווען צווישן די דעלעגאַטן געוועזענע פּאָליטיקער, וואָס האָבן אַמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע און האַלטן זיך אין קאָנגרעס ווי אין אַ לעצטן שטרוי, מיטלמעסיקע פּאָליטיקער און גאָר קליינע, וואָס האָבן געזוכט כאָטש אַ קליין ביסל גלאַנץ טון ערגעץ און קינפטיקע פּאָליטיקער, וואָס ווילן נאָך אַמאָל שפּילן גרויסע ראָליען, אויב די צייט וועט זיי צושפּילן. און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען גרייט צו אונטער־שפּילן דער צייט. אויב די צייט, הייסט עס, וועט זיך ניט בייטן, ווילן זיי זיך בייטן און זיך צופּאַסן צו די קאָניונקטורן...

דער הויפּט אינטערעס איז פאָרגעקומען צווישן רעכטס און לינקס. ביים אָנהויב איז לינקס געקומען צום אויסדרוק דורך דעם מפּ״ם און דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען דער געוועזענער פירער פון דער „הגנה" דר. משה סנה. זרובבל האָט דאָ און דאָרט אויך אַ גלאַנץ געטון נעבן אים מיט זיין שיינעם וואָרט און הדרת פּנים. אַ לאָנדאָנער מפּאַי׳ניק האָט געזאָגט אַ שאַרף וואָרט און געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר אַ סקאַנדאַל אין וועלט־מאַסשטאַב. עס איז אויסגעקומען, אַז רעכטע זיינען פאָרט ניט אַזוי פריי צו פאַרטיידיקן זיך, ווי לינקע זיינען פריי צו אַטאַקירן. אַ

מאָדנע סיטואַציע, וואָס גיט אַ מינדערהייט מער כוח ווי דער מערהייט. צום לעצט איז פֿאָרגעקומען אַ שטיקל רים: די נ. אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַריינגעמען קיין קאָמוניסטן אין דער עקזעקוטיווע. די קאָמוניסטן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך אָפּהאַלטן פון שטימען און זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל ציילן די שטימען. מפּ׳ם האָט געשטימט פאַר דעם עקזעקוטיוו. איז אויף אַ רגע איבערגעריסן דאָס שטריקל צווישן מפּ״ם און קאָמוניסטן. אָבער די דעלעגאַטן פון פּוילן, רומעניע און בולגאַריע האָבן אַלע געשטימט איינעם מיט די קאָמוניסטן. אויך די מפּאיניקעס, אַלגעמיינע ציונים און מזרחים. די דעלעגאַטן פון אָט די אַלע לענדער האָבן געשטימט ניט לויט זייער פּאַרטיי אָנגעהעריקייט, נאָר לויט זייער רעגירונג־אָנגעהעריקייט. די נ. אַמעריקאַנער קאָמוניסטן (צוויי אין צאָל) האָבן ניט מורא געהאַט פאַר טרומאַנען צו שטימען, לויט זייער פּאַרטיי אָנגעהעריקייט, אָבער די רומענישע פאַר גראָזאַן האָבן מורא געהאַט. איך האָב געזאָגט מיין אַלטן פריינט זרובבל:

„איר פאַר בן גוריונען האָט ניט מורא, אָבער בערמאַן פאַר ציראַנקעוויטשן האָט מורא”.

איך קען ניט פאַרגעסן איינעם אַ כמעט געוועזענעם פּאָליטיקער, וואָס האָט שוין געהערט צו עטלעכע פּאַרטייען און היינט איז ער נאָך אין יידישן וועלט־קאָנגרעס און אין זיינע פאַבריקן. ער רופט זיך אַפּליקאַציע וויסנשאַפטסמאַן; ער האָט זיין וויסנשאַפט אַפּליקירט אין דער פּראַקטיק און ער איז געוואָרן אַ שותּף צו פאַבריקן און אַ רייכער מאַן. ער איז געווען נאָענט צו די לינקע פּועלי ציון, אָבער זי איז אים געוואָרן צו־רעכט, די דאָזיקע פּאַרטיי. צו יידיש־נאַציאָנאַליסטיש. ער וויל נאָך אַלץ אַ וועלט־רעוואָלוציע. קיין קאָמוניסט איז ער דאָך ניט געוואָרן. מסתמא לוינט דאָס אים אויך ניט. אַ פאַבריקאַנט און אַ קאָמוניסט זיינען אין לאָנדאָן תרתי דסתרי אהדדי. ערגעץ אַנדערש גייען אַזעלכע צוויי אָפּט צוזאַמען. ער קלייבט זיך, פלעגט ער זאָגן, אָפּשטעלן זיין „וויסנשאַפטלעכע” אַרבעט (אין די פאַבריקן אין וועלכע ער איז אַ שותּף) און אָנשרייבן אַ בוך און פרעגן אַטלי־בעווין ווי אַזוי די קאַץ וועט קומען איבער דעם וואַסער, ס׳הייסט, ווי אַזוי וועט דאָך קומען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פון דער יידישער ליטעראַטור איז ער אַ גרויסער חסיד. אָבער ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ בוך פון אַ גרויסן יידישן דיכטער פאַר צוויי דאָלער, האָט ער שיר־ניט געקראָגן די היסטעריקע.

ער איז דאָך ניט געקומען אַהער קויפן ביכער. געוויס! ער איז אַהער געקומען פאַרזאָרגן דאָס יידישע פאָלק און זען ווי אַזוי די קאַץ וועט קומען איבער דעם וואַסער. אוודאי זיינען געווען אַ פּאָר יידן ביי דער צווייטער סעסיע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער קולטור און אַ זייער אָרגאַנישע, אָבער זייער צאָל איז געווען זייער געציילט. דער גאַנצער קאָנגרעס איז זיכער ניט געווען אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז ער זאָל מעגן ווערן דער פּוסק וועגן די ענינים פון יידישער קולטור, ווי אייניקע דעלעגאַטן האָבן אים געוואָלט מאַכן. ספּעציעל האָט דאָס געוואָלט י. עפּרויקין, וועלכער האָט אויף כוח דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע פאַר אַן איינהייטלעכן קולטור־קאָנגרעס, אַזוי ווי די פאָרשטייער פון מזרח־בלאָק און דער איקוף האָט דאָס פאַרלאַנגט. די מפּא״י, וואָס אין ניו יאָרק זיינען זיי די הויפּט־מחותנים פון ניט־איינהייטלעכן אַלוועלטלעכן יידישן קול־טור־קאָנגרעס, האָבן דאָ געשטימט פאַר עפּרויקינס רעזאָלוציע, וועלכע וועט מסתמא קיינמאָל ניט דורכגעפירט ווערן, ווייל עס איז ניט דער איינציקער באַשלוס וועגן קולטור ענינים, וואָס איז געבליבן אויף דעם פּאַפּיר אין יידישן וועלט־קאָנגרעס.

די צווייטע סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז פאַר מיר גע־ווען זייער באַלערנדיק. איך האָב דאָ דערקענט רעשטן פון שארית הפּליטה, וואָס אַלע צדדים ווילן אויסנוצן פאַר פּאָליטיק, בעת זיי זוכן אַ רו פאַר זייערע טריט, אַזוי ווי נחס טויב. די שארית הפּליטה וועט אויפהערן צו זיין אַ וויכטיקער אינהאַלט פאַר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און ער וועט דאַרפן ווערן אַ רעפּרעזענטאַנץ פאַר די גלות־יידן און דאָס דאָזיקע וועט ווערן אַלץ שווערער, ווייל די ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען זיינען פאַרנומען מיט ציוניסטישער טעטיקייט און דער ניט־ציוניסטישער צד האָט די גאַנצע צייט פריי. די לינקע שטיצן זייער שטאַרק מדינת ישראל און ציוניסטן קענען היינט גיין האַנט אין האַנט מיט זיי, מאָרגן אָבער וועלן די זעלביקע לינקע, ווייטער שטיצנדיק די יידישע מדינה, נעמען באַקעמפן דעם ציוניזם און דעמאָלט וועט דער ריס קומען. (דאָס דאָזיקע האָב איך געשריבן דעמאָלט און עס האָט אָנ־געהויבן באַשטעטיקט ווערן שפּעטער, נאָך אליאַ ערנבורגס אַרטיקל „וועגן איינעם א בריוו") איך האָב פאַרלאָזט מאָנטרע באַלד ווי די סעסיע איז געשלאָסן געוואָרן און איך האָב זיך אַ לאָז געטון איבער דער שווייץ.

מען האַלט אין איין פאַרגלייכן ארץ ישראל מיט דער שווייץ. יעדער פאַרגלייך הינקט און אויך דער פּאַראַלעל צווישן דיביידע לענדער האָט

נישט קיין דורכוים געזונטע פּיס. פּאַראַן, פֿאַרשטייט זיך, ענלעכקייטן צווישן ביידע לענדער. איבערהויפּט זיינען פּאַראַן ענלעכקייטן צווישן ביידע אין דער אויסערלעכקייט. ארץ ישראל האָט בערג און טאָלן און די שווייץ האָט בערג און טאָלן.

דער גרויסער חילוק באַשטייט קודם כל אין דעם, וואָס בעת אין ארץ ישראל איז דער קלימאַט צו מערסטן אַ הייסער, איז ער אין דער שווייץ אַ קילער. צופעליק איז אין דער שווייץ היי־יאָר געווען אום זומער צו־קאַלט. אפשר איז אין ארץ ישראל היי־יאָר געווען אַביסעלע הייסער ווי אַן אַנדער יאָר. אָבער ווען מען זאָל נעמען אלס מוסטער ניט דעם היי־יאָריקן אויסנאַם, נאָר די שטענדיקע רעגלמעסיקייט, זיינען קלימאַטעריש אָט די לענדער ווייט איינס פון אַנדערן, כרחוק מזרח ממערב.

די צוויי הויפּט־חילוקים צווישן ביידע לענדער באַשטייען אין אָט וואָס: בעת די שווייץ, וואָס ליגט כמעט אין האַרץ פון אייראָפּע האָט אויסגעמיטן די צוויי גרעסטע וועלט־קריגן פון אונדזער צייט און איז אַרויס גאַנץ, איז אין ארץ ישראל אַן אייביקער קריג זייט שנת ימי בראשית. איינגעטלעך האָט דאָ די מלחמה קיינמאָל ניט אויפגעהערט. דער צווייטער חילוק איז אַ צוויפאַכיקער: א) די שווייץ איז אין גאַנצן באַבויט און באַפעלקערט, בעת ארץ ישראל איז נאָך כמעט אינגאַנצן וויסט און האָט דאָ און דאָרט באַפעלקערטע פּינטלען; ב) אין דער שווייץ איז אַלץ אויסגעבויט געוואָרן ביזן יאָר 1914 און אין די לעצטע יאָרן האָט מען נאָר אַ קליין ביסל איבערגעענדערט און מאָדערניזירט, בעת אין ארץ ישראל שטאַמט אַלץ, וואָס איז אויסגעבויט פון נאָך 1914.

וואַנדערנדיק איבער דער שווייץ איז מיר איינגעפאַלן צו בלעטערן אַ קורצע געשיכטע פון אָט דעם לאַנד און איך האָב מיך אָנגעשלאָגן אין אַ מאָמענט, וואָס איז ווערט אונטערגעשטראָכן צו ווערן. די שווייצער, וואָס האָבן דאָס מזל צו לעבן כסדר בשלום, זיינען דווקא ניט פון זייער פרידלעכן אָפּשטאַם. די שווייצאַרישע קאַנטאָנען פון אַלע דאָרטיקע פיר פעלקער, האָבן פאַקטיש געהאַט אלס זייער הויפּט־פאַך: קריג. זיי פלעגן זיך לאָזן אַנגאַזשירן פון די פאַרשידענע פעלקער, וואָס האָבן געפירט צווישן זיך קריג און זייער אָפט האָבן זיך געשלאָגן אויף פאַרשידענע פראָנטן ניט נאָר שווייצאַרישע פראַנצויזן מיט שווייצאַרישע דייטשן, אָדער איטאַליענער, נאָר טאַקע שווייצאַרישע דייטשן מיט שווייצאַרישע דייטשן, פראַנצויזן מיט פראַנצויזן, איטאַליענער מיט איטאַליענער און ראָמאַנער מיט ראָמאַנער. מען רעדט שטענדיק וועגן דריי

שווייצאַרישע פעלקער, אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ פערטס אויך. דאָס ראָמאַנישע פאָלק איז קליין אין צאָל, אָבער עס עקזיסטירט און עס ווייל עקזיסטירן אַלס פאָלק און עס האָט אייגענע שטעט און דערפער, אַן אייגענע פאַרוואַלטונג, אַן אייגענע ליטעראַטור און אייגענע שולן. ווען מען קומט קיין קור, אָדער אין די באַרימטע דאַוואָס־בערג (טאָמאַס מאַנס „צויבער־בארג"), זעט מען, אַז די ראָמאַנער ווילן זיין אַ פאָלק און זיינען דאָס טאַקע.

קערן מיר זיך אום צו דער קריגערישקייט פון די שווייצער. איינער פון זייערע הויפט־פאַכן איז געווען, ווי געזאָגט, מלחמה און זייער אָפט האָבן אפילו ברידער זיך געשלאָגן אף קעגנערישע פראָנטן. יידן זיינען דער סאַמע היפּוך. זיי האָבן אין משך פון די לעצטע הונדערטער יאָרן קיין אייגענעם קריג ניט געפירט. זיי זיינען געגאַנגען אין מלחמה אריין, ווייל זיי האָבן געמוזט, אָבער ניט ווייל זיי האָבן געוואָלט. שלום עליכם האָט דאָך דאָס קלאַסישע וואָרט זיינס, אַז „טביה'ס פערד גייט ניט אין מלחמה אריין" און דאָך קענען די שווייצער, ווי אַ דורכויסיקער אויסנאַם, לעבן אין שטענדיקן פרידן און די יידן אין ארץ ישראל מוזן, ווי אַ שטענדיקער אויסנאַם, קיינמאָל ניט אויפהערן צו פירן אַ מלחמה...

אוודאי שמייכלט דער פאַרגלייך צווישן ארץ ישראל און דער שווייץ און ווען מען וואַנדערט גראָד אין אַ נאָענטן צייט־אָפּשניט איבער ביידע לענדער, גיט מען זיך חשבון, אַז דער ווונטש, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן ווי די שווייץ, איז אַ זייער שיינע ברכה. היינט צו טאָג איז די שווייץ דאָס איינציקע גן עדן ווינקל אין גאַנץ אייראָפּע. איר געפינט דאָ ניט נאָר אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט און וואָס אייער מאָגן גלוסט (פאַרשטייט זיך, אַז פאַר זייער גוט געלט) נאָר איר געפינט אויך די געמיטלעכקייט און דעם מענטשלעכן שמייכל פון פאַר 1914 און די מענטשאַליטעט פון יענע יאָרן, ווען די גרויסע נייע מענטשלעכע קולטור האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושמידן. די שווייץ לעבט אויך פון טוריזם און זי האָט אויך קעלנערישע העפלעכקייט, וואָס מאַכט פיינלעך... איז גראָד דאָס דאָזיקע איז זיי ארץ ישראל — מוחל!

וואַנדערסט איבער דער רואיקער און געמיטלעכער שווייץ פון אַלע פיר שפּראַכן און דו קלערט זיך: טאַקע אַ באַזונדער מזל האָט דאָס דאָזיקע לאַנד מיט דעם, וואָס עס האָט אויסגעמיטן קריגן און בירגער־קריגן. פאַקטיש זיינען דאָך די אַלע בירגער־קריגן פון אונדזער יאָרהונדערט צוגעגרייט געוואָרן אין דער שווייץ. גיסט זעלטן אַ שפּאַן אין דער שווייץ,

אַז דו זאָלסט ניט אַ קלער טאָן, אַז דאָ האָט אייגנטלעך געשפּאַנט לענין, טראָצקי, סטאַלין, קראָפּאָטקין, פּלעכאַנאָוו, זשיטלאָווסקי און וועד ניט? דיר דוכט זיך, אַז דו באַגעגנסט די שאָטנס פון די אַלע דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערן אין זשענעווו ביי די טישלעך פון די קאַפע-הייזער, אין די פּעריפעריעס פון לאָזאַן, צוריך און באַזעל און אַז דו באַגעגנסט נאָך אַפילו די שפּורן, וואָס זייערע וועליסאָפּעדן האָבן געלאָזט אין די בערג. די היציקע דיסקוסיעס זייערע זיינען פריער געדרוקט געווען אין די צייטונגען און זשורנאַלן און ביכער, דערנאָך זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעשים און דאָס לעבן האָט געוויזן, אַז ווען היציקע דיסקוסיעס ווערן מעשים, ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין זייער בלוטיקע שלאַכטן. יאָ, די שווייץ האָט געהאַט מזל: דיסקוטירט האָט מען דאָרט, געשלאָגן האָט מען זיך אומעטום, אויסער אין איר!

און דער ציוניזם איז דאָך אייגנטלעך אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן און דיסקוטירט געוואָרן און אויסגעקעמפט געוואָרן טעאָרעטיש אין דער שווייץ. נאָר טעאָרעטיש, פּאַקטיש ווערט ער בלוטיק אויסגעקעמפט אין ארץ ישראל.

ווי שווער דער ציוניזם האָט געדאַרפט אויסקעמפן אַביסל אָנערקענונג ביים סאָציאַליזם! און פּאַקטיש איז דאָס אים קיינמאָל ניט געלונגען ביז נאָך דעם ערשטן וועלט-קריג. און פונדעסטוועגן, אויב עס זיינען היינט פאַראַן ווינקלען אין דער וועלט, וווּ עס הערשט פּריווילעגיע דער סאָציאַליזם, זיינען דאָס די קיבוצים אין ארץ ישראל. ווי שיין דער ציוניסטישער סאָציאַליזם האָט זיך נוקם געווען אין דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, וואָס האָט אים אַזוי עקשנותדיק ניט געוואָלט אָנערקענען. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען מען וועט פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען קומען שטודירן סאָציאַליסטישע פּראַקטיק אין ארץ ישראל, און אָט איז פאַראַן נאָך אַ חילוק צווישן דער שווייץ און ארץ ישראל — אין ערשטן לאַנד האָט מען טעאָרעטיש אויסגעקריסטאַליזירט דעם סאָציאַליזם, אין צווייטן לאַנד רעאַליזירט מען אים אין דער פּראַקטיק.

אין דער שווייץ זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס וועגן דעם וועלט-גאַנג אין דער נאָענטער צייט אין משך פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. אין ארץ ישראל זיינען אין סוף פון 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט קיין מאָדערנע מענטשן ניט געווען און עס זיינען דאָרט במילא קיין דיסקוסיעס וועגן רעאַלן לעבן ניט געפירט געוואָרן. העכסטנס זיינען געפירט געוואָרן אין די ישיבות און בתי

מדרשים פון ירושלים, צפת און טבריה דיסקוסיעס וועגן קבלה און וועגן אַ לעבן, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט פון דער מענטשלעכער רעאַלי־טעט און פון דעם מענטשלעכן שכל.

יאָ, אויב עס איז פאַראַן אַ פאַרגלייך צווישן אָט די צוויי לענדער, באַשטייט ער טאַקע אין דעם, וואָס זיי זיינען מוראדיק... ניט גלייך. און דאָך איז עס ניט נאָר אַ גוטער ווונטש צו פאַרוואַנדלען ארץ ישראל אין אַ צווייטער שווייץ, נאָר עס איז אויך אַן אַבסאָלוט־מעגלעכע זאַך. ווען מען זעט, וואָס יידן האָבן דערגרייכט אין ארץ ישראל אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר, אין וועלכע זיי האָבן אפשר ניט געהאַט קיין איין רואיקן און בלוטלאָזן טאָג, גיט מען זיך חשבון, אַז ווען די יידן אין ארץ ישראל וועלן האָבן דרייסיק אַזעלכע רואיקע יאָרן, ווי עס האָבן געהאַט די שווייצער, וועט ארץ ישראל ניט נאָר קענען ווערן אַ צווייטע שווייץ, נאָר עפּעס מער פון דעם. און אויב די שווייץ באַשטייט פון פיר פעלקער און פיר שפּראַכן, וואָס לעבן צווישן זיך גאַנץ בשלום, וועלן אין ארץ ישראל קענען אוודאי און אוודאי לעבן בשלום צוויי פעלקער און צוויי שפּראַכן (אייגנטלעך מערער שפּראַכן, ווייל יידן אליין וועלן נאָך דאָרט אַ לאַנגע צייט ריידן אין עטלעכע שפּראַכן...) פאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נויטיק, אַז צווישן די צוויי פעלקער זאָל זיך ניט געפינען קיין שלאַנג, וואָס רייצט.

און קוקנדיק אויף דער פיר־שפּראַכיקייט פון דער שווייץ, איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווען יידישיסטן וואָלטן אויך געבויט ארץ ישראל, וואָלטן דאָרט היינט געוועזן אויך „קאַנטאָנען" מיט יידיש אַלס די הויפּט־שפּראַך.

יאָ, קלימאַטיש איז ארץ ישראל גאַנץ אַנדערש ווי די שווייץ און זי האָט מסתמא ניט זייער אַ סך נאַטור־עלעמענטן, וואָס די שווייץ האָט. יאָ, דערפאַר אָבער האָט ארץ ישראל היינט אַזעלכע קולטור־מענטשן און אַזאַ ווילן צו בויען און שאַפן, וואָס די שווייץ האָט קיינמאָל ניט געהאַט, בעת זי האָט געבויט; און די מענטשלעכע קולטור און דער מענטשלע־כער ווילן קענען דערגאַנצן דאָס דאָזיקע, וואָס עס מאַנגלט אין דער נאַ־טור. יאָ, די שווייץ און ארץ ישראל זיינען זייער ניט גלייך היינט צו טאָג, אָבער זייער „גלייכקייט" באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קענען ווערן גלייך און זיי קענען ווערן ענלעך איינס צום אַנדערן. ניט אייביק וועט ארץ ישראל בלייבן אַזוי וויסט ווי עס איז היינט; (יאָ, עס איז נאָך היינט וויסט, כאָטש עס לעבן דאָרט אכט הונדערט טויזנט יידן און ביז ניט לאַנג האָבן דאָרט געלעבט כמעט אַ מיליאָן אַראַבער) ארץ ישראל וועט

נאָך ווערן, און גאָר גיך, גרין־בליענדיק אַזוי ווי די שווייץ. עס וועלן גרינען און בליען אירע בערג און אירע טאָלן. מען דאַרף קענען זען דורך דער רויטקייט פון הײַנטיקן פייער און בלוט די גרינקייט און בלי־ענדיקייט פון מאָרגן.

איך בין פון דער שווייץ געפאָרן קיין פּאַריז. איך בין געווען אין דער געוועזענער „הויפּטשטאָט פון דער וועלט", וואָס איך האָב אמאָל אַזוי ליב געהאַט צוליב איר פרייד און זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ טרויער, וואָס איך האָב ווידער ליב באַקומען. איך בין אַרונטער־געגאַנגען אונטער דער טריומף אַרקע פון פּאַריז, אונטער וועלכער היטלער האָט אמאָל אַזוי עקלהאַפט געפּראָוועט טאַנצן. עס איז געווען אַזאַ מין „טאַנצן", וואָס האָט אָנגעזאָגט אומקום. אַ „טאַנץ" פון אַ קראָ אויף אַ פּגר. צום גליק איז די קראָ געוואָרן אַ פּגר און דער „פּגר" — די וועלט — ראַנגלט זיך צו אויפשטיין תחית המתים. איך האָב געבענטשט גומל אונטער דער זעלביקער אַרקע, אונטער וועלכער היטלער האָט געטאַנצט.

פּאַריז — און פראַנקרייך בכלל — האָט מיר סוגערירט געדאַנקען אויך וועגן ארץ ישראל. איך האָב יעדע דאָרטיקע לעבן־דערשיינונג גע־פּרוווט צופּאַסן צו ארץ ישראל. בין איך ניט משוגע אויף מדינת ישראל?

איך בין געווען דעם 14טן יולי אין פראַנקרייך. דער טאָג פון גרויסן פראַנצויזישן פרייהייט־יום טוב. אמאָל איז עס געווען דער טאָג פון דער גרעסטער פרייד. הײַנט האָט דער פראַנצויז אויסגעזען ווי אַ קראַנקער, וואָס וויל שמייכלען און קען ניט. און געטאַנצט אין די גאַסן האָבן אויסלענדער, וועלכע האָבן געהאַט דאָלאַרן. און געזונגען שפּעט פּאַרטאָג האָבן אין די גאַסן פּרעמדע. צווישן די פּרעמדע זײַנען געווען אביסל ייִדן, וואָס זײַנען געווען אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל און זיי האָבן געזונגען דעם פּאַרטיזאַנען־הימן ביים קלויסטער סאַקר קער אין פּעגאַל. אַ קייט קאַבאַרעטלעך געפינען זיך אין שאָטן פון דערמאָנטן קלויסטער אין פּאַריז. און פראַנקרייך איז דאָך ניט חרוב, אָבער פרייען זיך דאָרט קענען פּרעמדע. ניט פראַנצויזן...

צוויי פראַנצויזישע פעלקער זײַנען פאַראַן: אַ רעליגיעז פאָלק און אַ ראַציאָנאַליסטיש. טאַקע בפועל ממש צוויי פעלקער מיט צוויי לעבנס און צוויי לעבנסשטייגערס. און דאָס ראַציאָנאַליסטישע פאָלק איז צע־שפּאָלטן צוליב עקאָנאָמישע אינטערעסן און צוליב פּאָליטישע איבער־צייגונגען און די ראַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטן גייען אײנײַנעם מיט די קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן קעגן די קאָמוניסטן. פון צוויי פעלקער

ווערן דריי, בכדי ס'זאָל אמאָל קענען ווערן איין פֿאָלק. וויפֿל אומוועגן וועלן די יידישע פֿעלקער מיט די סך יידישע און ניט־יידישע שפּראַכן אין ארץ ישראל דאַרפֿן דורכמאַכן, ביז וואַנען זיי וועלן ווערן איין פֿאָלק?

אַ שטורמיש יידיש לעבן איז פֿאַראַן אין פּאַריז. גרויסע צייטונגען, גרויסע דיסקוסיעס, גרויסע פֿאַריינען. און עפּעס אזא ניט־זיכערקייט. אַ שפּאַנען ווי אויף גלאָז. אָט וועט זיך אַלץ איינברעכן. דאָס גאַנצע לעבן האַלט זיך אַ דאַנק דער הילף פֿון אַמעריקע און יעדער איינער חלומט וואָס גיכער צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען. די מערסטע ווילן קיין ארץ ישראל אַ קלענער טייל חלומט וועגן אַמעריקע, אָדער אַפֿילו אַרגענטינע. יידישע שרייבער ווייסן ניט, צי זאָלן זיי וועלן קיין ארץ ישראל, ווו סוצקעווער וואַקסט זיך אַריין און וואַקסט אַרויס, צי זאָלן זיי פֿאָרן קיין אַמעריקע ווו עס לעבן די מערסטע יידישע שרייבער. צי זיי זאָלן פֿאָרן קיין אַר־גענטינע, ווו עס איז נאָך פֿאַראַן אַ יונגער יידישער לייענער. און מיר פֿאַלט איין אַ מוראַדיקער געדאַנק, אַז די טראַגישסטע מענטשן אין אונדזער צייט זיינען בונדיסטן און יידישע שרייבער. די ערשטע האָבן אינגאַנצן פֿאַרלוירן דעם באָדן, די צווייטע האַלטן אין פֿאַרלירן און לעבן מיט שרעק. אַ קלענער טייל יידישע שרייבער פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אָפּ־טימיסטן און שרייט הורא און זיי האָבן אַזוי קיין כח ניט דאָס צו שרייען...

מיינע באַגעגענישן מיט געראַטעוועטע יידישע שרייבער אין פּאַריז זיינען פֿאַר מיר געווען אַ טיפֿערע פּערזענלעכע איבערלעבונג. זיך גע־טראָפֿן מיט געראַטעוועטע ברידער, מיט וועלכע איך האָב זיך ניט גע־ריכט צו טרעפֿן, אָבער — זיינען מיר געראַטעוועט? מער ווי אַלע פֿילן זיך אויף גלאָז און אויף פֿייער די יידישע שרייבער אין פּאַריז. זיי פֿילן ווי די מלחמה דערנענטערט זיך ווידער צו זיי און זיי שטרעקן די הענט אין אַלע אומעטומס און בעטן זיך: נעמט אונדז אַוועק ווייטער פֿון פֿייער. אויף גי פּעטען נומער 9, אין צענטן אַראַנדיסמאַן וווינען די מערסטע געראַטעוועטע יידישע שרייבער, אין אַ געגנט, וואָס געפֿינט זיך ניט ווייט פֿון בולוואַר באַרבעס און ניט ווייט פֿון פּעגאַל, איז פֿאַראַן אַ געסל, וואָס הייסט גי פּאַטען. עס איז אַ גאַנץ קליין געסל, עס האָט קוים אַ פּאָר קוואַרטאַלן און געפֿינט זיך ניט ווייט פֿון אַ „מעטראָ" (אונטער־ערד־באַן) סטאַנציע און נעבן אַ גאַס, וואָס ציט זיך די גאַנצע צייט אונטער אַ בריק און זעט אויס טונקל און באַהאַלטן. אַרום געפֿינען זיך אַלערליי רעסטאָראַנען, רעסטאָראַנדלעך און קאַפֿע־הייזער, וואָס האָבן

ווייניק צו עסן, גאָרניט קיין מילך און אַ סך משקה, און עס געפינען זיך דאָרט אויך אַלערליי האָטעלן און האָטעלעכלעך. מען קען זאָגן, אַז עס זיינען דאָ מער האָטעלן, ווי פּריוואַטע שטיבלעך. נעבן איין האָטעל, ניט ווייט פון יענעם געסל, שטייען שטענדיק אָנגעפּאַרבטע מיידלעך מיט זייער פּאַרדעכטיקטע פּנימער און מיט גליענדיקע אויגן. דאָס דאָזיקע, וואָס די פאַרב פאַרדעקט, דעקן אויף די אייגלעך. זיי שטייען שטענדיק דאָרט, אויך ווען עס רעגנט, כאָטש אָנגעטון גייען זיי לויז און לייכט. און ווען רעגנט ניט אין פּאַריז?

פון דעם אַלעמען, וואָס איך דערצייל אייך, קענט איר אַרויסנעמען, אַז די גי פּאַטען איז ניט קיין אויסערגעוויינלעך געסל, נאָר אַ זייער געוויינלעכס. דער נומער 9 פון אָט דעם געסל איז אויך ניט אויסערגעוויינלעך. אַ שטוב מיט אַ קליינעם גערטנדל פאָרנט, וואָס האָט ניט קיין ביימער און ניט קיין בלומען. דער פראָנט איז אַ גרינלעך־גרויער, וואָס דערמאָנט אַביסל אין שימל און אַביסל אין אָפּגעקראָכענע פאַרבן און דער אַריינגאַנג איז דורך אַ געלער טיר אין אַ גרויען קאָרידאָר, וואָס ציט זיך אַוועק אין ביידע זייטן און פאַרקריכט אויך אין ווינקלען און הייבט זיך אויף דורך טרעפּ צום צווייטן, דריטן, פערטן און אפשר פינפטן שטאָק. אין די קאָרידאָרן פון אַלע שטאָקן קוקן אַרויס גרויע טירן. און אַמאָל קוקן די קאָרידאָרן אַריין אין די טירן, ווען זיי עפענען זיך. די טירן זיינען פון קליינע וווינונגען פון איין, אָדער צוויי צימערלעך, אַ קיכל און אַ שותפות צו אַ באָד־צימער.

אין אָט אָ דער שטוב וווינען יידישע פּאָעטן און יידישע שרייבער בכלל. דאָ וווינען חיים גראַדע, שמערל קאַטשערגינסקי, ראובן רובינשטיין, נחום באָמזע, משה גראָסמאַן, יוסף וואָלף, ישראל אַשענדאָרף, י. לענעמאַן, א. זאַק און נאָך אַנדערע יידישע שרייבער. מרדכי שטריגלער און מאַרק דוואָרזשעצקי וווינען ניט דאָרט, אָבער זיי זיינען אַהער נאָענט אין גייסט. ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענדיקן, האָבן יידישע פּליטים פאַרכאַפּט פאַרשידענע הייזער און זיי האָבן אָט דאָס הויז פאַרכאַפּט. און צווישן די פאַרכאַפּער פון אָט דעם הויז זיינען אויך געווען יידישע שרייבער. דאָס הויז האָט געהערט אין די אַלטע גוטע צייטן צו ראָטשילדן און די דייטשן האָבן דאָס צוגענומען. איצטער געהער דאָס ווידער צו ראָטשילדן און שלום עליכמס העלד איז געווען גרייט צו אָפּמאָנען דאָס הויז, אָבער ווען מען האָט אים דערקלערט, אַז דאָרט וווינען יידישע שרייבער, האָט ער דערווייל געלאָזט די זאַך הענגען. די

יידישע שרייבער האָבן אין אָט דעם הויז איינגעאָרדנט אַ בשותפותדיקע קיך, ווו זיי עסן מיט זייערע פרויען און קינדער מיטיק אין אַ ספּעציעל איינגעריכטעטן צימער. ווי מאָרגנס עס זאָל אייך ניט אויסקומען, האָט מיר דאָס דאָזיקע צימער אַביסל דערמאָנט אין דעם אַמאָליקן טלאָמאַצקע דרייצן, ווו עס איז געווען דער לאָקאַל פון דעם זשורנאַליסטן און שרייבער פאַריין פון וואַרשע און אַביסל האָט דאָס מיר דערמאָנט אין „וועלפקעס רעסטאָראַן" אין ווילנע, ווו איך האָב זיך אַ סך מאָל געטראָפן מיט די „יונג ווילנער" און בכלל מיט ווילנער און אויך מיט אויסלענדישע יידישע שרייבער און קולטור־טוער.

און איך בין אַוועקגעפאָרן פון זיי מיט דעם געפיל, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז די אַלע אויסגערעכנטע און ניט־אויסגערעכנטע שריי־בער שולדיק אַ חוב. עס אַז זיי שולדיק אַ פּלאַץ אונטער דער זון.

די ידיעות פון ארץ ישראל זיינען געווען זייער גוטע און געגוג טרויעריקע. אויף דעם פראָנט איז געגאַנגען זייער גוט. פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע האָבן יידן פאַרנומען. זיי האָבן פאַרנומען ישום געבוירנשטאָט נצרת און זיי האָבן פאַרנומען דעם גרויסן עראָדראָם און באַן־סטאַנציע לוד. זיי האָבן אַלץ מער און מער באַפרייט דעם נגב. ביי זשענין און לאַטרון האָט זיך דער אַראַבישער ווידערשטאַנד געראַנגלט פאַרצווייפלט און מען האָט געפילט קאָנוווּלסיעס. מען האָט אָנגעהויבן מאַנען וואָפן־שטילשטאַנד. דאָס מאָל האָבן דאָס ניט די יידן פאַרלאַנגט, נאָר די אַראַבער. מען האָט געזען ווי מען האָט זיך געאײַלט מיט דעם וואָפן־שטילשטאַנד, כדי צו ראַטעווען די אַראַבער. אין ירושלים האָט מען געצוווּנגען די יידן צו וואָפנשטילשטאַנד צו די אַכט טעג. מען האָט מורא געהאַט, אַז יידן וועלן אָפּנעמען די אַלטע שטאָט און אבדאלא וועט ניט האָבן ווהין צו פאָרן אויף זיין ווייסן פערד. אין גאַנץ ארץ ישראל האָט מען געשלאָסן וואָפנשטילשטאַנד צו די צען טעג. די מלחמה איז געווען אויף הונדערט פּראָצענט געוווּנען. דאָס טרויעריקע זיינען געווען די קרבנות. מען האָט באָמבאַרדירט תל אביב פשוט כוליגאַניש. עגיפּ־טישע עראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק איבער דער שטאָט און געשאָטן פייער אויף קינד און קייט.

איך פאָר קיין „ישראל" פון פּאַריז, דאָס מאָל שוין מיט אַ יידישער וויזע. דער „אינוואַליד" עראָדראָם איז פול מיט יידן. די אַגענץ האָט געדונגען דעם עראָפּלאַן, ווייל בכלל פאָרן נאָך אַלץ ניט די עראָפּלאַנען

פון די גרויסע געזעלשאַפטן קיין ישראל. זיי האָבן מורא... פאַר באַמ־
בעס און פאַר אַראַבישן באַיקאָט האָבן זיי מורא.

עס ציט צו די אויפמערקזאַמקייט אַ ייד מיט אַ שיינער, ניט גאָר
גרויסער, שוואַרץ־ווייסער באָרד. דאָס איז דער ענערגישער מזרחי־פירער
הרב ז. גאָלד, וואָס פאָרט מיט אונדז. אַ פרוי געזעגנט זיך מיט אים, און
קושט אים די הענט. אַ פרעמדע פרוי? ניין, די אייגענע. אַ מנהיג פון
„הפועל המזרחי", יעקב גרינבערג, אָן אַ באָרד, אָבער מיט אַ יאַרמעלקע,
פאָרט מיט אונדז. עס באַווייזט זיך פּלוצים דער שלאַנקער יידישער
אַגענץ־פאָרשטייער אין אַרגענטינע אריה שיל, וואָס האַלט אין ווערן
קאָנסול. ער ווייזט מיר אַ טעלעגראַמע, אַז מען איז באַגייסטערט פון
דעם אַרגענטינער „מענטשן־מאַטעריאַל" אין ישראל.

אַ באַקאַנטער באַגעגנט מיך — אַ דאַרער, שלאַנקער יונגערמאַן
מיט קליינע סמנים פון וואַנציעס. אַ באַקאַנטער, אַ... יאָ, ס'איז דער
רב און עסייאיסט א. ביק, דער שעפער פון רעליגיעזן יידישן סאָציאַליזם.
ער קומט פון דער אייראָפּעאיש־יידישער קולטור באַראַטונג אין פּאַריז.
מיט אים קומען פון דער זעלבער באַראַטונג יוסף בריינין, דער זון פון
ראובן בריינין און נעבן אים א ריז — דאָס איז גערשמאַן, דער רעדאַק־
טאָר פון יידישן וואָכנבלאַט אין טאָראָנטאָ — קאַנאַדע. אפילו הרב
גאָלד באַמערקט, אַז עס וועט שוין זיין פריילעך אין עראָפּלאַן און עס
וועט זיך שוין טון —

ציקאָ — איקוף...

עס קומט אָן מ. יאַרבלום אינאיינעם מיט אַ קליינער, צאַרטער, העֶ־
לער און שטילער פרוי. יאַרבלום זעט שוין אויס ווי אַ שטיק פראַנצוי־
זישער מיניסטער, אָבער פראַנצויזיש רעדט ער נאָר מיט דער פרוי, וואָס
ער באַגלייט, מיט אונדז אַלע רעדט ער יידיש און אַמאָל העברעאיש.
ער כאַפּט באַלד אַ שמועס וועגן דער אייראָפּעאישער קולטור־באַראַטונג
און ער באַדויערט איבערהויפּט דאָס דאָזיקע, וואָס אויף דער דערמאָנ־
טער קולטור־באַראַטונג האָט מען ניט געהערט קיין זאַפטיקן יידיש. דאָס
זאַפטיקע יידיש פון אַמאָל איז פאַרשוווּנדן און מען בענקט נאָך דעם
איבערהויפּט אין פּאַריז. איך לאָד יאַרבלומען איין קיין אַרגענטינע, ווו
ער וועט קענען הערן אַ זאַפטיקן יידיש, איך באַמערק אים אָבער, אַז אויך
אין ארץ ישראל איז ניט צו פאַרזינדיקן...

די פרוי, וואָס יאַרבלום באַגלייט זי ,פאָרט אויך קיין ישראל. זי
איז די פרוי פון פראַנצויזישן אַרבעטס־מיניסטער, דעם יידן דאַניעל

מאיער: איר מאַן איז אַ סאָציאַליסט, אַ פראַנצויז און אַ ייד, זי אַליין איז אַ וואַרעמע ציוניסטקע. איר מאַן, דער קליינער רירעוודיקער און יינגלשער מיניסטער איז אויך דאָ. ער איז אומעטום פול און ער האָט ברענענדיק־טרויעריקע שמייכלענדיקע אויגן און ער האָט אַ וואָרט, וואָס גיט אַ ברי... ער דערמאָנט, אַז אויך פון דאַנען האָט מען געשיקט יידן אַהין... און מיר וואַקסט אויס אהרן בעקערמאַן פאַר די אויגן. אין 1935 האָט ער מיך דאָ ערגעץ ניט ווייט באַגלייט. אויך אַנדערע יידישע שרייבער און שוישפּילער האָבן מיך דאָ באַגלייט. איצטער איז ער ניטאָ און ער איז דאָ אַרומער געגאַנגען צו דער עקדה און קיין מלאך האָט אים ניט געראַטעוועט... די אַנדערע זיינען אויך ניטאָ. עס באַגלייט מיך אויך אַ לעבעדיקער ייד — דער געראַטעוועטער יונגער שוישפּילער לעאָ בלומענ־סאָן, וואָס האָט אין זיין געזאַנג אי ראָמאַנטישע צאַרטקייט, אי טרויער פון אוישוויץ.

ווען מען האַלט שוין ביי פאָרן, קומט אָן דער יידישער גענעראַל־קאָנסול אין פראַנקרייך, דער שלאַנקער יונגער מענטש מיט דעם מילד־טרויעריקן אויסדרוק, וואָס הייסט גאָלדבערג און וואָס רעדט העברעיש און יידיש פּונקט אַזוי גוט ווי פראַנצויזיש. אין פּאַס האָב איך אַ וויזע פון דער מדינהלע „ישראל“. עס געזעגנט זיך מיט מיר מיט אַ וואַרימען האַנט־דרוק דער גענעראַל קאָנסול פון אָט דער מדינהלע, ביים אָנקומען קיין תל אביב וועט מיך אָפּרופן אַ מיניסטער... מיר זיינען געוואָרן מלוכהדיק. מיר זיינען אַריין אין אַ נייער עפּאָכע.

ווען דער עראָפּלאַן לאָזט זיך פליען, גיב איך זיך פּאַוואָליע חשבון ווו איך בין אין דער וועלט. אויף דער ערד האָב איך דאָס ניט געוווּסט, דווקא ביים אויפהייבן זיך איבער די וואָלקן האָב איך זיך דערפילט —

געווען ביי דער צווייטער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרע,

אויסגעוואַנדערט אַ האַלבע שווייץ,

פאַרבלאָנדזשעט קיין פּאַריז צו אַ צוזאַמענפאָר פון „אָרט“,

זיך געטראָפן מיט אַריבער אַ צענדליק געראַטעוועטע יידישע שרייבער,

געוואַנדערט איבער פּאַריז אַליין...

געשריבן...

און איצטער פאָר איך ווידער קיין ארץ ישראל אָנשטאָט צו פאָרן קיין בוענאָס איירעס.

— פֿאַרוואָס פֿאָרסטו ווידער קיין ארץ ישראל?

אָט אַ די פֿראַגע פֿרעגט מען מיר פֿון אַלע זייטן דאָ אין די פֿרעמדע פֿראַנצויזישע הימלען, עס פֿרעגט זי מיין פֿרוי, עס פֿרעגט זי דער קאָ־לעקטיוו „די פֿרעסע", עס פֿרעגן זי די לייענער פֿון „די פֿרעסע" און איך אַליין פֿרעג זי... און אַלץ אין מיר ענטפֿערט:

— איך פֿאָר צוריק אַהין קיין ארץ ישראל, וואָס איז היינט די „מדינת ישראל", ווייל איך האָב זיך פֿאַרליבט אין „עמק חפר", „עמק זבולן" און איבערהויפּט „עמק יזראל". עס ציט מיך קיין „עין חרוד" און „תל חי"... עס ציט מיך נאָך מער צום „ים כנרת", צו די קיבוצים „דגניה אלף" און „דגניה בית" און וווהין ניט... איך האָב ליב באַקומען אויך תל אביב און אוודאי חיפה און צפת און טבריה... איך האָב ניט געקענט אַנדערש, איך האָב געמוזט צוריקפֿאָרן. איך האָב דאָס געמוזט טון, פּונקט ווי ר' נחמן בראַסלאַווער האָט דאָס געמוזט... און איך האָב דאָס געטון ניט נאָר מיטן אינסטינקט, נאָר מיט דעם באַוווסטזיין; אין משך פֿון זעקס וואָכן האָב איך אויסגעמאָסטן ארץ ישראל אין דער לענג און אין דער ברייט; איך בין געווען אין די מערסטע קיבוצים, אויף אַלע בערג, אין אַלע טאָלן, אין אַלע „וואדים", אין אַלע בליונגען, אין אַלע וויסטע־נישן, אויף אַלע פֿראָנטן. ירושלים האָב איך ניט געזען... דאָס גאַנצע ירושלים וועל איך איצטער אויך ניט זען, אָבער נאָענט דערפֿון וועל איך זיין; נאָענט פֿון „הר הצופים", נאָענט פֿון „הר הזיתים". איך וועל פֿילן די לופֿט פֿון ירושלים, איך וועל זען די הימלען פֿון דאָרט, און וועל זיין אין די בערג פֿון יהודה. און אָט דערפֿאַר בין איך צוריקגעפֿאָרן. איך וועל דאָך מאָרגן ניט פֿאָרן נאָכאַמאָל אַהין און ווער ווייסט, צי אַפֿילו איבער אַ יאָר...

און נאָך עפּעס! איך האָב געזען די ערשטע זעקס וואָכן פֿון דער יידישער מדינה, די היסטאָרישסטע זעקס וואָכן אין לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק אין משך פֿון מיין לעבן און טאָקע אין משך פֿון דעם גאַנצן גלות לעבן; פֿיר וואָכן האָב איך געפֿעלט. אין משך פֿון אָט די פֿיר וואָכן זיינען פֿאָרגעקומען שווערע שלאַכטן אין ארץ ישראל און עס זיינען אומגעקומען אַ סך, אַ סך טייערע יידישע בחורים און אַ סך, אַ סך זין פֿון מיינע פֿריינט... אַלץ הייסט בחורים! מוז איך איצטער נאָך איין מאָל אַ קוק טון אויף דער מדינה און זען ווי זי וואַקסט און ווי זי ווערט פֿאַרפֿעס־טיקט... ווייל —

ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

איז ווי זאָגט זיך אין יענעם היינע־ליד
וואָס גייט מיר אָן ווייב?
וואָס גייט מיר אָן קינד?
וואָס גייט מיר אָן פּרנסה?
איך פאָר ווידער קיין ארץ ישׂראל...
דער עראָפּלאַן פליט
אַלץ אין מיר זינגט:
„צמאה לך נפשי
כמה לך בשרי"...
(עס דאָרשט צו דיר מיין זעל,
עס גאַרט צו דיר מיין לייב).

דער עראָפּלאַן פליט ניט לאַנג און ער בלייבט שטיין: מיר זיינען אין ניץ, אפשר אין דער שענסטער פראַנצויזישער שטאָט; איך זע זי און זע זי ניט... דאָ איז דער ברעג און דאָרט זיינען בערג. איז דען חיפה ניט שענער? און איז צפת ניט אַ סך אַ שענער און טבריה מער ווי שענער? וווּ איז אין ארץ ישׂראל ניט פאַראַן קיין געמיט פון ים און בערג?... אין דער שיינקייט פון ניץ זע איך אויך ארץ ישׂראל.

מיר בלייבן שטיין ביי אַ ריזיקן האָטעל, וואָס הייסט „נעגרעסקאָ", ער איז נאָך גרעסער און אימפּאָזאַנטער ווי דער פּאַלאַס־האָטעל אין מאָנטרע, וואָס איז דער גרעסטער אין דער שווייץ. מען גיט יעדן פון אונדז אַ דעפּאַרטאַמענט אַ פּאַלאַץ. און ס'איז דאָך פולער זומער. אמאָליקע יאָרן האָט מען דאָ אין אָט דער צייט ניט געקראָגן קיין צימער פאַר קיין גרויסן פאַרמעגן. היינט לעכצט דער גאַנצער האָטעל נאָך אַ מענטשן און דער ים לעכצט נאָך אַ מענטשן און אַלץ ווייזט די ירידה פון אייראָפּע.

איכה ישבה בדד...

ווי נעמט מען דעם ירמיהו, וואָס זאָל באַוויינען אייראָפּע?

מיר עסן אָפּ און די נאַכט בישופט און ציט און לאָזט ניט אָפּ. ערגעץ דאָרט אַ געפינט זיך דאָס מדינהלע מאָנאַקאָ מיט מאָנטע קאַרלאָ, מיט דעם גרויסן קאַסינאָ. 25 קילאָמעטער פון דאַנען. „אַ טאַקסי וועט קאָסטן אהין און צוריק זייער טייער" — זאָגט מיר דער האָטעל דירעקטאָר.

— ווי טייער?

—צוויי טויזנט פראַנק.

— אהין און צוריק?

—אהין און צוריק.

איך מאַך אַ חשבון, אַז ס'איז זעקס דאָלאַר. אפילו אין דער שלעכטער איצטיקער וואַליוטע איז דאָס אַרגענטינער 45 פּעזאָס. אַנו קריגט אַן אויטאָ אין אַרגענטינע צו פאָרן 25 קילאָמעטער אַהין און צוריק פאַר 45 פּעזאָס און ערשט דאָרט אַליין וואַרטן צוויי שעה... אוי ווי אָרעם דו ביזט געוואָרן, אייראפּע שטיפמאַמע!

מיר פאָרן קיין מאָנטע קאַרלאָ.

ביי דער גרענעץ פון גרויסן לאַנד כאַפּט מען אויף אונדז אַ קליינעם קוק און מען פאַרשטייט, אַז עפּעס וועלן מיר אין דעם לאַנד דאָך לאָזן. מיר זיינען כשר. אונדז באַגלייט אַ גרויסע, רויטע לבנה. זי איז, דאַכט זיך, הונגעריק און דאָרשטיק, די לבנה... דער וועג איז ניט ווייט פון ים און נעבן אַ באַרג. מאָנאַקאָ הייסט ער דער באַרג.

מיר קומען אָן אין הארץ פון דער שטאָט מאָנטע קאַרלאָ, מיר קומען צו צום קאַסינאָ. אין דרויסן טרינקט מען און מען טאַנצט. אינעווייניק שפּילט מען. עס קאָסט 15 פראַנק אַריינגיין. אַ פראַנק איז אַנדערהאַלבן אַרגענטינער סענטאַוואָס פון דער שלעכטער וואַליוטע. 22 סענט אַריינגיין אין דעם גרויסן קאַסינאָ פון מאָנטע קאַרלאָ. עס רעדט זיך אַזוי „גרויסן קאַסינאָ”. אַ ווינקל פון מאַר דעל פּלאַטאַ... דער ראָוונער וואָקזאַל? (פרעגט ביי אַקטיאָרן, וואָס סע מיינט!) 50 פראַנק איז דער מינימום, וואָס מען מוז שטעלן, אָבער קיינער שטעלט ניט מער. מען שפּילט ביי אַ פּאָר טישן און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז אַ העלפט פון די שפּילער זיינען אָנגעשטעלטע, וואָס דאַרפן אונטער־געבן מוט די שפּילער...

ווי אָרים דו ביזט,
שטיפמאַמע אייראפּע!

מיר קוקן זיך אַרום, מיר טרינקען. ווער אַ ביר און ווער אַ קאַווע, מיר כאַפּן אַ קוק אויף די מיידלעך פון אַלע קאָלירן — עכטע און גע־מאַכטע — און מיר זעען מולאַטקעס מיט נאַקעטע פּלייצעס ביז העט אַראָפּ. מיר — דער העברעישער שרייבער „עבר הדני”, דער זון פון העבראַישן שרייבער ראובן ברײנין, וואָס הייסט מער דזשאָו ווי יוסף און וואָס קען ניט צו־גוט יידיש, דער „הפּועל המזרחי”־פירער יעקב גרינבערג און איך. אַזאַ צוזאַמענשטעל. „עבר הדני” איז אַ „השומר הצעירניק”, ברײנין איז אַ לינקער און — אפשר ווייסט איר ווער איך בין? — אַ משוגענער יידישער שרייבער, אַ פאַרליבטער אין ארץ ישראל, און יידיש לעבן, אין יידיש און איצטער אויך אין העברעיש... איך האָב ליב

באקומען צו ריידן העברעיש, כאטש עס מאכט מיד... די ליבע צו יידיש ווערט דורך דעם א האר ניט קלענער.

און מיר פארן צוריק. מיר פארן, אבער דער אויטא וויל ניט. ער בלייבט אלע מאל שטיין. דער שאפער פאריכט אים און ער גייט אביסל און בלייבט ווידער שטיין. דער שאפער עפנט דעם צודעק, וואס זעט אויס ווי צוויי פליגל און אזוי א גייט ער. אויטאס האבן אויך קאפריזן. פארמאכט ער דעם צודעק, גייט ער ניט. קומען מיר אריין אזוי א צוריק קיין ניץ מיט אן אויטא מיט פליגל און עס איז שוין האלב איינס; צוויי מיט א פערטל ווערט מען אונדז אויפוועקן. א שעה מיט א פערטל — מאך איך א חשבן — לוינט ניט צו שלאפן: מאך איך א וואנע, ווייל קיין דוש איז ניטא. אין גאנץ אייראפע איז קיין דוש ניטא. אין ארץ ישראל איז דא אין די קיבוצים אויך. און עס ווערט א פערטל אויף דריי און אן ארימער אויטאבוס דערשלעפט אונדז צום עראדראם און מיר פליען ווידער.

הימל און כמארעס. קיין ערד איז ניטא: און אט איז שוין דא ערד אויך: ניט קיין זייער פעסטע; מיר זיינען אין דער איטאליענישער שטאט ב א ר י. מען דארף אונדז דא ברענגען בענזין, אבער מען ברענגט ניט. מען שמועסט, אז עס איז א שטרייק. מען רעדט וועגן א רעוואלו־ציע. מען הערט טאליאטי און טאליאטי. מען רעדט וועגן א קריזיס אין פראנקרייך. כ'בין דא ווי א פיש אין וואסער; איך רייד שפאניש און מען פארשטייט מיך און איך פארשטיי דאס איטאליענישע, וואס מען רעדט צו מיר. און ווען איך זאג, אז א. ביק איז א פריינט פון טאליאטין, קריגט ער אן אוואציע. זאגט ער צוריק, אז איך בין א פריינט פון לעאן בלום, קריג איך א סך א קלענערע אוואציע...

אבער בענזין האט מען אונדז דאך געבראכט: מסתמא טאקע טאליאטיס פריינט. און מיר פליען שוין ווייטער; און מיר זיינען שוין אין... ווו זיינען מיר? אין אטען זיינען מיר. אין דעם אלטן אטען זיינען מיר שוין ווידער.

אין אייביקן אטען?\
ניין! דאס אייביקע אטען איז געבליבן אין ביכער!\
דאס איז א ניט אייביק אטען.\
איך פרעג זיך נאך אויף סאקראטן...\
די מערסטע ווייסן ניט ווער ער איז.\
וויפל ווייסן ניט אין ירושלים ווער ישעיהו איז געווען?

פאַרקויפן וויל מען אונדז פון הערן און געדענקען אין אַטען. זיס־קייטן און ווײַן און קאָניאַק. כאַלוואַ און ראַכאַט־לאָקום און... אַלצדינג האָבן זיי (עס רעדט זיך אַזוי), נאָר קיין געלט ניט...

און פון אַטען קיין ניקאָסיאַ, דאָס איז אַזאַ שטאָט אין ציפּערן (קפריסין רופט מען עס אין ארץ ישראל). ניט ווײַט זײַנע די לאַגערן, וווּ עס שמאַכטן יידן און זיי גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל; די ענגלענדער דערלויבן אויך אַהין ניט פאָרן. אָפיציעל דערלויבן ניט די גריכן און טערקן, וואָס וווינען דאָ, אָבער הינטער זיי שטייען די ענגלענ־דער. איך באַקוק אַזוי אַביסל קפריסין: איך קען דאָך פון די ספרים שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר... עס וועט אַמאָל זײַן אַ טייל פון ארץ ישראל און עס וועט צוניץ קומען! און אָט פליען מיר שוין טאַקע קיין חיפה, אין מינוטן אַרום זעט מען דעם באַרג כרמל. מיר קומען אָן!

ווידער אין ארץ ישראל, ווידער אין מדינת ישראל! און ס׳איז וואָפנשטילשטאַנד. ס׳איז שלום. מיט דער אשכנזישער הברה שלום און מיט דער ספרדישער הברה —
שלום.

XX

עליה, כיבוש און מלחמה

על שלושה דברים — אויף דריי זאַכן שטייט דאָס היינטיקע ארץ ישראל: אויף עליה, כיבוש און מלחמה. עליה איז שוין ארײַנגעגאַנגען אין יידיש און יידן ווייסן שוין, וואָס עס מיינט. ארײַנגעקומען אין לאַנד מיינט עס. אימיגראַציע. אָבער מען האַלט, אַז אַ ייד, וואָס קומט קיין ארץ ישראל, איז ניט קיין אימיגראַנט, נאָר ער איז אַן עולה. ער קריגט אַן עליה. אַמאָל האָט מען געקראָגן אַן עליה צו דער תורה, היינט קריגט מען אַן עליה קיין ארץ ישראל. קיין ירושלים איז מען עולה רגל געוועןָ: קיין ארץ ישראל איז מען היינט עולה מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט מען עולה געווען אין שיפלעך, מולטערס, היינט איז מען שוין ברוך השם עולה אין גרויסע שיפן און אויך אין עראָפּלאַנען. איך האָב ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן געזען אין אַ זייער באַרימטער וועלט־שטאָט ווי שפּעט ביינאַכט האָט זיך אַ גרויסער עראָדראָם אָנגעפילט מיט עולים פון דריי עראָפּלאַנען, וואָס זיינען גע־קומען פון דריי קאָנטינענטן און יעדער האָט געהאַט אַלס פאָרשטייער אַ „קשר" — אַ פאַרבינדונג אָפיצער פון דער „הגנה". עס איז געווען ממש ווי שאול טשערניכאָווסקים ליד „שיבת ציון", אין וועלכן יעדער אָנגעקומענער רופט אָן אַן אַנדער אָפּשטאַם־מקום. ווער עס איז געקומען אַזש פון אַפריקע און צפון און דרום אַמעריקע און ווער אָט אַ דאָ פון עסטרייך, ווו ביז ניט־לאַנג איז געווען באַלעבאָס דער טויט אַליין...

דער קאַמף אין ארץ ישראל איז פאַקטיש געווען פאַר עליה. ווען ענגלאַנד וואָלט ניט איינגעפאַלן דער שוואַרצער געדאַנק פון ווייסן פּאַפּיר, וואָלטן יידן זיך ניט געאיילט און זיי וואָלטן טאָלערירט די פאַר־שפּעטיקונג פון מאַנדאַט. אָבער יידן האָבן אַזוי לאַנג געבראַכן בלאָקאַדעס און געשפּאָלטן ימים, ביז וואַנען עס איז געקומען צו באו מים עד נפש. מען האָט ניט געלאָזט שפּאַלטן דעם ים. און יידן אין ארץ ישראל ווילן ניט בלייבן קיין קליין פאָלק, ווייל אַ קליין פאָלק מיינט אַ פאַרורטיילט

פאָלק. דעם גאַנצן קאַמף האָט מען געפירט צוליב דער צוקונפט. מען האָט מקריב געווען דאָס היינטיקע לעבן פון יחידים פאַר דעם מאָרגנדיקן גרויסן יידישן פאָלק. ווען די יידן פון ארץ ישראל וואָלט געזאָרגט נאָר פאַר זיך און פאַר היינט, וואָלטן זיי ניט געדאַרפט מקריב זיין די קינדער. יעדער ייד אין ארץ ישראל איז אַן אברהם אבינו, וואָס האָט געפירט זיין יצחק צו דער עקדה און אין די מערסטע פאַלן האָט דער מלאך ניט אויסגעשטרעקט די האַנט...

פאַר מיר,

פאַר דיר,

פאַר אים,

פאַר אונדז אַלע און פאַר אונדזער צוקונפט האָבן זיי דאָס געטון.

וויל איך אייך שילדערן עליה, וואָס איך האָב געזען. איין עפּיזאָד וויל איך אייך שילדערן. אויף שפּאַניש זאָגט מען, אַז „פאַר א מוסטער איז גענוג אַ קנעפל". איך וועל אייך ווייזן עפּעס, וואָס איז מער ווי איין קנעפל. איך מוז אייך דאָ דערמאָנען, אַז די לעצטע צייט האָט מען די פאָרער קיין ישראל גערופן „מעפּילים". דאָס דאַזיקע מיינט אייגנטלעך באַרג־ארויפגייער. „מעפּילים לעלות על ההר" — זיי שטרענגען זיך אָן צו אַרויפגיין אויף דעם באַרג. אין די צייטן פון דער אכזריותדיקער ענגלישער בלאָקאַדע, איז מען געוואָרן מעפּילים. און דאָס דאַזיקע, וואָס איך גיי אייך שילדערן, איז אייגנטלעך אויך העפּלה. די ענגלענדער האָבן נאָך דעמאָלט געכאַפּט אַ קוק אויף די שיפן, וואָס פאָרן קיי־ן ארץ ישראל און זיי האָבן נאָך געזוכט צו שטערן און מען האָט זיי נאָך געזוכט אויסצור־מיידן און מען האָט נאָך די עולים אריינגעגנבעט ווי מעפּילים.

שוין דער פאַקט, וואָס מען האָט געמאַכט אַ ספּעציעל מיניסטעריום פאַר עליה, רעדט קלאָר וועגן דעם, אַז דאָס ברענגען נאָך און נאָך יידן אין לאַנד אַריין, איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי אינדוסטריע און האַנדל, אַגריקולטור, פּאָסט און קאָמוניקאַציע, קריג א. א. וו. מען האָט די יידי־שע מדינה פּראָקלאַמירט ניט נאָר פאַר די דריי פערטל מיליאָן יידן, וואָס זיינען בשעת מעשה געווען אין ארץ ישראל. מען דאַרף ניט האָבן צופיל פאַנטאַזיע צו זען, אַז די יידישע מדינה וועט זייער גיך מאַכן דעם ערשטן מיליאָן־יידן אין ארץ ישראל און ווי אַזוי זי וועט זיך באַלד נעמען צום צווייטן, וועלכן זי וועט אויך מאַכן... די דאַזיקע, וואָס רעכענען די צאָל יידן אין ארץ ישראל פון היינט און פאַרלאַנגען באַציאונג צו ארץ ישראל

נאָר לויט אָט דער צאָל, זיינען נעבעך געשלאָגן מיט בלינדקייט. ריידן וועגן ארץ ישראל ווי נאָר וועגן זעקס, אָדער אַכט פּראָצענט פון יידישן פּאָלק איז אַלציינס ווי אַ שטייגער מען זאָל אָנווענדן קעגן סאָציאַליזם אָט אַזאַ מין „ארגומענט": אין דער וועלט זיינען נאָך קיין דריי פּראָצענט סאָציאַליסטן ניטאָ, ווי אַזוי־זשע וועסטו זיך איינריידן, אַז עס וועט אַמאָל עקזעסטירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. דער וווילער יידישער שרייבער לעאָ פינקעלשטיין, וואָס האָט אויף דעם אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס געפאָדערט אַזאַ באַציאונג צו ארץ ישראל ווי צו „פיר פּראָצענט" פון אַלע יידן, וועט זיך שטאַרק שעמען, ווען דאָרט וועלן זיין פינף און צוואַנציק פּראָצענט. און דאָס דאָזיקע וועט ער מירטשעם איינינעם מיט אונדז אַלע אַזוי גיך דערלעבן...

יאָ, אין דער יידישער מדינה איז פאַראַן אַ מיניסטעריום פאַר „עליה". דער מיניסטער, האָב איך אייך שוין דערציילט, הייסט משה שאַפּיראָ. ער איז אַ „פּועל המזרחי" און ער איז אַ וווילער, היימישער, פעסטער ייִד, וואָס גיט זיך גאָרניט צו קיין אויסזען פון אַ מיניסטער. אַ היימישער, פרומער גראָדנער קרעפטיקער ייד. דער „סגן" (סגאָן— וויצע) פון מיניסטער פאַר „עליה" הייסט באַרלאַס און ער איז אַ קליינער, אַ רירעוודיקער און דער סאַמע היפוך פון דעם מייסטער, אויך אידעאיש איז באַרלאַס אַן אַנדערער, ער איז אַ רעכטער סאָציאַליסט, אַ „מפּאַי־ניק". ער שטאַמט ערגעץ אויך פון די „קרעסן".

האָט מיר באַרלאַס, וואָס האָט געוווינט מיט מיר אין איין האָטעל און וואָס איז כסדר געווען, גאָט זיי דאַנק, פאַרנומען, ווייל עס זיינען קיין עין הרע אריינגעקומען אַ סך יידן, מיטאַמאָל אַ זאָג געטון:

— איר ווילט דאָך זען ווי אַזוי עס קומט אריין אַ שיף מיט עולים, וועלן מיר היינט פאָרן קיין קיסריה.

—קיסריה... איך קען עס...

— פון וואַנען?

— פון אַ סך גמראָס און טאַקע שוין פון היינט. כ'בין געווען אין „בנימינה", האָט דער שאָפער געזאָגט, אַז מיר זאָלן אריינפאָרן אויך קיין „קיסריה", וואָס איז אַן אַלטער און נייער פאָרט. זיינען מיר געפאָרן און עס איז אָנגעקומען ניט גרינג. אַ שווערער באַרג זאַמד איז געלעגן און אויף צו להכעיס זיינען מיר געפאָרן ניט מיט קיין דזשיפּ, נאָר מיט אַ געוויינלעכער מאַשין און מיר זיינען פאַרגריזנעט געוואָרן. מיר האָבן געמוזט אַרויסגיין און אַרויסשלעפּן דעם אויטאָ פון זאַמד און אים שטופּן

אַ שיינע פּאָר מעטער. און שטופּנדיק האָב איך זיך דערמאָנט אַ סך פאַקטן און לעגענדעס פון דער פאַרגאַנגענהייט וועגן דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּאָרט.

— מיר וועלן פאָרן מיט אַזאַ דזשיפּ — האָט באַרגאַס געשמייכלט

— וואָס האָט ניט מורא אויף פאַר די בערג מיט זאַמד פון קיסריה.

און אויסגעזען האָט ער אַזוי לייכט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אָט פליט ער אַוועק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז גענוג ער זאָל אַ שמייכל טון, ער זאָל זיך אויפהייבן און ער זאָל אַוועקפליען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, פאַרנאַכט צו, זיינען מיר טאַקע געפאָרן קיין קיסריה. די רייזע האָט מסתמא געדויערט אַריבער אַ האַלבע שעה, אָבער איך האָב געמאַכט אַ נסיעה, וואָס האָט געדויערט מער ווי דאָס. זי האָט געדויערט 1968 יאָר. מיט 20 יאָר פאַר אונדזער צייטרעכענונג האָט דעם דאָזיקן פּאָרט געבויט דער קעניג הורדוס און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „קעסאַריאַ" לכבוד דעם רוימישן קעסאַר אויגוסט. עס זיי־נען אין יענער צייט געווען אַ סך קיסריהס, האָט הורדוס גערופן אָט דעם פּאָרט „פּאַלעסטינער" און „מאַריטימער" (ימעדיקע) קעסאַריאַ. און איי־דער נאָך הורדוס האָט אויסגעבויט דעם דאָזיקן פּאָרט, איז דאָרט געווען אַ יידישער ישוב, וואָס האָט געהייסן „מגדל שרשון" (די פעסטונג פון שרשון). עס ווערט דערציילט, אַז די אַמאָליקע גרעקן האָבן מגדל שרשון ניט געקענט באַזעצן, ווייל די יידן זיינען דאָ געווען ווי פאַרלוירענע צווישן די זאַמדן און די חשמונאים האָבן זיי פון דאַנען אַרויסגענומען. איצטער פאָרן מיר זען ווי אַזוי יידן נעמען אַראָפּ יידן, וואָס קומען מיט אַ שיף „לעגאַל" און „ניט־לעגאַל". ווען מיר זיינען געפאָרן, זיינען נאָך די ענגלענדער געווען אין חיפה און זיי האָבן געזוכט יידישע שיפן ניט מיט ליכט, נאָר מיט רעפלעקטאָרס. יוסיפון דערציילט וועגן מלחמות צווישן יידן און גריכן אין קיסריה. די יידן האָבן געטענהט, אַז די שטאָט איז זייערע, ווייל אַ יידישער קעניג האָט זי געבויט און די גרעקן האָבן גע־טענהט, אַז ער האָט זי געבויט פאַר זיי, ווייל ווען הורדוס וואָלט זי געבויט פאַר יידן, וואָלט ער דאָרט ניט אויפגעשטעלט קיין טעמפּלען פאַר גע־צנדינער. עס איז געקומען צו אַ געשלעג און צו מלחמות און די רוימישע הערשער האָבן געהאַלטן — ניט מיט די יידן און דעמאָלט איז פאָרגע־קומען דער ערשטער בונט פון די יידן קעגן די רוימער און קיין קרבנות האָבן ניט געפעלט. מיר האָט זיך געדאַכט, פאָרנדיק מיטן דזשיפּ, אַז ערגעץ זידט נאָך דאָ פאַרגאָסן יידיש בלוט. ר' עקיבא, איינער פון די

„עשרה הרוגי מלכות" איז אין קיסריה פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. דאָ האָט מען געדרעשט זיין לייב מיט ברענענדיקע אייזערנע קעמלעך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער נאָך זיין געשריי „אחד" מיט וועלכן ער איז אויסגעגאַנגען.

געווען אַמאָל אַ גרויס יידיש לעבן אין אָט דער שטאָט און געווען ישיבות און גרויסע געלערנטע און דערנאָך איז די שטאָט אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן און ווידער פון זיי באַזעצט געוואָרן. די יידן האָבן אַמאָל געהאָלפן די אַראַבער צוצונעמען קיסריה ביי דער ביזאַנץ־מאַכט. די קרייצטרעגער האָבן אויך פאַרנומען אָט דעם פּאָרט און געמאַכט ארום אים אַ מויער, וואָס שטייט נאָך עד היום. ביז ניט לאַנג האָבן אין קיסריה געוווינט באָסנישע מוסולמענער, וואָס האָבן ניט געוואָלט בלייבן אין זייער היים באָסניע, ווו עס איז געוואָרן עסטרייך; די טערקישע מלוכה האָט זיי דעמאָלט, אין יאָר 1878, אַריבערגעפירט אַהער. היינט איז קיסריה אין יידישע הענט און די מערסטע מוסולמענער זיינען אַוועק פון דאַנען. זיי האָבן די יידן געוואָרפן אַ קניש אין קאָפּ אַריין...

אַ סך רעשטן פון גרויסקייט האָט דער פּאָרט אין קיסריה. הורדוס האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און ער האָט געוואָלט מאַכן איינעם פון די בעסטע פּאָרטן אין דער וועלט. דער ים איז דאָ זייער אָפט שטור־מיש און דער יידישער קעניג האָט געבויט קאָלאָסאַלע כוואַליע־ברעכער און ער האָט פאַרמאַכט דעם וועג פאַר דעם ים מיט ריזיקע שטיינער און מיט זיילן. געווען דאָ אַזוי פיל קאָלאָסאַלע שטיינער, אַז מען האָט פון דאַנען גענומען גאַנצע זיילן צו בויען די פעסטונג „עכו" אין אָנהויב פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אין דער דרומדיקער זייט איז פאַראַן אַ מין קאַפּ, וואָס קריכט אַריין אין ים אַזוי ווי אַ צונג. אין דער נאָענט זיינען פאַראַן רעשטן פון אַקוואַדוקטן, וואָס די רוימער האָבן געבויט. אַ לעגענדע דערציילט, אַז דריי זיינען דאָ געקומען בעטן די האַנט פון קעניגס טאָכ־טער, אַ ייד, אַן אַראַבער און אַ קריסט, האָט די בת מלכה געזאָגט, אַז ווער עס וועט אַריינפירן וואַסער אין שטאָט אַריין, וועט ווערן איר מאַן און דער קריסט האָט געוווּנען. די רוימער האָבן געקענט בויען אַקוואַדוקטן. פאַראַן דאָ רעשטן פון אַן אַמפיטעאַטער, וואָס הורדוס אַליין זאָל געווען האָבן געבויט און אַ גאַנץ היפּשער היפּאָדראָם, וואָס שטאַמט זיכער פון די רוימישע צייטן. טויזנט מענטשן האָבן געקענט אַריינגיין אין דעם פּלאַץ פון די פערד־געיעגן.

פאַראַן געגנוג יידישע רעשטן אין קיסריה. פאַראַן מצבות פון יידן,

אין גריכיש, אָבער מיט אַ צושריפט „שלום", אָדער טאַקע „שלום על ישראל". און פאַראַן אַ פּלאַץ, וואָס מען זאָגט, אַז דאָס איז די הייל פון די „עשרה הרוגי מלכות" און אַ לעגענדע דערציילט, אַז פאַרנט איז פאַראַן אַ קבר פון אַ קריסט און דער טויטער קריסט האַלט אין איין שרייען מען זאָל אים אַרויסנעמען, ווייל מען הערט אים ניט אויף צו שלאָגן מיט צעגליטע אייזערנע ריטער.

עס איז געוואָרן אָוונט. עס איז טונקל געוואָרן. די כוואַליעס האָבן געשוימט אָנשלאָגנדיק זיך אין די שטיינער. שאָטנס שוואַרצע זיינען אַראָפּגעפאַלן עפּעס ווי אָדלערס... איז עס ניט דער אַלטער רוימישער אָדלער, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט שוואַרצע פליגל איבער „יודעא"?

עס האָבן זיך אַרומגעדרייטביים ברעג עטלעכע אָפיצערן, אַ פּאָר פרויען מיט פּרוכטן און שאָקאָלאַד און אַ זיבעציק יונגע חברה, אַלע זיינען זיי געווען באַרוויס.

איך האָב זיך ניט געאיילט צו פרעגן. איך האָב שוין אַביסל געקענט דאָס נייע יידישע ארץ ישראל און איך האָב געוווּסט, אַז אָן אַ זין ווערט דאָ גאָרניט געטון.

עס איז געוואָרן שפּעט און שפּעטער. אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט אומגעדולדיק. מען האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. טויזנטער יאָרן געשיכטע האָבן גערעדט דורך שטיינער און חורבות. אייניקע שטיינער־זיילן זיינען דאָ געפאַלן אין קאַמף מיט די כוואַליעס. דער מויער, וואָס די קרייצטרעגער האָבן דאָ אויסגעבויט, האָט, דאַכט זיך, אויך גערעדט. און אפשר האָט ער זיך געחידושט, וואָס כאָטש ער איז דאָ, קומען די יידן דאָך צוריק.

די שיף האָט געדאַרפט אַריינקומען האַלב צען און ערשט עלף האָט זיך באַוויזן איין שווימער. יידיש האָט ער גערעדט. ער האָט געבראַכט אין מויל אַ פּאַפּיר. די שיף האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט „ישראל". מען האָט גערופן דורך דעם ראַדיאָ און מען האָט ניט געענטפערט. ער האָט געשוויצט, געשווומען אין וואַסער און ער האָט זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים. שווער אַפּנים געווען.. אַ טרונק האָט מען אים געוואָלט געבן, האָט ער ניט געוואָלט. ניט קיין קאַלטן און ניט קיין וואַרעמען. ער מוז לויפן אָנזאָגן די בשורה, אַז דער קאָנטאַקט איז דאָ. און ער איז אַוועקגע־שווומען. איך האָב אים לאַנג־לאַנג נאָכגעקוקט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער ניט אויף זען זיין סימן, כאָטש ער איז שוין געווען אַזוי

ווייט, אַז דאָס אויג האָט אַהין דורך דעם בעסטן פאַרגרעסערונג־גלאָז ניט געקענט גרייכן...

ווייסע רעפלעקטאָרן־פּאַסן האָבן אַלעמאָל באַפאַלן דעם ים און יבשה.

— וועמענס רעפלעקטאָרן?

— זייערע... און אונדזערע אויך.

שאָטנס פון צוויי טויזנט יאָר האָבן דאָ געשפּילט און אפשר אויך גערעדט. זיי האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי די כוואַליעס שלאָגן זיך מיט זיי, אַזוי האָבן זיך דאָ געשלאָגן מענטשן מיט מענטשן... איך האָב זיך דער־מאָנט אין באַוווסטע רוימישע מעדאַליען, וואָס איך האָב געזען, וואָס שטעלן פאָר דעם זיג פון רוימישן אָדלער איבער דעם יידישן לייב. געפאַנגענע יודעאַ... דאָ אַרומער האָט מען די געפאַנגענע יידן געפירט „יודעאַ דע־וויקטאַ", יודעאַ קאַפּטאַ" — די באַזיגטע יודעאַ, די אין געפאַנגענשאַפט אוועקגעפירטע צוריק מיט אַריבער אכצן יאָרהונדערט און שפּעטער... דאָ אַרומער האָט מען אפשר אוועקגעפירט מיינע און אייערע אור־אור־עלטער־זיידעס און אור־אור־עלטער־באָבעס.

צוויי אַזייגער באַנאַכט איז די שיף צוגעקומען און געבליבן שטיין עטלעכע מעטער פון פּאָרט און די זיבעציק באָרוויסע חברה האָבן זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין אין ים און אַרויף אויף דער שיף און גענומען אַראָפּשלעפּן פרויען און קינדער און זיי געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס. די מענער זיינען אַליין אַראָפּ און זיי האָבן געטראָגן פּעקלעך און קאַסטנס און רענצלעך. אַלע זיינען געווען צערודערט. אייניקע האָבן זיך געוואָרפן קושן פרעמדע מענטשן, אַנדערע האָבן זיך אָנגעבויגן צו דער ערד און זי געקושט... דאָס זאַמד געקושט און געקוקט אויף די שטערן און האָבן גע־קלערט, אַז דאָ האָט גאָט צוגעזאָגט אברהם אבינו, אַז זיינע קינדער וועלן זיין ווי די שטערן אין הימל און ווי די זאַמד ביים ברעג ים. איך האָב אַ קוק געטון אין הימל אַריין — קיינמאָל נאָך ניט געזען אַזויפיל שטערן אין הימל!

צוועלף מינוט האָט געדויערט דאָס אויסלאָדן די שיף. און געווען זיינען אַ שיינע פּאָר הונדערט פּאַסאַזשירן — „עולים". קיינמאָל נאָך ניט געזען אַזוי גיך אויסלאָדן אַ שיף.

...און ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם פּאָרט, זיינען מיר נאָכגעגאַנגען היסטאָרישע פיגורן — יידישע, רוימישע, גריכישע... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיר איז נאָכגעפאָרן אַ שול, וואָס איז דאָ אַמאָל געווען און וואָס די גמרא רופט זי „כנישתא מרדתא דקיסרין" — די בונטאָוושטשי־

קעם שול אין קיסריה. עס איז מיר נאָכגעגאַנגען דער רוימישער קאָמענ־דאַנט פלאָרוס, וואָס האָט פון דאַנען אַוועקגעשיקט געקאָוועטע יידן אויף שיפן און זיי געצוואונגען צו אַרבעטן ביי די גאַלערן... עס איז מיר נאָכגעגאַנגען ר׳ עקיבא אַליין, ווענן וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז ניט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא האָט אים געבראַכט צו קבורה אין אַ הייל אין טבריה וואָס האָט זיך אַליין געעפנט פאַר אים... איך האָב, דאַכט זיך, געהערט דאָס בת קול, וואָס האָט געשריען: „ווויל איז דיר, עקיבא, וואָס דיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט „אחד״.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך הער אַן אַנדער בת קול, וואָס זאָגט: „ווויל איז אונדז אַלע, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען ווי אַזוי טויזנטער יידן קערן זיך אום אַהער דווקא דורך קיסריה... טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער... מער וויפל עס זיינען אַוועקגעגאַנגען, וועלן צוריקקומען... און אַן עכאָ האָט אָפּגעקלונגען איבער אַלע וועלטן, פון זאַמד, פון די שטיינער, פון די כוואַליעס, פון די הימלען, פון די שטערן האָט אָפּגעקלונגען: „מער וויפל עס זיינען אַוועק וועלן צוריקקומען״...

ווען ענדיקט זיך די „עליה״ — דאָס אַרויפקומען אין לאַנד אַריין? מסתמא ניט דורכוים באַלד נאָך דעם ווי מען קומט אָן. מסתמא זיינען פאַראַן פסיכישע איבערלעבונגען, וואָס זיינען נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט „עליה״ און וואָס געדויערט אַ היפשע צייט, אָבער נאָר פסיכיש. איר דאַרפט וויסן, אַז די עולים דאַרפן ניט גיין ביים אָנקומען אַליין זוכן אַ דירה. מען פירט זיי פריער אַריין אין „בית עולים״, וואָס איז אַ מין אימיגראַנטן הויז און דערנאָך סאָרטירט מען זיי אויס און מען גיט זיי דירות, על פי רוב אין אַזעלכע שטעטלעך (שיכונים), וואָס ווערן פאַר זיי געבויט און זיי הייסן צום מיינסטן „שיכון עולים״, אָדער „שיכון עולי רומניה, בולגריה, בסרביה״ א. אַ. וו. אַט־אָ די שטעטלעך ווערן געגרינדעט אויך פון לאַנדסמאַנשאַפטן, אָבער די ערד גיט קודם כל דער קרן קימת. איידער וואָס ווען, זיצט מען אין אַ מענטשלעכער דירה און אויב עס ווייזט זיך ניט קיין אַנדערע פערספעקטיוון, קריגט מען אַרבעט אין דער נאָענטער שטאָט, אָדער שטעטל און מען נעמט עפּעס פאַרזייען, פאַר־פלאַנצן, אָדער צובויען. צו קיין קאָנפליקטן מיטן קרן קימת וועט ניט קומען, ווייל ניט אַרבעטן ווייל אין ארץ ישראל קיינער ניט און די דאָ־זיקע, וואָס אַרבעטן, לעבן, האָבן ווו צו לעבן און זייער לעבנס סטאַנ־דאַרט איז ניט קיין ערגערער ווי אין אַ סך „אַלטע״ לענדער.

מיר איז אויסגעקומען צו באַאבאַכטן זייער לאַנג ווי אַזוי עס גייט צו דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צום נייעם לעבן מצד די אויסגעוואָרצלטע, וואָס ווערן אימיגראַנטן אין אַרגענטינע און מצד די דאָזיקע, וואָס ווערן עולים אין ארץ ישראל און איך האָב געזען ווי אין לאַגער פון עתלית האָבן יידן געקושט די ערד און ווי אַזוי אין אימיגראַנטן האָטעל פון בוענאָס איירעס האָבן זיי פאַרשאָלטן זייער געבוין. און דאָס דאָזיקע איז פאַר מיר געווען אַ קלאָרער ענטפער אויף דער טענה, וואָס אַ געוויסער צד האָט למאַי מען האָט פאַרלאַנגט, אַז פון די לאַגערן זאָל מען פאָרן נאָר קיין ארץ ישראל! איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין ארץ ישראל היילן זיי זיך אויס פון אַלע קאָמפּלעקסן און אַז אין אַרגענטינע קומען זיי צו נייע צענדליקער קאָמפּלעקסן. און די הייסע אָנהענגער פון אייַנוואַנדערונג קיין אַרגענטינע, וווּ די טויערן פון לאַנד זיינען געשלאָסן און וווּ קיין ייד האָט נאָך קיין גרויסן קרבן ניט געבראַכט פאַר די אימיגראַנטן — אָט די גלותיסטן חלילה אויך ניט, כאָטש זיי וואָלטן געקענט אַנטוויקלען אַ געוויסע טעטיקייט אויף אָט דעם געביט און זיי וואָלטן געקענט דערמיט געווינען אַ קליין ביסל פּאָפּולאַריטעט. עס איז, אַפּנים גרינגער צו אַרויסזאָגן אַ מיינונג ווי אַראָפּצונעמען אַזוי עולים, ווי מען נעמט אַראָפּ אין ארץ ישראל — אומעטום רעדט מען שיין, בעת אין ארץ ישראל האַנדלט מען מיט מסירת נפש פון קאַמף און אַרבעט.

גרויס ווערט געפירט די עליה קיין ארץ ישראל. דאָס איז אַן עליה אַן אמתדיקע שיבת ציון, וואָס האָט אין זיך — משיחישעס. יידישע פּאָעטן און דראַמאַטורגן, וואָס איר האָט ניט אויפגעהערט זיך צו פּלאָנטערן די לעצטע דריי צענדליק יאָרן אין די קייטן פון משיחן, פאָרט קיין ארץ ישראל, זעט עליה און איר וועט זען, ווי אַזוי די משיחישע קייטן ווערן צעריסן און ווי אַזוי די גאַנצע משיחישע טראַגעדיע פּלאָנטערט זיך אויף און האַלט ביי דער לעצטער סטאַדיע.

כיבוש רופט מען אויך התישבות. כיבוש מיינט איינגעמען, התישבות מיינט: זיך באַזעצן. אין ארץ ישראל באַזעצט מען זיך און מען נעמט איין, אָדער מען נעמט איין און מען באַזעצט זיך. אַלציינס, צי מען בויט אַ נייעם קיבוץ, צי אַ נייעם ישוב. אַלציינס, צי די ווירטשאַפט וועט זיין אַ דורכויס קאָלעקטיוויסטישע, צי אַ האַלב קאָלעקטיוויסטישע. מען קומט מיט כלי־זיין צו איינגעמען די ערד און מען ברענגט פּאַרטיק אויך דאָס פלייש און בלוט, וואָס מען קען דאַרפן אָוועקגעבן. היינט זיינען קיין סך אַראַבישע שכנים ניט פאַראַן אין דער נאָענט. ווען מען גייט

איינגעמען אַ נייע פּאָזיציע און זי אויפבויען. די אַראַבער זיינען דאָ אַוועק. ביז פֿריער מיט אַ צייט, פֿלעג יעדעס באַטרעטן אַ ניי שטיקל באָדן קאָסטן בלוט. עס פֿלעג זיך שוין געפֿינען עמיצער, וואָס האָט אָנגערייצט די אַראַבער צו הרגענען און געהרגעט ווערן. אָן אַ שיעור קיבוצים און בכלל התישבותן טראָגן דעם נאָמען פֿון אומגעקומענע פּיאָנערן, אָט אַ שטייגער ווי מעלה החמשה, נעבן קרית ענבים, ניט ווייט פֿון ירושלים. פֿון קרית ענבים זיינען פֿינף חברים אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ באַרג און זיי האָבן זיך פֿון דאָרט ניט אומגעקערט. אָבער אויסגעבויט איז דאָרט געוואָרן איינער פֿון די וואונדערלעכסטע קיבוצים אין גאַנץ ארץ ישראל, וואָס האָט אַזוי העלדיש געהאָלפֿן געזונט מאַכן דאָס לאַנד און ראַטעווען ירושלים. קיינער ווייסט ניט דעם סוד פֿון לעבן און טויט. אָבער ווען מען זעט מעלה החמשה, מוז מען דערפֿילן, אַז ווען מען שטאַרבט אין אַזאַ קיבוץ שטאַרבט מען ניט. יעדנפֿאַל שטאַרבט מען אַ סך ווייניקער, ווי ווען מען שטאַרבט ביים סוף פֿון די יאָרן, נאָך אַן אויסגעלעבט רואיק לעבן. ז. סעגאַלאָוויטש האָט אַמאָל מקנא געווען דעם טאָג, וואָס איז געשטאָרבן אין פּורפּור איינגעהילט און איך האָב דערפֿילט קנאה צו די דאָזיקע, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿאַר מעלה החמשה.

איך האָב דערמאָנט קרית ענבים. דאָס איז, אויסער רמת רחל, דער סאַמע נאָענטסטער קיבוץ צו ירושלים. אפֿשר איז דאָס טאַקע דאָס זעלביקע פּלאַץ, וווּ אַמאָל איז געווען קרית ענבים און וווּ מען האָט אַמאָל געזען ריזיקע וויינטרויבן קרענץ, וואָס פֿיר מענטשן האָבן זיי געדאַרפֿט טראָגן אויף אַ שטאַנג. אין אונדזער צייט זיינען געלערנטע געווען כמעט זיכער, אַז דאָרט וועט ניט וואַקסן און בליען. דאַרפֿט איר זען ווי אַזוי עס וואַקסן דאָרט און עס בליען וויינטרויבן און איילבירטן און מאַראַנצן און אַלערליי גרינסן. פֿאַר דעם פּרייז פֿון געוואַלדיקער אַרבעט, וואַקסט. מען האָט זיך אַריינגעגעסן אין דער ערד און זי האָט זיך נאָכגעגעבן. מען האָט שווער געדאַרפֿט אַרבעטן אין די ערשטע יאָרן. עס איז איינעם הייס געוואָרן, נאָר קוקנדיק ווי אַזוי מען אַרבעט. דערנאָך, ווען די ערד האָט שוין נאָכגעגעבן, איז שוין געוואָרן גרינגער. אַבי די ערד איז געוואָרן אויס עקרה, האָט זי שוין גענומען שיטן מיט קינדער. עס איז אונטערגעקומען די וויסנשאַפֿט צו הילף. מען באַמיסטיקט ריכטיק, מען בייט איבער דעם גאַנצן כאַראַקטער פֿון דער ערד. אַרום ירושלים איז שטיינערדיקסטע ערד אין לאַנד און אפֿשר ניט נאָר אין לאַנד, אָבער די חלוצים האָבן דעם שטיין געמאַכט ווייך.

איך האָב געזען צענדליקער און צענדליקער בליענדיקע ישובים, האָט מען מיר דאָרט אָנגעוויזן זאַמדיקע פּאַסן און מען האָט מיר געזאָגט: אָט אַזוי אַ איז געווען, ווען מיר זיינען אַהער געקומען. איך האָב געזען פאַרלייגן נייע ישובים און מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף בליענדיקער שכנותדיקער התישבות און מען האָט מיר געזאָגט: אַזוי אַ וועט דאָ זיין אין אַ פּאָר יאָר אַרום.

איך פלעג פאַרלירן דאָס לשון פאַר באַגייסטערונג, ווען איך האָב געזען ווי אַזוי מען גייט בויען אַ נייעם קיבוץ — נעבן מסלות אין בית שאָן, אָדער אַ נייעם מושב — נעבן נהלל אין עמק יזרעאל. מען האָט געהאַט כלי־זיין פאַר דער ערד און כלי־זיין פאַר די איבערפאַלער. עס זיינען געקומען עקספּערטן פאַר אַגריקולטור און עקספּערטן פאַר מיליטערישע ענינים. מען האָט אָנגעצייכנט דעם וואַסער טורעם אַזוי, אַז ער זאָל אי טויגן פאַר וואַסער, אי מען זאָל זיך דורך אים קענען פאַרהיטן פאַר פייער. מיר פלעג זיך דעמאָלט גלוסטן צעברעכן די שרייבמאַשינקע מיט דער פעדער און איינענעם מיט אַלע זיך שטעלן אַרבעטן, אַזוי ווי א. ד. גאָרדאָן האָט עס פאַרלאַנגט. און די פרומע פועלי מזרחי, וואָס האַלטן אַ ספר תורה און אפילו אַ נר תמיד דערנעבן, מאַכן דאָס חלילה ניט ערגער ווי די אַפּיקורסישע השומר הצעירניקעס. איך האָב צוויי מאָל געזען ווי נייע צוויי קיבוצים זיינען געשאַפן געוואָרן אין שכנשאַפט און איינער האָט געהערט צו השומר הצעיר און איינער צו הפועל המזרחי אוןביידע האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ בשותפותדיקייט אין איבערלעבונגען, אַז איך האָב אויפגעהערט מורא צו האָבן, אַז אין ארץ ישראל וועלן זיך שאַפן עטלעכע יידישע פעלקער...

מען דאַרף אָנקוקן דעם ישוב, בכדי צו זען, וואָס כיבוש מיינט. מען מוז זען, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז פאַראַן, איז אַ רעזולטאַט פון שווערער און בלוטיקער האַרעוואַניע פון פאַרליבטע ביז משוגעת. אַזוי ווי מען אַרבעט פאַר ארץ ישראל, האָט יעקב אבינו געאַרבעט פאַר רחלען. ארץ ישראל איז, ריידנדיק מיט דער שפּראַך פון אייראָפּע, די דולצינעאַ פון די דאָן קיכאָטן, אָבער ריידנדיק מיט אונדזער שפּראַך, איז זי די רחל פון די יעקבס. אַרבעט און שמירה זיינען געגאַנגען האַנט ביי האַנט אין דעם, וואָס מען רופט כיבוש, אָדער התישבות. מען האָט געמוזט אַקערן בפועל ממש מיט דער נאָז די ערד און אין דער זעלביקער צייט האָבן גרייט דעם רעוואָלווער און די ביקס. פרויען האָבן געאַרבעט אַלציינס ווי מענער. דערציילט מרים באַראַץ, וואָס געהער צו דער סאַמע

ערשטער משפחה פון אַ קבוצה, אַז זי האָט אין יאָר 1906, ווען זי איז אַלט געווען 19 יאָר, געאַרבעט אין מצפה אין שטוב און אין שטאַל פון דריי אַזייגער פאַרטאָג ביז 9־10 אַזייגער אין אָוונט. אַכצן־ניינצן שעה אין מעת־לעת. קיין אויוון איז ניט געווען און קיין פּלאַץ צו קאָכן אויך ניט. און עס האָט גאָר ניט געפעלט. די בחורים פלעגן אַוועקגיין אַרבעטן אין פעלד און זי איז געבליבן אַליין און זי האָט ניט געוווסט פון קיין מורא. די אַרבעט האָט זי פאַרשלונגען. און זי האָט דאָך געהאַט אַ האַק אויף צו פאַרטיידיקן זיך. מרים באַראַץ איז די פרוי פון יוסף באַראַץ, וואָס איז איינער פון אָנגעזעענסטע אַרבעטער מנהיגים, וועלכער האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן פּערזענלעך. די גאַנצע פאַמיליע זיינע אַרבעט. ווען מען קומט קיין דגניה, הערט מען און מען זעט די באַראַצעס. ביי דער אַרבעט זעט מען זיי. און זינגען הערט מען זיי. עס זינגט אייגנטלעך פון זיי. פול מיט לעבן זיינען זיי. אַלע טעכ־טער זייערע אַרבעטן. איך האָב אַמאָל געזען באַראַצעס אַ טעכטערל אַן אויסגעפּוצטע אין לוצערן ביי אַ ציוניסטישן קאָנגרעס און איך האָב זי דערנאָך געזען ביי דער אַרבעט אין דגניה. אין לוצערן האָט זי מיר געגעבן שאָקאָלאַד, אין דגניה האָט זי מיך מסתמא ניט דערקענט. און מיר דאַכט זיך, אַז ביי דער אַרבעט האָט זי געהאַט מער חן ווי אויסגע־פּוצטערהייט. זי איז געווען אַ פאַעמע פון אַרבעט. איינע פון באַראַצעס טעכטער איז געלעגן געוואָרן דעמאָלט, ווען איר מאַן איז געפאַלן אין דער מלחמה. זי האָט געהאַט אַ געזונט קינד און מען איז געטרייסט געוואָרן. ווער ווייסט, צי מען האָט אים ניט אַ נאָמען געגעבן מנחם.

צפורה זייד געהער צו די העלדישסטע און אַרבעטזאַמסטע פרויען פון דער צווייטער עליה. איר מאַן, אַלכסנדר זייד, האָט געהערט צו די העלדישסטע בויער־קעמפער. ער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז געפאַלן בעת די געשעענישן אין 1936. ער האָט געלעבט ווי אַ העלד און איז אַוועק ווי אַ העלד. צפורה איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין „השומר" און זי איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ גאַנצע נאַכט מיט דער ביקס. זי פלעג איין מאָל אין דער וואָך, יעדן פרייטיק, פאַרבייטן איר מאַן און שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויף דער וואַך. דערציילט זי, אַז זי פלעג אויסקלייבן דאָס פינצטערסטע און צענטראַלסטע פּלאַץ און האַלטן פון דאָרט אָפן און וואַך אויג און אויער און אַ שאַרף און אַ באַוועגונג איז איר ניט אַנטרונען געוואָרן. אין איין פאַרטאָג האָט זי געהערט ווי עס דערנעענטערן זיך צו איר

טריט, האָט זי זיך ניט איבערגעשראָקן און ניט פאַרלוירן און זי האָט דווקא געוואָלט, אַז „יענער" זאָל זיך דערנעענטערן צו איר און זי זאָל אים זען פּנים אל פּנים. זי האָט דערזען פאַר זיך אַ לאַנגן, גרויען שאָטן. דער ברוינינג איז געווען אָנגעשטעלט. זי האָט אויף אַ הויך קול געפרעגט אין אַראַביש „מן הדאָ?" (ווער איז דאָרט?) און זי איז שוין געווען גרייט צו אָנדריקן. און דער שומר פון דער קאָלאָניע, זהירות, האָט געענטפערט, אַז דאָס איז ער. אומישנע האָט ער איבערגעלאָזט פריער אַביסל זיין אָמט, בכדי צו זען ווי אַזוי זי מאַכט דאָס און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי טוט דאָס גוט.

צפורה זייד געהער צו די ראָמאַנטישע העלדינס פון דער צווייטער עליה. זי איז געווען אַ פּרוי אַ שיינהייט. אין איר האָבן זיך פאַרליבט צוויי שייכן — אַ טאַטע און אַ זון. דער זון האָט זי געוואָלט פאַרטיידיקן פאַר אַנדערע און עס איז סוף כל סוף געקומען צו אַ געשלעג צווישן אים און צפורהס יידישע חברים און זיי האָבן אים צעשלאָגן און ער איז פאַר בושה אַוועק. דער טאַטע האָט איר צוגעזאָגט אַזוי פיל צירונג „וויפל שטערן אין הימל". ער האָט געהאַט פינף ווייבער און ער האָט זיך געטשעפעט צו אַ שנור און די זין האָבן אים דערליידיקט. מען זאָגט, אַז צפורה זייד האָט חתונה געהאַט אונטער אַ חופּה פון פיר ביקסן מיט אַ העמדל. אויך אין דער צייט פון דער איצטיקער מלחמה האָט מען גע־מאַכט אַזעלכע חופּות.

די רעליגיע פון אַרבעט, „דת העבודה", ווי א. ד. גאָרדאָן האָט עס גערופן, האָט באַהערשט דעם ישוב זייט דער בילו־עפּאָכע ביז היינט. די מערסטע פון די היינטיקע מיניסטאָרן פון ישראל האָבן סטאַזש פון אַרבעט. איך האָב די רעזול טאַטן פון אָט דער אַרבעט און טאַקע די אַרבעט אַליין געזען פון דן ביז באר שבע און פון ירושלים ביז רוחמה! איך האָב געזען אין א פרימאָרגן באַנייען צוויי קיבוצים אין בית שאן, ניט ווייט פון קיבוץ מסילות. איינער איז געווען פון „השומר הצעיר" און איינער פון „הפועל המזרחי". איינער פון די קיבוצים האָט זיך גע־רופן רשפים — פונקען. אָבער בייביידע זיינען געפלויגן פונקען פון דער אַרבעט. אין דעם קיבוץ פון „השומר הצעיר" האָב איך געטראָפן דעם פּאַשקאַנער רבינס אן אייניקל. דער פּאַשקאַנער רבי איז געווען דעם בוהושער רבינס אַ זון. מיין טאַטע איז געווען אַ בוהושער חסיד. אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען אויך אַ פּאַשקאַנער חסיד. איך האָב געזען דעם פּאַשקאַנער רבין אין קיליע און אין קעשענעוו, ווען איך בין געווען

אַ קינד און אַ ייִנגל. זיינע ניגונים ליגן מיר עד היום אין טעם. ווען איך בין געווען אין רומעניע, האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם אדזשודער רבינס א זון. אַ פּלימעניק און אויך אַן איידעם פון פּאַשקאַנער רבין. מאַטעסל פרידמאַן האָט ער געהייסן, ער איז בכח געווען אַ טאַלאַנטירטער יידישער שרייבער. ער איז אומגעקומען זייער יונג, בעת דער ערשטער וועלט מלחמה, פון טיפוס. דעם פּאַשקאַנער רבינס זין זיינען דערנאָך געווען מיינע חסידים. זיי האָבן מיך געלייענט און ווען איך בין געקומען קיין פּאַשקאַן, זיינען זיי מיך געגאַנגען הערן ריידן, כאָטש עס האָט אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל. און איצטער האָב איך געטראָפן אין אַ גרעין פון השומר הצעיר, וואָס גייט שאַפן אַ נייעם קיבוץ, אַ זון פון איינעם פון פּאַשקאַנער רבינס זין. אַ קליינער, אַ רויטלעכער, אַ דאַרער, שטאַרק ענלעך צו זיין שוועסטער קינד און פעטער, מיין פריינט מאַטעסל, נאָר קלענער אין וווקס פון אים. אָפּגעברענט פון דער זון, אַ צעבלוטיקטע ליפּ האָט ער געהאַט. און געאַרבעט האָט ער ווי אַ ווולקאַן. אין אַ קורצן שמועס איז אויפגעגאַנגען אַ גאַנצע אַמאָליקע עפּאָכע אין יידישן לעבן. דער בחור האָט געלייענט אָבער ער קען אויך אַרבעטן. ער וואָלט זיך מסתמא געקענט גרייטן צו אַ קאַריערע פון אַן אינטעלעקטואַל, אָבער עס ציט אים צו אַרבעט. עס איז זיין רעליגיע. אפשר איז דאָס אַ דערגאַנצונג־שטרעבונג, ווייל זייט דור־דורות האָבן זיינע עלטערן ניט געטון קיין פיזישע אַרבעט. וואַרשיינלעך שטאַמט ביי אַ סך השומר הצעירניקעס דער דראַנג צו אַרבעט פון ערגעץ אַ בענקשאַפט אויך. אַ נאַציאָנאַלע און פּערזענלעכע בענקשאַפט. עס איז אַ פיזישע רעאַקציע קעגן דורותדיקער פּאַרגייסטיקונג.

מען דאַרף זען אין מעלה החמשה די סאַנאַטאָריע און די גאַנצע בליענדיקע געגנט, בכדי זיך צו איבערצייגן, וואָס אַזוינס מען דערגרייכט דורך אַרבעט און מען האָט געדאַרפט זען ווי אַזוי מען האָט דאָרט בעת מלחמה פאַרייניקט כיבוש מיט מלחמה און ווי אַזוי מען האָט פון דאָרט אַרוים פאַרטיידיקט ירושלים אויף טויט און אויף לעבן. אין אָט דעם קיבוץ איז געווען דער יידישער קאַלאָנעל פון נ. אַמעריקע ד. מאַרקוס, וואָס האָט דאָרט צוגעגרייט די פאַרטיידיקונג פון ירושלים און וואָס איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן.

ווי אַ סערפּענטין שלענגלט זיך דאָ דער וועג. טאַקע פשוט אַ וועג אַ שלאַנג. און מיר קומען אָן אין דריטן קיבוץ פון דאָרט, אין נוה אילון.

זינג מיט מיר מיט, מענטש,

מיר קומען ארויף אויף איינעם פון די העכסטע בערג אין אט א
דער געגנט.
מיר קומען אריין אין יינגסטן און העכסטן קיבוץ —
„נוה אילון" (נעוויי אילאן) הייסט ער.
ווי א טעלער ליגט דער קיבוץ אויפן בארג.
און ער קוקט, דאכט זיך ארויף.
— ווער שפילט עס דא?
וואס פאן אן ארקעסטער האט אהער פארבלאנדזשעט?



נוה אילון, דער קיבוץ פון די „מאקיס"

— קיינער שפילט דא ניט.
מען ארבעט דא.
עס פאלן האמערס אויף שטיינער,
ריטמיש פאלן זיי.
און די קלעפ זינגען.
די פעלזן פארשווינדן,
מאמע ערד בלייבט נאקעט און זינגט.
— צו וואס האקט מען די פעלזן?
— צו קענען פלאנצן.
— צו קענען בויען...

יונג זיינען די חברה, וואָס צערייסן די פּעלזן אויף שטיקער. אַ זינגענדיקע יוגנט האָבן זיי. יונגען און מיידן איינס און איינס. 45 יונגען און 35 מיידן. אַ סך פון זיי שיינהייטן איינס און איינס. די אויגן פאַר־בלענדן זיי. אָנגעטון זיינען זיי אין כאַקי הייזלעך און כאַקי העמדלעך. ביי אייניקע יונגען זיינען די העמדלעך צעריסן. איך שפּאַס מיט איינעם און זאָג אים, אַז זיין צעריסן העמדל איז ערשט מסתמא דאָס יום־טוב־דיקע, ווייל דאָס וואָכעדיקע איז נאָך מער צעריסן און ער לאַכט אַ גליקלעכער. די מיידלעך גייען גאַנצע העמדלעך, זיי טאָרן דאָך ניט אַנדערש. אָבער זייערע לייבער דערפילט מען סיי ווי, גאָט זאָל אונדז אַלע ניט שטראָפן פאַר די זינדיקע בליקן. ווי לאַנג שמייסט מען גאַנץ האָליווּד, צי דאָרט זיינען פאַראַן אַזעלכע מיידן!

אַכט פּאָרלעך האָבן שוין חתונה געהאַט און וווינען אין דירהס, וואָס געפינען זיך פּונקט איבער די שויץ־פּלעצער, פון וואַנען מען שיסט און וווהין מען שיסט.

דאָ בויט מען און מען פירט מלחמה.
מען האָט ליב און מען פירט מלחמה,
מען האָט קינדער און מען פירט מלחמה.

די אַלע 80 יאַטן און יאַטעכעס דאָ זיינען געווען „מאַקים" — זיי האָבן אין פראַנקרייך געקעמפט קעגן היטלערן. די מערסטע זיינען גע־בוירן אין פראַנקרייך, אייניקע זיינען אַהין געקומען קינדרוויז. זייער נאַטירלעכע שפּראַך איז פראַנצויזיש. אַ סך קענען יידיש, אָבער ניט צו גוט. העברעאיש קענען זיי שוין דאָס דאָזיקע, וויים זיי האָבן צום נייטיקסטן; זייער פראַנצויזישער אַקצענט קלינגט אָפּ חנעוודיק סיי אין זייער יידיש און סיי אין זייער העברעאיש. ווען זיי וואָלטן אַ סך גע־דאַרפט ריידן העברעאיש, וואָלטן זיי מסתמא ניט געקענט, אָבער ווייל זיי דאַרפן אַ סך אַרבעטן און ווייניק ריידן, קענען זיי. אוי, ווי גוט זיי קענען אַרבעטן אויף העברעאיש! און ווי גוט זיי קענען קעמפן אויף העברעאיש, קעמפן אויף לעבן און טויט פאַר לעבן! ווי שיין זיי האָבן ליב דאָס לעבן אויף העברעאיש...

פרעג מיך ניט, חבר יידישיסט, פאַרוואָס ניט אויף יידיש!

פרעג זיך, חבר יידישיסט, פאַרוואָס האָב איך און דו און מיר אַלע ניט צוגעגרייט אַזאַ יידישיסטישע יוגנט...

אָבער וועסט ניט פועלן ביי מיר, חבר יידישיסט, אַז איך זאָל דיר זאָגן, אַז דאָס קוים אַרויסגערעדטע און אַרויסגעזאָגטע העברעאיש פון

אַט אַ די יידישע „מאַקים” איז ניט יידיש! זיי טשעבעטשען ווי פייגל און זיי קעמפן ווי לייבן און זיי אַרבעטן — ניין, ניט ווי אייזלען! קיין אייזלען וועלן קיינמאָל אַזוי פּלאַנמעסיק ניט אַרבעטן, ווי מענטשן אַרבעטן... פאַרשרייב עס:

קעמפן ווי לייבן,
אַרבעטן ווי מענטשן,
זינגען ווי פייגל,
ווילן דערלייזט ווערן ווי יידן...
זיי ווילן קיינמאָל קיין היטלער מער ניט,
קעמפן זיי קעגן בעווינען...

איך וויל בלייבן שטיין אַ רגע, זיך אומקוקן, אָבער עס איז דאָ אַזאַ ריטם, וואָס רייסט מיט. האַמערס זינגען, ווינטן זינגען, הענט זינגען, אויגן זינגען... די עלטערן פון די מערסטע הענט און אויגן וואָס זינגען דאָ, זיינען אומגעקומען פון היטלערן. זייערע קינדער וועלן שוין ניט אומקומען פון קיינעם.

און ביידע מפקדים (קאָמענדאַנטן) וואַקסן אויס נעבן מיר. איך גיי דאָך ניט קוקן פאַר זיך אַליין, איך גיי דאָך קוקן פאַר אַ סך צענ־דליקער טויזנטער, דאַרף מען מיר ווייזן, דאַרף מען מיר דערקלערן. אָבער וואָס דאַרף מען דאָ דערקלערן און ווייזן? די אַרבעט הער איך, זע איך, פיל איך און איך טאַפּ זי ממש אָן. דעם סאַמע בראשית פון ארץ ישראל. אַזוי האָבן פריער אויסגעזען די אַלע קיבוצים, וואָס בליען היינט.

און אין דער צייט, וואָס מען האָט דאָ אַזוי שווער געאַרבעט, האָט דער שונא ניט איין מאָל זיך צוגערוקט צופוסנס צום באַרג. אַראַ־בער קענען זיך אונטערשלייכן ווי קעץ. און געוווער האָט געפעלט. איטאַ־ליענישע ביקסן האָט די חברה געהאַט און איטאַליענישע ביקסן קענען אַמאָל שיסן אַ גאַנצע וואָך און פּונקט מיטוואָך אויפהערן שיסן און דער שונא האָט זיך אונטערגערוקט פּונקט מיטוואָך....

...און עס קלאַפּן ווייטער די האַמערס אין נוה אילון און די האַמערס מאַכן פון פעלדז ערד און פון נאַקעטער ערד פעלד און גאָרטן. דאָס איז אויף דער ערד, אונטער דער ערד מאַכן זיי שוץ־פּלעצער קעגן די שליחים פון בעווינס סאָציאַליזם.

אין כיבוש איז שוין אַריין מלחמה, ווייל זיי פאַרייניקן זיך. איך האָב אייך שוין געשילדערט די מלחמה אין אירע פאַרשידנסטע אַספּעקטן. דאָך וויל איך געבן אַ פּאָר באַזונדערע בילדער פון מלחמה, וואָס איך

האָב געזען. דאָס גרויסע בוך „מלחמת ישראל התש״ח" וועט מען נאָך אָנשרייבן.

איך בין אַ טאָג געפאָרן איבער דעם גליל. איך בין געווען אין כפר גלעדי, תל חי און אין דער סאמע מיט, צווישן ביידע, ביים קבר פון יוסף טרומפּלדאָר, דעם לעגנדארישן לערער פון מלחמה אין נייעם ארץ ישראל, דעם פּיאָנער פון הגנה.

אין צפת בין איך געשטאנען ביים ברידער־קבר, אויבן אויף דעם בערגל, וואָס מען רופט גבעת חנה. דאָרט איז אומגעבראכט געוואָרן חנה מיט אירע זיבן זין. דער בית עולם איז דאָרט אונטן. אַ גרויסער, אַלטער בית עולם. דאָרט איז פאַראַן דער בית מדרש און דער ציון פון ר' מאיר בעל

אַ ליכטיק
פּנים
פון אַ
געפאלענער

הנס. דאָרט ליגט, זאָגט מען, דער נביא הושע בן בארי. אָבער דעם ברי־דער־קבר האָט מען געמאַכט אויבן, ווייל דעמאָלט, ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען די גבורים און קדושים פאַר דער באפרייאונג פון צפת, האָט געדעגנט מיט אַראַבישע קוילן און מיט רעגן. עס איז אַ סכנה געווען צו טראָגן די געפאַלענע אַראָפּ. וויפל זיינען דאָרט געפאַלן? מען זאָגט אַכצן, אָבער ווער ווייסט זיכער, אַז ניט מער? אַ סך נייע חנהס מיט אַ סך נייע זין.

איך בין אָנגעקומען קיין דגניה פּונקט ווען מען האָט געפּראַוועט שלושים נאָך די צוויי און פערציק געפאַלענע, וואָס מען האָט אַלע אַריינ־געלייגט אין איין ברידער־קבר. זיי זיינען געפאַלן ט' אייר, אין זעלביקן

טאָג, ווען מען האָט גענומען עכו און ווען עס זיינען געפאַלן די 41 אין דער אויטאָבוסן־סטאַנציע אין תל אביב. וואָס פאַר אַן עמאָציאָנירנדיקע שלושים! שוואַרץ איז געווען דער אַרום. מען איז צו די שלושים געקומען פון גאַנץ גליל, פון עמק יזרעאל, פון עמק הירדן, בית שאָן. קיין רעדעס זיינען ניט געווען. איין רעדע איז געווען, האָט יעדער געפילט, אַז זי איז איבעריק. שווייגנדיקערהייט האָט מען אַ סך מער געזאָגט. געוויינט האָט אַ קדיש, וואָס אַ ייד האָט געזאָגט און די דריי זאַלפן פון אַ קאַרדאָן סאָלדאַטן. ווי אייגנאַרטיק עס האָבן זיך פאַרייניקט די ווערטער פון קדיש מיט די „ווערטער" פון די ביקסן. ביידע זיינען געלאָפן אין העלן הימל אַריין דאָרט פרעגן: „פאַרוואָס, פאַרוואָס און נאָך אַמאָל פאַרוואָס?" ווער פון זיי האָט גיכער געגרייכט? דער הימל אַליין איז אויך געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענער און צערודערטער. ער האָט געוואָלט וויינען און ניט געקענט. מען האָט ניט געהערט קיין קולות. שטילע זיפצן האָט מען געהערט. דאָרט זיינען געשטאַנען עלטערן, וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער, קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן עלטערן; פרויען, וואָס האָבן פאַרלוירן מענער. ניט געוויינט. איין פרוי נאָר האָט אַ געשריי געטון. די בערג גולן דערנעבן האָבן זיך אַ שאָקל געטון. דער טייך ירדן, דער ים כנרת האָבן אַ ציטער געטון. עמיצער האָט געפרעגט, דאַכט זיך:

מה לך הים כי תנוס, הירדן תסוב לאחור, ההרים תרקדו כאלים גבעות כבני צאן?

(וואָס איז דיר, ים, וואָס דו אַנטלויפסט, ירדן רוקסט זיך צוריק, בערג שפּרינגט ווי באַראַנעס, בערגלעך שפּרינגט ווי יונגע שאָף?)

דאָס האָט אַ געשריי געטון אַ פרוי, וואָס האָט אין יענער שלאַכט פאַרלוירן די איינציקע צוויי מענטשן, וואָס זי האָט געהאַט אויף גאָטס וועלט — דעם בן יחיד און דעם מאַן.

אָט אַזוי האָט מען געפירט מלחמה.

אַנטקעגן דגניה א' איז פאַראַן דאָס אַראַבישע דאָרף צמח, וואָס איז אַ סך מאָל געווען אין יידישע הענט, צוריק אין אַראַבישע, ווידער אין יידישע. ווען איך בין דאָרט געווען, איז עס געווען אין יידישע הענט. אויף יענעם אָ פּלאַץ שטייט אַ צעריסענער טאַנק. איינער פון דריי מיט וועלכע די אַראַבער זיינען געקומען. דריי טאַנקן האָבן געקענט פאַרכאַפּן די גאַנצע געגנט. און די יוגנט איז ניט געווען אין די קיבוצים, זי איז געווען אויף די פראָנטן. זיינען די מיטליאַריקע און עלטערע געלאָפן אַנטקעגן די טאַנקען מיט — קוים ביקסן. און אַ לערער, אַ מאַן פון אַרי־

בער פופציק יאָר, האָט געכאַפּט אַ מאָלאָטאָוו פלאַש און אויפגעריסן דעם ערשטן טאַנק און דעם צווייטן צעשעדיקט. דער דריטער איז אַנטלאָפן. דעמאָלט האָט מען די מאָלאָטאָוו־פלאַש אַ נאָמען געגעבן מלא טוב... מיט איין מאָלאָטאָוו־פלאַש ליקווידירט אַ גאַנצע טאַנקען אָפּטיילונג. דאָס איז געווען דער נס פון היינטיקן קריג. ער וועט בלייבן פאַרשריבן ווי דער נס פון דגניה. איך בין געשטאַנען אויף יענעם פלאַץ און איך האָב געהערט די לידער, וואָס מען וועט אמאָל זינגען וועגן יענעם נס און די בילדער, וואָס מען וועט פון דאָרטן מאָלן. און געקלערט האָב איך זיך, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט זיך שוין מער ניט פאַרלאָזן אויף קיין נסים. ניט מיט איין מאָלאָטאָוו־פלאַש קעגן דריי טאַנקען, נאָר מיט דרייסיק טאַנקען קעגן דריי. ביז וואַנען מען וועט אויפהערן פירן מלחמה. נעבן מיר זיינען געלעגן אויף דער ערד ביינער. יאָ, ביינער פון מענטשן. איר ווילט נאָך מלחמה?

מיר זיינען דורכגעפאָרן דעם קיבוץ מסדה, וואָס איז געלעגן אויף העלפט צעשאָסן און מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין שער הגולן, וואָס איז געלעגן אינגאַנצן צעשאָסן. דער וואַסער־טורעם איז דאָרט געלעגן איבער־געקערט. קיין איין גאַנץ הויז איז ניט געבליבן. און די חברה האָט גע־האָט נאָר־וואָס געענדיקט די אַרבעט, 150 קעסטלעך וויינטרויבן אַראָפּ־גענומען, איינגעפּאַקט און אַוועקגעשיקט צו דער „תנובה". מען לעבט אונטער דער ערד, מען שלאָפט דאָרט, מען היילט זיך דאָרט און מען זינגט אויך דאָרט. אָט דאָרט האָט איך געגעסן די בעסטע וועטשערע אין משך פון מיינע צען וואָכן דערהויבן ווערן אין ארץ ישראל. ווי אַזוי האָט מען אַריינגעכאַפּט אַזויפיל קוילן און ניט אָפּגעגעבן די פּאָזיציע? דאָס דאָזיקע געשעעט אין ערגעץ ניט, אויסער אין ארץ ישראל און אויסער סטאַלינגראַד. אָבער — שער הגולן איז נאָך ניט דאָס יידישע סטאַלינ־גראַד. דאָס יידישע סטאַלינגראַד איז — —
של נעלך מעל רגלך —

וואַרף אַראָפּ דיינע שיך פון דיינע פיס: איך גיי באַשרייבן „נגבה", וואָס אייניקע רופן סתם סטאַלינגראַד און אַנדערע רופן „נעגבאַגראַד".

דאָס איז דער העראָאישסטער קיבוץ אין גאַנצן לאַנד; דאָס איז דער קיבוץ, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די גרעסטע אַטאַקעס פון דריי זייטן און פון אויבן אין משך פון טעג און וואָכן און וואָס האָט זיך ניט אונ־טערגעגעבן. און ער איז געבליבן אין יידישע הענט און ער באַהערשט אַ

גאַנצע געגנט און דעם וועג צום נגב און ער שטייט ווי איינער פון די הויפּט שומרים פון ישראל.

נגבה געפינט זיך אין דרום־זייט פון תל אביב, אַ דריי פערטל שעה רייזע נאָך רחובות. מען האָט נגבה געבויט אין אַ זייט פון צענטראַלן וועג, בכדי צו האָבן אַ „קלין" אין האַרץ פון אַראַבישן דרום. די געגנט דערמאָנט אין אַרגענטינער קאָרדאָבע — אַן אידעאַל פּלאַץ פאַר אַסט־מאַטיקער און לונגען־קראַנגע.

געקומען איז נאָך מיר אַ גאַנצע גרופּע אַרגענטינער יינגלעך פון נגבה און צווישן זיי אַ חנעוודיק מיידל, און מיך גענומען קיין רחובות און פון דאָרט האָבן זיי מיך געפירט מיט אַ מיליטערישן דזשיפּ, אויף וועלכן מען זיצט סתם „אויף דער ערד". און אַז עס גיט אַ וואָרף מיט דיר, גיט עס. מען דאַרף זיך צוגעוויינען צו דעם און מען דאַרף זיך האַלטן פעסט. אין ארץ ישראל מוז מען זיך האַלטן פעסט און מען מוז זיין שטאַרק. געפירט דעם דזשיפּ האָט אַ פעסטער, בלאָנדער בחור, וואָס איז פון טשילע. די זון האָט אים שוין דורך און דורך געברענט און ער איז נאָך אַלץ בלאָנד. ווען דער דזשיפּ יאָגט זיך, קריגט די לופט אַ מערק־ווירדיקן ווידערשטאַנד און זי שניידט ווי מיט אַן אָנגעגליט שטאָלן מע־סער. דאָס שניידן טוט ניט וויי, עס רופט אַרויס אַ קעגן־ווידערשטאַנד. דער מענטש וויל ווערן שטאַרקער פון ווינט. די אויגן מוז מען היטן, ווייל דער ווינט הייבט צומאָל אויף קליינע שטיינדלעך און דערלאַנגט זיי דיר אין פּנים. אָן קיין בלויע ברילן קען מען זיך דאָ ניט באַגיין און אַ העלם אויף דעם קאָפּ שאַדט אויך ניט.

און מיר קומען־צו צום דירעקטן וועג פון נגבה. פון ביידע זייטן ניט קיין הויכע, וויסטע, געלע בערג. דער וועג איז פול מיט קאַמיאָנען, און דזשיפּס. עס איז אַזאַ באַוועגונג, וואָס האָט מער שייכות מיט מילי־טערישע צוגרייטונגען, ווי מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט. מען שלעפּט אַ פאַרברענטן טאַנק, וואָס די אַראַבער האָבן דאָ איבערגעלאָזט. מען מוז פאָרן פאָרזיכטיק, ווייל די אַראַבער האָבן דאָ געלאָזט באָמבעס און גראַ־נאַטן. מען רופט זיי „מוקשים" — שטרויכלונגען — און מען האָט פון זיי שוין היפּש אויסגערייניקט די געגנט. זיכער קען מען ניט זיין. צוריק מיט ערשט עטלעכע טעג זיינען הויכע דריי הגנה־אָפיצערן אומגעקו־מען פון אַזעלכע מוקשים, צווישן זיי דער קאָמענדאַנט פון תל אביב, י. שחורי (שכאָרי). מיינע באַגלייטער שרעקן זיך שוין פאַר גאָרניט. פאַר זיי איז טויט און לעבן אָן אַ מחיצה, כאָטש ליב האָבן זיי נאָר

דאָס לעבן. זיי ווילן מיך באַזונדער אָפּהיטן, ווייל זיי ווילן מיך אַ גאַנצן צוריק קיין אַרגענטינע. איך שרעק זיך אָבער ניט. איך פּאָר פּונקט אַזוי רואיק ווי זיי. איך בין געקומען זען ניט נאָר ווי מען בויט אויס, נאָר אויך ווי מען קעמפט אויס די יידישע מדינה.

ביים ברעג ליגט אַ טויטער אַראַבער. אַרום אים אַ באַרג מיט שמאַ־טעס. פון פּנים איז שוין געבליבן נאָר ביינער. אַ טשערעפּ, ניט קיין פּנים. און דער קערפּער איז שוין אויך נאָר אַ סקעלעט. ער זעט שוין מער אויס ווי אַ לאַנגער, דאַרער פויגל. חוץ ביינער זיינען פון אים געבליבן אַ גאַרטל און שיך. אַמאָל איז ער געווען אַ מענטש און ער האָט געלאַכט און געוויינט. און אפשר האָט ער געקענט שיין זינגען. און אַ מאַמע וויינט געווים נאָך אים. און אפשר האָפט נאָך זיין מאַמע, אַז ער וועט צוריקקומען. און אפשר וויינט אַ כלה נאָך אים און האָפט! און ווער האָט אים געשיקט אַהער צו ברענגען טויט און צו באַקומען טויט?

און אַ הין־צו ליגן אַ סך אַזעלכע סקעלעטן. הונדערטער. מ׳קען זיי ניט אַוועקנעמען, די אַראַבער פון אַרום שיסן. די אַראַבער אַליין נעמען זיי אויך ניט אַוועק. די שאַקאַלן נעמען אַוועק דאָס פלייש, איז ניטאָ קיין סכנה פון אַ מגפה.

און אָט איז נגבה. אַ גרין פינטל. אַלץ הייסט גרין! עס באָדט זיך אין גרינס. אַ ברייט פינטל קוקט מיט בליענדיקע אויגן אויף אַ וויסטע. דער אַריינפאָר איז אַן אָפענער, אַזאַ ברייטער. עס דאַכט זיך, אַז מען פאָרט אַריין אין גן עדן. אָבער באַלד ווי דער דזשיפּ שאָקלט זיך אַריין, דערזע איך, אַז עס איז ניטאָ קיין איין גאַנצע שטוב אין גאַנצן קיבוץ. איך שווייג. מיינע באַגלייטער שווייגן אויך. זיי זעען, אַז איך זע זיי. מיך רינגלט אַרום די גאַנצע לאַטיין־אַמעריקאַנער גרופּע. פאַראַן מעקסי־קאַנער, טשילענער, בראַזיליענער, אורוגווייער. פון טשילע איז פאַראַן אַ הויכער, שלאַנקער בחור, אַן אַדוואָקאַט. ער האָט שוין געמאַכט אַ גאַנץ שיינע קאַריערע אָבער ער וויל קעמפן אין ארץ ישראל. איך פאַרצייכן די נעמען פון „מיינע" אַרגענטינער: דוד ראַבינאָוויטש, לעאָן גאָלדין, סאַמועל גערמאַן, יעקב פרידלאַנד, סימאָן קאָהען, יוסף ביעלאָפּאָלסקי, היים קאָפּעליאָוו, אריה סלאָצקי, רפאל ריכטער, משה ראָזנבוים, אברהם און פאַני גערמאַן, טערעסאַ געלמאַן, עליסאַ קוגלער, אַטיליאָ שטיין, איסאַק שניידעראָוו, אסתר עינים, יצחק קרעמער, יחיאל ראָזענבערג, סאַמועל עדעלשטיין, זינגער, מאַנועל וויסאָצקי, בוסי קעסלער, צבי פּאָסט און חוה קאָרנפעלד.

איינער פון „גרעין” איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן, דאָס איז מאָטל (מרדכי) וויינערמאַן. דאָס איז געשען דעם 12טן יולי 1948. איי, וואָס פאַר אַ טייערער, העלדישער בחור ער איז געווען.

איך קען זיך ניט באַהערשן ניט צו דערמאָנען, אַז יחיאל ראָזנבערג איז מיין שוועסטערקינד ברײנעס אַ זון. זיין טאַטע איז אויך אַ בעסאַ־ראַבער ייד. דער בעלצער ייד אלי ראָזנבערג. יחיאל איז מיין פּעטער פּראָיִמס איינקל. ער איז דאָ צווישן די, וואָס קעמפן און בויען און ער האָט אַזעלכע בלויע אויגן, ווי דער העלער פאַרטאָג. ער האָט געקענט לעבן רואיק ביי זיינע עלטערן, וויל ער בעסער לעבן אומרואיק אין ארץ ישראל. זיין יונג ווייבל — זיי האָבן חתונה געהאַט צוריק מיט צוויי יאָר — אַ יידישע טאָכטער פון קאָרדאָבאַ, געפינט זיך ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל אין הרצליה... יחיאל ראָזנבערג ווערט פאַר מיר אַ העלד און אויסלייזער פון אונדזער משפּחה! ווי קען מען פאַרגלייכן דאָס דאָזיקע, וואָס זיי גיבן מיט דעם, וואָס יידן, וועלכע בלייבן אין ארגענטינע גיבן! מען דאַרף זיין אויף דעם פּלאַץ און מען דאַרף זען ווי אַזוי זיי לעבן, אַרבעטן און קעמפן, בכדי צו וויסן, וואָס זיי גיבן! לאָמיך דערמאָנען, אַז דאָ איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן דער טשילענער יידישער בחור ע. מילער. ער איז געפאַלן דעם 6טן דעצעמבער 1947. זיין חברטע (בחורה) האָט אים צוריק מיט צוויי חדשים געהאַט אַ זון. ער האָט ניט דערלעבט צו זען דעם זון זיינעם, וואָס וועט פאַר אים דערזינגען זיין ליד...

די חברים דערציילן מיר, אַז זיי זיינען 59 דערוואַקסענע און 2 קינדער, איינס געבוירן דאָ און איינס אין ארגענטינע און זיי אַליין שטאַ־מען פון ארגענטינע, בראַזיל, קובאַ, מעקסיקע, אורוגוויי און טשילע. דער גרעין וואַקסט.

אַ טאָג נאָך מיין אָוועקפאָרן איז געפאַלן דער טשילענער בחור גיניס און אין אַ צייט אַרום איז זיין יונגע מאַמע געשטאָרבן אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע פאַר ערגערניש.

מיר עסן אָפּ מיטיק. פאַר אַזאַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אַ צו גוטן מיטיק! און ס'איז חלילה ניט קיין ספּעציעלע צוגרייטונג. אין אַ קיבוץ מוזן דאָך אַלע עסן אַלציינס. ברויט, קאַרטאָפל, טאָמאַטעס, אַנדערע גרינצייג, צוויי קאָטלעטן, אַ סופּ, וויינטרויבן. און ווען מען שאָקלט זיך אין אַ דזשיפּ און מען זעט אַרום אי חורבן, אי טויט, אי האָפנונג, גלויבן,

מוט און לעבן, פילט מען אַ גאַנץ אַנדער געפיל און אַן אַנדער טעם אין גאַנצן לעבן!

און מיר דרייען זיך אַרום אין גאַנצן קיבוץ, וואָס האָט אַ דריי הונ־דערט נפשות. אַ קיבוץ אַ פאַרפּאַסטן איז ער! „נגבה" מיינט אויף דעם וועג קיין נגב. מיינע לייענער ווייסן שוין, אַז נגב מיינט אי דרום, אי וויסטע. דער נגב אין ארץ ישראל איז די גרויסע וויסטע אין דרום, וואָס יידישע בחורים ווילן מאַכן בליענדיק. דער נגב וועט אַמאָל באַטרעפן דריי פערטל פון לאַנד און דאָרט וועלן וווינען מיליאָנען יידן. נגבה האָט געדאַרפט היטן דעם וועג צום נגב און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער קיבוץ וועט האָבן צו אויסשטיין די שווערסטע אַטאַקעס מיט אַרטילעריע און אַוויאַציע. נגבה האָט גענומען בויען אַ סאַנאַטאָריע פאַר דעם גאַנצן נגב, האָט זי די מצרישע אַוויאַציע צעשאָסן. אַ שפּיטאָל איז דאָך פאַראַן אין נגבה — אונטער דער ערד איז ער דער שפּיטאָל, אין אַ בונקער. פאַר צוואַנציק קראַנקע איז דאָ פּלאַץ אין דעם אונטערערדישן לאַזאַרעט. פּלאַץ בדוחק, אָבער — ס'איז דאָ. און עס איז דאָ אַ קליינע אַפּטייק און ס'איז דאָ אַלץ, וואָס מען דאַרף צו געבן אַ פאַרוווּנדעטן און אַ קראַנקן מער ווי די ערשטע הילף.

אייגנטלעך איז דאָס גאַנצע לעבן אַראָפּ אונטער דער ערד אין נגבה. דער קאָמענדאַנט פון דאָרטן, יצחק דובנאָ, האָט געוואָרפן דעם לאָזונג:

נים ליגן אין דער ערד,
נאָר לעבן אין דער ערד.

און דאָס דאָזיקע האָט טאַקע געראַטעוועט. פון די זיבעציק בנינים, וואָס נגבה האָט געהאַט, זיינען געבליבן עטלעכע און צוואַנציק, עטלעכע און פערציק זיינען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. און די דאָזיקע, וואָס זיינען געבליבן שטיין, זיינען דורכגעלעכערט און אָן דעכער, אָדער מיט האַלבע דעכער. און מענטשן זיינען געפאַלן אינגאַנצן אַ דרייסיק. בנינים זיינען צעשטערט אפשר אַכציק פּראָצענט, מענטשן זיינען אומגעקומען נאָר צען פּראָצענט. דער דערמאָנטער קאָמענדאַנט אליין איז געפאַלן פון אַ לופט־באָמבע, וואָס האָט אים געטראָפן, ווען ער האָט געגעבן אַ באַפעל די מאַשינען־געוועער שיסער.

פון צייט צו צייט קומען צו אונדז מיטגלידער פון גאַנצן קיבוץ און איבערהויפּט אָנפירנדיקע מיטגלידער. זיי דערקלערן מיר, אַז מען גרייט אַ פּלאַן ווי אויפצובויען נגבה. איבערהויפּט קומט צו אונדז אָפט צו דער מפקד (קאָמענדאַנט) פון דעם מיליטערישן טייל אין נגבה, אַ יונגער

בחור איז ער. ער זעט אויס ווי פון אַ פּאָר און צוואַנציק, אָבער ווערליק זיין מיליטערישער סטאַזש און ראַנג, איז ער שוין מסתמא אַלט אַ יאָר דרייסיק. אַ געבוירענער אין ארץ ישראל, אַן אָפּגעבערענטער, מיט בלויע אויגן, ער רעדט העברעאיש אַזוי ווי די תימנים, מיטן האַלדז, און ער רעדט אויך אַביסל יידיש. ער איז ווי פון שטאָל און קופּער און אין ווילן און ער האָט סמנים פון עטלעכע וווּנדן אין אַ פּוס. ער קעמפט שוין באַלד צען יאָר. ער לעבט אין אייביקער מלחמה... און ער איז אַליין אַ פרידלעך געזאַנג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער דורך אים דאָס געזאַנג פון ארץ ישראל.

מיר גייען דאָ אַרום. אייניקע הייזער זיינען אָפּגעברענט ביז צום גרונט. מען זעט סקעלעטן פון בעטן, טישן, בענקלעך, אַלערליי כלים; מען זעט סקעלעטן פון קי. דער שטאַל האָט אָפּגעברענט מיט 200 קי איינס און איינס. איין קו איז געבליבן פּאַר אַ מוסטער... אַלץ האָט אָפּגעברענט. מען זעט אויסגעשאָסענע קוילן פון אַלערליי געווערן. אייניקע זעען אויס פאַנטאַסטיש און אייניקע מאָנומענטאַל. אָט איז אַ קויל פון אַן אַנטי־טאַנק, וואָס וועגט דריי קילאָ. דריי וועגט קען אַזאַ קויל דורכלעכערן. אַ בחור הויבט אויף אַזאַ קויל און ער זאָגט: „מיר האָבן זי ליב — זי האָט קיינעם פון אונדז ניט געשאַדט...” די אַראַבער האָבן געשאָסן פון אויבן און פון אונטן. אָט דאָרט אָ אַנטקעגן איז דאָס אַראַבישע דאָרף „כפר עפּא”, אַנטקעגן זיינען די אַראַבישע דערפער סווידאַן עיראַק. „פאַלו־דזשאַ”. פון אומעטום האָט מען געשאָסן. די חברה פון נגבה איז געלעגן אין די טראַנשייען, אַזוי לאַנג די אַראַבער זיינען געווען ווייט. ווען זיי זיינען געקומען נעענטער, זיינען אונדזערע יאַטן צו זיי אַרויס און זיי געגעבן צו שמעקן פּולווער.

30 יידן זיינען דאָ געפאַלן און אַריבער טויזנט אַראַבער!

די יאַטן אַליין האָבן זיך געמאַכט אַ שפּאַס, אַז די אַראַבער האָבן געשיקט פרעגן בעווינען ווי אַזוי מען נעמט נגבה, האָט ער זיי געענט־פערט: „איך האָב אייך געגעבן מער געווער וויפל מען דאַרף דערצו, אָבער קיין יידישע קעפּ קען איך אייך ניט ארויפזעצן”. ניט נאָר יידישע קעפּ, יידישע הערצער, יידישע עקשנות, יידישן ווילן, יידישן גלויבן... לינקע זיינען די השומר הצעירניקעס, די לינקסטע אין ישוב, אָבער וויפל יידישן גלויבן זיי האָבן עס!

די אַראַבער האָבן געזוכט צו צעשטערן דעם „מגדל המים” (וואַסער־

טורעם) און ס׳איז זיי ניט געלונגען. טויזנטער לעכער האָט ער און ער שטייט פעסט. עס פעלט ניט קיין וואַסער אין נגבה! פאַר דעם קריג האָט מען אינסטאַלירט אַ נייע באָד, אַ פּרעכטיקע באָד. זי איז אין אַ סך ערטער צעשאָסן. אָבער נוצן קען מען זי. עס איז דאָ וואַסער, עס איז דאָ אַ באָד, עס איז דאָ ערטער צום שלאָפן, עס איז דאָ אַ קיך, עס איז דאָ אַ וועשעריי. עס איז דאָ אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר דעם לעבן פון די 300 קיבוצניקעס און עס זיינען דאָ אויך סאָלדאַטן פון ארום, כאָטש אין דער נאָענט זיינען פאַראַן אַ סך מיליטערישע לאַגערן, וואָס די ענגלענדער האָבן איבערגעלאָזט. מיליאָנען זיינען ווערט אָט די לאַגערן און מער ווי דאָס — זיי וועלן העלפן אָפּהיטן און איינהיטן דעם נגב.

דער וואַסער־טורעם איז אויך אַ קאָנטראָל־פּונקט. אייביק שטייט דאָרט אַ וועכטער און קוקט. 24 שעה אין מעת לעת קוקט מען אויך איצטער, ווען ס׳איז כלומרשט שלום... צוויי זיינען געפאַלן אויף דער וואַך און איינער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. ווען איך בין געווען, איז געשטאַנען אַ מיידל אויף דער וואַך, אויף דעם שפּיץ פון טורעם. די סאַנאַטאָריע, וואָס מען האָט אויסגעבויט פאַר דעם גאַנצן נגב איז צעשאָסן.

איך קוק ווידער אויף די חורבות: וועלכע זענען אוים פאַנטאַסטישער — די געפאַלענע, צי די שטיין געבליבענע?

פאַנטאַסטישער זיינען די מענטשן, וואָס זיינען דאָ געבליבן אַזוי יונג, אַזוי פריש און אַזוי מוטיק און אַזוי פאַרליבט אין לעבן. איך האָב דאָ געזען מיידלעך אַזוי שיין און יונג קוקן צו אינגלעך, גלייך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט ניט געווען...

סטאַלינגראַד,

נעגבאָגראַד...

עס האָט זיך ניט געגלוסט אַוועקצופאָרן פון נגבה. עס האָט זיך געגלוסט ניט אויפצוהערן קוקן אויף דער מוטיקער יוגנט און אפילו אויף די פאַרברענטע און צעשאָסענע בנינים. חברה האָט מיך צוגעפירט צו אַ געפּאַנצערטן אויטאָ און איינער האָט מיר געזאָגט:

— אַמאָל איז דאָ געווען אַ טאַנק פאַר די אַראַבער. היינט האָבן די אַראַבער דאָס בעסטע געוועהר, אָבער מיר נאַרן זיי ניט איין מאָל אָפּ. מיר האָבן אויף איינעם פון די בערג אנידערגעשטעלט הילצערנע „קאַנאָנען״ און הילצערנע „מענטשן״ און די אַראַבער האָבן אויף זיי געשאָסן דריי טעג און דריי נעכט...

און זיי האָבן געעפנט דעם געפּאַנצערטן אויטאָ און ארויסגענומען

פון דאָרט „אבטיחים״ (וואסער־מעלאָנען, ארבוזעס, קאַווענעס). אראַבישע זיינען זיי, אָבער געשמאַקע. מען האָט עס אָן־עס געטון פּרימיטיוו, און אַ שפּאַן ווייטער ליגן פינף גבורים, וועלכע מ׳האָט דאָ געמוזט מקבר זיין, ווייל ווייטער האָט מען ניט געקענט גיין, ס׳האָט געהאָגלט מיט פייער. און אַביסל ווייטער איז דאָ אַ ברידער־קבר פון 16 גבורים. און דאָרט ליגט אַ קינד פון קנאַפּע צוויי יאָר. דער בית־עולם, וואָס ליגט צום באַרג צו, איז גרין ווי דאָס לעבן אַליין, אָבער אַ פּאָר הונדערט מעטער שטח פון שונא און מ׳קען אהין ניט טראָגן קיין מת.

איך האָב דערפילט, אַז איך וועל ניט האָבן קיין שטאַרקע ווערטער צו שילדערן נגבה. האָב איך דערפאַר גענומען די פּשוטסטע. איר פאַרשטייט, וואָס אין נגבה׳גראַד איז געשען? די אַראַבער האָבן וואָכן־לאַנג געשאָסן פון אויבן און פון אונטן און אונדזערע יאַטן זיינען געלעגן אין די גריבער און — גאַרניט. אָבער ווען די אַראַבער האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן, האָבן אונדזערע יאַטן זיי ניט געלאָזן און זיי זיינען אַליין געפאַלן אין די איינציקע און זיי געוואָרפן אין די הונדערטער.

ווען איך בין באַנאַכט צוריקגעקומען קיין תל אביב, בין איך נאָך געגאַנגען אין „אוהל״ זען גאָלדפאַדנס „די מכשפה״ איניינעם מיט מיין יונגן פריינט, דעם זשורנאַליסט יצחק רמון, וואָס האָט מיך באַגלייט קיין נגבה. מיר זיינען אהיים געפאָרן „ביטרעמפּ״, זעקס מאָל האָבן מיר געביטן די וועגענער און אָנגעקומען. און ביים אַרויסגיין פון „אוהל״, האָב איך דערזען אַ בחור אָן ביידע הענט. אַלע האָבן געזען און זיך געמאַכט ניט זעענדיק. ווי מען שטרענגט זיך עס אָן ניט צו קוקן אויף די דאָזיקע, וואָס זיינען געוואָרן קאַליקעס, ניטאָ קיין ערגערס פאַר זיי, ווי די רחמנות־בליקן.

אָן ביידע הענט... דאָס איז מלחמה! מען האָט אויף שריט און טריט געזען פאַרבאַנדאַזשירטע, פאַרגיפּסעוועטע, מענטשן מיט אַמפּוטירטע הענט, פיס, פאַרבונדענע אויגן. און וויפל טאַטעס און מאַמעס אָן די קינדער... יצחק גרינבוים האָט פאַרלוירן דעם טראַגישן זון זיינעם, וואָס איז געשטאַנען אונטער עפּעס אַ חשד, וועלכן דאָס פייער האָט פאַרברענט. י. בן צבי האָט פאַרלוירן אַ זון, יוסף שפּרינצאַק אַ זון, דער זשורנאַליסט ש. לביא (לעווקאָוויטש) צוויי זין. אַלע האָבן פאַרביסן די הערצער מיט די ציין און געשוויגן. די טרייסט איז געווען: „זיי האָבן געוואוסט פאַר־וואָס זיי זיינען געפאַלן״... מיידלעך האָט מען געזען פאַרוווּנדעטע. מען האָט געקוקט אויף זיי פון וויטן מיט אַביסל טרויער און אַ סך שטאָלץ.

איינער פון מיינע בעסטע פריינט פון בוקארעשט, דער אדוואקאט און בארימטער ציוניסטישער רעדנער מישו ווייסמאן, האט פארלוירן זיין איינציקן זון כרמי. איך דערמאן זיך ווי אזוי דער דאזיקער בחור האט אויסגעזען. א ווארים שטיק לעבן... א געזאנג איז ער אליין געווען... איך האב ערשט מיט צען וואכן צוריק געזעסן מיט אים ביי זיין טאטן אין שטוב א גאנצן פרייטיק אוונט. ער האט מיך „געגעסן" און איך האב אים „געגעסן". ער האט „געגעסן" מיין יידישע פאלקסטימלעכקייט און איך האב „געגעסן" זיין שיר השירימדיקייט. ער איז געווען א יונגער קאמפאזיטאר, ער האט אנגעשריבן א זעלטענע סימפאניע צו שיר השירים און ער איז אליין געווען א שיר השירים... עס קילן מיר די ווארצלען אין קאפ און איך זאג זיך: „אויב די טאטעס אין ארץ ישראל גיבן אזעלכע זין, וואס פאר א ווערט קען שוין האבן דאס דאזיקע, וואס מיר, די גלות־יידן גיבן?

איך דערמאן זיך, אז איך האב אמאל, דאכט זיך, געטראגן כרמין אויף די הענט... זיין טאטע האט זיך אזוי געפרייט אין טאג פון „הפוגת האש" (וואפנשטילשטאנד) און דער זון איז העלדיש געפאלן טאקע אין יענעם טאג... ער איז אוועק מיט דער „פשיטא" (קאמאנדע) צום שונא און ער האט אנדערע געראטעוועט אלס סאניטאר און ער איז אליין געפאלן מיט נאך 26 יידישע יונגע לייט, אלע געווים געראטענע און שיינע און טייערע און הארציקע... ניט לאנג האט זיך זיין שוועסטער פלוצים צעלאכט און ווען מען האט זי געפרעגט פארוואס זי טוט דאס, האט זי געענטפערט, אז זי פרייט זיך, וואס זי האט אזא ברודער ווי כרמי... די שוועסטער איז נאך דעמאלט געווען אין ווייטסטן פונקט פון נגב. דארט איז אויך געווען גאלדע מאירסאנס א טאכטער און דעם שרייבער און קרן היסוד סעקרעטאר, מיין פריינט י. ל. טויבמאנס הארציקע טאכטער, די שנור פון שרייבער ד. ב. מאלקין.

איך בין ארויסגעפארן אין שפיטאלן, געווען אין א שפיטאל אין רמלה, אין לוד... איך האב געזען אזעלכע פארוואונדעטע, וואס האבן מיר פארוואנדלט די האר אין שטעכנדיקע שפילקעס. וועמען עס פעלט א האנט, וועמען א פוס, וועמען אן אויג, אן אויער... א. סוצקעווער דערציילט, אז א בעסאראבישע מאמע וויינט אין רמלה און רעדט יידיש מיט „קמצן" וועגן א זון, וואס זי ווייסט נאך ניט, אז ער איז שוין טאקע ניטא און זי זאגט: „ער האט דאך נאך קיין מיידל ניט קיין קוש געטאן"... אין לוד זיצט א ווילנער מאמע לעבן א בלינד־געווארענעם זון און זי

טרייסט אים און זי לויפט אַלע מאָל צום דאָקטאָר און זי זאָגט אים:

„דאָקטאָר, נעמט מיינעביידע אויגן און מאַכט אים איין אויג צום זען... איך דאַרף שוין ניט די אויגן, ער דאַרף... פאַר מיר דאַרף ער ניט, פאַר מיר איז ער גוט אַזוי, אָבער פאַר דער כלה דאַרף ער כאָטש איין איינציק אויג...״

... אַ יונגער גענעראַל איז געשטאַנען אין קלוב „אָלד סקאָפּוס״ און אָנגעוויזן מיט אַ שטעקעלע אויף דער מאַפּע: אין סך הכל האָבן אַראַבער יידישן באָדן דריי הונדערט עטלעכע און דרייסיק קוואַדראַט קילאָמעטר און יידן אַראַבישן באָדן צוועלף הונדערט עטלעכע און אכציק קוואַדראַט קילאָמעטער. אין דער צווייטער מלחמה האָבן די אַראַבער פאַרנומען 50 קוואַדראַט קילאָמעטער און יידן — אויך 950 קוואַדראַט קילאָמעטער. איין יונג מדינהלע ביי זעקס אַלטע מדינות. דערפאַר האָט דאָס מאָל בערנאַדאָט אַזוי זיך געאיילט מיטן וואָפנשטילשטאַנד.

אַט אַזוי האָט אויסגעזען די מלחמה פון ישראל פאַר עליה און כיבוש. אַז יידן וועלן איצטער פאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט ווערן אַ גרויס פאָלק, וועט דאָס פאַרגאָסענע בלוט ניט זיין אומזיסט און מען וועט מער קיין בלוט ניט דאַרפן פאַרגיסן. מיט אַ הייפל יידן רייצט מען אָן אַראַבער צו קעמפן, מיטן יידישן פאָלק וועט דאָס קיינמאָל מער ניט גיין אין מלחמה אריין.

XXI

נגב און ירושלים

נגב און ירושלים. צוקונפט און פאַרגאַנגענהייט? ניין, צוקונפט און צוקונפט. פאַרגאַנגענהייט און פאַרגאַנגענהייט. ירושלים איז אויך צו־קונפט. און נגב האָט אויך פאַרגאַנגענהייט; דאָ ציט זיך אויך אַ פּאָדים פון אברהם און יעקב אבינו ביז אין אונדזערע טעג.

איך בין צוריקגעקומען קיין ישראל, ווייל איך האָב ניט געזען דעם נגב און ירושלים. איצטער איז שוין די צווייטע מלחמה געווען פאַרענדיקט. דאָס לאַנד איז שוין געווען פּאַרפּעסטיקט. די קאָמענדאַנטן, אָפיצערן און סאָלדאַטן האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעבן אַ שבועה, אין וועלכער זיי האָבן געשוווירן צו אָפּהיטן געטריי די מדינה, איר קאָנסטיטוציע און אירע קאָמפּעטענטע מאַכט־אינסטאַנצן און צו נעמען אויף זיך אָן באַ־גרענעצונג די דיסציפּלין־פליכט פון דער ארמיי און צו מקריב זיין דאָס לעבן ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און זיין פרייהייט.

אויף דער פּאַרלאַמענט זיצונג פון 15טן יולי האָט מען אויך געהאַט אָנגענומען ווי אַזוי די פאָן פון דער מלוכה זאָל אויסזען און ווי אַזוי דער עמבלעם. די פאָן אַנדערש ווי די ציוניסטישע פאָן: דריי האָריזאָנטאַלע פּאַסן — בלוי, ווייס, בלוי. זיבן שטערן אין דערמיט בילדן אַ מגן דוד. די לענג 120 סענטימעטער, די ברייט אַכציק. דער עמבלעם האָט אַ שופר, אַן אתרוג, אַ מנורה מיט זיבן פלאַמען. קיין עין הרע ניט 164 קינסטלער האָבן צוגעשטעלט פּלענער און סקיצן. אַ מלוכה פון אַזוי פיל קינסטלער. אָבער גאַסן־קערער פעלן, ברוך השם, אויך ניט. אָנגענומען האָט מען אַלס פאָן דעם פּלאַן פון א. וואשיל און אַלס עמבלעם — פון ווינד און סטאָצקי.

איז דאַרף מען דאָך אוודאי שוין פאָרן צום נגב. אַ פּאָר מאָל שוין געמאַכט פּרווון צו פליען. דריי מאָל געזעסן אין קליינעם עראָפּלאַן און דער אָנגעשטרענגטער אוויאַטאָר, וואָס האָט פריער אַזוי האַרציק געש־מייכלט, האָט געהייסן אַרויסגיין. האָב איך צייט געהאַט זיך צו באַקענען

דערווייל שריפטלעך מיט דעם נגב. אברהם און יעקב אבינו האָבן אים אָנטדעקט נאַטירלעך. די מאָסקווער ציוניסטישע געזעלשאַפט „שארית ישראל" האָט דעם נגב אַנטדעקט אינטואיטיוו אין יאָר 1911. זעקס טויזנט דונאַם ערד האָט זי דעמאָלט געקויפט און א קבוצה האָט זיך באַזעצט און גענומען אַרבעטן. געמאַכט אַ הויף, אַ הויז, געפלאַנצט מאַנדל־ביימער. אויסגעגראָבן אַ ברונעם פון 36 מעטער די טיף. אין 1917 האָט רוחמה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכטפעלד צווישן די טערקן און די ענגלענדער. אין 1936 ווען עס זיינען פאָרגעקומען די ביטערע געשעענישן, האָט מען רוחמה צעשטערט. דערנאָך האָט מען זיך ווידער אומגעקערט. און ווידער געמוזט פאַרלאָזן און ווידער אומגעקערט. און זיי האָבן אפילו ניט געוווּסט, אַז זיי זיינען אין נגב, פונקט ווי מאָליערס העלד האָט ניט געוווּסט, אַז ער רעדט פּראָזע. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זיינען אין ווייטסטן פונקט פון דרום. פונקט ווי מען האָט אַמאָל געזאָגט פון דן ביז באר שבע, האָט מען אין נייעם ארץ ישראל געזאָגט „פון מטולה ביז רוחמה".

דעם נגב האָט מען פולשטענדיק אַנטדעקט ערשט אין אָנהויב פון היינטיקן וועלטקריג. די ארץ ישראל געאָגראַפיע און מחברים פון ביכער פאַר טוריסטן דערמאָנען אַלס איינעם פון די הויפּט־אַנטדעקער דעם אומגעקומענעם בן יחיד פון דעם באַוווּסטן רומענישן ציוניסט א. ל. זיסו. אַ מולטי מיליאָנער איז א. ל. זיסו געווען, דער צוקער מאַגנאַט פון רומעניע. זיין זון איז געווען ביים אָנהויב אַ קאַפּריזנע מיליאָנערסקע זונדל. ער האָט זיך געקויפט אַן אויטאָ, גערדונגען אַן אַראַבישן שאָפער און ער איז אויסגעפאָרן אַ גרויסן טייל פון די אַראַבישע לענדער און ער איז דורך מצרים און נגב אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. זיסו איז יאָרן לאַנג געווען מיינער אַ פריינט און אין אונדזערע באַציונגען זיינען דורכגעגאַנגען — גוטנדיק סאָקאָלאָווס אַן אויסדרוק — אַלע פיר צייטן פון יאָר. פון די גרעסטע היצן ביז די גרעסטע זאַווערוכעס. און איך בין געווען אויף דעם ברית פון קליינעם זיסו און אים ניט איין מאָל געהאַלטן אויף מיינע הענט. דער מאָלער ראובן האָט געשילדערט מאָלעריש דאָס אויסזען פון זיסו־יוניאָר, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ישראל. דער שריפטשטעלער אליעזר שטיינמאַן האָט מיר דערציילט, אַז בעת זיין באַזוך ביי אים אין הויז, האָט ער אים געזאָגט, אַז אין קאָנפליקט צווישן די יידן און די אַראַבער זיינען די אַראַבער גערעכט און ער האָט אים כמעט געהייסן גיין פון זיין שטוב. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעביטן

און ער איז געוואָרן אַ פייערדיקער ציוניסט און ער האָט געגרייכט ביז צו די טויערן פון רעוויזיאָניזם.

דער יונגער זיסו האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן און ער האָט אָנגעהויבן האָבן געוויסע השפעה אויף די העכערע קרייזן פון די קאָנ־סערוואַטאָרס. ער איז אַוועק פרייוויליק אין קריג אריין אלס אַן אָפיצער אין „ראַף" (קעניגלעכע אַוויאַציע) און ער האָט זיך שוין ניט אומגעקערט. ער האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט די לאָנדאָנער העכערע קרייזן אויף דעם נגב, וואָס האָט זייער פּרוכטבאַרן באָדן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס זאַמד איז דאָרט אַ דינער שיכט און אונטן איז פאַראַן זייער פּרוכטבאַרער באָדן. דערצו קאָנסערווירט די ערד דאָ לאַנג פייכטקייט און מען דאַרף דאָ ווייניק וואַסער, אַ דריטל וויפל ערגעץ אַנדערש. און ער האָט אויך חושד געווען, אַז עס איז פאַראַן נאַפט אין נגב. די ענגלענדער האָבן זיך גוט צוגעהערט צום עקזאָטישן מיליאָנערסקע זונדל און זיי האָבן באַשלאָסן צו האַנדלען ווי יענער, וואָס גייט מקדש זיין אַ כלה פאַר זיין פריינט און איז זי מקדש פאַר זיך.

מען האָט גאַנץ גוט אויסגעפּאָרשט דעם נגב איידער מען האָט דאָרט אויסגעבויט די ערשטע פאַר קיבוצים. דאָס שווערסטע איז געווען מיט וואַסער. דאָס וואַסער פון רעגנס, וואָס מען זאַמלט צונויף אין גרי־בער, איז ניט גענוג. ווען מען וועט אמאָל דורכפירן לאָודערמילקס פּלאַן פון אויסנוצן די קוואַלן פון ירדן וועט דאָס דאָזיקע לייזן דאָס גאַנצע פּראָבלעם. מען האָט געוואָלט בויערן טיף און זוכן וואַסער, האָט די ענגלישע מאַנדאַטן מאַכט ניט געלאָזט ברענגען די געהעריקע מאַשינען. זי האָט ניט געוואָלט, אַז יידן זאָלן האָבן צופיל וואַסער. און זיי האָבן אויך מורא געהאַט מסתמא, אַז מיט אָט די מאַשינען וועט מען אַנטדעקן נאַפט. די אַריבער דרייסיק קיבוצים האָבן שוין דאָך וואַסער. פאַראַן רעגן גריבער, ברונימער און מען האָט שוין געצויגן אַ וואַסער־ליניע פון צפון. אין רביבים, איינער פון די וויטסטע פונקטן אין דרום, גייען וואַסער־רערן פאַר די נאָענטסטע קיבוצים. די וואַסער־ליניע האָט זיך שוין דעמאָלט געצויגן איבער הונדערט פופציק קילאָמעטער. די בעדואינער האָבן געלאַכט פון די יידן, וואָס האָבן געקויפט ביי זיי דעם באָדן און געזאָגט, אַז זיי וואַרפן דאָס געלט זייערס אין זאַמד אריין. דערנאָך האָבן זיי געזען, אַז די יידן קענען עפּעס מער פון זיי. זיי האָבן ביי די יידן געקראָגן אַזאַ וואַסער, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט. די יידן האָבן זיי אויך געגעבן וואַסער, אָבער זיי נוצן דאָס נאָר צום טרינקען,

פאַר היגיענישע צוועקן דאַרפן זיי ניט קיין סך וואַסער... דעם מופּטים חברה האָבן געוואָלט אויפרייסן די וואַסער־רערן פון נגב, כאָטש דאָרט זיינען פאַראַן אַ זיבעציק טויזנט בעדואינער, וואָס זיינען קלוימערשט זייערע ברידער. דאָס היטן די וואַסער־רערן געהער מסתמא צו די גרעסטע העלדישקייטן אין נגב. אין 1945 זיינען דאָרט געווען נאָר זעקס יידישע קיבוצים און היינט זיינען דאָרט פאַראַן אַריבער דרייסיק און יעדעס מאָל ווערט מער.

דער נגב איז ניט אומעטום גלייך אין קלימאַט. ער גרייכט ביז קיין סדום, וואָס איז די נידריקסטע דעפּרעסיע אין דער וועלט. קנאַפּע פיר הונדערט מעטער אונטער דעם ים ניוואָ. ביי סדום איז אייגנטלעך ניט קיין קיבוץ, נאָר אַ גאַרניזאָן. און דער קיבוץ אַרבעט נאָר ווינטער־צייט ווייל אום זומער־צייט איז אומעגלעך. מען אַרבעט איבערהויפּט ביי אַרויסנעמען פּאָטאַש פון ים המלח.

באר שבע געפינט זיך אייגנטלעך ביים סאַמע גרענעץ פון נגב און שפלת פלשת. אין דעם „יון"־באַשלוס פון 29טן נאָוועמבער איז באר שבע ניט אַריין אין דער יידישער טעריטאָריע. ווען איך בין געפלויגן צום נגב, איז באר שבע געווען אין אַראַבישע הענט, היינט איז דאָס ביי יידן. עס איז ניט טאַקע דאָס באר שבע פון חומש. יענץ איז לאַנג חרוב געוואָרן. פון די זיבן ברונעמער, וואָס באר שבע האָט געהאַט אין אברהם אבינוס צייטן, זיינען געבליבן נאָר צוויי, פיר זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן און איינער איז אויסגעטריקנט געוואָרן. און די דאָזיקע, וואָס טרינקען וואַסער אין באר שבע, טרינקען טאַקע פון אברהמס ברונעם. דאָס היינטיקע באר שבע האָט די טערקישע רעגירונג אויסגעבויט אין יאָר 1900, ווען זי האָט שוין געהאַלטן אין ירידה און זי האָט געוואָלט זיך באַווייזן מיט כח. זי האָט דעם באָדן פאַרקויפט זייער ביליק. פּונקט ווי די ענגלענדער האָבן ביי רוחמה דורכגעבראָכן דעם טערקישן פראָנט, האָבן זיי אויך ביי באר שבע דורכגעבראָכן דעם פראָנט און אַלענבי איז פון דאַנען געגאַנגען קיין ירושלים. און היות דער הויפּט־וועג קיין ירושלים איז ביז היינט ניט זיכער צוליב אַ קליינעם שטח ביי לאַטרון, איז באר שבע היינט אַ לעבנס פּונקט פאַר דער אייביקער שטאָט. און באר שבע קען טאַקע ווערן אַ הויפּט־צענטר פאַר דעם נגב.

אַ וויכטיקער פּונקט פאַר דעם נגב און ביים נגב איז דער עקבאַ־אויסגוס. עס איז אַ פּונקט, וואָס געפינט זיך ביים גרעניץ צווישן עבר הירדן און נגב. עס איז ביים באַרימטן א י ל ת ־ א ו י ס ג ו ס פון

רויטן ים (דער ים סוף, וועלכן משה רבינו האָט געשפּאָלטן). 175 קילאָמעטער האַלט דער אילת־אויסגוס און דער מערב־ברעג זיינער געהער אינגאַנצן צו עגיפּטן. פון מזרח־ברעג געהערן 105 קילאָמעטער צו סאודי אַראַביע, 9 קילאָמעטער געהער צו עבר הירדן און 12־10 קילאָ־מעטער האָט מען באַשטימט פאַר די יידן. און ניט גרינג האָט ישראל באַקומען יענע עטלעכע קילאָמעטער. וויצמאַן איז צוליב זיי דעמאָלט ספּעציעל געפאָרן צו טרומאַנען און מען האָט אוועקגעגעבן פאַר זיי דריטהאַלבן מיליאָן דונאַם אין מערב גליל. מסתמא האָט מען אויסגע־רעכנט, אַז עס לוינט. מען קען אין עקבא האָבן אַ פּאָרט, וואָס וועט פאַרבינדן ישראל דורך דעם רויטן ים מיט אינדיע און דרום־אַפריקע, אויסער דעם זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך פיש. פאַראַן דאָרט אַ פיש מיט איין אויג, וואָס זעט אויס ווי איבערגעשפּאָלטן. אַראַבער רופן אים משה פיש (סאַמעך מוסיי). זיי זאָגן, אַז ווען משה האָט דאָ געשפּאָלטן דעם ים, האָט ער צעשפּאָלטן דעם פיש אויף צווייען. עגיפּטער האָבן דאָ געהאַט אַפּרו־פלעצער אויף דעם וועג קיין מעקא. אום ווינטער, ווען אין ירושלים איז מוראדיק קאַלט, קען מען צופאָרן אַהער און זיך אָנוואַ־רעמען. מען וועט דאָ אַמאָל מאַכן אַ ווינטער־פּלאַץ ווי אין פלאָרידאַ.

דער נגב פון רוחמה און באר שבע ביז רפיח און דעם מדבר סיני ווינקט מיט אַ גרויסער צוקונפט פאַר דעם פּרייז פון אומגעהייער שווערער אַרבעט, וואָס נאָר יידן וועלן זי מאַכן. יידן וועלן גיבן דעם מאַרך, דעם שווייס, דאָס בלוט. ערגעץ נעבן באר שבע איז אַמאָל געווען אליהו הנביא און ער וועט מסתמא נאָך אַמאָל זיך באַווייזן און ברענגען בשורות דעם נגב.

יאָ! עס איז געקומען די ריכטיקע צייט, ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן און ער איז געפלויגן און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אין אַ כוואַליע פון זאַמד האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז אַ מין „עראָדראָם", וואָס זעט אויס ווי אַ ים פון זאַמד. און ווען דער עראָפּלאַן בלייבט שוין שטיין, זעט מען גאָרניט, חוץ זאַמד. עס דאַרף געדויערן אַ היפּש ביסל, ביז וואַנען דו הייבסט אָן זען אַ שטיקל וועלט אויסער דעם זאַמד. פּאַוואָליע באַווייזט זיך די לבנה. אַז מיר זיינען אָנגעקומען ביינאַכט, שטויסט איר זיך אַליין אָן. בייטאָג פליט מען ניט אַהין. יעדנפאַל איז מען דעמאָלט בייטאָג ניט געפלויגן. און דער הימל איז אַזוי גרויס, אַז ווי גרויס די לבנה זאָל ניט זיין, זעט זי אויס ווי אַ

פינטל. אָבער ליכטיק שיינט זי דאָ, די לבנה. מען זעט ממש אָנצושרייבן אַ בריוול ביי איר.

דער ערשטער איינדרוק איז דער שטאַרקסטער אין נגב — אַן אַנדער מין וועלט. סאַהאַרא און עפּעס אַנדערש. סאַהאַרא און יידישע קעפּ און יידיש האַרץ... איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער באַלד ווי איך האָב דערזען דעם נגב, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין לעצטן מאָל זיין אין פּאַריז און דווקא אין דעם מאָמענט, ווען איך בין געווען אין אַ קאַבאַרעט מיט אַ ניויאָרקער פריינדין מיינער, וואָס האָט געהאַט אַ טראַגישע איבערלעבונג. דאָרט, אין קאַבאַרעט, האָט מען געמאַכט אַלערליי קונצן מיט ליכט און מען האָט קיין איין מאָל ניט דערגרייכט דעם ליכט־עפעקט, וואָס די לבנה גרייכט דאָ... דאָרט האָט געשמעקט מיט סוף וועלט און דאָ שמעקט מיט אָנהויב וועלט. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך בין אין דער מיט פון בראשית און טאַקע ערב בראשית. אָט באַלד וועט מען דאָ באַשאַפן אַ וועלט. מען וועט זאָגן „יהי" און עס וועט ווערן און זיין. אָבער דעם „יהי" וועט דאָ ניט זאָגן גאָט, נאָר דער מענטש.

און עפּעס בראשיתדיקס איז שוין אָפּגעטון דאָ, אַ שאָסיי ציט זיך שוין דאָ אַוועק אויף אַ סך קילאָמעטער. דער „סולל ובונה" האָט דאָ אויסגעבויט דעם שאָסיי אין דער צייט פון די שלאַכטן ביי אַלאַמיין. אפשר ווען ניט יענער שאָסיי, וואָלט היטלערס שליח געגרייכט ביז אַהער. אַז מען ראַטעוועט אַ מיידל, קריגט מען זי פאַר אַ כלה, יידן האָבן דעמאָלט געראַטעוועט ארץ ישראל.

יעדער קיבוץ איז דאָ אַ פעסטונג. דאָס איז זייער אמת. עס איז אָבער ליידער אמת, אַז יעדער קיבוץ איז דאָ אַ צעשאָסענע פעסטונג. יעדער קיבוץ איז דאָ אַ שטיק נגבה. מען וווינט דאָ אין די בונקערס. מען גראָבט זיי אויס טיף און פעסט און מען וווינט אין זיי.

איך קען ניט פאַרגעסן דעם באַזוך אין אַ בונקער פון נירים. דאָס איז אַ קיבוץ ווייט, ווייט אין דרום. ווייטער פון רביבים. נירים הייסט צעאַקערט פעלד. דאָס לידל זינגט נאָך:

ניר, ניר, נירו,
שיר, שיר, שירו.

דאָ גייט טאַקע אַרבעט מיט געזאַנג. אַרבעט, קאַמף און געזאַנג. איך בין אַראָפּ אין בונקער אַריין אין נירים און עפּעס האָט געשיינט די זון. עס איז יאָ די זון, צי ניט די זון? בין איך אַראָפּגעגאַנגען, צי אַרויפּ־

געגאַנגען? צי בין איך אין דער הייל, וווהין מעפיסטאָ האָט געפירט פאַוסטן? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ בחור אַ מעכאַניקער האָט געשאַפן אַזאַ קאָמבינאַציע פון שפּיגלען מיט בלעכן, וואָס ברענגט אַראָפּ די זון אונטער דער ערד. און עפּעס איז פאַרבליבן ביי מיר אַ פראַזע, וואָס האָט אין מיר געטאַנצט ביז משוגעת:

אין נגב שיינט די זון אויך אונטער דער ערד.

(און ווען איך גרייט איצטער מיין בוך צום דרוק און איך קאָרעגיר אָט אַ די שורות, דערמאָן איך זיך די טעג, ווען שוין זייענדיק אין בוענאָס איירעס, האָב איך ניט אויפגעהערט צו לייענען די ענגלישע פּרעטענזיעס אויף דעם נגב און די שרעק, אַז מען וועט צונעמען דעם נגב האָט מיך דאָך קיינמאָל ניט איבערגעשראָקן. ווען איך האָב געלייענט וועגן דער באַנייטער מלחמה אין נגב, האָב איך שטענדיק געגלויבט, אַז דער נגב וועט בלייבן יידיש, ווייל — אין נגב שיינט די זון אויך אונטער דער ערד און ווייל איך האָב געזען די פּנימער ביים שיין פון יענער זון און איך געדענק זיי און איך בין זיכער, אַז זיי מוזן נאָר זיגן...)

פאַראַן קיבוצים אין נגב, וווהין דער שונא האָט ניט געקענט צוקומען, ווי אַ שטייגער, גבולות. דער שונא איז דאָ די זאמד און די גאַנצע נאַטור, וואָס מען קומט ביי. עס וואַקסן אין גבולות אפילו וויינטרויבן. די לאָזעס שמייכלען צום מדבר. אַ מערקווירדיקער קיבוץ איז צאַלים. פאַראַן אין דאָרטיקן טורעם אַ דיאַמאַנטן־שלייפעריי. און מען האָט דאָרט אויך בשעת מלחמה געשליפט שטיינער. „צאַלים" איז דער נאָמען פון אַ בוים, וואָס זעט אויס געגנוי ווי אַ שירעם. דאָס וואָרט „צאַלים" האָט אַ שייכות מיט „צל" — שאָטן.

אין נגב לעבן יידן בשלום מיט די בעדואינער. די בעסטע פריינט זיינען די בעדואינער פון די יידן. זיי דינען אין פרידנס־צייט און אין קריגס־צייט געטריי זייערע יידישע שכנים, וואָס גיבן זיי וואַסער און שפּייזן און פאַרטיידיקן זיי. אָ, ווי זיי ווילן ניט, אַז די אַראַבער זאָלן מער אַהער קומען און זיי זיינען ניט די איינציקע, די דאָזיקע בעדואינער, וואָס ווילן בעסער יידישע הערשאַפט ווי אַראַבישע. פאַראַן ערגעץ אַנדערש די דרוזן. פאַראַן חשבונות צווישן אַראַבער און אַראַבער. דעם קריג פירן אָן די דאָזיקע פריצישע אַראַבער, וואָס נעמען זיך צו אַלצדינג און דעם פאָלק גיבן זיי גאָרניט.

מען דערמאָנט מיר, אַז נאָך אין יאָר 1903 האָבן בעדואינער געשיקט אַ דעלעגאַציע צום „יידישן קעניג" הערצל, אַז ער זאָל זיך פאַרייניקן

מיט זיי קעגן דער טערקישער מאַכט, וואָס האָט זיי דעמאָלט שטאַרק געדריקט. די בעדואינער האָבן פאַרגעלייגט אַ סך באָדן די יידן, מיליאָנען דונאַם, טאַקע אין נגב האָבן זיי דעם באָדן פאַרגעלייגט, ביי באר שבע. זיי האָבן געזאָגט: „יידן האָבן חכמה, בעדואינער האָבן גבורה, לאָמיר פאַרייניקן אונדזער גבורה מיט אייער חכמה און זיגן". הערצל האָט אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס פאַר יענעם פאָרשלאַג, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינגנבענען קיין ארץ ישראל. ער האָט געוואָלט עפנטלעך רעכטלעך. מסתמא זיינען עס געווען די זיידעס און טאַטעס פון די דאָזיקע בעדואינער, וואָס העלפן מיט זייער מדבר־קענטעניש באַפרייען דעם נגב פאַר די יידן און פאַר זיך אַליין. און יידן ווייזן, אַז זיי האָבן נישט נאָר חכמה, נאָר אויך גבורה.

דער נגב האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַריבער דרייסיק קיבוצים. אַלע האָט מען ניט געקענט באַזוכן. זיי האָבן פאַרנאַכט געהאַט קאָנטאַקט צווישן זיך דורך ראַדיאָ, דורך עראָפּלאַנען, אָבער אייניקע זיינען געבליבן גאַנץ איזאָלירט. מען האָט זיי געשפּייזט פאַר דעם פּרייז פון שווערע אָנשטרענגונגען. מיך האָבן גערירט ביז טרערן און ביז דערהויבונג די קיבוצים פון שומרי תורה, ווי סעד, בארות יצחק. צעשאָסענע הייזער און גלויבן אין הארצן. אַ ספר תורה אין בונקער און אַ נר תמיד ביי אים. עס ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן דאָרט דאָס יידישע ליכט. איך זע אַלע פּנימער פאַר די אויגן און איך פרעג זיך: וויפל פון יענע אויגן זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן און וויפל הערצער זיינען קאַלט געוואָרן אין דער צייט פון „פריִדן" און אין דער צייט פון דער פירטאָגיקער מלחמה? וויפל יאַטן און יאַטעכעס ווי זונען, זיינען פאַרלאָשן געוואָרן?

די נגב־רייזע מיינע, פול מיט שוועריקייטן, שרעק און פּאַניק איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פלי איבער נגב אין אַ קליין עראָפּלאַנדל, וואָס מען רופט אַ „פרימוס"...

עס ליגן ביי מיר צוויי ביכער אויף דעם טיש. ביכער פון און וועגן צוויי יאַטן, וואָס זיינען שוין ניטאָ. איינער האָט געהייסן נועם גראָסמאַן און דער צווייטער יהיעם ווייץ. דער ערשטער איז געווען דער זון פון העברעאישן דיכטער ראובן גראָסמאַן, דער פאָטער און דער זון זיינען ביידע געבוירן געוואָרן אין נאָרד אַמעריקע. נועם איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1927 און אין 1929 איז זיין פאָטער מיט אים אַוועק קיין ארץ ישראל. נועם האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה פון פינף פונקטן, אין וועלכער ער הייסט: 1) ברענגען אים צו קבורה אין נחלת יצחק, ביי ירושלים;

2) ניט שרייבן ווען אים אין קיין צייטונג; 3) דאָס געהאַלט און אַנט־שעדיקונג, וואָס מען וועט באַקומען פאַר אים, אַוועקגעבן דעם אירגון; 4) זיין פאַרמעגן צוריקגעבן דער פאַמיליע; 5) ניט באַוויינען אים. ער האָט געשריבן אויף העברעאיש: „אל תספידוני,עשיתי את המוטל עלי”. איר זאָלט מיך ניט באַוויינען, איך האָב געטון מיין פליכט. דער פאָטער שרייבט: „איך בין צו קליין דאָס צו דערפילן.” ער קען ניט ניט וויינען. אַן אַנדערער, אַ פרעמדער, אַז ער זעט נועם גראַסמאַנס בילד און דאָס בילד פון די אַנדערע נועמס קען אויך ניט ניט וויינען.

יחיעם ווייץ איז געווען דער זון פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער און קרן קימת טוער יוסף ווייץ. ער איז געפאַלן נאָך פאַר צוויי יאָר, ווען ער האָט איינגענעם מיט אַ גרופע חברים, אויפגעריסן די בריק, וואָס פאַרייניקט ארץ ישראל מיט סיריע. אויף זיין נאָמען איז פאַראַן אין מערב גליל אַ געוואַגטער ישוב. דער פאַרלאַג „עם עובד” האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט פריוואַטע בריוו פון יחיעמען. צו די עלטערן, צו פריינט און צו אַ מיידל האָט יחיעם געשריבן זיינע בריוו. צום אינטערעסאַנטסטן זיי־נען די בריוו צום מיידל רעמאַ. דער בחור ווייזט אַרויס דעם גרעסטן אינטערעס פאַר מוזיק. ער האָט דורך דער מוזיק געזוכט „אין גרויסן ים זיינע טראָפנס ליכט”. יחיעם שרייבט, אַז ער וואָלט געקוקט אויף זיין רע־מאַן, אַזוי ווי דעמאָלט ווען ער הערט דעם דריטן קאָנצערט פאַר פיאַנאָ פון בעטהאָווען, ווען עס שפילט דער לעצטער רעקאָרד און ער וואַרט „אויף די לעצטע טענער פון אונטערגאַנג”. דער לעצטער קלאַנג איז פאַר אים אַ דערשלאָגענער און ער איז „אַזוי יסודותדיק קאָנצענטרירט, אַז עס ווערט פאַר אים פאַרלוירן אַלץ, וואָס איז קאָנקרעט.”

יעקב פיכמאַן שרייבט, אַז ער קען זיך ניט זעטיקן מיט נועמס שטראַלנדיקייט פון אויג און מיט זיין לויטערקייט פון געלעכטער.

אַזוי האָבן אויסגעזען די געפאַלענע נועמס און יחיעמס און אַזוי זעען אויס די לעבן געבליבענע, די דאָזיקע, וואָס בויען און פאַרהיטן ווייטער די נגבס, די גלילס, די עמקס... אַזוי האָבן אויסגעזען די געפאַ־לענע און די לעבן־געבליבענע כרמלהס, אביבהס, עזהס, רותים, עופרהס. איך האָב אין נגב געזען פרומע סאָלדאַטקעס — דאַכט מיר פון דער חשמונאים אָפּטיילונג — אויפשפרייטן פרייטיק באַנאַכט וויים פאַ־פיר אויף אַ שטיקל היפש צעשטערטן פלאַץ און אַנידערשטעלן ליכט אויף שטיקער האָלץ און אָנצינדן זיי און בענטשן ליכט און שעפּטשען שטיל לכו נרננה.

פון נגב קיין ירושלים. מ׳קען אפילו גלייך פון דאַנען פאָרן אַהין, אָבער איך בין צוריקגעפאָרן קיין תל אביב און פון דאָרט מיט דעם בורמאַ־וועג אין דער אייביקער שטאָט, ווייל דער ריכטיקער וועג איז נאָך אַלץ געווען איבערגעריסן אויף איין פלאַץ. א לעגענדע דערציילט, אַז די כנסת ישראל האָט זיך געקלאָגט פאר דעם רבונו של עולם, וואָס אַמאָל איז זי געגאַנגען קיין ירושלים איבער דעם ריכטיקן וועג, אונטערביימער און היינט ברענט די זון אין קאָפּ; אַמאָל איז זי געגאַנגען מיט קוישן ביכורים אויף דעם קאָפּ און מיט געזאַנג און היינט גייט זי שווייגנדיק און שטום. מיר איז באַשערט געווען צו פאָרן קיין ירושלים ניט דורך דעם ריכטיקן וועג, וואָס איז אויף איינעם פון די בעסטע שאָסייען, נאָר דורך ימים זאמד און בערג שטיינער.

די זעכציק קילאָמעטער, וואָס טיילן אָפּ ירושלים פון תל אביב דאַרף מען מאַכן אין אנדערטהאַלבן שעה, אָבער צוליב א קליין שטיקל וועג נעבן לאַטרון, וואָס געהער צו קיינעם ניט, מוז מען פאָרן מער ווי א האַלבן וועג ניט מיט דעם צענטראַלן שאָסיי און מען מוז זיך שאָקלען אין שטויב און איבער שווערע באַרג־אַרויפן און באַרג אַראָפּן אין משך פון פערטהאַלבן, אָדער טאָקע פיר שעה.

ניט דורך דעם אַראַבישן שטח דאַרף מען פאָרן, נאָר „אין קיינעמס לאַנד", ווילן די אַראַבער ניט דורכלאָזן און זיי זיינען גרייט צו שיסן אויף די דורכפאָרער. איי ס׳איז דאָך ניט זייער שטח? ער איז אָבער קיין יידישער אויך ניט. די יידן האָבן א ברירה אויך זיי ניט דורכצולאָזן. זיי פאָרן סיי ווי ניט. וווהין זאָלן זיי פאָרן, אַז סיי יפו און סיי תל אביב געפינט זיך אין יידישע הענט. אוודאי קענען די יידן באַוואָפענען די קאראוואַנען אויטאָבוסן און דאָך דורכפאָרן, דאַרף מען דאָך איינ־שטעלן לעבנס און סתם זיך שפּילן מיטן לעבן ווילן יידן ניט. עס גייט ניט אין קיין שום אַמביציע, נאָר אין לעבן. און חוץ דעם וואָלט באַוואָפענען די קאראוואַנען געמיינט פּראָוואָצירן קריג און דאָס דאַזיקע וויל די יידישע מדינה בשום אופן ניט. די אַראַבער און די ענגלענדער ווילן זייער, אַז די יידן זאָלן אָנהייבן, ווילן די יידן דאָס דאָזיקע זיי דווקא ניט צוליב טון...

פילט מען שטאַרק דאָס פאָרן פון תל אביב קיין ירושלים. מען פאָרט און ס׳טרייסלט אַזוי, אַז מען גיט צומאָל א שפרונג שיר ניט ביז אין דער סטעליע. אָבער דאָס טרייסלען איז ניט אַזוי שווער, ווי דער שטויב מיט וועלכן דער האַלדז און די אויגן דאַרפן זיך אָנעסן. דעם האַלדז קען

מען נאָך ווי עס איז ניט פאַרהיטן דורך דעם, וואָס מען האַלט פאַרמאַכט דאָס מויל. צו די אויגן איז קיין מיטל ניטאָ. דער זאַמדיקער שטויב דרינגט דורך אויך די שוואַרצע ברילן. מוז מען אַ שטיק וועג שווייגן, זיך שאָקלען און ערשט גאָר ניט זען. און דעם איינדרוק האָסטו, אַז וואָס צו זען איז דווקא פאַראַן. די בערג קייטלען זיך דאָ אַרום אַ טאָל עפּעס ווי יידן רינגלען ארום אַ תורה. אויף איין פּלאַץ איז דאַכט זיך פאַראַן אַ גאַנצער מנין בערג, וואָס קוקן אַלע אַראָפּ צו דעם איינעם טאָל, וואָס שטייט אין דער מיט. על פּי שכל, וואָלטן די בערג געדאַרפט זיין די מיוחסים, זיי זיינען דאָך אויבן, אָבער ווען אַ טאָל איז דאָ נאָר איינער און בערג אַ סך, ווערט דער טאָל דער מיוחס, כאָטש ער איז אונטן. אין ארץ ישראל זיינען די טאָלן סיי ווי מיוחסים. פאַראַן דאָרט אַזוי פיל פרוכטבאַרע טאָלן (עמקים)!

די איינציקע טאָלן צווישן די סך בערג אויפן וועג קיין ירושלים זיינען ניט אַזעלכע, וואָס מען זאָל קענען באַזעצן און פרוכטבאַר מאַכן, זיי זיינען דערווייל נאָר צום קוקן. און זיי זיינען אייגנאַרטיק און מען דערזעט זייער אייגנאַרטיקייט אפילו ווען מען האָט פולע אויגן מיט זאַמד און מיט שטויב... אַמאָל דאַכט זיך אויס, אַז די אַרומיקע בערג, די קליינע ריזן, האָבן זיך אונטן געמאַכט גריבלעך אויף צו שפּילן זיך מיט זיי.

איך הייב אויף די אויגן העכער און העכער און איך שיט אויס דעם גאַנצן שטויב און זאַמד פון זיי — רבונו של עולם, בין איך טאַקע אין די סאַמע „הרי יהודה"? בין איך טאַקע אין אָט אָ די בערג, וועגן וועלכע איך האָב אַזוי פיל געלערנט קינדערווייז און אין דער יוגנט אין תנך? זיינען עס טאַקע יענע בערג, וווּ איך האָב געבלאָנדזשעט קינדערווייז אינאיינעם מיט יהושוען און מיט די מכבים און — מיט וועמען ניט? ערגעץ דאָרט איז אילון, ווי יהושוע האָט זיך געיאָגט נאָך די כנענים. אָט אַ דאָ ערגעץ האָבן די חשמונאים געהאַט שווערע קאַמפן... די גאַנצע געגנט האָט געהערט צו די גבעונים און באַקומען האָט זי דער מיזינעק פון די צוועלף שבטים, בנימין. דאָ איז ערגעץ פאַראַן „בארות", וואָס איז געווען אַ צענטער צווישן ירושלים און שכם. איך האָב אַמאָל געלייענט, אַז דאָ האָט מען געפונען וויכטיקע רעשטן פון דער בראָנז־עפּאָכע — אַ קימא לן אפשר פון פינף טויזנט יאָר צוריק.

איך וואָלט איינגעדרימלט און איך וואָלט אין חלום איבערגעלעבט אַלץ, וואָס שטייט אין תנך וועגן אָט די בערג; אָבער דער אויטאָבוס אונדזערער טרייסלט אַזוי, אַז מ׳קען אַ רגע ניט איינדרימלען אפילו

אויף אַ העלפֿט און מען מוז אַן אויפהער פילן די ווירקלעכקייט און מ׳קען אין קיין חלום ניט פאַרוויגט ווערן; און אפילו ווען דער אויטאָבוס איז שוין אַרויס אויף דעם צענטראַלן וועג און איבער אים געלאָפן די לעצטע 22 קילאָמעטער, האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ער טרייסלט. די אינער־ציע פון טרייסלען איז געבליבן. און אָט אַזוי האָבן מיר זיך פאַרביי־געגליטשט און געמיינט, אַז מיר טרייסלען זיך פאַרביי נעבן מוצא, וואָס איז פון איין זייט אַראַביש און פון איין זייט יידיש. די יידישע זייט איז פול און די אַראַבישע זייט איז אויסגעליידיקט. איך טו אַלצדינג ניט אַריינצובלאָנדזשען אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל איך וואָלט פון איר ניט אַרויסגעבלאָנדזשעט... „מוצא”, ווערט דערמאָנט נאָך איז „יהושוע”. אָט דאָרט איז דאָס תנכ׳ישע ”צובא”, וואָס טראָגט איצט דעם אַראַבישן נאָמען „סאבא” — די יידן האָבן „צובא” פאַרנומען באַלד נאָך דעם ערשטן וואָפנשטילשטאַנד. און אַ דאָ ערגעץ האָבן יידישע יונגעלייט געוווּנען אַ שווערע שלאַכט און דערשאָסן דעם סאמע קאָפּ פון אַראַבישן לעגיאָן בכבודו ובעצמו.

און יענער בארג הייסט „נבי סומאיל”, וואָס מיינט „שמואל הנביא” און אָט דאָרט ערגעץ איז גביש און אביסל ווייטער „מכבש”, די פּלעצער, ווו מען האָט געפירט שווערע קאַמפן מיט די פלשתים און דאָ אַרומער זיינען געקומען די רוימער... און יענער קוואַל הייסט „קדרון” (קידראָן) און אָט אַ דאָ איז שייך זשעראַך, וואָס געפינט זיך עד היום אין די הענט פון די אַראַבער, ווייל די ענגלענדער האָבן עס זיי איבערגעגעבן. שייך זשעראַד האָט זיך געפונען אין יידישע הענט, אָבער איידער די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, זיינען זיי גע־קומען מיט אַ מוראדיקער מיליטערישער קראַפט און די יידן פאַריאָגט. אָפיציעל האָבן זיי אָנגעגעבן אַ תירוץ, אַז זיי דאַרפן האָבן דאָס פּלאַץ, ווייל זיי דאַרפן דאָרט אַרומער צוריקציען זייער מיליטער, געקומען זיינען זיי באַוואָפנט ווי צו אַן אַרמיי כאָטש פון הונדערט טויזנט סאָלדאָטן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָר צענדליק יידישע יונגעלייט האָבן קיין ברירה ניט געהאַט און זיי האָבן אָפּגעטרעטן. און אַזוי ווי ענגלענדער האָבן נאָר פאַרלאָזט די פּאָזיציע, האָבן זיי גלייך אַריינגעזעצט אַהין אַראַבער און זיי האָבן זיי געלאָזט אַ סך געווער. און אַ דאַנק אָט דעם שווינדל האָבן די אַראַבער געקענט פאַרנעמען די אַלטע שטאָט פון ירושלים. שייך זשעראַך פאַרבינדט די אַרומיקע אַראַבישע וועלט דירעקט מיט דער אַל־טער שטאָט...

דער קאָפּ הייבט מיר אַזש אָן שווינדלען — איך מאַך דורך אַ וועג פֿון אַ סך טויזנטער יאָרן. פּלשתים, טיטוס, בעווין — **אבדאלא... איך** פֿאָר ניט איבער דעם שטח פֿון דיסטאַנץ, נאָר איבער דעם שטח פֿון צייט. יעדער שפּאַן איז דאָ אָנגעזעטיקט מיט בלוט. טויזנטער יאָרן בלוט... איך באַפֿריי זיך פֿון דעם געדאַכטן טרייסלען, איך עפֿן ברייטער די אויגן און וויש זיי אַרום פֿון אַלע זייטן פֿון די גאַנצע שיכטן שטויב, וואָס האָבן זיך אויף זיי אָנגעלייגט און איך טו אַלצדינג צו זיין מער וואַך ווי איך קען און איך קוק זיך אַרום און איך שטעך איבערהויפּט אַריין די אויגן אין דער ערד אַריין. זי איז ניט אַזאַ פּרוכטבאַרע די מאַמע ערד דאָ, זי איז זאַמדיק, שטייניק און קריידיק. מען דאַרף דאָ שווער האָרעווען צו מאַכן וואַקסן ביימער און גרינס. דאָ זיינען פֿאַראַן נאָר גרינע פּינטלען, דער גאַנצער אַרום איז געל. גרין איז נאָר דאָרט, וווּ די יידן האָבן געגאָסן שוויים און בלוט. די אַראַבישע שטחים זיינען וויסט.

פֿאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי געשלאָגן איבער אָט דער ערד?

וואָס פֿאַר אַ נוצן האָבן פֿון אָט די שטיינער געקענט האָבן די פּלישתים?

די רוימער האָבן דאָ געזוכט וועלט־הערשאַפֿט.

פּונקט ווי די ענגלענדער זוכן עס.

דאָ אַרומער גייט דער וועג צו אַ גאַנצער וועלט, וואָס וועלט־הערשער ווילן פֿאַרכאַפּן, אָדער אָנהאַלטן.

אָבער וואָס האָבן דאָ יידן געזוכט?

מיר יידן, האָבן קיין וועלט־מאַכט קיינמאָל ניט געוואָלט ווערן.

מיר האָבן אפשר געוואָלט ווערן אַ גייסטיקע וועלט־מאַכט.

קיין וועלט־אימפּעריע האָבן מיר קיינמאָל ניט געוואָלט ווערן.

פֿאַרוואָס זשע האָבן מיר דאָ פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל בלוט?

אָט אַזוי אָ קוק איך מיט אויפֿגעריסענע אויגן און איך שטעך זיי אַריין אין די שטיינערדיקע בערג און זאמדיקע טאָלן און איך פֿיל, איך ווער אליין איין פֿרעגצייכן. אַלץ אין מיר קאָרטשעט זיך **איין אין דרייען און** פֿרעגט:

וואָס, אז ניט קיין ברויט און ניט קיין מאַכט?

מען האָט געזאָגט, אַז ארץ ישראל איז אַ לאַנד, וואָס רינט מילך און האָניק, אָבער ניט וועגן ירושלים האָט מען עס געזאָגט. פֿון די שטיי־נער דאָ רינט ניט קיין מילך און ניט קיין האָניק. און וואַסער האָט ירושלים נאָר פֿון צוויי קוואַלן — קדרון און „מעין לפתה". מען דאַרף

ברענגען אַהער וואַסער פון ווייט. וויפל מאָל מען האָט באַלאַגערט ירושלים, אַזוי פיל מאָל האָט מען די שטאָט געפּרוווט מער אויסדורשטן ווי אויס־הונגערן. און וואַסער איז דאָך אַזאַ עיקר אין לעבן. וואַסער צום טרינקען און וואַסער צום וואַשן זיך. פאָרנדיק אָט אַ דאָ, הער איך אויף צו וויסן צו וואָס איז וויכטיקער דאָס וואַסער — צום טרינקען צי צום וואַשן זיך...

דורשט פּייניקט און אומריינקייט דערנידעריקט;

וואָס זשע איז ערגער: פּיין, צי דערנידערונג?

פאַר וואָס זשע פאַרט האָט עס אַזוי געצויגן די יידן אַהער, אַז הונגער, דורשט נאָך געטראַנק און דורשט נאָך אַ באָד פאַר דעם לייב האָבן דאָ אַזוי אָפּט געפּייניקט און דערנידעריקט?

אָט אַזוי אַ פרעגט זיך אין מיר און איך פיל פונדעסטוועגן, אַז אַלץ אין מיר ציטערט אַהער. איך האָב דעם דאָזיקן ציטער דערפילט באַלד ווי איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס צו פאָרן אַהער, אָבער דעמאָלט איז עס געווען צוליב דער ירושלימער סוגעסטיע פון דורות... דעמאָלט איז עס געווען דער ציטער פאַר דעם, וואָס איך פאָר קיין ירושלים, אין דער שטאָט, וועמענס נאָמען איך הער אַריבער פופציק יאָר, וואָס באַטרעפן אַריבער פופציק טויזנט יאָר... דעמאָלט איז עס געווען צוליב דעם ציטער פאַר ירושלים, וועגן וועלכער איך הער און זינג טרויער לידער און פרייל־עכע לידער אַ גאַנץ לעבן. האָט דאָך מיין טאַטע געזונגען בשעת חדוה אויף רוסיש:

ירושלים סלאַווני גאָראָד,
ליודי גאָוואָרילי,
זאַטאַ מי טודאַ 1
פּאָ טרי ראַזאַ וו׳נאָדו כאָדילי.
עי אילי דאַ פּילי
ליודי באָגאַ כוואַלילי.

(ירושלים איז אַ טייערע שטאָט, האָבן מענטשן געזאָגט, דערפאַר זיינען מיר אַהין דריי מאָל אין יאָר עולה רגל געווען — אוי, האָט מען גע־געסן און געטרונקען, די מענטשן האָבן גאָט געלויבט).

איצטער האָב איך דערפילט דעם צויבער פון ירושלים אַליין און אָט אַ דער צויבער האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ מאָדנע ציטער נאָך איידער איך בין אָנגעקומען קיין ירושלים. איך האָב מיט דעם דאָזיקן ציטער דער־פילט, ווען מיר זיינען מיט אונדזער אָמניבוס אַרויס פון די בערג מיט שטיינער און דעם ים מיט זאַמד און מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן באַרג־אַרויף

אויף דער ערד, וואָס הייסט נחלת יצחק. מיר האָבן אָנגעזען דאָס אַראַבישע דאָרף מיט דעם רוימישן נאָמען קאַסטעל. דאָס איז דאָס פּלאַץ, ווו עס איז געווען אַן אַלטע פעסטונג און ווו עס קומען פאַר קאַמפן שוין באַלד ניינצן הונדערט יאָר. דער וועג איז דאָ ממש ווי אַ שלאַנג. אַז דו ביזט אים שוין אַרויפגעפאָרן, זעסטו אונטן זיבן שלענג. די ענגלענדער רופן אָט דעם וועג זיבן שוועסטער. אַנטקעגן דאָרט אַ באַרג, וואָס הייסט „נבי סומאיל" — שמואל הנביא, וואָס האָט פאַרקרוינט און אויסגעקרוינט שאָול המלך. אַרום און אַרום, אונטן און אויבן איילבירט־וועלדער, וויינגערטנער. מיר זעען שוין ירושלים. אָט, אָט...

עס איז אַמאָל געווען אַ מנהג, אַז ווער עס האָט געזען ירושלים פון



ביים כותל המערבי

דער ווייטן, האָט געדאַרפט רייסן קריעה אויף דעם צייכן פון צער אויף דעם חורבן און זאָגן אָט אָ די ווערטער ישעיה הנביאס:

„דיינע הייליקע שטעט זיינען געוואָרן אַ מדבר.
ציון איז אַ מדבר געוואָרן. ירושלים אַ וויסטעניש.
אונדזער הייליק און אונדזער פּראַכטיק הויז,
ווו אונדזערע עלטערן האָבן זי געלויבט, איז אַוועק אין בראַנדפייער
און אַלע אונדזערע גלוסטיקייטן זיינען געוואָרן צו וויסט."

און איך וועל דאָך אין ירושלים פון מיינע אייביקע חלומות ניט זיין, ווייל עס איז ערשט ניט לאַנג אַריינגעפאַלן צו פרעמדע הענט. איך וועל דאָך ניט זיין אין דער אַלטער שטאָט (עיר העתיקה), ווו עס זיינען פאַראַן דער כותל המערבי, די מערת המלכים, די מערת ניקנור, די חורבות פון

יהודה החסיד. איך וועל דאָך אפילו ניט קענען זיין אויף דעם הר הצופים. דאַרף איך דאָך טאָפּלט רייסן קריעה...

אָבער דעם הייליקן ציטער פון אמתן ירושלים פיל איך דאָך. דער גאַנצער אַרום פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם.

עס איז ניט נאָר דאָס האָבן דאָס געפיל, אַז דו שפּאַנסט דאָרט ווו עס האָבן געשפּאַנט ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, עמוס, דוד און שלמה המלך א. א. וו. א. א. וו. עס איז פאַראַן עפּעס אַזאַ מין שיין אין דער גאַנצער לופט און אין הימל, וואָס רופט אַרויס ביי דיר אַ מאָדנע געפיל און מאַכט דיר פאַרשטיין פאַרוואָס דאָ זיינען געווען נביאים און נאָר דאָ און פאַרוואָס דאָ האָט איין מלך געזונגען די שענסטע הימנען צו גאָט און



מגדל דוד

אַ צווייטער מלך האָט געזאָגט אַ סך פון די טיפסטע מענטשלעכע חכמות, כאָטש דער ערשטער מלך האָט אַליין ניט שטענדיק נאָר געדינט גאָט און דער צווייטער האָט ניט שטענדיק געלעבט מיט חכמה...

מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין ירושלים אויסערלעך ווי עפּעס אויף אַ מאַרק. אייגנטלעך זיינען מיר אַהין אויך געפאָרן ווי אויף אַ מאַרק. עס זיינען געפאָרן דריי אויטאָבוסן מיט די מוזיקער פון תל אביבער סימ־פאָנישן אָרקעסטער, וואָס האָבן געדאַרפט געבן אין דער אייביקער שטאָט צווי קאָנצערטן. מען האָט דעם אויסגעהונגערטן ירושלים געשיקט ממשותדיקע שפּייז און עס האָט פאַרלאַנגט אויך גייסטיקע שפּייז. און די מוזיקער זיינען מסתמא אַלע זייער אָנגענעם, ווען זיי שפּילן, אָבער

בעת דעם פאָרן זיינען זיי געווען גאַנץ פיינלעך. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט דייטש און פויליש און ביידע לשונות האָבן מיר דאָ ניט געקלונגען צו אַנגענעם. זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ ניט טאָלעראַנטע באַציאונג צו די פּאָר יידיש־ריידנדיקע יידן, וועלכע מען האָט אַריינגעזעצט אין זייער גרענעץ. וואַרשיינלעך האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז די „פּרעמדע" — ניט מוזיקער, הייסט עס — פאַרנעמען זייערע פּלעצער, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ אָפענע שנאה צו יידיש. איך האָב זיך ליידער געמוזט איבערצייגן, אַז ביי אייניקע דייטשע יידן איז פאַרבליבן די שנאה צו אַלץ, וואָס איז יידיש... דערצו איז אין וועג קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר פון איינעם פון די דריי אמניבוסן און מען האָט די פּאַסאַזשירן געדאַרפט איינטיילן צווישן די אַנדערע צוויי און ס'איז געווען אַ פיינלעכע ענגשאַפט און ביי יעדן שאָקל איז איינער געפאַלן אויף דעם אַנדערן. דערצו איז אַלע מאָל געווען אַן אַנדער „בקורת" (קאָנטראָל) און איין מאָל האָט די זאַך געדויערט גאַנצע פינף און פערציק מינוט, ווייל דער מפקד (שעף) האָט געהאַלטן, אַז די דערלויבעניש, וואָס דער שאָפער האָט, איז ניט גענוגנדיק. דער דאָזיקער מפקד האָט באַטראַכט מיין דערלויבעניש צו פאָרן און ער האָט געזאָגט ניט מער און ניט ווייניקער: „אתה בסדר, אבל התזמורת לא בסדר" — דו ביזט אין אָרדענונג, אָבער דער אָרקעסטער (דאָס הייסט, די דערלויבעניש פאַרן אָרקעסטער) איז ניט אין דער אָרדענונג. איך האָב אים אַזש געזאָגט: „אַז יידן וועלן ווערן גוים, וועלן זיי ווערן טעמפּער ווי אמתע גוים. דו פאַרשטייסט ניט, אַז עס איז עפּעס אַ טעות און אַז ווען מען שיקט אין איצטיקן מאָמענט אַזאַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, קען ניט זיין, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין דערלויבעניש."

דער מפקד איז געבליבן ביי זיין טעמפּקייט און געזאָגט, אַז ער מוז אָנפרעגן טעלעפאָניש אין ירושלים און דאָס דאָזיקע האָט געדויערט דריי־פערטל שעה מיט אַ שמיץ.

איך האָב געקוקט אויף די רענצלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין אויטאָבוס. זיי זיינען אַלע געווען גרוי און צוגעדעקט מיט דיקע שיכטן ערד. פון די רענצלעך האָב איך פאַרשטאַנען ווי אַזוי איך זע אויס. איך האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז איך דאַרף ניט קוקן אויף די רענצלעך, ווייל איך קען דאָך קוקן אויף די מענטשן... און איך האָב טאַקע באַלד געזען, אַז די מענטשן זעען אויס ווי גרויע שדים. די רענצלעך זיינען געשטאַנען אין דורכגאַנג און ביז מען האָט זיך אַרויסגערוקט פון אויטאָבוס האָט געדויערט און איינער איז געפאַלן אויף דעם צווייטן און אַלע זיינען

געװען נערװעז. דערצו האָבן אייניקע מוזיקער געשלעפּט די אינסטרומענטן מיט זיך. און אַרום די אויטאָבוסן זיינען געשטאַנען אַ סך, אַ סך ירושלימער. אייניקע האָבן געװאַרט אויף פריינט, אַנדערע האָבן געװאַרט אויף פּעקלעך, אַנדערע האָבן סתּם געקוקט נייגעריק, מענטשן פון תּל אביב זיינען דעמאָלט געװען ניט װייניקער חידוש װי אַמאָל אין די קליינע שטעטלעך מענטשן פון אַמעריקע. און עס האָבן ניט געפעלט קיין טרעגער מיט און אָן האַנט־װעגעלעך, װאָס האָבן געריסן די פּעקלעך און רענצלעך פון די הענט. צװישן די טרעגער זיינען געװען יידן פון איבער זעכציק יאָר און קינדער פון צען־צװעלף יאָר. כּמעט אַלע מיט לאַנגע פּאות, אויב ניט ביז צו דער ערד, איז זיכער, ביז צו די קני. גע־װען אויך געזונטע און הויכע צװישן די טרעגער, אָבער צום מיינסטן זיינען געװען שװאַכע און קרענקלעכע. די אויסגעהונגערטקייט פון דער באַלאַגערונג איז זיי געלעגן אויף די נעז און האָט ארויסגעקוקט פון זייערע טרויעריקע אויגן. מען האָט געדאַרפט זיין אַ גזלן יאָ צו געבן זיי די רענצלעך און מען האָט געדאַרפט זיין אַ גזלן ניט צו געבן. כאָטש שטעל זיך אַנידער און פרעג האַמלעטיש: „געבן אָדער ניט געבן דאָס רענצל?" האָב איך געפּרוּװט סתּם געבן אַ פּאָר פּיאַסטער אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צען, האָט ער דאָס שטאָלץ אָפּגעװאָרפן מיט דעם זאָג: „אני לא רוצה נדבה, אני רוצה לעבוד" (איך װיל ניט קיין נדבה, איך װיל אַרבעטן). דאָ און דאָרט זיינען געװען אין סאַמע מיט יריד און משוגעים הויז רירנדיקע סצענעס — אַ מאַמע האָט זיך צעקושט מיט אַ זון, װעלכן זי האָט שוין אַ צייט ניט געזען. און יעדער איז געפאָרן אין אַן אַנדער געגנט. ירושלים האָט אַ ניט גרויסן צענטער און אַ סך „שכונות" (געגנטן), װאָס טראָגן אַזעלכע נעמען װי: רחביה, כּרם אברהם, תּל ארזה, תּלפּיות, קאַטאַמאָן, מאה שערים, שכונת הקורדים, שכונת הבוכרים א. אַ. װ. א. אַ. װ.

און די אַלע אָנגעקומענע און זייערע אָפּװאַרטער האָבן אָנגערופן די נעמען פון די אַלע געגנטן, אייניקע האָבן אָנגערופן די נעמען פון האָטעלן. צו אָט דעם רויש האָט זיך אַלע מאָל געדאַכט, אַז מען הערט אַ שאָס. געדאַכט? ניין, מען הערט טאַקע און גאַנץ פון נאָענט.

— װאָס שיסט מען?

— צלפים?

— האַ?

און דו דערװויסט זיך, אַז די אויסגעצייכנטע אַראַבישע שיסער (צלפים) װאַרטן געדולדיק אין באַהעלטענישן און װען זיי באַמערקן, אַז

עס גייט אַ ייד אויף אַ דיסטאַנץ, וואָס זייער קויל קען טרעפן, שיסן זיי... דאָס איז סתם אַזוי, בשעת וואָפנשטילשטאַנד. און עס פאַלן געגוג טויטע פון זייערע שיסערייען.

— יידן האָבן ניט קיין צלפים?

— אוודאי האָבן זיי; און אפשר בעסערע אויך. אָבער יידן פירן ניט אַזוי אַ קריג און יידן צעשטערן ניט דעם וואָפנשטילשטאַנד און יידן וועלן זיך ניט אַנידערשטעלן אויף אַכט שעה, בכדי אַמאָל צו דערשיסן סתם אַן אַראַבער...

אַט אַזוי האָט אויסגעזען מיין אָנקומען קיין ירושלים און פונדעסט־וועגן האָב איך וויניקער פון אַלץ געפילט דעם טאַראַראַם פון „משוגענעם יאריד" און מער פון אַלץ האָב איך געפילט, אַז איך בין אין ירושלים

די גאַס בן־יהודה אין ירושלים

און אַז דאָ איז עפּעס אַלץ אַנדערש. שטייניקע און זאַמדיקע בערג, שטיי־ניקע און זאַמדיקע טאָלן און אַנדערש. די שיין פון טאָג איז אַנדערש. ביי דוד בערגלסאָנען איז פאַראַן אַ קריסטלעבע אַם, וואָס זייגט אַ יידיש קינד און זי פּילט, וואָס אַמאָל מער, אַז זי קריגט ליב דאָס יידישע „באַיסטרוקל" (ממזרל), וואָס זי זייגט... איך בין ניט קיין גוי און ירושלים איז ניט קיין קליין יידיש קינד, וואָס זייגט, אָבער עפּעס האָט זיך מיר דאָס אַלץ „אַריינגעזויגן" אין האַרצן און אין בלוט אַריין און אויך די אויגן מיינע זיינען געוואָר אַנדערש. איך זע די מויער פון דער אַלטער שטאָט, די באַרימטע „חומה" און איך פּיל דעם כותל המערבי הינטער איר, אָבער אַט אַ דאָ ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וו די אויטאָבוסן האָבן זיך אָפּגע־

שטעלט, איז די גאַס „בן יהודה" און זי איז העכער האַלב חרוב. און איך געדענק גאַנץ גוט, אַז דאָס האָבן די ענגלענדער געטון און זיי האָבן דאָס געמאַכט פּחדנותדיק. זיי האָבן געלייקנט, אַז זיי האָבן דאָס געטון. אַבציק יידן זיינען דעמאָלט אומגעקומען. צום מיינסטן זיינען דאָס געווען אַנגעשטעלטע. געווינט האָבן זיי אין געפּערלעכע ערטער און זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט און באַזעצט אין צענטער פון שטאָט, בכדי צו ראַטעווען זיך. אָט דאָרט איז דאָס הויז פון דער יידישער אַגענץ און נעבן דעם — דאָס געוועזענע הויז פון קרן היסוד, ווו לייב יפה איז אַזוי הייליק אומגעקומען מיט נאָך יידן. פאַר מיר זיינען אָט די חורבות אויך — שטיקער כותל המערבי. — — —

איינע פון מיינע אַלטע באַקאַנטע, וואָס באַגעגנט מיך און דערקענט מיך, זאָגט צו מיר מעשה אפיקורס: „מיר האָבן זיך באַפרייט פון דעם סענטימענטאַליזם פאַר דער אַלטער שטאָט. פאַר אונדז איז דער עיקר דאָס לעבן וואָס גייט פאָרויס. פאַר אונדז איז דאָס נייע ירושלים אויך הייליק"... באַפרייט פון סענטימענטן און רעדט דאָך וועגן הייליקייט. א פרוי א מע־דיקער האָט עס אַזוי גערעדט צו מיר. איך האָב זי געקענט, ווען זי איז געווען א מיידעלע פון צען יאָר. אַ טאָכטער פון אריסטאָקראַטיש־ציונים־טישע עלטערן, איז זי דווקא געווען אַ פרעמדלעכע צו אַלע יידישע ענינים. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פראַנצויזישן פּאַנסיאָן און אירע שפּראַכן זיינען געווען דייטש און פראַנצויזיש, אויסער דער לאַנד־שפּראַך רומעניש. יידיש האָט זי ניט ליב געהאַט צו ריידן, העברעאיש האָט זי ניט געוואָלט ריידן. היינט רעדט זי אַ פּרעכטיקן העברעאיש און אויך אַ זייער שיינעם ליטווישן יידיש. זי איז דורכגעדרונגען מיט דער הייליקייט פון ירושלים, כאָטש זי רעדט וועגן באַפרייען זיך פון סענטימענטאַליזם. און אין איין שעה אַרום האָט מען מיר געוויזן אַן אַלטן יידן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער אַלטער שטאָט און האָט געלעבט אין איר פינף־און־זיבעציק יאָר. „קיין איין מאָל — זאָגט ער מיט געוויין — בין איך ניט געשלאָפן אויסער די מויערן"... איך וויל אים איינריידן, אַז „ירושלים" איז ירושלים" און ער זאָגט, אַז ס'איז נאָר דאָ איין ירושלים... און אַן אַלטער וועלטלעכער תושב פון ירושלים, אַ זשורנאַליסט, האָט מיר באַלד ביי מיין אָנקומען געזאָגט: „די עיר הבירה" פון ארץ ישראל איז ירושלים, כאָטש די סאָציאַ־ליסטישע „מפא"י" וויל דאָס ניט, ווייל זי וויל זיך באַפרייען פון „היי־ליקן באַלאַסט"..

אין תל אביב האָב איך קיינמאָל ניט געהערט ריידן וועגן תל אביב.

אין חיפה האָב איך קיינמאָל ניט געהערט ריידן וועגן חיפה...
אין ירושלים רעדט מען עפּעס נאָר וועגן ירושלים...
איך אַליין האָב קיינמאָל נישט אַזוי געפילט, אַז איך בין ערגעץ, ווי איך פיל איצטער מיט אַ ציטער, אַז איך בין אין ירושלים....

ירושלים איז אנדערש פון אַלע שטעט אין ארץ ישראל, די מענטשן פון ירושלים זיינען אנדערש פון די מענטשן אין אַלע אנדערע שטעט.

אוואדאי זיינען אין איצטיקן מאָמענט אָט א די ביידע אנדערש צו־ליב דער מלחמה און צוליב דער באַלאַגערונג.. פיר וואָכן דורכאנאנד איז ירושלים געווען אָפיציעל אינגאנצן איזאָלירט. ניט אָפיציעל איז יאָ גע־ווען אַ פארבינדונג, אָבער א ניט צו־אָפּטע מען האָט עפּעס אריינגעפירט דורך דעם „בורמא־וועג" (די לייענער געדענקען געוויס, אַז אין ווייטן מזרח איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ שווערער וועג דורך „בורמא" און יידן, וועלכע עס פעלט קיינמאָל ניט קיין חוש פאר הומאָר, האָבן דעם שווערן וועג קיין ירושלים אַ נאָמען געגעבן „דרך בורמא" און נאַיווע פרעגן: וואו איז בורמא?) פאקטיש האָט מען עפּעס אַריינגעגנבעט קיין ירושלים, ניט טאקע ממש אריינגעפירט. דערנאָך איז די שטאָט ווידער געווען איזאָלירט אין משך פון צען טעג.

די שטאָט איז געווען אַ באַלאַגערטער פראָנט. די גאנצע שטאָט איין פראָנט. איך וועל ניט זאָגן קיין גוזמא, ווען איך וועל באהויפּטן, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין שטוב אין ירושלים, וואָס זאָל ניט געווען אריינכאַפּן באַטש איין קויל. איז ניט געלעכערט די סטעליע, איז געלעכערט א וואנט, איז ניט געלעכערט די וואנט, איז געלעכערט א טיר. איך רייד שוין ניט וועגן גאנצע געגנטן, וואָס די הייזער זיינען דאָרט — אינוואלידן...

און פּונקט ווי עס איז ניטאָ קיין איין שטוב, וואָס האָט ניט געכאַפּט קיין שאָס, פּונקט אַזוי איז ניטאָ קיין איין משפּחה, וואָס האָט ניט געליטן באַטש מיט איין לעבן! עס זיינען געשען אַ סך נסים אין ירושלים, קוילן זיינען אָפּט אריין אין שטיבער אריין און אין בעטן אַריין, ווען קיין מענטשן זיינען דאָרט ניט געווען. ווער עס איז געווען ביי דער אַרבעט, ווער ביים דאַווענען, ווער אויפן פראָנט. יאָ, דער פראָנט איז אויך געווען אַ רעטונג־פּלאַץ! אָבער עס זיינען געשען א סך נסים און עס זיינען געפאלן א סך קרבנות! און די געפאלענע זיינען געבליבן אין די לעבעדיקע און זיי באַ־צירן זיי —

מיט שטאָלץ און מיט טרויער...

אוי, ווי מען דערקענט אויף יעדן איינעם, וואָס האָט געבראַכט א

קרבן, אז ער האָט אים געבראַכט! און וו איז די מורא פאַר דעם, וואָס קען געשען? ווי קען מען איבערגעבן, וואָס די טאַטעס און מאַמעס האָבן איבערגעלעבט, ווען זייערע זין און טעכטער זיינען געווען אויפן פראָנט ביי דער אַלטער שטאָט, ביי שייך זשעראַך און ביי קאַטאַמאָן? ווער קען איבערגעבן אָט די שרעק און אָט די האָפענונג? מאַמעס ווייזן אָן מיט די פינגער: אָט א דאָ האָט מען זיך געשלאָגן און א דאָרט... ווי גרויס איז עס גאַנץ ירושלים? 100 טויזנט יידישע איינוווינער, א דרייסיק טויזנט נים־יידישע. (די נים־יידישע זיינען כמעט אַלע ניטאָ) אָפט האָט מען זיך געשלאָגן מיט אַ דריי שטיבער ווייטער און נים איין מאָל איז געזעסן א מאַמע און האָט געבעטן, אז די קויל, וואָס וויל טרעפן דעם זון אירן, זאָל איר טרעפן...

און אויסער דעם אַלעמען איז מען דאָך מענטשן און מ׳האָט געליטן הונגער און דורשט און מאַנגל אין וואַסער. פאַר זיך האָט מען ווייניקער געזאָרגט. עסט מען ווייניקער. האָט מען ווייניקער קאַלאָריען וויפל מען דאַרף, פּאַרלירט מען אביסל וואָג. אָבער די קינדער? אַביסל מילך פאַר א זויג־קינד אפילו איז אַ פאַנטאַזיע. אייניקע האָבן אויסגעפונען, אַז ברויט און איילבירטן־בוימייל פאַר די קינדער איז איבערגענוג. און אַ סך קינ־דער זיינען טאַקע געבליבן געזונט פון אָט דעם עסן. אַנדערע איז עס נים געווען גענוג. און דער מאַנגל אין וואַסער איז נאָך אַן ערגערער פּיין. פון דאָרשט האָט מען נים צופיל געליטן, אָבער וואַשן זיך גענוג האָט מען נים געקענט. פון קיין באָדן זיך האָט מען אפילו נים געחלומט. און ס׳איז דאָ נאָך עפּעס ערגערס ביים מאַנגל אין וואַסער, עפּעס, וואָס דער־נידעריקט... ירושלימער, וואָס זיינען געווען איו תל אביב, האָבן דער־ציילט נסים: „ס׳איז דאָך דאָרט ווי אין אַמעריקע: מען גיט אַ צי, גייט וואַסער"... וואָס פאַר אַ שוידערלעכער קאַשמאַר עס איז, ווען מען גיט א צי און עס גייט נים קיין וואַסער...

ווען איך בין געווען אין ירושלים האָט שוין געהאַלטן בעסער מיט וואַסער. מען האָט געגעבן אַ האַלבן עמער וואַסער אויף אַ מענטשן א טאָג. דער דאָזיקער האַלבער עמער האָט געדאַרפט קלעקן אויף טרינקען, אויף קאָכן, אויף וואַשן זיך, אויף וואַשן וועש. דאָס וואַסער מיט וועלכן מען וואַשט זיך, האָט מען חלילה נאָך נים אַרויסגעגאָסן, מען האָט מיט דעם נאָך געוואַשן די פּאָדלאָגע און מיינט נים, אז דערנאָך האָט מען עס שוין אַרויסגעגאָסן, מען האָט עס נאָך צונויפגענומען און גענוצט דאָרט, וו מען גיט אַ צי און עס גייט נים קיין וואַסער.

עלעקטריש ליכט איז שוין טיילווייז געווען אין ירושלים, ווען איך בין געווען, אָבער ניט שטענדיק און ניט אומעטום. אַ שעה, אַ צוויי אין אָוונט איז געווען אָט אין איין פערטל שטאָט און אָט אין אַ צווייטן. פריער איז גאָרניט געווען קיין „חשמל" (עלעקטריק) און מען האָט זיך גענוצט מיט לאָמפּן און מיט ליכט. מיר איז גראָד אויסגעקומען זיך צו באטייליקן אין אַ מסיבה אין אַ שטוב, ווען עס איז קיין עלעקטריק ניט געווען און איך האָב געפילט דעם טעם פון אַ קעראָסין־לאָמפּ און אַ סטעאַרין־ליכט...

איך האָב נאָך באַוויזן צו פארזוכן די גאַנצע גאַמע ליידן און מאַנגל אין ירושלים. איך בין היינט געווען אויף אַ פאַרווייַלונג אין הויז פון אַ וויכטיקן ירושלימער מנהיג, וואָס שטאַמט פון קעשענעוו און מאָרגן האָב איך אין זעלביקן הויז געדאַרפט גיין „מנחם־אבל" זיין, ווייל דער אײדעם פון יענעם מנהיג איז געפאַלן פון אַ קויל פון אַן אַראַבישן „צלף"; (אויסגעצייכנטן שיסער) איך האָב געזען ווי די יונגע פרוי פון געפאַלע־נעם, אַ מאַמע פון אַ צוויי חדשימדיקן זון, אַ צוואַנציק־יאָריקע, וואָס האָט געהאַלטן פּופצן חדשים נאָך דער חתונה, איז נעכטן אין אָוונט געווען פול מיט לעבנס־פרייד און מאָרגן איז זי געווען פול מיט טרויער און דאָך מיט שטאָלץ און מיט גלויבן...

אוודאי האָט די מלחמה און באַלאַגערונג אַנדערש געמאַכט די מענטשן אין ירושלים. פאַראַן אַ גרויסע געגנט אין ירושלים, וואָס הייסט „קאַטאַמאָן"; די דאָזיקע געגנט איז געווען באַזעצט מיט אַראַבער און גריכן און מ'האָט פון איר געהאַט גרויסע צרות. מען האָט זי געמוזט איינגעמען און די מלחמה איז דאָרט געווען אַ געפערלעכע. שיסנדיק אויף דעם שונא האָט מען דאָך אַמאָל געעקנט טרעפן אין זיך אַליין. און דער קאַמף פאַר דער אַלטער שטאָט איז דאָך פאַרגעקומען פונקט אַזוי נאָענט, ווי די שלאַכטן אין קאַטאַמאָן. די אַלטע שטאָט ווערט דאָך אָפּגעטיילט פון דער נייער נאָר דורך אַ מויער... און די מפּלה אין דער אַלטער שטאָט קען אָנפילן מיט ניט ווייניקער שטאָלץ, ווי דער זיג אין קאַטאַמאָן! קיין שום אַנדער פאָלק וואָלט אַזוי לאַנג ניט געהאַלטן די אַלטע שטאָט! וואָ־רום די איינוווינער פון דער אַלטער שטאָט זיינען צום מיינסטן ווער? רבנים, רביים, מקובלים, סתם בטלנים און בעטלער, וואָס פלעגן זיצן אויפן וועג צו כותל המערבי, אומגעהייער אַ סך אַלטע לייט און אַ היפּש ביסל בלינדע צווישן זיי. און זיי האָבן דאָס געדאַרפט קעמפן מיט דער הילף פון אביסל סאָלדאַטן! און זיי זיינען געווען איזאָלירט, אַרומגערינגלט

מיט אַן אַראַבישן ים, נים האָבנדיק קיין שפּייז און קיין וואַסער. און ווען מען מוז ניט באַוואָרענען די וועגן, אַז אויך ניי־ירושלים זאָל ניט אָפּגעשניטן ווערן, וואָלט מען די אַלטע שטאָט ניט געוווען אויפגעגעבן!

אָבער ווערליק די לײדן פון דער מלחמה און דער באַלאַגערונג, זעען די מענטשן נאָך אויס אַ סך בעסער, ווי מ׳קען דערוואַרטן. עס איז אָפּ־געפאַלן פון זיי, די מערסטע זיינען אָפּגעצערט און דאַר, אָבער זיי זעען ניט אויס קרענקלעך און זיי זעען ניט אויס קראַנק. אַ פרוי, וואָס געפינט זיך דאָ ערשט אַנדערהאַלבן יאָר און זי איז אַהער געקומען פון אַרגענ־טינע, האָט מיר געזאָגט: „דערציילט מיינע שוועסטער, אַז איך בין ניט קראַנק און ניט טרויעריק"! (און עס איז טאַקע אַזוי) זי האָט דאָס מיר געזאָגט אויף שפּאַניש און אירע שפּאַנישע ווערטער האָבן אין ירושלים געקלונגען ווי יידיש.



דער העברעאישער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים

די אַנדערשקייט פון די ירושלימער יידן שטאַמט ניט פון קריג און פון דער באַלאַגערונג, נאָר זי שטאַמט פון ירושלים. אַלץ איז דאָ אַזוי אָרעם און דאָך אַזוי רייך. אָרעם בחומר און רייך אין גייסט. אַ קליין שטעטל, דאַכט זיך, און די מענטשן זיינען דאָ גרויסשטאָטישער ווי אין תל אביב און חיפה און אפשר אויך ווי אין ניו יאָרק און אין בוענאָס איירעס! זיי האָבן ניט קיין טעאַטערס, זיי האָבן אפילו ניט קיין רעכטע קאַפע־הייזער, ווו זיך צונויפקומען, זיי פאַרברענגען אין די אייגענע הייזער אין גאַנץ שמאָלע קרייזן און די האָריזאָנטן זייערע זיינען גרויס־שטאָטיש און ברייטע. אָבער די אַנדערשקייט באַשטייט דאָ ניט גראָד

אין דער גרויסשטאָטישקייט, זי באשטייט אין א געוויסער גייסטיקייט.

ניט אַלע זיינען דאָ גייסטיק. מסתמא זיינען דאָ פאראַן גייציקע אויך און געלט־גייציקע אויך. עס זיינען פאראַן באהאַלטענע גבירים אדירים — בפּיעל ממש מיליאָנערן — איבערהויפּט צווישן די ספּרדי־שע אידן, וואָס האָבן זעקעלעך מיט גאָלד און ליגן אויף זיי אזוי ווי מייז אויף רענדלעך; זיי האָבן פון זייער געלט קיין שום הנאה ניט, אוי־סער דעם, וואָס זיי פילן, אז זיי האָבן געלט... אָבער זייער צאָל איז ניט גרויס. די מערסטע מענטשן דאָ האָבן לחלוטין ניט קיין געלט־חלומות.

איך רייד שוין ניט וועגן די יידן פון דער אַלטער שטאָט, די בעט־לער, די מקובלים, די זקנים, די בלינדע... אָט א די זיינען בלויז גייסטיקע אַריסטאָקראַטישקייט! יאָ, אויך די בעטלער! זיי זיינען אָפּגעקומענע די בעטלער, זיי פלעגן זיצן אין הייליקסטן ווינקל פון דער וועלט, אויפן וועג צום כותל המערבי און היינט זיצן זיי ווייטער מיט אפשר פיר קילאָמע־טער פון דאָרט, ערגעץ אין א קאַטאַמאָן, אין א תלפּיות... אָבער זיי האַלטן פאַסאָן. זיי נעמען די נדבה דערפאר, וואָס זיי זיינען געזעסן און זיי וועלן זיצן ביים כותל המערבי און ווייל זיי האָבן דאָרט געדאַוונט און זיי וועלן דאָרט דאַווענען, און זיי זיינען ניט אינדיווידואַליסטיש. קריגט איינער א גרעסערע נדבה, טיילט ער זיך מיטן אנדערן. און ווי אַריסטאָקראַטיש עס זעען דאָ אויס די אַלטע און היפּש אָפּגעריסענע זקנים. עס שטראַלט פון זיי מיט חכמה, זיי קוקן ניט אויף אייך חלילה פון אויבן אראָפּ, אָבער מיט רחמנות קוקן זיי יאָ אויף אייך! ווו ווייסט איר דאָס דאָזיקע, וואָס זיי ווייסן? און ווער וועט אייך גאַראַנטירן, אז איר וועט קומען אין זייערע יאָרן? „עס איז דאָך אזא זכיה צו זיין אַזוי אלט ווי איך בין — האָט מיר געזאָגט אַ זקן פון אַ יאָר ניינציק — און צו קענען זיין אויס־געטון פון די מערסטע תאוות... איך פיל דאָך ברך השם, שוין נאָר דער תענוג פון לעבן און דינען השם יתברך...״ איך האָב געפילט, אז פון קנאה ליידט ער מסתמא נאָך יאָ אמאָל, אָבער איך האָב אים ניט געוואָלט צעשטערן די אילוזיע...

די אַלע יידן, וואָס זיינען אנטלאָפן פון דער אַלטער שטאָט, האָבן אַריבערגעבראַכט מיט זיך די דאָזיקע שטאָט. מען האָט מיך אין תלפּיות און אין קאַטאַמאָן געפירט אויף דעכער צו זען די אַלטע שטאָט. איך בין פון איר אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט מעטער און איך האָב געזען די „חומה״ (מויער), דעם „מגדל״ (טורעם), איך האָב אפילו ווייט אַהין דערשפּירט מער ווי געזען דאָס פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך דער מוטער רחלס קבר

אויף דעם וועג קיין חברון, אָבער דערפילט די אַלטע שטאָט האָב איך איבערהויפּט אין קאַטאַמאָן, ווו מען האָט באַזעצט די גערעטעוועטע פון דער „עיר העתיקה". זיי האָבן אַריבערגעבראַכט מיט זיך אי די הייליקייט, אי אַביסל פון שלעכטן ריח פון דער אַלטער שטאָט... אַ סך פון זיי האָבן געלעבט אונטער דער ערד, אין מינים שטיבער, ווי היילן און ווי גריבער און זיי בענקען אַהין צוריק, כאָטש אין יענע אונטערערדישע דירות וועט זיך שוין קיינער ניט אומקערן.



דער מוטער רחלס קבר

אַ סך פון די געוועזענע איינוווינער פון דער אַלטער שטאָט האָבן זיך מאָדערניזירט. זיי האָבן ניט אויסגעטון די קאַפּאָטעס און זיי האָבן ניט קירצער געמאַכט די בערד און פאות. אָבער זיי האַלטן, אַז ס'איז איצטער אַ צייט ניט צו לערנען, נאָר צו אַרבעטן. „עת לעשות לה' הפירו תורתכם — ווען מען דאַרף טון פאַר גאָט, דאַרף מען שטערן דאָס לערנען. מען זעט היינט אין ניי־ירושלים אַן אַ שיר אָרטאָדאָקסישע יידן מיט פאות

ביז צו די קני — צום ווינציקסטן! — וואס ארבעטן ביי די שווערסטע ארבעטן, פאר דער פארפעסטיקונג. זיי טראגן אייזן, קלאפן אריין איי־זערנע סלופעס, דעקן צו דעכער מיט אייזן. איך האב געזאגט, אז זיי טוען ניט אויס די קאפאטעס, זיי טוען זיי יא אויס! צו דער ארבעט טוען זיי זיי אויס. און די טלית קטנס מיט די ציצית פלאטערן אויף דעם ווינט איניינעם מיט די לאנגע פאות. מען זעט ביי אט דער ארבעט ניט נאר יונגע ישיבה בחורים, נאר אויך מיטליאריקע, ראש ישיבות און מקובלים. אין ירושלים איז די „אגודת ישראל" שטארקער ווי אומעטום. זי האט דא א טעגלעכע העברעאישע צייטונג און א באדייטנדיקע השפעה און זי האט א סך ארבעטער. עס איז מער ווי מאדנע צו קוקן ווי אזוי א גרופע יונגע בחורים מיט פאות ווי צעפ טראגן אראפ אייזן פון א וואגן, אדער קלאפן מיט האמערס. עס איז אן עקזאטיש בילד, וואס רופט ארויס שטוינונג און באוווּנדערונג.

צום וויפלטן מאל קעמפט מען אזוי פאר ירושלים?

עס זיינען טאקע פאראן אלטע יידן, וואס זיינען קיינמאל ניט גע־שלאפן „אויסער די מויערן" און זיי וויינען אויף דעם, וואס זיי מוזן עפ איצטער טון און זיי פילן אין דעם א גרויסע שטראף, אבער די מערסטע פון די ארטאדאקסישע יידן האבן אקצעפטירט אויך די נייע שטאט פאר דעם אמתן ירושלים און זיי זיינען גרייט צו ארבעטן פאר איר מיט שווייס און בלוט און צו קעמפן פאר איר ביז צום לעצטן טראפן בלוט...

אבער אויך די מאדערנע יידן פון ירושלים זיינען אנדערש ווי די יידן פון גאנץ ארץ ישראל. זיי זיינען גייסטיקער אין זייערע אמביציעס און מער אויסגעטון פון די „הבלי עולם הזה", יעדנפאלס אין פרט פון געלט און פון וועלן לעבן אין לוקסוס. די מערסטע איינוווינער פון ירושלים זיינען, אויסער ארבעטער און אינטעלעקטואלן — דאקטוי־רים, שרייבער, אינזשעניערן א. א. וו. א. א. וו. — אנגעשטעלטע איבערהויפט אין די יידישע אנשטאלטן, ווי קרן קימת, קרן היסוד, ועד הלאומי, יידישע אגענץ. און אלע זיינען פארליבט אין ירושלים און אלע ווילן ניט פארלאזן ירושלים.

— פארוואס?

קיינער קען מסתמא ניט ענטפערן אויף דעם, אויסער דעם, וואס עס איז ירושלים... עס איז פאראן דא א הייליקער ציטער, וואס איידלט אויס און בינדט צו. אריבער א מנין אנגעשטעלטע פון קרן קימת האבן

זיך ניט געוואָלט דעמאָלט באַטייליקן אין אַ באַראַטונג פון קרן קימת אין תל אביב, ווייל זיי האַלטן, אַז ק"ק באַראַטונגען דאַרפן פאָרקומען אין ירושלים, כאָטש, אַז מען גיט אַ דריק, ווערט נאָך ניט אומעטום און ניט שטענדיק ליכטיק און כאָטש, אַז מען גיט אַ דריי און אַ צי גייט ניט קיין וואַסער...

— איז עס נאָר היילי־קער ציטער?

איז עס נאָר צוגעבונדנקייט צו היי־ליקייט?

— איך ווייס ניט...

אפשר איז עס אויך נאַציאָנאַלער אינסטינקט.

איבערלאָזן ירושלים, הייסט קלענער מאַכן ארץ ישראל.

איך וועל ניט פאַרלייקענען, אַז מען האָט אויך פאַרלאָזט ירושלים אין די לעצטע יאָרן. (אין דער צייט פון דער מלחמה דווקא ווייניקער). נאָרמאַן בענטוויש ווייזט אָן, אַז צוריק מיט 50 יאָר איז אין ירושלים געווען 50 טויזנט יידישע איינוווינער און היינט זיינען דאָ 100 טויזנט. פון נאַטירלעכן צוּוואוקס אַליין וואָלטן שוין גענדאַרפט זיין 250 טויזנט. און ווו איז „עליה"? עס קאָן זיין, אַז בענטוויטש האָט ניט גענוג גענער־מען אין באַטראַכט, אַז אין ירושלים זיינען פאַראַן מער אַלטע לייט ווי אומעטום, וואָס האָבן שוין ניט קיין קינדער און מער ניט־חתונה געהאַטע יונגנט, ווי אומעטום, וואָס האָבן נאָך ניט קיין קינדער; אָבער אפילו ווען מען זאָל אָט דאָס אַלץ נעמען אין באַטראַכט, איז אַלץ פאַראַן אין ירושלים ווייניקער יידן, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין. מען איז אַרויסגעפאָרן אויך פון ירושלים! אָבער די דאָזיקע, וואָס זיינען געבליבן, האָבן דאָס געטון פאַר גלויבן און איבערצייגונג און זיי זיינען גרייט צו שטיין כסדר אויף דער וואַך.

...איך שפּאַן איבער די גאַסן פון ירושלים און איך דערפיל, אַז ערגעץ באַטרעט איך הערצלס טריט. אָט אָ דאָ אַרומער האָט ער געשפּאַנט פון וואָקזאַל צום האָטעל, ווייל ער האָט ניט באַקומען מיט וואָס צו פאָרן. עס איז געווען אַ „גרויסער טאָג" אין ירושלים. דער קייזער ווילהעלם דער צווייטער איז געקומען אין דער הייליקער שטאָט אַריין. הערצל און זיינע מקורבים האָבן דערפאַר קיין צימערן אין האָטעל ניט באַקומען, כאָטש זיי האָבן באַשטעלט. טערקישע אָפיצירן האָבן די צימערן צוגע־נומען. מען האָט קוים געפועלט אַ צימער פאַר הערצלען, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק אויף דעם האַרצן. הערצלס זיין אין ירושלים איז אַ טראַגעדיע מיט אַ בשורה פון לעבן.

...אין קרן קימת פון ירושלים איז דאָ אַ הערצל־צימער מיט דעם מעבל פון ציוניסטישן נביא. א שטול, א טיש, א זאָפע. אַ ציטער גייט דורך איבער דעם לייב, ווען דו קומסט אַריין אין אָט דעם צימער און דו דערפילסט, אז לעבן איז אייביק. הערצלס קבר איז נאָך אין ווין, אָבער הערצלס צימער איז אין ירושלים.

די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט איז געווען אין ירושלים און זי האָט דאָרט געהאַט אַ סך אָנגעשטעלטע, איצטער זיינען די אלע געבליבן אָן

דירעקטאָר פון ק״ק און דער מחבר אין הערצל־צימער פון קרן־קימת אין ירושלים

אַ מעמד און זיי מוזן אַרויספאָרן; א סך אָנגעשטעלטע פון דער יידישער אַגענץ זיינען געוואָרן מלוכה־אָנגעשטעלטע און זיי האָבן געמוזט אַרויס־פאָרן קיין תל אביב. שרייען די „ירושלימיסטן”:

קאַראַול,

ראַטעוועט!

מיר װעלן אַרויספאָרן פון דאַנען און אַראָבער װעלן פאַרנעמען אונדזערע פּלעצער.

אבדאלא װעט אַהער אַריינפאָרן אויף אַ װייס פערד...

אין דער אַלטער שטאָט אַריין פאָרט אבדאלא אַלע מאָל אויף דעם װייסן פערד. און מען דערציילט: באַלד נאָך דעם, װאָס מען האָט פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה, איז אבדאלא צוגעקומען ביז צו דער אַלטער שטאָט, װאָס איז נאָך געװען אין יידישע הענט און ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל זיך אים אונטערגעבן. געקומען איז ער מיט אַ גרויסער און באַװאָפנטער אַרמיי, װאָס האָט געװאָרפן אַ פּחד. יידן האָבן גאָרניט געהאַט מיט װאָס זיך קעגן צו שטעלן. מען האָט, װי דער שטייגער איז, געבעטן אכט און פערציק שעה צייט. מען האָט אבדאלאן מער ניט געענטפערט און ער איז מער ניט געקומען. ער האָט אפּנים מורא געהאַט פאַר דעם פאַרבאָרגענעם יידישן כח, װאָס יידן האָבן טאַקע באַװיזן צו האָבן. ירושלים איז מער װוּנדער װי נגבה. װי אַזוי אַ קליינער קיבוץ פון אַ פּאָר הונדערט יונגעלייט האָט אויסגעהאַלטן אכט און דרייסיק טעג באָמבאַרדירונג, איז אויך שװער צו פאַרשטיין, טאָ װי שװער איז שוין צו פאַרשטיין װי אַזוי אַ שטאָט פון הונדערט טויזנט לייט, מיט זקנים, קינדער, און קראַנקע האָט אויסגעהאַלטן דריי פערטל יאָר!

און דער דאָזיקער פּחד שפּאַנט זיך דורך דאָס שיינע פּירטל, װאָס הייסט „בית הכרם" און װאָס איז איינגעטונקען איןביימער און גרייכט צום אַראַבישן שטעטל עין כרם, װאָס געפינט זיך אויף אַ באַרג און איז אין יידישע הענט. אין שיינעם עין כרם זיינען נאָך פאַראַן אַביסל אַראַבער, װאָס זיינען צום מיינסטן קריסטן און זיי טוליען זיך צו דעם רוסישן מאָנאַסטיר פון דער „רוסקאַיאַ דוכאָװנאַיאַ מיסיאַ" (גייסטיקע רוסישע מיסיע) און איבערהויפּט צו דעם פראַנצויזישן קלויסטער, װאָס איז שוין אַלט באַלד 11 הונדערט יאָר (ער האָט נייע טיילן) און ער געפינט זיך פונקט דאָרט, װו די בתולה, גאָטס מאַמע, האָט דערציילט אירע ראַטגעבער די גרויסע בשורה. און װען דו הייבסט זיך אויף העכער און העכער און גרייכסט ביז צו אַ באַרג, װאָס הייסט „מים קערי" אויפן נאָמען פון אַן ענגלישער „מים" מיטן נאָמען קערי, װאָס האָט דאָ געהאַט אַ האָטעל פאַר אָפּרו און פּאָפּראַװוקע און דו קוקסט אַראָפּ פון אויבן אויף עין כרם, גייט דיר נאָך אַלץ נאָך די שרעק פאַר ירושלים, כאָטש דו זעסט, אַז קיין שענערע װינקלען זיינען אין דער װעלט ניטאָ... די

שיינקייט איז אַ גייסטיקע. אָט אָ דאָ, אויף די בערג, האָט גאָט זיך אַנטפּלעקט צו נביאים! נאָר דאָ האָט ער עס געקענט באַווייזן...

און די דאָזיקע שרעק גייט דיר נאָך איבער אַלע פאָרשטעטלעך פון ירושלים, וואָס הייסן רוממה, תל ארזה, בית וגן, כרם אברהם... די לעצטע איז געבויט געוואָרן פון מיסיאָנערן, וואָס האָבן געוואָלט אויסלערנען יידן גלויבן אין יעזוסן און אַרבעטן. די יידן האָבן זיך אויסגעלערנט אַרבעטן, אָבער ניט גלויבן אין יעזוסן. און כרם אברהם האָט שיינע שטיבער און עס שמעקט מיט אַרבעטסזאַמקייט און ריינקייט. די שרעק פאַר דער צוקונפט פון ירושלים גייט דיר נאָך אויך, ווען דו קומסט אין די עקזאָטישע פאָרשטעטלעך, וווּ עס וווינען די בוכאַרער יידן, די תימנים און די קורדן. די בוכאַרער זעען אויס פאַרביק, זייערע קליידער מאַכן זיי אויסזען גרעסער נאָך ווי זיי זיינען; די תימנער זיינען קליין און דאַר און געצוימט. ווייניקער ווי אַלע זעען אויס ווי יידן די קורדן. זיי זיינען ווילד און שטורמיש און מען האָט פון זיי צרות צוליב דעם, וואָס זיי שלאָגן מוראַדיק די ווייבער... מען וועט ניט אַזוי גרינג זיי מאַכן פאַר לייט, די קורדן. זייערע קינדער וואַקסן נאָך אויך ווילד און זיי ווערן ניט באַוווסטזיניק. די עקזאָטישע יידן וועלן ניט אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער זיי קענען זיין נאָר דער אַריערגאַרד, אָבער ניט דער אַוואַנגאַרד.

אין דעם פרומען „מאה שערים”, וואָס זעט אויס ווי אַלט־ירושלים, באַטש עס געפינט זיך אין דער נייער שטאָט, דאָרט שרעקט מען זיך ווייניקער פאַר דער צוקונפט פון ירושלים, ווייל מען גלויבט דאָ אין משיחן. משיח וועט קומען איבערהויפּט קיין ירושלים.

מאה שערים איז אַזוי ירושלימדיק ווי די אַלטע שטאָט. דאָ זעט איר אַלע יידישע טראַכטן פון אַלע עקן פון אַלע וועלט. דאָ טראָגט מען שטריימלעך, ספּאָדיקעס. פוטערנע קוטשמעס, טורבאַנען, סאַמעטענע הוטן. ווייבער טראָגן דאָ שטערנטיכלעך, הייבלעך, קופּקעס. מען זעט דאָ קאַפּאָטעס, ספּאָדיקעס, כאַלאַטן. דאָ זעט מען בראָקאַט, זייד, אַטלאַס. דאָ זאָגט מען מוסר און מען מאָלט דעם גיהנום אַזוי פּלאַסטיש, אַז מען דערפילט אים. דאָ וויינען בלינדע אויף אַ קול און שרייען: „יידן, איר זעט אים ניט? אים, כביכול, דעם רבונו של עולם? יידן, איך זע אים...

אָבער מען פאַרלאָזט זיך ניט נאָר אויף משיחן. מען קלערט ערנסט וועגן אַרומרינגלען ירושלים מיט יידישער „התישבות” און דערמיט פאַר־זיכערן און פאַרפעסטיקן די אייביקע יידישע שטאָט ירושלים. עס הערט זיך פון אומעטום אַ קול, וואָס שרייט —

אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני.

XXII

און דאָס האַרץ לויפט צוריק

קשה עלי פּרידתך.

וויפל מאָל איך דאַרף פון ערגעץ אַוועקפאָרן, דערפיל איך אָט אָ די ווערטער. דאָס פראַנצויזישע ווערטל זאָגט: „אַוועקפאָרן איז אַביסל שטאַרבן". דאָס פראַנצויזישע ווערטל רעדט וועגן דעם פאַקט: מען פאָרט אַוועק פון ערגעץ, איז מען דאָרט ניטאָ, איז מען אַביסל געשטאָרבן. דאָס יידישע וואָרט רעדט וועגן געפיל. קשה, עס איז שווער, פּרידתך, דיין שיידן זיך, עלי — מיר. אַ שווער געפיל...

און מאָדנע ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ניט נאָר איך זאָג צו ארץ ישראל „קשה עלי פּרידתך", נאָר אַז ארץ ישראל זאָגט דאָס אויך צו מיר. דאָס לאַנד האַלט מיך און וויל מיך ניט אַוועקלאָזן. עס זאָגט דורך פאַרשידענע אומשטענדן: בלייב נאָך. און געשעענישן קומען איבער געשעענישן. כ׳ תמוז אַ פּאַראַד אַ מיליטערישער. דער ערשטער יידישער פּאַראַד פון אָט דעם מין. אין דער זעלביקער צייט — דאָס צוגרייטן גאָלדע מאירסאָן צו איר רייזע אַלס אַמבאַסאַדאָרשע קיין מאָסקווע. דאָס אָנקומען פון יענקישן אַמבאַסאַדאָר און זיין סוויטע און דאָס אָנקומען פון דעם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר און זיין סוויטע. דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר הייסט פּאַוועל יערשאָוו, דער יענקישער — דזשיימס מעקדאָנאַלד. דער ערשטער — אַן אומבאַקאַנטער, דער צווייטער — אַ באַקאַנטער. עס הייסט, אַז דער ערשטער איז אַ גרויסער יידן־פריינט. דער צווייטער פּרעזענטירט ניט קיין סענטימענטן, נאָר אַ סיסטעם.

דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט אַן אויפגייענדיקער פרייד. דעם טרויער פאַררוקט מען טיף. די טויזנטער געפאַלענע קינדער טראָגט מען אין די הערצער און אין די אויגן האָט מען אַ שמייכל. איין ייד זאָגט צום צווייטן: „מען דאַרף אַ שפּאַציר טון צום ים. ביי אַ דריטער מלחמה קען דאָך אַ באָמבע חלילה אָפּרייסן די פיס, דאַרף מען אַריינכאַפּן". און דאָס דאָזיקע איז ניט איראָניע, נאָר חוש פאַר רעאַליטעט. און ס׳איז

אַ שלום מיט דעם גורל, וועלכן מען האָט פאַר דעם איינציקן! ניטאָ קיין אַנדערער! און כּמעט מען האָט פאַרלוירן קינדער און כּמעט מען האָט צעשעדיקטע, אָדער אינגאַנצן צעשאָסענע דירות, פאַרשרייבט מען נאָך אויף מלוה הלאומי (פאָלקס־אַנליי) אויך מיט מזומן. ווו מען גייט און ווו מען שטייט, זעט מען ביידלעך, ביי וועלכע מען שטייט אין דער ריי און מען פאַרשרייבט אויף דעם מלוה. פּראָפּאָרציאָנעל גיט מען ניט ווייניקער אויף דער אַנליי, ווי מען גיט אין אַרגענטינע בכלל. און אין אַרגענטינע גיט מען דאָך ניט די קינדער מיט די הייזער. און עס ווערט געבוירן אַ וויץ פון אַ קינדעלע, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף דעם „מלוה" און וויל וויסן ווער ער איז צי ער איז אַן „ער", אָדער אַ „זי". די מאַמע דערקלערט און דאָס קינדעלע ווערט באַגייסטערט. עס הייסט דער מוטער אַוועקגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט. און די מוטער גייט שוין, בעט דאָס קינדעלע, אַז די מאַמע זאָל איבערלאָזן פאַר „גלידאַ" (אייזקרעם).

עס ווערט ליכטיק אין תל אביב. מען דערלויבט שוין צו עפענען די פענצטער פון די ליכטיקע צימערן, כּאָטש די גאַסן באַלויכט מען ניט צו־שטאַרק. עס איז נאָך כבדהו וחשדהו. און ווידער קומט אַ וויץ וועגן אַ קינדס חכמה, וואָס אַלע דערציילן. אַ קינד, וואָס איז געווען געוווינט צו זען פאַרמאַכטע פענצטער צוליב „אפלה" (פאַרפינצטערונג), איז איבעראַשט געוואָרן, ווען מען האָט געעפנט ביינאַכט די פענצטער פון די ליכטיקע צימערן און עס האָט אויסגעשריען: „טאַטע, פאַרמאַך גיך דאָס פענצטער, די אפלה זאָל ניט אַריינגיין."

ס'איז אַ מחיה איצטער אַ זיץ צו טון אין קאַפע. ס'איז ליכטיק און מ'זעט אַ פּנים. אין דעם באַלעבאַטישן „גנתי" זיצן פאַרנאַכט אַלערליי מלוכה־אָנגעשטעלטע, אָנגעזעענע ציוניסטישע פירער, דאָקטוירים, אַדוואָ־קאַטן (אייניקע פון זיי זיינען געוואָרן ריכטער), זשורנאַליסטן.. ס'קומען אויך אייניקע יידן, וואָס זיינען קאָנסולן פון פאַרשידענע לענדער. דאָ קיבעצט מען וועגן פּאָליטיק, סטראַטעגיע און קונסט. מען הייבט אָןריידן העברעאיש, מען גייט אַריבער צו רוסיש, אָדער דייטש און מען בלייבט ביי יידיש. איינער פון די אָנגעזעענסטע פיגורן איז דאָ דער באַקאַנטער זשורנאַליסט י. קלינאָוו, וואָס האָט שוין דריי מאָל געביטן זיין שפּראַך — אָנגעהויבן רוסיש, אַריבער צו יידיש, געבליבן ביי העברעאיש — און האָט ביים איבערגיסן זיך פון כּלי צו כּלי ניט פאַרלוירן זיין חכמה. איך קען אים פון בוקאַרעשט און בערלין און איך האָב באַנייט מיט אים די קאַנטשאַפט און פריינטשאַפט און בוענאָס איירעס. ער געהער היינט

אין ארץ ישראל צו די מענטשן, וואָס זיינען, ווי דער זשורנאַל „עולם הזה" זאָגט, „אויף דעם פערד". ער איז שעף פון ביוראָ פאַר טוריזם און אינפאָרמאַציע ביים אינערן מיניסטעריום און ער טוט אויף אַ סך גוטע זאַכן. ער האָט דורך אַ „קונצעלע" איינגעפירט אַ האַלבע ראַדיאָ־שעה אין יידיש (כלומרשט פאַר ציפערן), וואָס האָט געווירקט ווי אַ רעגן אין אַ שטיקנדיקן טאָג.

אין דעם באַהעמישן „כסית", אויף דער דיזענגאָף־גאַס איז שלאָנסקי אַ שטענדיקער גאַסט און אַלטערמאַן פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל און יעדער צווייטער מענטש איז אַ שטיקל באַרימטקייט. אַביסל ווייטער איז דאָס קאַפע „פראַק", וווּ עס זיצן סתם מענטשן. היינט זיינען אַלע סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס. עס פאַרבלאָנדזשען אַריין אויך שרייבער און אַלערליי קינסטלער. אַרונטער, ביים „כפר דיזענגאָף" איז דאָס קאַפע „קנקן", וווהין עס קומען זיך איבערהויפּט צונויף די יידישע שרייבער. ניט קיין גרויסע גרופּע, אָבער אַ פּאָר גאַנץ וויכטיקע דיכטער, דערציילער און עסעאיסטן. מען דערמאָנט ז. סעגאַלאָוויטשן, וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען אין ניו יאָרק. מען האָט זיך צוגעוווינט צו אים און מען בענקט נאָך זיינע קאַפּריזן, וועלכע — זאָגט מען — פּאַסן אים, ווי דאָס חנדלען זיך פון אַ שיינער פרוי. זיין יידישיזם האָט מען דאָ אַקצעפּטירט. „עס איז ביי אים — זאָגט מיר אַ העברעאיסט — ניט קיין קאָפּ־זאַך, נאָר אַ הארץ־ענין. נאָך אפשר מער ווי דאָס. ס'איז ער אַליין. ער איז אַזוי אַ יידישיסט, ווי אַ מאַן איז אַ מאַן און אַ פרוי איז אַ פרוי". די אַנדערע יידישע שרייבער פילן זיך דאָ ווי אין.... גלות.

איז דווקא דעמאָלט, ווען די וועלט ווערט דיר ליבער, גיט זי דיר אַ שטויס און הייסט דיר גיין. איך ווייס, איך ווייס, אַז ארץ ישראל ווערט נאָך ניט קיין ענין פון קאַפע־זיצעריי. איך האָב געזען דאָס זייער שווערע דאָ, אָבער איך קען ניט גאַראַנטירן, אַז דאָס שווערסטע. עס האָט זיך דאָ ניט געענדיקט, עס הייבט זיך אָן. עס איז בראשית. אין זעכציק יאָר האָבן דאָ יידן אויסגעשלאָגן אַ וועג און איצטער עפנט מען אים. וועלן קומען אַהער הונדערטער טויזנטער מענטשן און מען וועט זיי דאַרפן באַזעצן און איינגלידערן און מען וועט זיי דאַרפן צופּאַסן און זיך צו זיי צופּאַסן. און מיינונגען וועלן זיין — וויפל קעפּ. און פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך. יעדע פּאַרטיי באַשטייט דאָ פאַקטיש פון עטלעכע, וואָס זיינען נאָך ניט גאַנץ צווישן זיך. די מפא"י איז, דאַכט זיך, די גאַנצסטע פּאַרטיי, פונדעסטוועגן וועט איר ביים דריטן וואָרט פון אַ מפּאַיניק דער־

קענען ווער עס שטאמט פון די פועלי ציון און ווער פון „הפועל הצעיר״. און ס׳וועט נאך זיין א בבל פון שפראכן. בפועל ממש א בבל. יידיש וועט אין א סך ארויסהעלפן, אבער ניט אין אלץ.

און מען דארף זיך געזעגענען. איך כאפ נאך אריין און טו נאך א פאר וווהין עס לאזט זיך. איך פאר זען לוד און רמלה, צוויי וויכטיקע מלחמה־פונקטן, וואס זיינען פארנומען געווארן בעת דער צווייטער מלחמה. מיר פארן דורך צאראפענד, וווּ עס איז פאראן דער גרויסער באלוארט און דער ערארדאם, וועלכע די ענגלענדער האבן פריער פאר־קויפט די יידן און דערנאך האבן זיי ביידע אוועקגעגעבן די אראבער. די יידישע ארמיי האט צאראפענד אפגענומען נאך בעת דער ערשטער מלחמה. אויף העברעאיש רופט מען צאראפענד „צריפין״ און דער נאמען איז פאראן שוין אין תלמוד. עס איז געווען איינס פון די פרוכטבארסטע פלעצער און ווען אין דער חשמונאים־עפאכע זיינען אלע פעלדער ארום ירושלים חרוב געווארן און עס איז ניט געווען פון וואנען צו ברענגען דעם עומר אין בית המקדש אריין, איז צריפין געווען דאס איינציקע ארט, פון וואנען מען האט געקענט ברענגען תבואה. אין מיטלאלטער האבן דא געלעבט די שומרונים. אין 1918 האבן דא געקעמפט צוויי יידישע לע־גיאנען אונטער דער ענגלישער קאמאנדע. די יידישע לעגיאנערן האבן געטראגן א בלויען מגן דוד אויף דעם ארבל און א צייכן פון א ברענענ־דיקער באמבע אויף דעם היטל. דערנאך האט מען פארביטן די ברענענ־דיקע באמבע אויף א מנורה. דער באלוארט פון צאראפענד האט א סך געהאלפן צו פארנעמען רמלה און לוד.

מיר זיינען אויף דעם וועג פון תל אביב קיין ירושלים. צוליב א פאר קילאמעטער, וויטער ביי לאטרון, קען מען דא ארומער קיין ירושלים ניט פארן. אונדזער אויטא פארט צווישן איילבירט־וועלדער, וואס גיבן צו פילן דעם ספעציפישן ארץ ישראל ריח, וואס האט דא א געוויסע פיקאנטקייט. ווייטער אהין זיינען פאראן אויך טייטל־גערטנער. אין דער גמרא ווערט דערציילט, אז ביי לוד פלעגט מען אמאל גיין ביז אין די קני אין האניק פון די טייטלביימער. די באן גייט דא ארומער קיין ירושלים. זי איז געגאנגען און וועט נאך גיין. דערווייל גייט זי ניט. א סך רעלסן זיינען צעריסן. וואגאנען שטייען פארלאזטע, אלציינס ווי די הייזער פון די אראבער. מיר נייגן אפ אביסל לינקס פון וועג און מיר פארן אריין אין דער אלטער שטאט לוד. דאס לעבן איז דא ניט אפגעשטעלט, ווי אין די מערסטע אראבישע ישובים. דא האבן זיך די אראבער אונטערגעגעבן

און זיי זיינען געבליבן אויף דעם פּלאַץ. זיי פירן זייער לעבן נאָרמאַל און די יידישע אַרמיי באַהערשט די לאַגע און זי וועזט ניט אַרויס קיין צופיל הערשערישקייט. זי רייצט ניט. איך האָב געזען אין אַ סך אַראַבישע ישובים די יידישע אַרמיי און זי האָט אומעטום אַרויסגעוויזן די מנוחה פון אַן אַלטער, בריהשער אַרמיי, ניט ווי אַ נעכטן געשאַפענע. גאָרניט געוועזן פון דעם „עבד כי ימשול". יידן זיינען ניט קיין קנעכט. עבדים היינו, — אָבער אויפגעהערט דאָס צו זיין. ביים אַריינקומען זעען מיר אַ מעטשעט און אַ קירכע. קיין יידיש געבעטהויז איז ניט פאַראַן. אַ פּופצן טויזנט איינוווינער האָט דאָס שטעטל. אַ פופצן הונדערט פון זיי זיינען קריסטן. יידן זיינען געווען געציילטע און שוין לאַנג ניטאָ. קיין אויסערגעוויינלעכעס איז ניטאָ. אַן אָריענטאַלישער מאַרק, אָריענטאַלישע קראָמען מיט רייצנדיקע ריחות. אייניקע פון די קראָמען געפינען זיך אונטן אין קעלערס. פאַראַן קינדער־שולן. ניט אין אַלע אַראַבישע ישובים זעט מען דאָס.

דער מעטשעט אין לוד איז געבויט געוואָרן אין צוועלפטן יאָרהונדערט, ווי אַ קריסטלעך געבעטהויז. אין יאָר 1927 איז דאָ געווען אַ געפערלעך ערדציטערניש, וואָס האָט געקאָסט קנאַפּע דריי הונדערט פופציק קרבנות. אויך דער טורעם פון מעטשעט איז צעשטערט געוואָרן און מען האָט אויסגעבויט אַ נייעם. די קירכע טראָגט דעם נאָמען פון הייליקן געאָרג, וואָס איז דער פּאַטראָן פון ענגלאַנד. אויף אַ וואַנט פון קלויסטער איז פאַראַן דאָס בילד פון דעם הייליקן געאָרג, וואָס הרגעט מיט אַ שווערד דעם באַרימטן דראַקאָן. געאָרג זאָל געווען זיין אַ געבוירענער אין לוד און עס הייסט, אַז די רוימער, וואָס זיינען געווען קעגנער פון קריסטנטום, האָבן אים דאָ דערמאָרדעט. אָבער די רוימער זיינען דערפאַר גאָרניט אויסגעשטאַנען. מען האָט זיי קיינמאָל ניט דערמאָנט אָט דעם חטא, ווי מען דערמאָנט יידן דעם ניט־דערוויזענעם חטא פון יעזוסן. די רוימער האָבן דערנאָך אַליין געבויט אַ קלויסטער אויף געאָרגס נאָמען. צוליב דעם ערדציטער האָט זיך די שטאָט פאַוואָליע איבערגערוקט קיין צפון. פאַראַן דאָ קליינע אָלעיניעס פון איילבירטן און זונקערנער. פאַראַן אויך קליינע וואַרשטאַטלעך פון שטאָף פאַר זעק, וואָס ווערן געמאַכט פון האָר פון ציגן.

פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין לוד איז קיין זכר ניטאָ. און לוד ווערט דאָך שוין דערמאָנט אין תנך. אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש איז זי געווען אַ היפּשע שטאָט. די רוימער זיינען דורך

איר געגאנגען קיין ירושלים און זיי האבן דעם יידישן ישוב היפש צעשטערט און די ארטיקע יידן פארקויפט פאר קנעכט. דא ארומער האט מען דערנאך געפירט די געפאנגענע פון ירושלים קיין קיסריה. נאך דעם צווייטן חורבן איז לוד געווארן א וויכטיקער צענטר און דא איז געווען א וויכטיקע ישיבה. די „זקני לוד" האבן דא געהאט די בארימטע „מתיבתא רבא" — די גרויסע ישיבה פון ר' אליעזר. דאס פלאץ, אויף וועלכן ר' אליעזר איז געזעסן, האט מען ניט נאר געקושט, נאר מען האט דאס פארגליכן צום בארג סיני. אין לוד האט ר' עקיבא, וואס איז געווען אן עם הארץ, באשלאסן זיך צו נעמען לערנען. ער איז געזעסן, דערציילט די לעגענדע, ביים ברונעם און ער האט געקוקט אויף דעם שטיין, וואס האלט דעם גלייכגעוויכט קעגן און ער האט געזען, אז ער איז פול מיט קריצן און ער האט געזאגט, אז אויב דער ווייכער שטריק קען אזוי טיף זיך אריינקריצן אין הארטן שטיין אריין, טא פארוואס זאל ער ניט קענען לערנען תורה אין זיינע רייפע יארן?

אין לוד האבן ניט געפעלט קיין קדושים. מען האט געפונען טויט א רוימישע פרוי און געוואלט אויסהרגענען אלע יידן, האבן צוויי אומשול־דיקע ברידער גענומען די שולד אויף זיך. די דאזיקע שטאט האט אויך זיך אויסגעצייכנט מיט מסחר. אין דער גמרא ווערן דערמאנט די „תגרי לוד" (סוחרים פון לוד). די שטאט ווערט אויך אנגערופן לוז. דא האט מען געמאכט תכלת פאר ציצית און דא האט געמאכט דעם עכטן פורפור און געשיקט קיין רוים. אויף איטאליעניש, ענגליש און אנדערע שפראכן רופט מען דאס לידא. א לעגענדע זאגט, אז ניט סנחירב און ניט נבוכד־נאצר האבן געקענט צעשטערן לוד און דער מלאך המות האט דא ניט געהאט קיין השפעה. קיינער איז ניט געשטארבן אין שטאט. ווען עס איז די אלטע לייט נמאס געווארן דאס לעבן, זיינען זיי ארויסגעגאנגען און געשטארבן פון יענער זייט מויער. די רוימער האבן היפש צעשטערט לוד און דארט געגוג מענטשן אויסגעהרגעט. דווקא אין שטאט. אין זיבעטן יארהונדערט, אין דער צייט פון דער אראבישער הערשאפט, איז לוד געווען א שטיקל צייט די הויפטשטאט פון דער אראבישער מדינה אין יהודה. ווען רמלה איז אויסגעבויט געווארן, האט זי פארנומען דאס פלאץ פון לוד. פאראן אין לוד א בארימטע הייל, אין וועלכער עס האט זיך, לויט דער לעגענדע, באהאלטן פאר די רוימער ר' שמעון בר יוחאי און זיין זון אליעזר. עס איז זיי געשען א נס און עס איז זיי אויסגעוואקסן א באקסערן בוים און א קוואל פרישע וואסער האט זיך זיי באוויזן איניי־

נעם מיט אליהו הנביא. קינדווייז האָט איך געגעסן אינײנעם מיט זיי פון באָקסערן בוים און געטרונקען פון דעם פרישן וואסער, איצטער בין איך געווען פערזענלעך אין יענער הייל. און איך האָב געהערט, אויב ניט דאָס בת קול איז דאָס ווידער־קול פון בר יוחאין.

און איך בין באַלד נאָכדעם געווען אין מאָדערנעם ערָאָדראָם פון לוד — אין דעם גרעסטן ערָאָדראָם פון ארץ ישראל און מסתמא פון גאַנצן נאָענטן אָריענט. איך האָב געזאָלט אָנקומען קיין ארץ ישראל דורך לוד אָבער ביז איך בין אָנגעקומען, האָבן די ענגלענדער דאָס אַוועקגעגעבן די אַראַבער, איצטער איז עס צוריק ביי די יידן. די הייל פון בר יוחאי און דער ערָאָדראָם פון די ענגלענדער . ווער זאָגט עס, אַז אַ מענטש לעבט קורץ? אָט האָב איך אין לוד אַליין איבערגעלעבט צוויי טויזנט יאָר...

פון לוד בין איך שוין אַריינגעפאָרן קיין בן שמן, וווּ עס געפינט זיך דער הערצל וואַלד. דער קרן קימת האָט מיך עטלעכע מאָל געוואָלט שיקן אַהין, אָבער מען האָט ניט געקענט צוקומען אַהין, כאָטש אינגאַנצן פאַרנומען פון די אַראַבער איז דער הערצל־וואַלד, דאַכט מיר, ניט געווען. מיר פאָרן קיין מזרח־זייט, איבער אַ בריק, וואָס גייט איבער דעם טייך אכזב, וואָס ציט זיך פון די ירושלים־בערג און באַהעפט זיך מיט דעם טייך ירקון ביי תל אביב. מיר פאָרן דורך אַן איילבירטן־וועלדל און מיר זיינען אין דעם „כפר הנוער" בן שמן. דאָס דאָזיקע „יוגנט־דאָרף" איז אַן אַגראַר שול פאַר אַ דריי הונדערט תלמידים. אין דער נאָענט איז דער מושב בן שמן, וואָס האָט אַ גאַנץ פיינעם מויער פון בעטאָן. און העכער אַרויף איז דער הערצל־וואַלד. די געגנט איז אַ בליענדיקע און דערפאַר האָט מען זי אויסגעקליבן פאַר דעם וואַלד אויף דעם נאָמען פון נביא פון היינטצייטיקן ציוניזם. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אַהער געבראַכט חורבן, און געלט האָט אויך אויסגעפעלט. אין יאָר 1918 איז דאָ גאָרניט געווען. מען האָט באַנייט די אַרבעט און אויף 500 דונאַם האָט מען פאַרפלאַנצטביימער. מען האָט אויפגעבויט אַ שטיבל פאַר שומרים וואָס איז צעשטערט געוואָרן. ניט איין שומר איז דאָ געפאַלן. די ערד האָט דאָ געקויפט די אַנגלאָ פאַלעסטין באַנק נאָך אין יאָר 1904 און האָט זי פאַרקויפט אַ גרופּע יידן. אַ געזעלשאַפט האָט דאָ אויסגעבויט אַ פאַבריק פון זייף און בוימייל. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די פאַבריק חרוב געוואָרן. דאָ האָט ישראל בעלקינד, איינער פון די עלצטע בילוים איינגעאָרדנט א שול פאַר יתומים פון

קעשענעווער פּאָגראָם, וואָס ער האָט גערופֿן „קרית ספר". אין 1907 האָט דער קרן קימת — דער „קאַניטפאַרשטאַן" פֿון ארץ ישראל, צו וועלכן עס געהער דער מערסטער יידישער באָדן אין לאַנד (און ערשט ניט מער ווי אַכט פּראָצענט פֿון גאַנצן באָדן...) אָפּגעקויפֿט די ערד און נאָך הערצלס טויט האָט ער באַשלאָסן צו פֿלאַנצן אַ וואַלד אויף זיין נאָמען. דאָס הויז „קרית ספר" האָט זיך ניט געקענט אויסהאַלטן צוליב מאַנגל אין מיטלען און עס איז געשלאָסן געוואָרן. האָט מען איינגעאָרדנט אַן אַרבעטער־דערפֿל אַרום די צימערן פֿון „קרית ספר" און אַזוי ווי עס איז געוואָרן 25 יאָר זייט פּרץ סמאָלענסקי איז געשטאָרבן, האָבן די דערמאָנטע אַרבעטער געבויט פּרייוויליק אַ וועלדל אויף זיין נאָמען, וואָס זיי האָבן גערופֿן „חורשת פּרץ". דאָס וועלדל איז איצטער דער הויף פֿון דער שול „כפר הנוער". פּראָפֿ. שאַץ, האָט דאָ געפּרוווט איינפֿירן אַ „שכונת בצלאל" און ער האָט דאָ באַזעצט צען תימנישע משפּחות, זילבער־און גאָלדשמידן. ער האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן וואַרשטאַט, וואָס איז דערנאָך געוואָרן די שול פֿון מושב. דאָ האָט מען אויך איינגעאָרדנט די עקספּערימענטאַלע אַגראַרע סטאַנציע, וואָס מען האָט שפּעטער אַריבערגעפֿירט קיין רחובות.

דער הערצל־וואַלד איז שיין צעוואַקסן און ער בליט און שמעקט. פֿאַראַן דאָ באָקסערן ביימער, אַקאַציע און סאָסנעס, וואָס האָבן פֿיינע ריחות און גאַנץ געדיכטן שאָטן. די ביימער שעפּשן דאַכט זיך כסדר אַרום דעם נאָמען הערצל. יעדנפֿאַלס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז וויפֿל מאָל דער ווינט גיט אַ שאָקל די ביימער, הערט מען הערצלס נאָמען פֿון זיי. עס וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַ ריזן וואַלד, וואָס וועט זינגען אייביק און אייביק הערצלס נאָמען... צווישן די ביימער וואַקסן שוואָמען, וועלכע מען טריקנט און מען פֿאַרקויפֿט. איך האָב געבראַכט אַ פּאַק שוועמלעך צו מיינער אַ באַקאַנטער און זי האָט מיר אָפּגעקאָכט שוועמלעך סופּ. יאָ, אַ שוועמלעך סופּ פֿון הערצל־וואַלד...

אַהין ווייטער, קיין מזרח צו, איז מודיעים, דאָס געבורט אָרט פֿון די חשמונאים. דאָרט האָט 167 פֿאַר אונדזער צייכרעכענונג אַנטיוכוס געבויט אַ מזבח פֿאַר צעוסן און די שליחים פֿון מלך האָבן אויפֿגעפֿאָדערט מתתיהו דעם כהן, אַז ער זאָל מקריב זיין אַ קרבן אויף אים. דער אַלטער כהן האָט געענטפֿערט, אַז אויב אַפֿילו אַלע פֿעלקער וועלן פֿאָלגן דעם מלך, וועט ער און זיין הויזגעזינט בלייבן געטריי דעם בונד מיט גאָט. איז צוגעגאַנגען אַ פֿאַררעטער און געבראַכט אַ קרבן און מתתיהו האָט אים

דערהרגעט און ער האָט אויסגערופן: „ווער עס ציטערט פאַר גאָט און זיין תורה, וואָס וויל אָנהאַלטן דעם בונד מיט אים, זאָל קומען צו מיר". אַהין פאָרן מיר איצטער ניט. מיר וועלן נאָך אַהין פאָרן — — —

מיר פאָרן קיין דרום־מערב־זייט, קיין רמלה. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אָט די שטאָט האָבן די אַראַבער אויסגעבויט אין אַכטן יאָרהונדערט. אין פאַרשידענע צייטן האָבן דאָ געלעבט יידן. קאַראימען האָבן דאָ געלעבט אַ לאַנגע צייט. חובבי ציון האָבן אין די נייַנציקער יאָרן פון פ. י. דאָ געפּרוווט איינשטעלן אַ ביסל יידיש לעבן. דאָ האָט געלעבט אַ שטיקל צייט דער באַרימטער העברעאישער ביבליאָגראַף אפרים דיינאַרד. אין יאָר 1906 האָבן דאָ זיך צונויפגענומען אומלעגאַל די פּועלי ציון און זיי האָבן אָנגענומען אַ פּראָגראַם, וואָס איז באַקאַנט א. נ. „דער פּראָגראַם פון רמלה". ביז די געשעענישן פון 1936 האָבן דאָ געלעבט אַביסל יידן, זייט דעמאָלט — ניט. היינט זיינען די אַראַבער אונטער יידישער הערשאַפט און עס געשעט זיי חלילה גאָרניט.

רמלה איז ייִנגער, פרישער און ריינער פון לוד, אָבער דאָך געוויס פאַרלאָזן און שמוציק. די יידישע אַרמיי מאַכט אָנשטרענגונגען צו איינפירן היגיענע און מען דאַרף דאָך זיך אַביסל פאַרשטאָפּן די נאָז. אין דער אַלטער שטאָט איז דאָ פאַראַן אַ מעטשעט מיט אַ גרויסן טורעם, וואָס שטאַמט פון ד'ער צלם־טרעגער עפּאָכע. דער טורעם איז אַזאַ גרויסער, אַז אַ לעגענדע דערציילט, אַז די נאַראָנים פון לוד האָבן זיך מתקנא געווען אין רמלה און געוואָלט צוגנבענען ביי איר דעם טורעם. אַ חכם האָט געשפּילט אַ חוזק איבער זיי און ער האָט זיי געהייסן נעמען שטריק פון גומי און שלעפּן. און די נאַראָנים האָבן געשלעפּט און געשלעפּט און ווייל די שטריק האָבן זיך געצויגן, האָבן זיי געמיינט, אַז אָט־אָט קומט אָן דער טורעם קיין לוד. דאָ איז פאַראַן דער קבר פון נביא צאלח, וואָס ווערט דערמאָנט אין קאָראַן און עס זאָגט זיך וועגן אים, אַז ער האָט געמאַכט פון אַ באַרג אַ קעמל. דאָ געפינט זיך דער הויפּט־בית־עולם פון די ענגלענדער, וואָס זיינען געפאַלן אין יאָר 1917 אין קריג מיט די אַראַבער. צוויי טויזנט געפאַלענע רוען דאָ. פאַר אָט די צוויי טויזנט געפאַלענע זיינען די ענגלענדער געוואָרן באַלעבאַטים איבער אַ גרויסן טייל פון נאָענטן מזרח.

מיר זיינען דאָ אויף דעם סאַמע וועג קיין ירושלים. אויף דעם דאָזיקן וועג אויף וועלכן מען פאָרט נאָך ניט, צוליב לאַטרון. מיר זיינען 19 קילאָמעטער פון תל אביב און 44 פון ירושלים. פופצן קילאָמעטער

קיין מזרח צו איז לאַטרון. מען דאַרף דורכפאָרן עמק אילון, ווען מעז פאָרט אַהין. ווען יהושוע בן נון איז דאָ אַרומער נאָכגעלאָפן די כנענים, האָט ער אויסגערופן: „זון, בלייב שטיין אין גבעון און לבנה, אין עמק אילון". און די לבנה איז געבליבן שטיין אין טאָל אילון. לאַטרון איז באַרימט מיט די שווערע שלאַכטן צווישן יידן און אַראַבער נאָך דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה. זי איז אויך באַרימט, ווייל דאָ איז פאַרפלאַנצט הונדערט צוועלף טויזנטביימער. מען האָט דאָ אויסגעבויט די סטאַנציע פון וואַסער־פּלומפּ ראש העין־ירושלים. די אַראַבער האָבן אָט דעם פּלומפּ אויפגעריסן נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד און נאָך דעם אָפּמאַך מיט זיי צו דורכלאָזן וואַסער קיין ירושלים און אפילו פּאַסאַ־זשירן. אויף פּאַסאַזשירן האָבן זיי געשאָסן און דערהרגעט ניט נאָר יידן, אָבער בערנאַדאָט איז מיט זיי אומגעגאַנגען ווי מיט אַ ווייך איי. דער נאָמען לאַטרון שטאַמט פון די פראַנצויזישע צלם־טרעגער און ער האָט אויף פראַנצויזיש געהייסן טוראָן דע שאוליע (פעסטונג פון קאַוואַלירן), די אַראַבער האָבן פון טוראָן געמאַכט לאַטרון. אַזוי ווי לאַטראָן הייסט אויף לאַטיין גנב (אויף שפּאַניש לאַדראָן), איז געשאַפן געוואָרן די לעגענדע, אַז דאָ איז געבוירן געוואָרן דער גוטער גנב, וואָס לוקאַס דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ פאַרטיידיקער פון ישו. מען האָט דערפאַר לאַטרון אַ נאָמען געגעבן אויך „די פעסטונג פון גוטן גנב", כאָטש דאָרט זיינען געווען מערדערישע גנבים, וואָס האָבן מיט דער הילף פון בערנאַדאָטן צוגעגנבעט דעם וועג ק יי ן און דאָס וואַסער פ ו ן ירושלים. ביי לאַטרון איז פאַראַן אין אַ שיינעם וואַלד אַ פראַנצויזישער מאָנאַסטיר, וואָס געהער צו די דערפּיסטן. זייער הויפּט־פּרינציפּ איז שווייגן. זיי ווייסן, אַז ביי אונדז האָט מען געזאָגט „סייג לחכמה שתיקה". לאַטרון אַליין איז פאַרוואָרלאָזט און שמוציק און עס צייכנט זיך אויס מיט פליגן. וויטער זיינען מיר ניט געפאָרן. דער וועג ציט זיך אַוועק קיין „רמאללה" (לייען ראַמאַללאַ), ירושלים, חברון. ער וועט נאָך אַמאָל זיין צוריק אַ וועג און אַ יידישער. ניט אייביק וועט מען דאָ שיסן. מען וועט אין די בערג פון יהודה ווידער הערן געזאַנג און מען וועט זען טאַנצן הורה — — — די בערג פון יהודה זיינען דאָך אַזוי יידיש!

נאָך איין נסיעה האָב איך געמאַכט און דווקא אַ גאַנץ ווייטלעכע.

קיין נצרת בין איך געפאָרן. די געבורטשטאָט פון ישו בין איך געפאָרן זען, כאָטש איך בין ווייט ניט אַזוי קריסטלעך געשטימט ווי שלום אַש. אַך, יאָ! שלום אַש הייבט אָן זיין בוך „ארץ ישראל" מיט אַ קאַפּיטל,

וואָס הייסט „אויפן וועג קיין בית לחם”. און דאָס דאָזיקע קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט אָט די ווערטער: „אויף דעם וועג קיין בית לחם איז געגאַנגען אַ יונג מיידל”. דאָס יונגע מיידל איז געווען ניט קיין אַנדערע ווי מרים, גאָטס מאַמע. און זי האָט שוין געטראָגן די געטלעך־מענטשלעכע פּרוכט אין איר אינעווייניק און זי איז געווען גליקלעך און איר זיינען אַנטקעגן געקומען מלאכים. פון אַלע פיר זייטן וועלט זיינען זיי אָנגעקומען, אין גאָלדענע קליידער זיינען זיי געגאַנגען אָנגעטון און זייערע גאָלדענע קרוינען האָבן זיי אין זייערע הענט געהאַלטן. און געגאַנגען זיינען זיי איבער די ליכטיקע פעלדער און געבויגן זייערע קעפּ פאַר איר”. אָט מיט אַזאַ פולשטענדיק עוואַנגעליש בילד הייבט אָן שלום אַש זיין ארץ ישראל בוך, פון וועלכן עס טריפט מיט קריסטלעכקייט. איך בין געפאָרן זען נצרת, ווייל עס איז אַ היסטאָריש פינטל און ווייל עס איז די פאַרהייליקטע שטאָט פאַר די קריסטן, וואָס געפינען זיך אונטער יידישער הערשאַפט און איך האָב געוואָלט זען ווי אַזוי יידן באַהערשן דאָ די לאַגע און ווי אַזוי מען פילט דאָ לגבי זיי. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו פאָרן קיין נצרת אין דעם אויטאָ פון מיניסטער פאַר רעליגיעס, מיין לאַנדסמאַן הרב פישמאַן, נצרת איז אונטער זיין רשות.

מיר האָבן דורכגעשניטן ווידער אַמאָל האַלב ארץ ישראל. מיר האָבן אויסגעמיטן חיפה, מיר זיינען געפאָרן מיט דעם עמק און מיר זיינען צוגעקומען דורכן אַלטן וועג קיין עפולה. פריער מיט אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר דאָ געמוזט מאַכן אַ השיבנו נאַזאַד, היינט פאָרן מיר ווייטער. און מיר זיינען געפאָרן באַרג אַרויף און צוגעקומען ביז צום באַרג שפּיץ, ווו עס געפינט זיך נצרת. עס איז, מאָלט איך, דאָ ניט געווען אַזוי גרינט צו פאָרן. קאַוקאַזשים „העלדן” האָבן דאָ אויפגעריסן בריקן. פון דאָרט פון וואַנען מיר קומען אָן, קומט אויס, אז די שטאָט הייבט זיך אָן אויבן און גייט אַראָפּ, ווען מען קומט אָבער אָן פון אן אַנדער ריכטונג, איז דער איינדרוק אַ פאַרקערטער. מען פאָרט כסדר אַרויף. אַריבער עלף טויזנט איינוווינער זיינען פאַראַן אין נצרת. צוויי דריטל קריסטן און איין דריטל מחמעדאַנער. די מערסטע פון די קריסטן זיינען אויך אַראַבער, אָבער עס זיינען פאַראַן קריסטן פון אַלע פעלקער און מען הערט אַ סך שפּראַכן. רוסיש אויך אַביסל. פון דעם שפּיץ באַרג קוקט זיך דאָ געשמאַק אויף דעם עמק יזרעאל, וואָס ליגט צווישן בערג און וואָס איז דורכגעשאָסן פון אַ וואונדערלעכן שאָסיי. אויך דער בלאָק (גוש) עפולה ליגט דאָ צופוסנס מיט אַ סך יידישע ישובים. דער באַרג תבור ליגט

אַנטקעגן אין צפון זייט און אַז מען קוקט אויף אים פון דאַנען, זעט ער אויך אויס ווי אַ שטיקל קלויסטער. דער אראַפּפאָר איז אויף אַ שאַרף, דער „נהג״ מיינער פּאָרט פּאַרזיכטיק און ער זאָגט מיר: „עפּעס זיינען מיר דאָך פּאָרט יידן און דאָ איז ישום הערשאַפּט, איז פון וואַנען בין איך זיכער, אַז ער וועט אונדז שיצן? דאַרפן מיר זיך אַליין היטן״. דעם מיניסטערס אויטאָ האָט אונדז ניט באַפרייט פון קיין דאָקומענטן קאָנטראָל.

שטיל איז געווען אין נצרת. דאָס לעבן האָט געשטראָמט אידיליש. פרויען האָבן געשוועבט שלאַנק, באָרוויסע, מיט קרוגן אויף די קעפּ. איז ערגעץ דאָ ניט פאַראַן די מוטער רחל צווישן זיי, ווען זי גייט צום ברונעם, ווו זי טרעפט יעקבן איר באַשערטן? עס זיינען אַראַבישע פרויען. אַנדערע אַראַבערנס טראָגן טאָמאַטעס אויף די קעפּ. אַ יינגל טרייבט שאָף. עס איז נאָך ווי אין שיר השירים. דער מאַרק איז אויך אַ שטילער. מען פאַרקויפט אָן אימפּעט. פרויען זיצן און זייגן רואיק די קינדער. די קלויסטער גלאָקן האָבן איבערהויפט דערמאָנט, אַז מיר זיינען אין דער קריסטלעכסטער שטאָט אין דער וועלט. דאָס געבוירן פּלאַץ פון אים אַליין. און מען דערציילט אונדז, אַז ווען די יידישע אַרמיי איז אַהער אַריינגעקומען, האָבן די קלויסטערס זיי אויפגענומען מיט אַ קלינגען... ביי אַלע הייליקע פּלעצער איז אויפגעשריבן אויף העברעאיש: דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן. עס פאַרכאַפּט דאָס אויג אַ פראַנציסקאַנער קלויס-טער און מאָנאַסטיר פון איטאַליענער. עס איז דאָ אַזוי קלויסטערדיק ווי אַרום ירושלים.

מיר באַגעגענען דעם בירגערמייסטער פון נצרת און מיר פּרווון אים אויסישנע פרעגן זיין מיינונג וועגן דעם צו וועמען דאַרף נצרת געהערן — צו יידן, אַראַבער, אָדער עס דאַרף אינטערנאַציאָנאַליזירט ווערן. און ער איז פאָרזיכטיק און פקחותדיק און ער זאָגט: „דאָס איז אַן אינטער-נאַציאָנאַלע פראַגע. די וועלט וועט זי לייזן״. אַראַבער שטייען ביי די רעגירונג-אַמטן אין דער ריי. זיי דאַרפן דאָקומענטן. אייניקע ווילן אַהיים פאָרן. פאַראַן דאָ אַראַבישע פליטים, וואָס מען האַלט אין צוזאַמענוווי-נונגען. עס איז שטיל. מען זעט ניט קיין צאָרן, מען הערט ניט קיין געשריי. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן די שטילקייט פון אַ געבעט-הויז. צו־שטאַרקע ידיעות וועגן ווייטן אַמאָל האָט דאָ קיינער ניט. די קלויסטערס און מאָנאַסטירן זיינען מאַטעריאַל צו שטודירן פאַר די דאָזיקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט זיי. עס איז ניט שווער געווען צו

דערפילן, אַז די קריסטן זיינען צופרידן מיט דער יידישער הערשאַפט. די אַראַבער האָבן די לעצטע צייט זיך פּאַרריסן לגבי די קריסטן, די יידן פירן זיך אויף טאַקטיש. און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כאָטש ביי קריסטן איז ניטאָ קיין גוט געפיל צו יידן, וועט מען מיט דער צייט דערפילן רעספּעקט צו יידן פאַר דער פיינער אָרדענונג און פאַר דער גוטער באַציאונג צו אַלע מענטשן, וואָס הרב פישמאַן האָט דאָ איינגע־שטעלט. עס איז דאָ דאָס ריכטיקע פּלאַץ צו דערמאָנען אַ לעצטן וויץ פון הרב פישמאַן. יידן זיינען געקומען ביי אים בעטן אַרבעט און ער האָט זיי ניט געהאַט צו גיבן. און ער האָט אַ שמייכל געטון: „סיידן איר זאָלט זיך חלילה שמדן און וועלן ווערן פאַרטרעטער פון קריסטן, ווייל נאָר פאַרטרעטער פון קריסטן פעלן מיר נאָך"... און דער וויץ איז דאָ, וואָס צווישן די הייסע קריסטן אין נצרת פעלן מסתמא ניט אַ פּאָר משומדים... מיר האָבן נאָך געזען אַ טאַנק, איינער פון די אַכט, וואָס מען האָט דאָ צוגענומען אין דער אנטשיידענער שלאַכט מיט די אַראַבער. צוויי האָט מען צעשעדיקט און זעקס האָט מען גענומען גאַנץ.

פאַוזי קאַוקאַדזשים „באַפרייונג אַרמיי" האָט שוין דעמאָלט געהאַט צום צווייטן מאָל געליטן אַ מפּלה. די ערשטע מפּלה האָט פאַוזי געליטן מיט זיין „אַרמיי", וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון סיריער, ליבאַ־נעזער און איראַקער, באַלד ווי דער ענגלישער מאַנדאַט איז אויסגעגאַנגען. אין די נפתלי בערג אין עמק יזרעאל האָט ער געכאַפּט אַזאַ קלאַפּ, אַז ס'האָט זיך געדאַכט ער וועט שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטיין. צום צווייטן מאָל האָט ער זיין „אַרמיי" צונויפגעשטעלט אויך פון איירעפּעער. דייטשן, פּאָליאַקן און סערבן האָבן באַקומען באַצאָלט און אַ געלעגנהייט צו רויבן. דער בירגערמייסטער פון נצרת האָט באַשטע־טיקט, אַז עס האָבן זיך אין דער „באַפרייונג" „אַרמיי" באַטייליקט אַלערליי איירעפּעאישע נאַציס. די שלאַכט אין אונטערשטן גליל איז דעמאָלט געוועזן אַ גאַנץ פּאַטאַלע פאַר דעם דאָזיקן טרויריקן העלד. אין סאַמע לעצטן מאָמענט פון וואַפנשטילשטאַנד, אָדער טאַקע נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד האָט די דאָזיקע נאַציס באַנדיטן „אַרמיי" פאַרכאַפּט „משמר הירדן" אויף דער גרעניץ צווישן אויבערשטן גליל און עמק הירדן און אָפּגעשניטן דעם וועג צו אַ גרויסן טייל פון אויבערשטן גליל. די לייענער ווייסן, אַז עס איז דערנאָך, סוף אָקטאָבער, געקומען צו דער דריטער און לעצטער שלאַכט פון גאַנצע צוויי טעג אין אויבערשטן גליל,

ביים באַרג מאַנאַראַ און דאָרט איז געקומען דער סוף פון פאַוזי קאַוקאַדזשים העלדן. כן יאבדו...

איך בין אַוועקגעפאָרן פון נצרת מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז די קריסטן וועט דאָרט חלילה ניט געשען קיין שום עוולה און די מחמדנער אויך ניט. הלואי זאָלן יידן אַזוי זיכער זיין אונטער דער קריסטלעכער און מוסולמענישער הערשאַפט.

און דאָס לעבן אין גאַנצן לאַנד און אין תל אביב בפרט גייט פאָרויס. עס פורעמט זיך אויס א מלוכה־לעבן און אַלץ קריגט אן אנדער פרצוף. איך וועל ניט־פאַרגעסן דעם אופן ווי אַזוי מען האָט געפייערט הערצלס יאָרצייט אין גאַנצן לאַנד און באַזונדער אין תל אביב. דעם „טאָג פון דער מדינה" האָט מען אים גערופן און מיט אַ מיליטערישן פאַראַד האָט מען אים געפייערט. מיט דעם ערשטן מיליטערישן פאראַד פון דער יידישערע מדינה. ער האָט זיך פונקט אַזוי אַיינגעקריצט אין געמיט ווי אַלע גרויסע געשעענישן אין דעם בראשית לאַנד. ווי אימפּאָזאַנט ער איז געווען אָט דער בראשית פאַראַד פון יידישן מיליטער אין דער יידישער מדינה!

דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל איז דורכויס מיליטאַריזירט. דאָס איז ניט געשען אויס ליבע צום מיליטאַריזם. אַזוי לאַנג די מלחמה האָט ניט אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, האָט מען זיך ניט מיליטאַריזירט — איייניקע האַלטן, אַז מ'האָט זיך מיליטאַריזירט אין דער ריכטיקער צייט און אַנדערע, אַז מען האָט פאַרשפּעטיקט... דער מיליטאַריזם איז דאָ אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער. ער איז אַן אַרויסגעוואַקסענער פון פאָלק און ער האָט מער געשטיגן פון אונטן אַרויף, ווי פון אויבן אַראָפּ. ביז צוריק מיט אַ גאַנצער צייט איז דער גאַנצער יידישער מיליטאַריזם דאָ געווען באַהאַלטן און אומלעגאַל און במילא האָט ער ניט געהאַט קיין שום צוואַנגכח. זיין כח איז געווען דער פאָלקס ווילן. און טאַקע דערפאַר איז אים גרינג געווען צו איינפירן און אָנהאַלטן די דיסציפּלין. דער יינגערער האָט געפאָלגט דעם עלטערן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אַנדערש וועט ער קעמפן און פאַרגיסן בלוט אומזיסט...

אויסערלעך קען מען אַמאָל האָבן דעם איינדרוק, אַז עס הערשט ניט קיין דיסציפּלין אין דער יידישער אַרמיי. ניט פאַראַן דאָ קיין שטייפקייט. די אוניפאָרמען זיינען די פשוטסטע, וואָס עס קען נאָר זיין — אַ כאַקי־העמדל, קורצע כאַקי־הייזלעך, אַ גאַרטל, אַ פּאָר לאַנגע זאָקן און אַ כאַקי־היטל. אייניקע טראָגן נאָך קוטשמעס, אָדער בערעטען, אָבער דאָס

איז אַן איבערבלייב פון די ענגלענדער און ס'איז פרעמד. אַ לאַנגע פּאָר הויזן איז שוין גאָלאַ. קיין סימנים פאַר די ראַנגען זיינען נאָך ניטאָ, כאָטש אין די צייטונגען און זשורנאַלן זיינען שוין די דאָזיקע סימנים פאַרעפנטלעכט. מען דערפילט אַן אָפיצער, אָבער מען דערקענט ניט. זעסט אַמאָל פלוצים נעבן זיך אין אַ קאַפע אַ מאַן צווישן 55-60, וואָס גייט אָנגעטון מיליטעריש, טראָגט אַ קליינעם רעוואָלווער און ער האָט אַ צאַרטן און אפילו טרוימערישן אויסזען און דו דערפילסט, אַז ער איז אַ גענעראַל, אָדער צום ווינציקסטן אַ פּאָלקאָווניק.

עס פילט זיך ניט קיין צו שטרענגע דיסציפּלין אויסערלעך אויך מסתמא צוליב דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן אַ סך סאָלדאַטן מיידלעך און פרויען (וואָס האָבן ניט קיין קינדער); מיידלעך און יונגע פרויען זעען בטבע ניט אויס דיסציפּלינירט. ווייבלעכקייט איז דער היפּוך פון דיסציפּלין. און דער צוזאַמענטרעף צווישן יינגלעך און מיידלעך־סאָלדאַטן שאַפט ניט קיין דיסציפּלינירט בילד. ניט פאַראַן אַזאַ פרייע האַלטונג ביי יינגלעך־מיידלעך־סאָלדאַטן אין ארץ ישראל, ווי ביי יינגלעך־מיידלעך אין פּאַריז. ווייטער ווי אַ ביס טון פון אַן עפּל, אָדער אַ רייכער טון פון איין סיגאַרעט גייט עס ניט. אַמאָל, אַמאָל שפּאַרט זיך דאָס מיידל אָן אין אַ יינגל, ווען מען פאָרט אין אַן אָפענעם קאַמיאָן און מען איז צונויפגעדריקט ווי סאַרדינעס און עס שאָקלט אַרויס די נשמה און מען האַלט אין איין פאַלן. אָבער די אָנוועזנהייט פון מיידלעך און פרויען־סאָלדאַטן מאַכט נאָך ווייניקער שטרענג דאָס אויסזען פון דער מיליטערישער דיסציפּלין.

אָבער כאָטש די דיסציפּלין איז ניט קיין זייער שטרענגע, פעלן ניט קיין אינערלעכע מיליטערישע קאַמפן און אינטריגעס אין דער אַרמיי. עס פעלט שוין ניט דער מיליטערישער גייסט און עס פעלן שוין ניט די מיליטערישע אַפּעטיטן צו וועלן הערשן מער וויפל עס קומט. עס האָבן שוין היגע צייטונגען געשריבן, אַז עס שאַפט זיך אַ געוויסע פרעמדקייט צווישן ציוויל בירגער און צווישן מיליטער־מאַן. כאָטש אין קריג זיינען דאָך אַלע. די שטעט און די דערפער זיינען בעת מלחמה ניט געווען ווייניקער פראָנט ווי דער פראָנט אַליין. און עס האָבן שוין ניט געפעלט קיין מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און אויפשטייגן. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז י. גלילי, וואָס איז ניט לאַנג געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער אַרמיי, איז ניט אין חן ביי בן גוריונען און ער איז כמעט ווי באַזייטיקט. ער איז איינער פון די הויפּט־גרינדער פון „פלמח"

(שטורעם־בריגאַדע פון דער הגנה) און עס הייסט, אַז ער האָט צופיל געוואָלט הערשן, בעת בן גוריון האַלט, אַז עס דאַרף היינט ניט עקזיסטירן ניט קיין „אירגון" און ניט קיין „פּלמח", ס'דאַרף זיין אַ יידישע אַרמיי. גלילי איז מער אַדמיניסטראַטיווער קאָמענדאַנט, ווי סטראַטעגישער, ער איז מער בויער פון אַן אַרמיי, ווי קריגספירער, אָבער ער איז געווען דער קאָמאַנדאַנט און היינט איז ער דאָס שוין ניט און ער איז שוין אַפילו עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן בן גוריונען. אויך אין ירושלים האָט מען אַראָפּגעזעצט דעם קאָמענדאַנט ד. שאַלתיאל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם שווערן קריג בעת דער באַלאַגערונג. שאַלתיאל איז דווקא געבליבן שלום מיט דער רעגירונג און ווי עס ווייזט אויס האָט אים די באַפעל־קערונג ניט געוואָלט.

אָבער דאָס זיינען אַלץ קליניקייטן און מסתמא אומפאַרמיידלעכ־קייטן; די יידישע אַרמיי האָט אַרויסגעוויזן אין גאַנצער צייט פון קריג איר געאייניקטן ווילן.

און דעם געאייניקטן ווילן און די קראַפט פון דער יידישער אַרמיי האָט מען אויך געזען ביי די מיליטערישע פאַראַדן אין חיפה, ירושלים און תל אביב. מען האָט געזען אַן אַרמיי, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס דאָס אויסזען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן לעגיאָן און איז דאָך אַ גאַנצע אַרמיי. אין ירושלים האָט מען דעם פאַראַד געמאַכט געצווימטער. דאָרט האָט מען מער געליטן ווי אומעטום, דאָרט האָט מען מער קרבנות געבראַכט. געווען עפּעס אַפילו תפילהדיק אין דעם געזאַנג בעת דעם פאַראַד אין דער אייביקער שטאָט. מען האָט געפילט די גייסטער פון די געפאַלענע... מען האָט די דאָזיקע גייסטער געפילט אויך אין תל אביב. מען דאַרף ניט פאַרלייקענען, אַז דער גאַנצער ישוב האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן. עס זיינען געפאַלן צווישן זעקס און זיבן טויזנט יונגעלייט. זייער אַ סך קינדער פון עלטערן, וואָס האָבן געהאַט נאָר איינציקע זין... (דאָס איז אַ באַזונדער שטראָף און ס'איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז מען דאַרף האָבן מער קינדער!) און צום מערסטן זיינען געפאַלן זין פון די סאַמע אָנגעזעענסטע פאַמיליעס, אָנגעזעענע ניט מיט רייכקייט, נאָר מיט אינ־טעליגענץ. אין „פּלמח" זיינען געגאַנגען די קינדער פון די באַוווסטזיניק־סטע עלטערן און צום מיינסטן אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט גימנאַזיעס.

אוודאי איז קיינער ניט געפאַלן אומזיסט! וויפל מען באַטאָנט, אַז דאָ איז געשען אַ נס, איז עס ניט גענוג. די דאָזיקע, וואָס זיינען דאָ ניט געווען, גיבן זיך ניט חשבון, וואָס דאָ איז געשען! זעקס אַלטע

מלוכות און אפשר טאקע זיבן... עגיפּטן, עבר הירדן, סאודי־אַראַביע, איראַק, לבנון און סיריע און צו זיי תימן — אויך אַ מאכט — האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אַ מלוכהלע, וואָס איז ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. און די זעקס־זיבן מלוכות האָבן געהאַט געוועזן און דאָס נייע יידישע מלוכהלע האָט דאָס ניט געהאַט. און די אַלע זעקס־זיבן מלוכות האָבן גאָרניט דערגרייכט און זיי האָבן געליטן אַ חרפּה און אַ בושה. און זיי גייען נאָך איצטער ניט איין אויף קיין שלום, ווייל זיי שעמען זיך מיט זייער דורכפאַל, כאָטש זיי פילן, אַז אויב זיי וועלן ווייטער פירן קריג, וועלן זיי ליידן נאָך מער מפּלות... און קיין ניסים געשעען דאָך ניט נאָר סתם. עס מוז דאָך זיין אַ פאַר־וואָס און פאַר וועו. און דער פאַר־וואָס איז געווען: מען האָט זיך מקריב געווען... האָט מען אויף אַלע פאַראַדן געפילט דעם טרויער נאָך די קרבנות, אָבער דער טרויער איז געווען געצוימט. מען האָט געפילט, אַז עס איז ווערט געווען די קרבנות... יעדע טאַטע־מאַמע באַזונדער זיינען טרויעריק באַ זיך, ווען מען איז אינײנעם פילט מען זיך גרויס און שטאָלץ. קיין עפנטלעכער טרויער איז אין ארץ ישראל ניט פאַראַן. עפנטלעך איז פאַראַן קאַמפס־גרייטקייט.

און אָט דערפאַר איז דער ערשטער מיליטערישער פּאַראַד געווען פייערלעך און זייער ווירקנדיק אין תל אביב. מען האָט פאַרגעסן, וואָס נעבן בן גוריונען איז איצטער געזעסן ניט דער האַלב־דיקלעכער גלילי, נאָר דער גאַנץ־דיקלעכער נייער הויפּט־קאָמאַנדיר און גאָרניט מיליטעריש שלאַנקער, כאָטש געניג שטייפער הויפּט־קאָמאַנדיר י. דורי. מען האָט געזען ניט קיין פּרטים נאָר די גאַנצע זאַך. בן גוריון אַליין האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער ראש פון אַ פאָלק. זיין ווייסער קאָפּ, זיין פעסט עקשנות־דיקער אויסדרוק און דער מילדער שמייכל האָט געווירקט — א לייב מיט אַ שמייכל... מיט דריי טעג פריער בין איך געפאָרן מיט אַ גרופּע זשורנאַליסטן און געטראָפן בן גוריונען מיט אַ שאָפער שטופּן אַן אויטאָ. מיר האָבן אים דערקענט. אַן אירלענדישער זשורנאַליסט האָט געפרעגט בן גוריונען, צי ער מעג אויך העלפן שטופּן, ווייל זיין רעגירונג איז נייטראַל. דער אירלענדער האָט געוואָלט אויסנאָרן אַן אינטערוויו, אָבער דער יידישער פּרעמיער האָט געשוויגן. איך האָב אים געזאָגט אויף יידיש, אַז עס איז שווער צו שטופּן דעם וואָגן פון דער יידישער מלוכה... און קוקנדיק אויף בן גוריונען ביי דעם פּאַראַד, האָב איך זיך געפרעגט, צי ער זעט אויס אַנדערש, ווי ער האָט אויסגעזען בעת ער האָט געשטופּט דעם אויטאָ... ניין. ער האָט ניט אויסגעזען אַנדערש, ער איז איצטער

געזעסן ארומגערינגלט פון דעם אויסלענדישן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. ס'האָבן שוין געגוג מלוכות אָנערקענט די יידישע מלוכה! גאָט מיינער, ס'איז אַ חלום, צי ס'איז וואָר? אָט זע איך אָנגעשריבן אויף אַ פאָן „רצינו ואין זו אגדה" — מיר האָבן געוואָלט און ס'איז ניט קיין לעגענדע...

דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן אין ככר המושבים און ער איז געגאַנגען דורך גאַנץ אַלענבי און בן יהודה גאַסן ביז צום סטאַדיאָן ביים ברעג פון ירקון. ער איז באַשטאַנען פון 35 מיליטערישע און פּאָליציייאישע פאָרמאַציעס. געווען צווישן זיי אַ מיליטערישע איינהייט פון ירושלים, וואָס האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג. מען האָט געקוקט אויף דעם פּאַראַד פון די טראָטואַרן, באַלקאָנען, טעראַסן און דעכער.

אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט די גאַנצע צייט מיליטעריש. אין שפּיץ אין מען געגאַנגען מיט אַ ריזיקער נאַציאָנאַלער פאָן, וואָס איז געווען באַגלייט פון אַן ערן־וואַך, וואָס האָט געהאַלטן ביקסן און שווערדן. באַלד נעבן דער וואַך — די שילער פון אַן אָפיצערן־שול. נאָענט צו זיי אַ פּלמח־איינהייט פון מענער און פרויען. און אויסערגעוויינלעך געווירקט האָט אַ קאָמאַנדאָ־אָפּטיילונג מיט אַלע קאַמופלאַזש־מיטלען. עס זאָגט זיך לייכט „קאָמאַנדאָ". וויפל קומען צוריק פון אַ קאָמאַנדאָ? מען האָט געזען די אָרקעסטערס פון פּאָליציי און פייערלעשער.

אין מאַרש באַלייכט אַ גרויסער רעפלעקטאָר אַלע מאָל אַן אַנדער אָפּטיילונג. אָבער דעם גאַנצן פּאַראַד זעט מען ערשט ריכטיק, ווען ער קומט אַרויף אויף דער ארענע פון סטאַדיאָן. דאָרט זעט מען יעדע אָפּ־טיילונג דורך און דורך. אָט זעט מען די באַרג־אַרטילעריע, וואָס באַ־שטייט איבערהויפּט פון קליינע און לייכטע קאַנאָנען. „תותחים" — שרייט מען אויס. איך דערקען צווישן די קליינע קאַנאָנען דאָס ממזרישע „דודל" דאָ. די באַרג־אַרטילעריע איז זייער וויכטיק. באַשטייט דאָך דאָס גאַנצע לאַנד פון בערג און בערגלעך. זאָגט דאָך דאָס ליד דעם אמת, אַז

ארצי הרים, הרים גיא לה —

מיין לאַנד איז בערג, בערג און טאָל האָט עס.

די בערג־אַרטילעריע ווערט געפירט פון אייזלען און עס דאַכט זיך אַז די אייזלען שפּאַנען זייער פיין אין טאַקט. איז דאָ פאַראַן בלעמס אייזל?

און הינטער די אייזלען קומט אַן אָפּטיילונג מיט שפּיר־הינט און אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע.

און עס קומט שווערע אַרטילעריע. שווערע קאַנאָנען, בלינדירטע אויטאָס, טאַנקען. ערשט ניט לאַנג האָט „ישראל" כמעט גאָר קיין טאַנקען ניט געהאַט. און אָט אַן אָפּטיילונג טאַנקען „שלל המלחמה" — אַמאָל



אַ טייל פון מיליטערישן פּאַראַד אין תל אביב

האָט דער רבי עס גערופן „זאַקרויב", אָבער דאָס איז טאַנקען־רויב. עס וואַקסט אויס אַ ענטוזיאַזם. איין טאַנק האָט אַן אויפשריפט: „עקספּרעס נהלל־קאירא" — אָוואַציאָנירט מען אים. דאָס זיינען גאַנץ פיינע כלים אויף דעם אַראַבישן מיסט זיינען זיי נישט געוואַקסן.

און דער גרויסער רעפלעקטאָר שניידט דורך אַ ווייטן בלאָק, וואָס באוועגט זיך. דאָס איז די יידישע מארינע. ניט די יידישע מאטראָסן „דע לאַ יבשה"1) פון דרום־אמעריקע. נאָר טאקע אמתע מאטראָסן, וואָס וועלן איינגעמען דעם ים און וועלן ניט לאָזן בלאָקירן דעם צוגאנג קיין תל אביב און חיפה.

און אָט גייט אַ פרויען־אָפּטיילונג פון ח"ן. (חיל נשים). שיין און חן זיצן אויף איין שטיין; אייגנארטיק זיינען די פעסטע, שלאנקע און שטאָלענע מיידלעך, און, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד, עס איז פאראן אויף וועמען צו קוקן אויך, כאָטש ניט אַלע מאניקירן די נעגל און ניט אַלע פארבן די ליפּן. אַ סך פארבן יאָ און עס פּאסט זיי אויך.

און די סאניטאַרע אָפּטיילונג גייט דאָ מיט. די מאָדערנסטע איינ־ריכטונג. וואונדערלעכע בעטלעך און אויך שטולן. איך האָב ביז איצטער קיין סאניטארע שטולן ניט געזען. מסתמא ווייסט די מאָדערנע מעדיצין פון אַזעלכע פאלן, ווען די פארוואונדערטע טאָרן ניט ליגן און זיי מוזן זיצן. די סאניטאר־אָפּטיילונג איבערצייגט ניט ווייניקער ווי די שווערע ארטילעריע. מען זעט, אַז אומזיסט וועט קיין איין טראָפּן בלוט ניט פארגאָסן ווערן.

בן גוריון באווייזט זיך אויף דער ארענע. נעבן אים דער הויפּט־קאָמאנדיר דורי. דערנאָך די פאָרשטייער פון דער מלוכה, פון שטאָטראט, פון הסתדרות, דיפּלאָמאטישן קאָרפּוס. דורך פיר טויערן גייט מען אריין אין סטאדיאָן. איבער אַלע טויערן סימבאָלן פון אַ שווערד, אן איילבירט בלאט, אַ מגן דוד.

די אָוואציעס הערן ניט אויף. דער אָרקעסטער שפּילט די „התקוה". די ווייכע מעלאָדיע ווערט הארט, פעסט, קלינגט שוין ווייניקער גלותדיק און מער מיליטעריש. מען באערט די קדושים... דער טויט באהעפט זיך צום לעבן, בלייבט לעבן... דער גאנצער פּאראד סאלוטירט דעם מלוכה־שעף און זיינע באגלייטער. בן גוריון רעדט קורץ. „מיר קוקן — זאָגט ער — אָנגעשטרענגט און גרייט. אונדזער גורל איז שווער און אכזריותדיק, אָבער מיר וועלן זיין די זיגער". — — —

1) אין דרום אַמעריקע איז געווען אַזאַ פּרנסה: יידן האָבן זיך פארשטעלט פאר נ. אמעריקאנער און ענגלישע מאטראָסן, גערעדט „ענגליש" און פארקויפט מציאות „דירעקט פון שיף". דער מחבר פון אָט די שורות האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: „מאטראָס דע לאַ יבשה".

הערצל באַווייזט זיך... טויזנטער זעען אים. מען זעט אים אומעטום. די ווידערהאלט־באַנאַליזירטע פראַזע „הערצל איז ניט געשטאָרבן, ער לעבט", קרינגט דאָ דעם תיקון. אָט אַ דער פּאַראַד צו הערצלס יאָרצייט, איז ניט געווען באַשריבן אין „אַלט־ניי־לאַנד". — — —

אַז איר ווילט, איז עס ניט קיין לעגענדע.
האָבן מיר געוואָלט...
זאָגט טאַקע אַ פּלאַקאַט:
רצינו ואין זו אגדה — — —

און די צייט פון געזעגנען דערנעענטערט זיך. איך כאַפּ אַריין ארץ ישראל־שטימונג. עס איז ביי מיר שמיני־עצרת. איך פאַרהאַלט זיך נאָך און נאָך אַ טאָג. און אַלע טאָג געשעט עפּעס... מען האָט באַשטימט גאָלדע מאירסאָן פאַר אמבאַסאַדאָרן אין מאָסקווע און מען נעמט זיך געזעגענען מיט איר. הרב פישמאַן בעט זי צו אָנקלאַפּן מזוזות ביי די טירן פון דער אמבאַסאַדע און זי זאָגט צו. זי זאָגט צו מער ווי דאָס. זי זאָגט צו צו בענטשן ליכט און פירן אַ כשרע קיך. זי זאָגט צו מער וויפל דער מינים־טער פאַר רעליגיעס האָט געבעטן. זי איז ניט אַזאַ פרומע, גאָלדע מאירסאָן. זי איז אַ גאַנץ באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטקע. אָבער זי ווייסט, אַז דעם געדאַנק וועגן דער יידישער מדינה דאַרף מען פּאָפּולער מאַכן צווישן די סאָוועטישע יידן און די נייע לעבנס־פאָרמען אין ארץ ישראל זיינען נאָך ניט קיין בולטע און די יידן פון ערגעץ אַנדערש קענען זיי ניט און די סאָוועטישע יידן אַוודאי און אַוודאי ניט, בעת די אַלטע לעבן־פאָרמען און די אַלטע עמבלעמען קען מען. מ׳קען אָנקלאַפּן מזוזות און בענטשן ליכט, אַז עס זאָל ניט זיין רעליגיע, נאָר לעבן־שטייגער. איך בין ניט קיין רעליגיעזער און פאַר מיר איז אַ יידישע שטוב אָן אָנגעצונ־דענע ליכט וואָכעדיק. שבתדיקייט און יום טובדיקייט קען ניט זיין אָן אָנגעצונדענע ליכט.

אין לאַנד אַריין זיינען געקומען כמעט אין איין צייט די פאָר־שטייער פון די צוויי גרעסטע מלוכות אין דער וועלט — דזשיימס מעקדאָנאַלד פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פּאַוועל יערשאָוו פון ראַטנפאַרבאַנד. ביידע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס און מיט פרייד. מ׳קען ניט לייקענען, אַז דער סאָוועטישער פאָרשטייער איז אַביסל וואַרעמער אויפגענומען געוואָרן. און דאָס איז בשום אופן ניט, ווייל דער ישוב איז נענטער צו לינק, ווי צו רעכט. אפילו די

לינקסטע, די מפּמ׳ניקעס זיינען אויך זייער ווייט פון די דורכויסיקע קאָמוניסטן. סאָוויעטישע פאָרשטייער זיינען סתם מער סענסאַציע. אין וואָס פאַר אַ לאַנד עס זאָלן ניט קומען די פאָרשטייער פון אָט דיביידע לענדער, וועט דער סאָוויעטישער זיין מער סענסאַציע. אָבער ניט נאָר דאָס דאָזיקע האָט געווירקט. עס האָט געווירקט, וואָס די גאַנצע צייט פון קאַמף פאַר דער יידישער מדינה אין דער „יון" איז ראַטנפאַרבאַנד געגאַנגען אַן אָפענעם און מוטיקן וועג און די פאַרייניקטע שטאַטן זיינען געגאַנגען אַהין און צוריק. און דאָס דאָזיקע וועלן די ארץ ישראל יידן קיינמאָל ניט קענען פאַרגעסן. מען דאַרף קלאָר זען די זאַך: פאַר די ארץ ישראל יידן איז דאָס ניט געווען קיין פראַגע וועגן אַזאַ, אָדער אַנדער פּאָליטיק, נאָר עס איז געווען אַ דורכויסיקער קאַמף אויף לעבן און טויט. און ראַטנפאַרבאַנד האָט געהאָלפן ראַטעווען דאָס לעבן. מען דאַרף ניט אַוועקגעבן דערפאַר די נשמה, מען וועט דערפאַר ניט ווערן קאָמוניסטיש, ווען מען איז דאָס ניט. לוטער — להבדיל — האָט זייער געוואָלט, אַז דערפאַר, וואָס ער איז ביים אָנהויב געווען גוט צו יידן, זאָלן זיי אָננעמען זיין גלויבן און ווען זיי האָבן דאָס ניט געטון, איז ער געוואָרן דער בלוטיקסטער שונא פון יידישן פאָלק. יידן גיבן ניט אַוועק די נשמה פאַר ראַטעווען דאָס לעבן, אדרבא: זיי גיבן אַוועק דאָס לעבן אויף צו ראַטעווען זייער גייסט. אָבער געדענקען די פריינטשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד וועלן זיי אייביק. און זיי האָבן דאָס אַרויסגעוויזן דעם פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד באַלד ביי זיין אָנקומען אין לאַנד אַריין. מען דאַרף אָבער דאָך ניט פאַרשווייגן, אַז אויך דעם נאָרד אַמעריקאַנער פאָרשטייער האָבן אַלע ארץ ישראל יידן איינינעם מיט זייער רעגירונג אַרויסגעוויזן זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט און גרייטקייט צו ווערן פריינט. אים פערזענלעך האָט מען אַרויסגעוויזן אַ אָפענע פריינטשאַפט, ווייל ער האָט געהאַט א שם פון אַ יידנפריינט. ער איז עס אָבער לײדער ניט געווען. ער איז גיך געוואָרן א בייזער פריץ.

די קינדער פון ישראל לאָזן זיך סיי ווי דערקענען. מען מוז זיי דערפילן. וואַרשיינלעך איז ארץ ישראל דאָס איינציקע לאַנד, ווו די קינדער זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן לעבן, אויסער אין די אויסגעוואָרצלטע לאַגערן. אין אַלע אַנדערע לענדער וואַקסן די קינדער דאָך אָפּגעריסן פון דעם גאַנצן לעבן, כאָטש אין די לעצטע יאָרן דערנענטערן זיי זיך. זיי זיינען שפּראַכלעך אָפּגעריסן און זיי זיינען אין דער מענטאַליטעט אויך אָפּגעטיילט. און אָט דערפאַר רעדט מען אין ארץ

ישראל מער וועגן די קינדער ווי אומעטום. מען דערציילט זייערע חכמות און זייער רעאגירן אויף אַלע געשעענישן. אין די טעג, ווען די צוויי פּאַרשטייערשאַפטן זיינען אָנגעקומען קיין תל אביב, האָט מען, ראַכט מיר, מער ווי תמיד גערעדט וועגן די קינדער. זיי האָבן זיך אומע־טום געוויזן. ווען די פּאַרשטייער זיינען געפלויגן, זיינען די קינדער שוין געווען גרייט זיי צו אויפנעמען. עס האָט ניט געפעלט קיין קיבעץ וועגן די רעגירונגס־מענטשן. מען האָט דערציילט, אַז ווען יעדער פון די אמ־באסאדאָרן איז ארויסגעפאָרן פון חיפה, זיינען די יידישע מלוכה־פּאַרשטייער שוין געשטאַנען ביי דער טיר פון האָטעל „גת רמון", ווו מען האָט ביידע איינקוואַרטירט, מיט די היטלען אין די הענט און מיט אָנגעבויגענע קעפּ. אָבער, אַז די קינדער זיינען געווען אין גאַס, ווען מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז דער פּאַרט אַרויס פון וואַשינגטאָן און יענער פון מאָסקווע, איז ניט קיין קיבעץ, נאָר די רעאַליטעט. די קינדער האָבן געפילט, אַז דאָס איז אַ גרויס געשעעניש, און זיי האָבן זיך אַריינגעמישט. זיי האָבן געהאַט שמועסן מיט די אמבאסאדאָרן, געבעטן ביי זיי אויטאָגראַפן און זיי האָבן אפילו זיך פאָטאָגראַפירט מיט זיי. און זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי עס וועט זיין גוט און צי עס וועט מער ניט זיין קיין מלחמה. זיי האָבן זיך ניט געשראָקן פאר דער מלחמה, נאָר זיי האָבן זי פיינט געהאַט. עס איז זיי בעסער געפעלן געוואָרן, עס זאָל זיין פרידן. מען פלעגט בעת די באַמבאַרדירונגען פייפן אַ תקיעה גדולה אויף אַליארם און אויף באַרואיקונג האָט מען געפייפט אַ קלענערע תקיעה, איז פאַר די קינדער דער ערשטער פייף געווען שלעכטע מוזיק און דער צווייטער איז געווען גוטע מוזיק. די קינדער האָבן געבענקט נאָך דער גוטער מוזיק. ווען בערנאַרדאָט איז אָנגעקומען אין לאַנד אריין, האָבן צענדליקער קינדער אים געשריבן בריוו און אים געבעטן צוויי זאַכן: אונדז אָפּגעבן אונדזער לאַנד און מאַכן פרידן...

די קיבעצן האָבן זיך ווייטער געדרייט ארום די צוויי פּאַרשטייער־שאַפטן. בן גוריון האָט אויפגענומען יערשאָוון דעם סאַמע ערשטן. ער האָט דער ערשטער פרעזענטירט זיינע קרעדענציאַלן. דינסטיק דעם זיבעצנטן אויגוסט איז דאָס געווען. דריי חדשים מיט דריי טעג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. אויפנעמען אן אמבאסאדאָר איז ניט אַזאַ פּשוטע זאַך! מען דאַרף דאָס קענען. פאַראַן אַ סך ביכער וועגן דעם. קאָ־דעקסן גאַנצע. בן גוריון קען דאָס ניט און די אַנדערע מיניסטאָרן אויך ניט. און עס האָט זיך געפונען אַ ספּעציאַליסט אין דעם — דר. י. סימאָן

האָט דאָס געקענט דורך און דורך. מסתמא אַ דייטשער ייד איז ער. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף גיין אַנטקעגן און אין וועלכער זייט עס דאַרף שטיין דער פּרעמיער און אין וועלכער זייט דער אַמבאַסאַדאָר און ווער עס דאַרף אָנהויבן ריידן. און מען האָט באַשטעלט פּרעק פֿאַר אַלע. און אַזוי גיך מאַכט מען פּרעק. מען האָט צוליב דעם אַליין גע־דאַרפֿט אָפּלייגן די אויפֿנאַמע. און מען האָט געקיבעצט וועגן דעם ווי אַזוי די מיניסטאָרן בראש מיט בן גוריונען מאַכן רעפּעטיציע און לערנען זיך צו טראָגן די גאַלאַ קליידער און ווי אַזוי זיך צו האַלטן.

און ווען עס איז געקומען דער ריכטיקער מאָמענט, איז דער סאָ־וויעטישער אַמבאַסאַדאָר געקומען דווקא מיליטעריש אַנגעטון און ער האָט געטראָגן עפּאָלעטן פֿון לאָרבער בלעטער. ווען מען וואָלט געוווּן גע־וווּסט, וואָלטן די יידישע מיניסטאָרן אויך געווען געקומען מיליטעריש געקליידעט. ביי דער צערעמאָניע האָבן גענומען אַקטיוון אָנטייל אויסער בן גוריונען, דער אויסערן מיניסטער שערטאָק און דער אַמבאַסאַדאָר פֿון ישראל פֿאַר רוסלאַנד, גאָלדע מאירסאָן. ביידע זיינען לענדער און האָבן קעגנזייטיקע באַציאונג, כאָטש ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַזוי גרויס און ישראל אַזוי קליין. דער מאָמענט איז געווען אַ פֿייערלעכער און היסטאָ־רישער. יערשאָוו האָט געזאָגט אויף רוסיש: „דער פּרעזידיום פֿון פּ. ס. ס. ר. האָט מיך נאָמינירט פֿאַר אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל. (צאַרסטוואָ איזראַעל), דערמיט גיב איך איבער מיין פֿולמאַכט און בעט מיך גוט צו הייסן אין מיין שליחות.” בן גוריון האָט געענטפֿערט: „אין נאָמען פֿון דער יידישער רעגירונג באַגריס איך דיין קומען צו אונדז. איך האָף, אַז דיין שליחות וועט ברענגען אַ ברכה צו אונדזערע לענדער און פֿאַר דער גאַנצער וועלט.” שערטאָק האָט איבערגעזעצט דעם פּרעמיערס ווערטער אויף רוסיש. דערנאָך האָבן אַלע געשמועסט רוסיש.

זיג טראַנזיט...

און די צייט פֿון אַוועקפֿאָרן איז דאָך געקומען. פֿאַרכאַפּט נאָך אַ פּאָר זיצונגען פֿון איחוד פֿון מפא״י, געפֿילט דעם ערב זיצונג פֿון ועד הפּועל (אַקציאָנס קאָמיטעט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע), וואָס האָט אָנגעזאָגט שטורעם און וואָס האָט געדאַרפֿט שטעלן רעבראַם די גאַנצע פֿראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער מדינה און דעם ציוניזם. נאָרד אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן ווי געהאַלטן, אַז מען קען פֿון איצטער אָן און ווייטער ניט זיין אי אַ רעגירונגס־מאַן, אי אַ

ציוניסטישער מנהיג. בן גוריון האָט זיך געגרייט קעגן צו שטעלן אָט דעם געדאַנק מיט זיין גאַנצער ווילדער עקשנות.

מען האָט דעם קאַמף צווישן גלות און דער יידישער מדינה פאָרויס־געזען און פאָרויסגעזאָגט. איבערהויפּט האָבן וועגן דעם געשריבן אחד העם און דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער יעקב קלאַצקין. דער ערשטער האָט די זאַך געמאַכט קליין און אידיליש. ער האָט געלעבט נאָר אין אַ גייסטיקער וועלט און זיינע געדאַנקען האָבן זיך שטענדיק געפונען פון יענער זייט פון אַלע עקאָנאָמישע קאַמפן. ארץ ישראל האָט פאַר אים געדאַרפט ווערן נאָר אַ צענטער און דער דאָזיקער צענטער האָט געדאַרפט באַאיינפלוסן די גייסטיקע שפּיצן פון די פעריפעריעס, די אידעלע „בני משה"־יידן. ווי ווייט דער ארץ ישראל ישוב איז פון בלויז גייסט, קען יעדער איינער זען. ניט דער פלמח, ניט דער אירגון, ניט די שועלי שמשון, ניט די הסתדרות, ניט דער קריג, ניט דער גאַנצער עקאָנאָמישער געראַנגל, ניט די גאַנצע מדינה זיינען בלויז גייסט און די צאָל יידן, וואָס לעבן אין גלות אין אַ וועלט פון בלויז גייסט, איז אַזוי קליין. פאַר קלאַצקינען איז דער גלות געווען בלויז אַסימילאַציע און ירידה און פאַר אים איז אין סאַמע תוך אויסגעקומען, אַז ווען עס וועט קומען צו אַ יידישער מדינה, וועט קומען צו אַ טראַגישער מלחמה צווישן איר און דעם גלות, וועלכער וועט געשטערט ווערן אין זיין לעבן. דערווייל ווייזט די זאַך ניט אַזוי אויס. דערווייל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז מדינת ישראל פאַרייניקט די יידן, וועלכע זיינען גרייט צו מאַכן גרויסע אָנ־שטרענגונגען און צו בויען אַ גרויסע יידישע מדינה. די יידן פון אומעטום באַצאָלן ניט אַזאַ פּרייז ווי די יידן פון ישראל, אָבער אינגאַנצן ביליק באַקומען זיי דאָס אויך ניט. און די יידן פון אומעטום שאַצן אָפּ די קרבנות, וואָס די יידן פון ישראל ברענגען. זיי ווייסן אַז פאַר זיך האָבן די יידן אין ארץ ישראל גענוג פּלאַץ און זיי האָבן געבראַכט אויף דער עקדה עטלעכע טויזנט וואונדערלעכע קינדער ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק — פאַר אַ פרייער עליה און אַ גרעסער לאַנד. און דאָס דאָזיקע וועט, אַפּנים, זיין די אויפגאַבע פון יעדן איינעם, וואָס ווייסט עס, צו דערציילן אַלע יידן. און דאָס דאָזיקע וועט אויך זיין מיינע אַ לעבנס־אויפגאַבע. איך בין געפאָרן אין לאַנד פון די אבות בשעת חירום, סכנה און בשעת דעם גרעסטן אויפשטייג צו נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג און איך האָב געזען זעעניש ניט פאַר זיך אַליין.

מיט די טויזנטער באַקאַנטע מיינע האָב איך ניט געקענט באַווייזן

זיך צו געזעגענען. איך האָב זיך פון זיי אַרויסגעגנבעט ווי מען גנבעט זיך אַרויס פון אַ חתונה. איך האָב געקראָגן אַ דאַנק דער פריינטשאַפט פֿון דעם סעקרעטאַר פון זשורנאַליסטן קלוב, דאַנציקער קראָן, אַ געלעגנהייט זיך צו געזעגענען מיט אייניקע אָרטיקע זשורנאַליסטן. ער האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־מסיבה. יוסף העפטמאַן האָט די מסיבה פּרעזידירט. דער דאָזיקער דיכטער, זשורנאַליסט און געלערנטער מיט דעם ווייסן קאָפּ און יונגן שמייכל האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ האַרציקע דערמאָנונג. די סאַמע ערשטע זאַך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן האָב איך אים געשיקט צו אַ זשורנאַל, וואָס ער האָט דעמאָלט רעדאַקטירט און ער האָט מיר געענטפערט: „וואָרעם אָנגעשריבן, אָבער טעכניש



די אָפּשייד־מסיבה אין זשורנאַליסטן־פאַריין

נאָך רוי". און ער האָט די זאַך דאָך געדרוקט און ער האָט מיר געגעבן טאָפּלטע אַנערקענונג. וואַרעמקייט איז פאַרבליבן די הויפּט אייגנשאַפט פון מיין שרייבן. מיך האָט מאָדנע גערירט דער פאַקט, וואָס עס איז געקומען אַ פאָרשטייער פון דער רעגירונג מיך באַגריסן. געקומען איז דער זשורנאַליסט יוסף גראַוויצקי אין נאָמען פון דעם ביוראָ פאַר טוריזם און אינפאָרמאַציע ביים אינערן מיניסטעריום. וואַרשיינלעך האָט אין דעם געהאַט אַ האַנט דער אָנפירער פון אָט דעם ביוראָ, דער אַלטער פּאָליטיקער מיט דער זשורנאַליסטישער און באָהעמישער נשמה. י. קלינאָוו, אָבער איך האָב דאָך דערפילט טרערן אין האַלדז. איך בין ניט קיין פּאַרטיי־מאַן, איך בין אָפּגעריסן פון יעדער פּאַרטיי און די רעגירונג ווערט דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע פּאַרטייען און דאָך איז געקומען אירער אַ פאָרשטייער מיר זאָגן אַ גוט וואָרט.

אין סאַמע עיקר פון מיינע געזעגנונג ווערטער האָב איך געזאָגט, אַז איך פּאָר אַוועק פון דער יידישער מדינה מיט אַ גרויסער ליבע אין האַרצן און אויך מיט אַ גרויסער קנאה. ווען דאָס יידישע לעבן פון אומעטום וואָלט געקענט האָבן כאָטש אַ קליינעם טייל פון אָט דעם גלויבן און אָט דער זיכערקייט, וואָס הערשן אין ארץ ישראל! און מען דאַרף טאַקע אַהער קומען לערנען ווי צו קעמפן פאַר דעם אייגענעם לעבן.

צו אָט דער מסיבה זיינען געקומען מיינע פריינט פון אמאָל ראובן און מאָטיע ראבינאָוויטש און מיינע פריינט פון שפּעטער זרובבל און א. סוצקעווער און ס'האָבן זיך פאַרייניקט וועלטן...

די סאַמע לעצטע מסיבה איז פאַר מיר געווען ביי מאָטיע ראַבי־



עס זיצן: זרובבל, י. באָטאָשאַנסקי, ראובן. עס שטייען: א. סוצקעווער און מאָטיע ראבינאָוויטש

נאָוויטש אין שטוב. ער אַליין, זיין פרוי מאַליע, זייער זון יינגו — איינער פון די בעסטע איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן אין העברע־איש, וואָס וועט אויך טיילן פון אָט דעם בוך איבערזעצן אין עברית — זיינען געווען יום טובדיק. עס איז געקומען די גאַנצע רומענישע קאָלאָניע. דער מאָלער ראובן און זיין אסתרקע. אָסקאַר קרעמער, לייבוש גאָלד, מאַטעס סעגאַל, יאָשע ראָזנבערג, דאָס פּאָרל מאַסים, מיצי שטיינבערג, די טאָכטער פון בוקאַרעשטער ראַבינער בעק, די פאַמיליעס סעגאַל און וויינפעלד און נאָך און נאָך. מיט די מערסטע פון

זיי האָב איך זיך געקענט אין פאַרשידענע רומענישע שטעט צוריק מיט דרייסיק יאָר. עפּעס האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן געגעבן אַ רוק אויף צוריק, ווען איך בין געווען אַ יונגער און ייִנגלישער רעדנער און אַגיטאַטאָר פאַר דעם ציוניזם. כאָטש איך בין עלף יאָר דערנאָך געווען ווייט פון ציוניזם, האָב איך מסתמא געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס אַ סך רומענישע ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל. און איך האָב דערפילט, אַז די אַלע ייִדן, וואָס וועלן פון איצטער און ווייטער קומען קיין ארץ ישראל, וועלן זיך ראַטעווען. גייסטיק ראַטעווען? מסתמא. אָבער ווער ווייסט, צי אַ סך אויך ניט פיזיש... עס איז אַזאַ שווערער געדאַנק, אַז עס גלוסט זיך אים ניט צו־ווייט ציען. ייִדן וועלן דאַרפן וויניקער טראַכטן און מער פאָרן. וואָס מערער ייִדן עס וועלן זיין אין דער ייִדישער מדינה, אַלץ זיכערער וועט זיין איר צוקונפט און אפשר אויך מער זיכער די צוקונפט פון די ייִדן אין דער צעשפּרייטונג. דאָס לאַנד איז קליין? זיינען מיר דערפאַר אַ גרויס פאָלק און מיר קענען מאַכן פון קליין גרויס. עס איז דאָך נאָך וויסט. פון דעם אויבנויפנדיקן קוק איז דאָ דאָרט נאָך פּלאַץ פאַר פיר, פינף מאָל אַזויפיל וויפל ס׳איז דאָ. מען פאַרגלייכט עס מיט דער שווייץ. אָבער די שווייץ איז שוין אינגאַנצן גרין און ארץ ישראל איז נאָך אינגאַנצן געל און עס האָט נאָר דאָ און דאָרט אַ גרין פינטל.

...און ווידער אין חיפה. און ווידער די טעראַסע פון ניאָמע מירסקי אויף דעם חדר הכרמל און ווידער האַלב ארץ ישראל פאַר די אויגן. און ווידער ניאָמעס טאָכטער, די צווויי־יאָריקע, דער סימבאָל פון אַלע ארץ ישראל־קינדער פאַר מיר, אין וועלכע איך האָב זיך אַזוי פאַרליבט. אפשר האָב איך זיך אין זיי אַזוי פאַרליבט, ווייל זיי ריידן עברית. די קינדער אונדזערע פון אומעטום ריידן דאָך ניט קיין ייִדיש. און פאַרגלייכן עברית מיט ענגליש, שפּאַניש, אָדער אַן אַנדער לשון, איז אויך פון אַ ייִדישיסטן שטאַנדפּונקט דער גרעסטער אַבסורד. עברית איז ייִדיש! און עס זאַפּט איין יעדן טאָג אַ מיליאָן „קילאָוואַט" פון ייִדיש...

...און ווידער אַ רעוויזיע פון די רענצלעך אויף העברעאיש, אַ בקורת. אַ גאַנץ לעבן געשריבן ליטעראַריש „בקורת" (קריטיק) אויף ייִדיש און דאָ מאַכט מען בקורת אין די רענצלעך אויף העברעאיש.

...און דער עראָפּלאַן לויפט און הייבט זיך אויף און שרייט און אַנטלויפט און דאָס האַרץ מיינס לויפט צוריק. עס לויפט צוריק אין דעם

לאַנד אַריין, ווו עס געשעט דער גרויסער בראשית נס. עס לויפט צוריק אין דעם לאַנד, ווו דאָס אַלטע פאָלק אונדזערס, וועלכעס געפינט זיך אין דער סאַמע מיט פון קאַסטראָי, וואָס פון זיין איין זייט שטייט דער אַנטיסעמיטיזם און פון דער אַנדערער זייט די אַסימילאַציע, ראַטעוועט זיך פון ביידנס בייטשן און פון סאַמע תהום און לעבט אויף און שטייגט... היינט שטייגט עס מיטן רידל און דער ביקס אין דער האַנט, מאָרגן וועט עס צוריקנעמען אויך דאָס בוך און דאָס ספר אין דער האַנט. מאָרגן וועט עס שטייגן אויך אין בית מדרש, אוניווערסיטעט און לאַבאָראַטאָריע. מאָרגן וועט פון דאַנען אַרויס אַ ליכט פון שלום און פון אַ גערעכטער, מענטשלעכער און יושרדיקער אָרדענונג.

גרינע פינטלען האָט דאָס לאַנד. נאָר פינטלען. עס דאַרף ווערן אינגאַנצן גרין. אינגאַנצן...

גרין, גרין, גרין — — —

רשימה פון בילדער

(צווייטער באַנד)

20 אַ ווינקל אין רמת גן — — — — — — — — — — — 284

21 י. קורין, דער מחבר און אַ מיידל מיט אַ הון
אין כפר מונש — — — — — — — — — — — — 316

22 אַלגעמיינער בליק פון חיפה און דעם פּאָרט — — 337

23 די הערצל־גאַס אין חיפה — — — — — — — — 339

24 אין ים אַריין (פישער אין משמר הים) — — — — — — 342

25 ענגלענדער פּאַרלאָזן חיפה — — — — — — — 344

26 יידיש מיליטער נעמט איבער דעם פּאָרט אין חיפה 345

27 אַלגעמיינער בליק פון יגור — — — — — — — — 355

28 רעגן־וואַרפער — — — — — — — — — — — — 361

29 אַלגעמיינער בליק פון נהלל — — — — — — — — 364

30 די עקספּעדיציע צו נאות מרדכי — — — — — — — 381

31 די גליל־בערג און דער חרמון — — — — — — — — 382

32 דער וואַסערפאַל „התנור" (דער אויוון) — — — — — 383

33 דער מחבר און זיינע באַגלייטער: נ. מירסקי
און באַגאַטיר ביים קבר פון יוסף טרומפּעלדאָר — — 385

34 דן — דער קוואַל פון ירדן — — — — — — — — 386

35 דער מחבר, מירסקי און באַגאַטיר אויף דער
אויפגעריסענער בריק ביי דן און דפנה — — — — — 387

36 דער ירדן גייט אַרויס פון כנרת — — — — — — — 393

37 טבריה, דער ים כנרת און רעשטן פון מויער — — — 396

38 אַ שטיקל פון אַ בריוו, וואָס דער מחבר האָט
געפונען אין דגניה — — — — — — — — — — — 397

39 אַט אַזוי האָט דער מחבר געוואַנדערט אין אַ „דזשיפּ" 400

40 די רעשטן פון מצודה אין טבריה — — — — — — — 401

41 א פאַפּירוס־וועלדל — — — — — — — — — — — — — 404
42 צפת און דער באַרג כנען — — — — — — — — — — — 405
43 די שול און דאָס פּלאַץ פון דער ליכט־
אָנצינדונג אין מירון — — — — — — — — — — — 407
44 מען לאָזט אַריין אַ נעץ אין וואַסער אַריין
אין חולתא — — — — — — — — — — — — — — 409
45 נוה אילן, דער קיבוץ פון די „מאַקים" — — — — — — 409
46 אַ ליכטיק פנים פון אַ געפאַלענער — — — — — — 453
47 ביים כותל המערבי — — — — — — — — — — 482
48 מגדל דוד — — — — — — — — — — — — — 483
49 די גאַס בן יהודה אין ירושלים — — — — — — — 486
50 דער העברעאישער אוניווערסיטעט פון הר הצופים — 491
51 דער מוטער רחלס קבר — — — — — — — — — — 493
52 דירעקטאָרן פון ק"ק און דער מחבר אין הערצל־
צימער פון קרן קימת אין ירושלים — — — — — — 496
53 אַ טייל פון מיליטערישן פּאַראַד אין תל אביב — — 517
54 די אָפשייד־מסיבה אין זשורנאַליסטן פאַריין — — — 524
55 דער מחבר מיט זרבבל, ראובן, א. סוצקעווער
און מאָטיע ראבינאָוויטש — — — — — — — — — 525

נעמען־רעגיסטער

(פאַר די צוויי בענדער)

א

אבידור, יוסף — 134
אבן, דן — 134
אבנרי, מ. — 154
אַגראָנסקי, גרשן — 194
אהראָנאָוויטש, יוסף — 77, 231, 380
אַהראָנסאָן, אהרון — 319, 328
אהראָנסאָן, הרב — 73, 75
אהראָנסאָן, שרה — 319
אַוסטינאָוו, באַראָן — 282
אוסישקין, מ. מ. — 6, 74, 78, 240, 262, 264
אורי, יעקב — 313 314, 363
אורי, נאַדיא — 363
אויערבאך, אפרים — 29, 167
אחד העם — 35, 36, 75, 76, 110, 230, 523
אַטלי, קלעמענט — 422
אימבער, נ. ה. — 218
אלון, יגאל — 134, 136
אלטערמאן, נתן — 190, 191, 501
אלענבי, עדוארד — 7, 471
אנכי, ז. — 75, 175
אנ־סקי, ש. — 182
אָסטראָווסקי, ב. — 186
אָפּאַטאָשו, יוסף — 29, 304
אפטייקער, חיים — 265
אָפּענהיימער, פראַנץ — 368
אָרלאזאראָוו, חיים — 24, 76, 77, 78, 289, 417
אש, שלום — 283, 321, 322, 360, 508, 509
אַשענדאָרף, ישראל — 430

ב

באַלפור, לאָרד — 17
באָגאַטיר — 376, 379
באָמזע, נחום — 430
באָנטש, ראלף — 156
באָראָכאָוו, בער — 288
באראץ, יוסף — 396, 450
באראץ, מרים — 396, 449, 450
באראש, אשר — 305
בארלאס, י. — 113, 155, 442
בוסל, יוסף — 396
בוקר, אסתר — 319, 368
ביאַליק ח. נ. — 37, 74, 76, 102, 166, 182, 195, 262, 264, 287, 304, 311, 320, 366
בייגין, מ. — 32, 72, 134, 416, 417, 418,
ביילינסאָן, משה — 77, 191, 291
ביילים — 164
ביק, הרב א. — 432, 437
ביקל, דר. שלמה — 29, 163
בלום, לעאָן — 386, 437
בלומענסאָן, לעאָ — 433
בן גוריון, דוד — 24, 25, 26, 32, 47, 48, 50, 52, 77, 82, 84, 93, 105, 110, 135, 136, 164, 179, 181, 200, 209, 214, 218, 246, 265, 278, 297, 303, 344, 358, 390, 418, 419, 422, 513, 514, 515, 518, 521, 522, 523
בן טוב, אליהו — 295
בן טוב, מרדכי — 47, 53, 82, 191, 245
בן יהודה, אליעזר — 85, 308
בן צבי, יצחק — 129, 465

בעווין, ערנסט — 17, 152, 240, 422, 463, 480
בעלקינד, ישראל — 320, 505
בענטוויטש, נ. — 495
בעקערמאַן, אהרן — 433
בערגלסאָן, דוד — 486
בערלין, הרב מאיר — 418
בערמאַן, אַזאָלף — 422
בערנאדאָט, גראַף — 156, 179, 285, 351, 467, 508, 520
בערנאר שאָו — 34, 421
בערנשטיין, י. — 192
בערנשטיין, דר. פ. — 47, 48, 53, 192, 333, 341
בראַנדייס, ריכטער — 322
בראסלאווער, ר' נחמן — 263, 434
ברוידע, יעקב — 232
ברייגין, יוסף — 432, 436
ברייגין, ראובן — 432, 436
ברסלבסקי, יוסף — 330, 342, 388
ברענער, י. ח. — 17, 73, 77, 129, 177

ג

גאָלאָמב, אליהו — 35, 36, 135
גאָלד, הרב זאב — 432
גאָלד, לייבוש — 68, 525
גאָלד, עלא קליינער — 68, 224
גאָלדבערג, י. ל. — 190, 289
גאָלדבערג, קאָנסול — 433
גאָלדפאַדען, א. — 75, 185
גאַנדי, מ. — 84
גאַפּאָן, גלח — 351
גאָרדאָן, א. ד. — 17, 21, 32, 74, 78, 129, 130, 231, 262, 263, 267, 293, 295, 394, 396, 449, 451
גאָרדאָן, ש. ל. — 77
גאָרדין, יעקב — 185
גוטמאַן, ד. מ. — 291
גיניס — 461
גלאָוב, פּאַשאַ — 137, 155
גלאַטשטיין, יעקב — 29
גלילי, ישראל — 47, 134, 135, 136, 416, 513, 514, 515
גליקסאָן, דר. מ. — 77, 190
גלעדי, ישראל — 384
גערשוני — 307
גערשמאַן — 432
גערשענזאָן — 185
גראַדע, חיים — 356, 420, 421, 430
גראַזאָווסקי, יהודה — 240
גראַוויצקי, י. — 524
גראָסבאַרט, הערץ — 376
גראָסמאַן, משה — 430
גראָסמאַן, נועם — 475, 476
גראָסמאַן, ראובן — 475
גראָפּער, יעקב — 68
גרוזנבערג — 146
גרינבוים, יצחק — 52, 82, 193, 348, 465
גרינבערג, חיים — 418
גרינבערג, יעקב — 432, 436

ד

דובנאָ, יצחק — 462
דוואָרזשעצקי, דר. מאַרק — 430
דורי, י. — 134, 135, 136, 515, 518
דיזענגאָף, מאיר — 43, 77, 93
דיינארד, אפרים — 507
דרויאַנאָוו, אַלטער — 77

ה

האז, דוד — 35, 36, 77, 135
האלפּערן, מיכל — 217, 218, 222
האַלקין — 411
הדני, עבר — 383, 436
הובערמאַן, ב. — 354
הירש, באַראָן — 310
הירשביין, פּרץ — 198
הלוי, יהודה — 37
הלוי, משה — 185
הלל, משה — 185
העס, משה — 9, 17, 37, 308
העפּטמאַן, יוסף — 192,108, 524
הרפז, נטע — 199, 200
הערצל, דר. — 17, 34, 47, 73, 76, 79, 111, 210, 220, 221, 222, 232, 233, 280, 318, 474, 495, 496, 506, 512, 519

ו

וואַלדמאַן, א. 68
וואַלטער — 76, 77
וואַלף, י. — 421, 430
וואַלפסאָן, דוד — 378
וואַלקאני, א. — 228
וואַרבורג, אָטאָ — 303
וואַשיל, א. — 468
וויקאָפּ — 20
ווילבושעוויטש, מאניע — 390
וילנאי, י. — 112
ווילנער, מאיר — 201
ווינד — 468
ווינגייט, לאָרד — 135, 353
וויינערמאַן, מרדכי — 461
ווייס — 402
ווייסמאן, כרמי — 59, 466
ווייסמאן, מישו — 59, 466
ווייץ, יוסף — 352, 476
ווייץ, יחיעם — 352, 475, 476
ווייצמאַן, חיים — 151, 197, 228, 475
ווערטהיים, דוד — 24
ויתקין, יוסף — 312

ז

זאַץ, לודוויק — 185
זאַק, א. — 430
זבאַרזשער, וועלוול — 75
זובאַטאָוו — 390
זייד, אלכסנדר — 362, 450
זייד, צפורה — 406, 450, 451
זיוו, דניאל — 228
זיוו, פאַמיליע — 228
זינגער, י. י. — 185
זיסו, א. ל. — 469
זיסו (זון) — 469, 470
זשאַבאָטינסקי, וו. — 17, 131, 151,
זרבבל — 196, 421, 422, 525
זרבבל, פרידע — 196
190, 309
זשיטלאָווסקי, דר. חיים — 198, 426

ח

חביב, זרבבל — 220
חבס, ברכה — 29
חכם באשי, חיים נחום — 296, 297
חושי, אבאָ — 332, 345
חיסין, חיים — 289
חלפי, י. — 186
חרודי, חיים — 313

ט

טאָליאַטי, פּ. 436
טאָכקאַניני, א. — 302
טויבמאן, י. ל. — 64, 66, 306, 466
טייבער, ברידער — 391
טעלער, ישראל — 222
טראָצקי — 426
טרומאַן, ה. ס. — 471
טרומפּעלדאָר, יוסף — 17, 32, 78, 130
131, 265, 266, 360, 369, 383,
384, 399, 408, 456
טריטש, דוד — 302
טשאַפּלין, טש. — 24
טשורטשיל, ווינסטאָן — 84, 152
טשיזיק, אפרים — 240, 241
טשערניכאָווסקי, שאול — 158, 332,
439

י

יאַרבלום, מ. — 432
ייבין, ש. — 21
ייבנאלי, ש. — 90
ידין, יגאל — 134, 136
יוריס, א. ש. — 71
יערשאָוו, פּאַוועל — 499, 519, 521,
522
יפה, הלל — 318, 385
יפה, לייב — 190, 487

כ

כאנקין, אָלגאַ — 363, 370
כאַנקין, יהושע — 363, 367, 370
כהן, אליהו — 134
כהן, דר. מטמון — 110

ל

לאודערמילק — 470
לאנדוי, אליעזר — 303
לביא, ש. — 373, 465
לבני — 402
לובעטקין, צביה — 356
לויד דזשאָרדזש, ד. — 363
לייוויק, ה. — 29, 191
ליליענבלום, מ. ל. — 30, 33, 231, 301
ליעסין, אברהם — 103
ליפמאַן, שליט — 217
ליפע, דר. ל. — 75
לישענסקי, בתיה — 107, 177, 241
לעווין, שמריהו — 76, 305
לעווין, חנה — 158
לעווין, י. מ. — 53, 83
לעווינסאָן, א. — 174, 196
לעווינסקי, א. ל. — 86
לעווקאָוויטש, ש. — 376
לענין, נ. אי. — 426
לענעמאַן, י. — 430
לערנער, דר. יוסף — 69, 391
לערער, ראובן — 222

מ

מאָגולעסקאָ, ז. — 185
מאַהילעווער, ר. שמואל — 322
מאַיער, דאניעל — 432, 433
מאיר, אבאָ — 192
מאירסאָן, גאָלדע — 48, 53, 54, 92, 466, 499, 519, 522
מאָליער — 469
מאַליץ, דוד — 373
מאַלקין, ב. — 197, 466
מאַן, טאָמאַס — 225, 403, 425
מאַנד, אדאָלף — 308
מאָנטעפיאָרע, יהודית — 235
מאָנטעפיאָרע, משה — 235, 286
מאָסינזאָן, יגאל — 142, 198
מאַפו, אברהם — 304
מאַק, דזשוליאַן — 366
מאַקדאָנאַלד, דזש. — 499, 519
מאַרקוס, קאָלאָנעל דוד — 137, 452
מארקס, קאַרל — 263
מהרשק, דר. — 296, 297
מוליע — 196
מייזיל, נחמן — 75
מילער, ע. 461
מילער, שלמה — 96
מיימון, משה — 176
מירסקי, ניאָמע — 334, 337, 339, 376, 387, 525
מעלטשעט, לאָרד — 308
מענדעלע מ. ספרים — 6, 21, 28
מרגלית 141, 185

נ

נאָוואָמעיסקי — 281
נאָזשיק, מאַקס — 186
נאָמבערג, ה. ד. — 287
נאַפּאָלעאָן — 95, 115, 116, 289
נאָרדוי, מאקס — 73, 75, 76, 79
נחתומי, י. — 186
ניידוס, לייב — 285
ניימאַן, א. — 197
ניימאַן, מ. — 174
ניסאָנאָוו, דוד — 391
ניצשע, פ. — 263
ניר — 196
נעטער, קארל — 210, 211, 308

ס

סאלאָמאָן, י. מ. — 291
סאָלד, הענריעטע — 363
סאָקאָלאָוו, נחום — 150, 378, 469
סוצקעווער, אברהם — 168, 169, 173, 174, 196, 201, 207, 339, 350, 420, 429, 466, 525
סוקעניק, א. ל. — 21, 289, 324
סוקעניק, חנה — 187
סוקעניק, מתי — 96, 204, 205, 277
סוויסלאָצקי, ש. — 192
סטאַווסקי, אברהם — 417
סטאַווסקי, משה — 239
סטאַלין, מאַרשאַל — 164, 426
סטאצקי — 468
סימאָן, דר. י. — 521
סירקין, נחמן — 248, 260
סמאָלענסקי, פרץ — 111, 506

סמיליאַנסקי, משה — 231
סנה, משה — 421
סעגאלאָוויטש, ז. — 448, 501
סענעש, חנה — 363
סערעני, ענציא — 363

ע

עגנון, ש. — 198
עלבערג, יהודה — 421
עמיו, ישראל — 134
ענגעל, יואל — 75
עפרויקין, י. — 423
ערנבורג, איליא — 423
עשת, שלום — 134

פּ

פּאַכאַטשעווסקי, נחמה — 219
פּאַלענבערג, מאַקס — 185
פּאַרעצקי, דר. א. — 193
פּינס, י. מ. — 220
פּינסקער, הערשל — 363
פּינסקער, י. ל. — 17, 30, 214, 403
פּינעלעס, סאַמועל — 304
פּעטערזייל — 196
פּלעכאַנאָוו — 426
פּרץ, י. ל. — 6, 28, 209, 421

פ

פאַן ווייזל, וו. — 192, 193
פייגין, אגר. — 228, 229
פיכמאַן, יעקב — 165, 166, 264, 300, 325, 476
פיין, לינקא־קליינער — 224, 301
פינקלשטיין, לעאָ — 108, 441
פישמאַן, הרב י. ל. — 42, 43, 48, 52, 53, 165, 166, 226, 278, 284, 418, 509, 511, 519
פישמאַן, עדה — 226
פישער, יונה — 308
פרידמאַן, מאַטעסל — 68, 452

צ

ציזלינג, אהרן — 47, 53, 82, 209, 245, 372
ציראַנקיעוויטש, יאָסעף — 422
צעכאָוואל, ס. — 186

ק

קאַטשערגינסקי, ש. — 420, 430
קאַפּלאַן, אליעזר — 61, 82, 83, 111, 278
קאַצענעלסאָן, בערל — 17, 29, 30, 32, 79, 191, 303, 394, 395
קאָרין, יצחק — 165, 166, 312, 316
קארלבאך, עזריאל — 190, 193
קוצענאָק — 391
קוק, הרב א. — 312
קיטעווער, ר׳ גרשן — 50
קיפּלינג, רידיאַרד — 195
קלאצקין, דר. יעקב — 523
קלינאָוו, י. — 500, 524
קמחי, דזשאָן — 100
קעסטלער, ארטור — 150, 151
קראוזע, אליהו — 211, 212
קראַל, אליעזר — 319, 380, 384
קראָן, דאַנציגער — 108, 524
קראָפּאָטקין — 426
קריניצקי — 287
קרעמער, אָסקאַר — 69, 525

ר

ראַבינאָוויטש, א. ז. — 290
ראַבינאָוויטש, מאָטיע — 67, 174, 259, 525
ראבינזאָן — 301
ראובן — 67, 174, 175, 469, 525
ראווינא, חנה — 92
ראָזאָוו, דר. מאיר — 240
ראָזאָווסקי, מרדכי — 380, 386
ראָזנבליט, פעליקס — 47, 48, 53, 82
ראָזענבערג, יאָשע — 60
ראטנער, יוחנן — 134
ראָטשילד, באראָן — 34, 302, 418, 430
ראָטשילד, בנימין (עדמאָנד) — 34, 321

ראָטשילד חנה — 322
ראָטשילד, מאיר אנשל — 320
ראָטשילד, נייטען — 322
ראָטשילד, סאלאָמאָן — 320
רובאַשאָוו, זלמן — 31, 48, 190, 191, 397
רובין, דר. י. — 192
רובינשטיין, ראובן — 421, 430
רוטענבערג, פּנחס — 280, 351, 399
רוסטי, מ. — 186
רופּין, דר. ארטור — 379, 394
רוקח, אליעזר — 75
רוקח, ישראל — 75, 191, 287
רוקח, שמעון — 75
רחל — 30, 394, 395
רידינג, לאָרד — 20
ריינעס, יעקב — 363
רמב"ם — 31, 90, 289
רמון, יצחק — 161, 465
רמז, דוד — 24, 47, 52, 82, 83, 278, 333, 346, 347, 349
רעמבאַ, אייזיק — 192

ש

שאַליט — 45
שאלתיאל, דוד — 134, 135, 136, 514
שאַפּיראָ, אברהם — 292
שאַפּיראָ, הערמאַן — 64
שאַפּיראָ, משה — 47, 53, 278, 285, 418
שאַפּיראָ, נח — 231
שאַץ, פּראָפ. — 394, 506
שאָקען, גרשן — 190
שאָקען, זלמן — 108, 190
שדה, יצחק — 134, 135
שוחט, אליעזר — 29
שוחט, מאניע — 390
שחורי, י. — 186, 459
שטיינבאַרג, אליעזר — 379
שטיינבערג, יעקב — 39
שטיינמאַן, אליעזר — 195, 305, 469
שטעמפּער, ר' י. — 291
שטריגלער, מרדכי — 430
שיטריט, בכר — 53, 348, 349
שיל, אריה — 432
שיינקין, מנחם — 75, 79, 289
שיפריס, נתן — 332
שכר, יחזקאל — 134
שלאָנסקי, א. — 191, 359, 501
שלום עליכם — 6, 28, 46, 215, 318, 425, 430
שמאַלי, אליעזר — 383
שמיר, משה — 142, 143
שמיר, שלום — 134
שמענונאָוויטש, דוד — 231
שמרי, אריה — 368
שענקער, אריה — 291
שעפּנער, ב. — 29
שעקספּיר — 421
שערטאָק, יהודה — 354, 356
שערטאָק, יעקב — 74
שערטאָק, משה — 21, 22, 23, 35, 47, 52, 53, 60, 82, 108, 109, 110, 128, 179, 278, 297, 348, 349, 415, 522
שפּרינצאַק, יוסף — 24, 29, 70, 200, 205, 277, 278, 465
שפּרינצאַק (זון) — 277

Este libro fué terminado el día 31 de
Diciembre de 1948 en los Talleres
Graáficos de Zlotopioro Hnos.,
Gascón 1231
Buenos Aires